STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00912

MENTSHN UN VERTN

Hayim Greenberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Paul Michael Arnold & Family
in honor of
Mr. & Mrs. Samuel J. Arnold & Cantor and Mrs. Moses Schwimmer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים גרינבערג

מענטשן און ווערטן

קיום

24

שה פייגענבלום.

חיים גרינבערג

מענטשן און ווערטן

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

בוענאָס איירעס 1961 — ה׳תשכ״א

דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען
מיט דער מיטהילף פון די פריינט

**מאיר פרינגלער און פרוי סימע
בערגמאַן דע פרינגלער**

וועלכע דער פאַרלאַג דריקט אויס
אַ האַרציקן דאַנק.

קאַניבאַליזם

וועגעטאַרישע רעסטאָראַנען אין אייראָפּע פלעגן אַמאָל נוצן אַן אויפשריפט אויף זייערע טירן: „איך עס נישט קיינעם“. דאָס איז נאַטירלעך געווען באַרימעריי. וואָס פאַר אַ שפּייז מיר זאָלן נישט געניסן, עסן מיר שטענדיק עמיצן, נישט עפּעס. די פלאַנץ איז אויך אַן עמיצער, נאָר פון אַ נידעריקערער מדרגה (אָדער פון אַ מדרגה וואָס מיר באַטראַכטן פאַר נידעריקער), אָבער זי איז נישט קיין זאַך. אַן אָרגאַנישע שטאָפן — אָרגאַניזמען — איז נישט פאַראַן קיין נאַרונג. אין דער דאָזיקער אייביקער פאַראורטיילונג טרייסטן מיר זיך בלויז דערמיט (ווען און אויף וויפל מיר זוכן אַ טרייסט בכלל), וואָס מיר עסן נישט אונדזער גליַיכן. פלאַנצן, בהמות זענען אונדזער „אומגליַיכן“, באַשעפענישן, אַזוי צו זאָגן, פון אַן אַנדער, „נידעריקערן“, קעניגרייך.

אין תנ״ך, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז נישט פאַראַן קיין פאַרבאָט קעגן עסן מענטשן־פליַיש. אין אַ ספר, וואָס איינע פון זיַינע ערשטע באַהויפּטונגען איז דער „צלם אלהים“, אין וועלכן דער מענטש, יעדער מענטש ביזן סוף פון אַלע דורות, איז באַשאַפן געוואָרן, איז אַזאַ איסור אינגאַנצן איבעריק. אויב איין מענטש איז אַ צוועק־פאַר־זיך, איז אויך דער אַנדערער, יעדער אַנדערער, אַ צוועק־פאַר־זיך, און צוועק עסט נישט צוועק; ער עסט בלויז מיטל. סוביעקט עסט נישט סוביעקט, ער עסט בלויז „אָביעקטן“. קאַניבאַליזם איז דערפאַר דער עקסטרעמסטער אויסדרוק פון אַ מין „אָביעקטיוויזאַציע“, פון פאַרוואַנדלען סוביעקטן אין אָביעקטן, פון דעגראַדירן פּערזאָנען צום צושטאַנד פון זאַכן. קאַניבאַליזם שטיצט זיך אויף אַן אילוזיע, אויף דער פיקציע, אַז מענטש צו מענטש, שבט צו שבט, איז אין שורש נישט גליַיך — נישט ענלעך.

כדי דער קאַניבאַל זאָל קענען באַגיין זיַין טאַט מוז ער פריִער אַפּווישן פונעם קרבנס פּנים דעם „צלם אלהים“ — דעם אויסדרוק פון גליַיכקייט אָדער גליַיכווערטיקייט. מענטש פאַר מענטש איז אין גרונט אַ פאַרצויבערטע וועלט־אין־זיך. קאַניבאַליזם איז דערפאַר מעגלעך נאָר אַדאַנק דער פעיִקייט דאָס צויבערהאַפטע צו אַנטצויבערן און דאָס אין־זיך־ווערטפולע צו אַנטווערטן. דענסטמאָל קומט דער פּאַראַדאָקס: דער עקסטרעמסטער אויסדרוק פון ציניזם, וואָס ווערט באַגלייט פון אַ שאַרפן פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישן... עקסטאַז.

חיים גרינבערג

„לאַנגער חזיר"

גרופּן אָדער שבטים וואָס האָבן פּראַקטיצירט קאַניבאַליזם האָבן זיך דערמיט נישט געשעמט. דאָס איז געווען אַן אַנגענומענער טייל פון זייער „מאָראַליטעט", פון אַ מין קאָלעקטיווער גרייטקייט אויף אַנטצויבערונג־פּראַצעסן לגבי יענע מענטשלעכע ברואים וואָס מ'האָט זיי פאַרצערט. דער קאַני־באַל איז, אין די אויגן פון זיינע מיט־קאַניבאַלן ווי אין זיינע אייגענע אויגן, געווען נישט קיין פאַרברעכער, נאָר אַ יעגער, אַ קעמפער, אַ סאָלדאַט. כאַראַק־טעריסטיש אין דעם צוזאַמענהאַנג איז די עטימאָלאָגיע פון „קאַניבאַל". דאָס גריכישע „אַנטראָפּאָפאַג" איז נישט מער ווי די באַצייכענונג פון אַ באַשטימ־טער דערשיינונג, אָן וועלכער נישט איז ווערט־באַטאָנונג: אַן עסער פון מענטשן־פלייש. „קאַניבאַל", וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָל פאַרנומען אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן דעם פּלאַץ פון „אַנטראָפּאָפאַג", איז דאָס זעלבע וואָס „קאַריבאַל", אַ וואָרט וואָס די ערשטע שפּאַנישע קאָלאָניסטן האָבן איבערגענומען פון ווילדע אַמעריקאַנער שבטים אין די באַהאַמאַ־אינדזלען. „קאַריב" איז אויף דעם אינדיאַנישן דיאַלעקט פון די באַהאַמאַס — אַ גיבור. קאַריבאַליזם (אָדער קאַניבאַליזם), איז, הייסט עס, אַן אַקט פון העלדנטום. באַהאַמאַ־איינוווינער פלעגן זיך גרופּנווייז אַוועקלאָזן אויף דער יאָגד נאָך שפּייז, נאָך דעם סאַמע באַטעמטן מין שפּייז, וואָס איז זיי געווען באַקאַנט: מענטשן־פלייש. פאַר אַזעלכע עקספּעדיציעס האָט מען, לויט זייערע פאַר־שטעלונגען, געדאַרפט פאַרמאָגן נישט סתם אכזריות, נישט הפקרות, נישט קיין ציניִשע באַציִונג צו דער אומוועלט, נאָר קראַפט, גבורה. אַן דעם געפיל אָדער דער איינרעדעניש אַז מ'עסט דעם **אומגליכן** (מענטשן פון אַן אַנדערן און פרעמדן שבט), וואָלט פאַר אַזאַ קאָלעקטיווער מאָראַליטעט, פאַר אַ פונקציע וואָס איז סאַנקציאָנירט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט (און אויך פון די געטער) קיין פּלאַץ נישט געווען.

אגב, די פּיקציע פון אומגלייכקייט אין דער קאַניבאַלישער וועלט האָט ביי די שבטים פון די פידזשי־אינדזלען (אין פּאַסיפישן אָקעאַן) געפונען אַ פּיקאַנטן אויסדרוק. מענטשנפלייש האָט ביי זיי נאָך אין ניינצן יאָרהונדערט — איידער וועסליאַנער מיסיאָנערן האָבן זיי באַקערט צום קריסטנטום און זיי אָפּגעוווינט פון קאַניבאַליזם — געהייסן „לאַנגער חזיר". דער קרבן אָדער דער יאָגד־פּראָדוקט איז, הייסט עס, בלויז אַ באַשעפעניש וואָס איז ענלעך צו אַ מענטשן, אָבער אין גרונט איז עס גאָר אַ באַזונדער מין חזיר, וואָס „מ'מעג" אים עסן.

מאָרד פונעם געבענטשטן

קין שטעלט מיט זיך פאָר אַ סך אַ העכערן טיפּ „ציוויליזאַציע״. אין זיינע אייגענע טערמינען איז קין אַ קעמפער פאַר גליייכקייט — ריכטיקער, אַ באַקעמפער פון אומגלייכקייט. הבל האָט נושא־חן געווען ביי גאָט און אויף קינס „מנחה״ האָט זיך גאָט נישט אומגעקוקט. זיי זענען צוויי ברידער — פאַרוואָס־זשע מאַכט גאָט אַן אונטערשייד צווישן איינעם און דעם אַנדערן? פאַרוואָס באַהאַנדלט ער זיי נישט ווי גלייכע?

די ערשטע אייפערזוכט. די ערשטע קריוודע פון דעם וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ג נ אָ ד קעגן דעם וואָס פאַרמאָגט זי יאָ. אין גרונט, איז עס די באַדערפעניש צ ו ז יי ן ג ע ל י ב ט: אויב הבל וועט אויף דער וועלט נישט זיין, וועט קין אפשר זיין ביי גאָט דער איינציקער אָביעקט פון אומגעטיילטער ליבע. עס איז דער ערשטער ד ו ע ל, אויף אַן „עראָטיש״־רעליגיעזן שטח. אמת, ס׳איז אַ דועל אין וועלכן דער צווייטער צד נעמט נישט קיין אָנטייל און דאָך איז דאָ דער הויפּט־עלעמענט פון אַ דועל־מאָרד זייער קלאָר: אָדער איך, אָדער דו — פאַרביידע איז אויף דער וועלט קיין פּלאַץ נישט פאַראַן. נישט אומזיסט האָט דער שפּעטערדיקער בעל־אגדה אַריינגעפירט אין דער קין־הבל־דראַמע אַ פרוי. מיט יעדן פון די צוויי ברידער איז געבוירן געוואָרן אַ שוועסטער, הבלס שוועסטער איז געווען די שענערע און קין האָט געוואָלט זי האָבן פאַר זיך (פּרקי דרבי אליעזר). דער זעלביקער מאָטיוו: די באַדערפעניש צו זיין געליבט...

סיי דער קאַניבאַל און סיי קין מאָרדן דעם אומגלייכן. דער קאַניבאַל הרגעט אָבער דעם „נידעריקערן״ פון זיך, בשעת קין באַזייטיקט פון דער וועלט דעם העכערן, דעם מער געבענטשטן. פון אָטען און פון אַנדערע גריכישע שטאָטן פלעגט מען אַמאָל פאַרטרייבן אין גלות נישט דעם פאַרברעכער און נישט דעם בירגער פון אַ נידעריקערער מענטאַליטעט, נאָר, פּונקט פאַרקערט, דעם באַגאַבטן, דעם וואָס האָט באַזונדערס נושא־חן געווען ביים פאָלק און האָט דערפאַר געקראָגן צופיל השפעה. „אָסטראַקיזם״ איז דאָרט געווען דער עונש פאַר פירער (און וואָס איז אַ פירער, אויב נישט דער טרעגער פון אמתער אָדער סימולירטער „גראַציע״?), פאַר די אומגלייכע אין זינען פון העכער־זיין, נישט פון נידעריקער־זיין. קינס „שטאָט״ איז געווען די גאַנצע וועלט. פאַרטרייבן הבלן איז נישט געווען ווהין. אָסטראַקיזם פון דעם אומגלייכן איז אין דעם „פאַל״ — מאָרד.

חיים גרינבערג

„גלייכהייט" און „השארות הנפש"

אין דער תורה איז מענטשנפרעסעריי א טייל פון דער תוכחה, א שטראף פאר נישט גיין אין גאטס וועגן. „ואכלת פרי בטנך, בשר בניך ובנותיך, אשר נתן לך ה׳ אלהיך (דברים, כ״ח 53) — און דו וועסט עסן די פרוכט פון דיין לייב, דאס פלייש פון דיינע זין און טעכטער, וואס גאט האט דיר געגעבן. די תוכחה דראט מיט אזעלכע אומגליקן, וואס וועלן פארטונקלען אדער אפטעמפן דאס באוווסטזיין פון גוטס און שלעכטס און מאכן מעגלעך צו באגיין דאס סאמע העסלעכסטע וואס מ׳קען זיך נאר פארשטעלן: אויפפרעסן נישט נאר דעם גלייכן, נאר דעם גאר־גאר אייגענעם און באליבטן.

ציוויליזירטע פעלקער זענען נישט איינמאל שוין געטראפן געווארן פון אז עונש. קיין אבסאלוטע אימוניטעט קעגן דעם רעצידיוו פון מענטשנפרעסעריי פארמאגט מן־הסתם נישט קיין שום פאלק. אין פעריאדן פון שווערן מאסן־הונגער האט מען געגעסן מענטשנפלייש (און אפטמאל פלייש פון „גלייכע", פון מיטגלידער פונעם אייגענעם שבט אדער פאלק) אין מצרים און אין פערסיע, אין דער קלאסישער גריכנלאנד און אין רוים, אין אינדיע און אין כינע — אין לענדער מיט גאנץ הויכע ציוויליזאציע. וועגן דער צייט פונעם צווייטן חורבן, דערציילט די אגדה פון דואג בן יוסף, וואס זיין מוטער פלעגט אים יעדן טאג מעסטן און וועגן און שיקן גאלד פארן בית־המקדש, יעדעס מאל לויט זיין נייער וואג. און, סוף־כל־סוף ווען די שטאט איז באלאגערט געווארן און שפייז איז א לאנגע צייט נישט געווען בנמצא, האט זי אים געשאכטן און אויפגעפרעסן. דאס איז נישט די איינציקע שפור פון נויט־קאניבאליזם אין ייִדישן פאלקלאר פון יענע צייטן. פראנצויזישע כראניקעס דערציילן וועגן א פראנצויז וואס האט אין די הונגער־יארן 1330—1332 דערמארדעט און אויפגעגעסן 8 מענטשן. אין די זעלביקע יארן פלעגט מען אין בורגונדיע פארקויפן אויפן מארק מענטשנפלייש בפרהסיא. ענלעכע כראניקעס ציטירט דער היסטאריקער ציטאוויטש וועגן קאניבאליזם אין רוסלאנד, פריִער אין 13טן און נאכדעם אין 17טן יארהונדערט. פיטירים סאראקין פארזיכערט אונדז אויפן גרונט פון דאקומענטן, אז צווישן 1918 און 1922 זענען אין רוסלאנד פארגעקומען נישט ווייניק פאלן פון קאניבאליזם. מענטשן וואס האבן זיך געראטעוועט פון געזונקענע שיפן (ווי „מעדוזא" אדער „מיניאַ־ענט") האבן נאכדעם דערציילט, ווי אייניקע פון זיי האבן געשטילט זייער הונגער מיט מענטשנפלייש. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האבן פון שיף־אונטערגאנג אנטרונענע און איזאלירטע יאפאנער מער ווי איינמאל געשאכטן קריגס־געפאנגענע פאר דער קיך. מען דארף אננעמען, אז אויך פרימיטיווע

און ווילדע ראַסן האָבן פּראַקטיצירט קאַניבאַליזם דערעיקרשט מחמת נויט, פּערמאַנענטן הונגער אָדער שטענדיקער גרייטקייט צו עסן — אין אַ וועלט וואָס פאַרמאָגט צו ווייניק שפּייז. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ווי נאָר אַ גרופּע מענטשן, וואָס זענען אַ לענגערע צייט געווען קאַניבאַלן, האָבן געקראָגן די מעגלעכקייט צו זעטיקן דעם אַפּעטיט מיט אַנדערע שפּייזן, האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעזאָגט פון מענטשן־פלייש. ליווינגסטאָן, למשל, האָט געפונען קאַניבאַלן אין אַפריקאַנער געגנטן, וואָס פאַרמאָגן אַ שפע פון בהמות און חיות און כלערליי תבואה. אייניקע עטנאָגראַפן האָבן געוואָלט גלויבן, אַז געוויסע שבטים עסן מענטשנפלייש, כאָטש בדרך כלל נייטיקן זיי זיך נישט אין שפּייז, בלויז ווייל זייערע אָרגאַניזמען זענען אויסגעהונגערט נאָך מינעראַלן, ספּעציעל נאָך זאַלץ. אָבער די ווילדע שבטים פון די „סאַוט סיז" האָבן גענוג זאַלץ פאַר זייער דיעטע און דאָך האָבן זיי ביז גאַרנישט לאַנג צוריק פּראַקטיצירט קאַניבאַליזם. אין ניי גווינעאַ, ווו די באַפעלקערונג ווייסט נישט פון קיין הונגער, איז קאַניבאַליזם פונדעסטוועגן אַן אַפּטע דערשיינונג, ווייל „דער ריח און דער טעם פון מענטשנפלייש איז אַ סך אַנגענעמער פון חזיר־פלייש" (די לוסט נאָך „דעליקאַטעסן"). גענוג שפּייז־פּראָדוקטן איז אַ גאַראַנטיע קעגן קאַניבאַליזם אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן אייגענעם שבט. דער אומגלייכער (פונעם פרעמדן אָדער פיינטלעכן שבט) איז „מותר בהנאה" אפילו ווען מען ליידט נישט פון הונגער, ווייל דער „אומגלייכער" איז — אַנטצויבערט און אין משך פון טויזנטער יאָרן האָט מען זיך צוגעוווינט אים צו באַטראַכטן אין דער קאַטעגאָריע פון נידעריקערע ברואים. געוויסע שבטים, ווי עדווין לעב האָט רעגיסטרירט, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קאַניבאַליזם אויס מורא: זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אויסמאָלן, אַז היות די גייסטער פון די אויפגעפרעסענע מענטשן בלייבן לעבן אויף יענער וועלט (אַט ווי זייערע אייגענע גייסטער וועלן נישט פאַרניכטעט ווערן דורך פיזישן טויט), וועלן זיי זוכן זיך נוקם צו זיין אין זיי. דער גלויבן אין „השארות הנפש", אין דער אומשטערבלעכקייט פונעם דערמאָרדעטן, האָט דעם „אומגלייכן" אומגעקערט דעם סטאַטוס פון אַ „גלייכן", אים צוריקגעגעבן זיין צויבער, זיין ווערט אַלס „צוועק־פאַר־זיך".

מענטשן־פלייש און געטער־פלייש

כמעט אין אַלע פאַלן פון גויט־קאַניבאַליזם אין דער מערב־וועלט, אין מיטלאַלטער און אין שפּעטערע צייטן, האָבן „ציוויליזירטע" מענטשן געגעסן זייער „גלייכן", נישט זייער „אומגלייכן". אין פראַנקרייך און אין דייטש־

לאַנד, אין אירלאַנד און אין רוסלאַנד האָבן, אין די קאַטאַסטראָפישע הונגער־יאָרן, יחידים און גרופן געמאָרדעט און אויפגעפרעסן קרבנות פון זייער אייגענעם פאָלק. עסן „אייגן פלייש און בלוט" איז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט נישט קיין נייס. אָבער דער אונטערשייד צווישן קאַניבאַליזם אויף אייגענע, ביי ציוויליזירטע פעלקער — אין צייטן ווען יחידים אָדער קליינע גרופן קענען נישט ביישטיין דעם נסיון, און ראַטעווען זיך פון הונגער־טויט דורך מענטשנפרעסערײ — פון איין זייט, און פרימיטיווע שבטים וואָס פראַקטיצירן אין געוויסע אומשטענדן קאַניבאַליזם אין קרייז פון דער אייגענער בלוט־געזעלשאַפט און אַפילו פון דער אייגענער פאַמיליע, פון דער אַנדערער זייט, איז אַ גאַנץ בולטער. ביי די ציוויליזירטע פעלקער ווערט עס געטאָן ב א י ס ו ר, אַלס אַן אימהדיקער פאַרברעכן קעגן געזעץ און געוויסן, בשעת ביי די ווילדע שבטים ווערט עס פראַקטיצירט ב ה י ת ר, אַלס אַ טייל פון זייער מאָראַליטעט און פון זייער רעכט־באַוווסטזיין, און אַ סך מאָל לויט באַשטימטע טראַדיציאָנעל סאַנקציאָנירטע רעגולאַציעס. נישט אַלע פרימיטיווע גרופן זענען אין דעם פּרט ענלעך איינע צו דער אַנדערער, אָבער ביי אייניקע פון זיי איז, אין געוויסע סביבות און אונטער באַשטימטע באַדינגונגען, אַן עלעמענט פון דעם וואָס איך רוף אָן „אַנטצויבערונג" חל אויך אויף אייגענע, אויף „גלייכע". די אַנטצויבערונג פון די „גלייכע" דערגרייכט אָבער קיינמאָל נישט יענע שטופע פון ציניזם אָדער פון אַבסאָלוטער פאַראַכטונג און אַנטווערטונג, מיט וועלכער עס ווערט באַגלייט די פראַקטיק פון קאַניבאַליזם אַנגעווענדט אויף פרעמדע און „אומגלייכע".

ערשטנס, דאָס מאָרדן פון אייגענע האָט נישט שטענדיק דעם ציל אויפצופרעסן דעם דערמאָרדעטן. קראָפּאָטקין דערציילט אונדז וועגן שבטים וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעך צאַרטער באַציִונג צו זייערע קינדער (לויט זיין באַשרייבונג און לויט דער שילדערונג פון באַקאַנטע פאָרשער, אויף וועלכע ער איז זיך סומך, קומט אויס, אַז קינדער ווערן ביי זיי באַהאַנדלט אַ סך מילדער און סענטימענטאַלער, ווי אין געוויסע סאָציאַל־נידעריקע שיכטן ביי מאָדערנע אייראָפּעיִשע פעלקער), און פונדעסטוועגן איז כיסטעמאַטישער קינדער־מאָרד אַ טייל פון זייער נישט־געשריבענער „לעגיסלאַציע". „געבורט־קאָנטראָל" — נישט מיט די זעלביקע מיטלען, נאַטירלעך, מיט וועלכע עס באַנוצט זיך די היינטיקע וועלט — איז ביי נישט ווייניק ווילדע שבטים אַ טייל פון זייער שווערן קאַמף פאַר עקזיסטענץ: די עקאָנאָמישע באַדינגונגען דערלויבן נישט דעם לוקסוס פון האָבן און אויסכאָוועןאַזוי פיל קינדער, וויפל עס קענען ביי זיי נאָרמאַל געבוירן ווערן. אָבער אויך די צאָל קינדער וואָס ווערן געבוירן, טראָץ זייער סיסטעם פון געבורט־קאָנט־

ראַל, איז אַפּטמאָל צו גרויס, און מ׳מוז אַ טייל פון זיי באַזייטיקן דורך מאָרד, כדי די לעבנגעבליבענע זאָלן האָבן וואָס צו עסן. דאָס זעלבע טוען זיי מיט אַלטע לייט, וואָס קענען שוין גאָרנישט נישט בייטראָגן צו דער עקאָנאָמיע פונעם שבט אָדער פון דער פאַמיליע. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער גראָד דורך דעם (סאַנקציאָנירטן) מאָרד פון זקנים דריקן יענע שבטים אויס זייער באַגריף פון גלייכקייט און גלייכע רעכט. יעדער יינגערער פונעם שבט אָדער פון דער פאַמיליע האָט דאָס נאַטירלעכע רעכט צו לעבן, לכל הפחות, אַזוי פיל יאָרן וויפל עס האָט שוין אויסגעלעבט דער זקן; און אויב ער, דער „אומזיסט־עסער", וועלכער ווערט אויך אין אַנדערע פּרטים אַ פּיזישער באַלאַסט פאַר דער געזעלשאַפט, וועט נישט באַזייטיקט ווערן, וועט נישט זיין גענוג שפּייז פאַר די יינגערע און פאַר זייער קוואָטע פון אריכות־ימים. קראָפּאָטקין ציטירט אַ פראַזע, וואָס מ׳האָט אַמאָל געקענט אָפט הערן פון זקנים צווישן רוסישע מוזשיקעס פון זיין צייט: „טשוזשאָי וויעק זאַיעדאַיו, פּאָראַ נאַ פּאָקאָי" (איך עס אויף יענעמס יאָרן, ס׳איז צייט צו שטאַרבן). דאָס דאָזיקע „עטישע" באַוווסטזיין איז אַ סך שאַרפער ביי פּרימיטיווע פעלקער, ביי וועלכע דער זקן באַטראַכט קיינמאָל נישט פאַר קיין עבירה דעם פריצייטיקן טויט, צו וועלכן די געזעלשאַפט פאַרמשפּט אים, כדי צו פאַרמיידן אַ נאָך מער פריצייטיקן טויט פון אַ יינגערן. זיין טויט — אפילו ווען ער געשעט דורך מאָרד פון די אייגענע — באַטראַכט ער אַלס אַ סאָציאַלע פליכט, און, אין געוויסע געזעלשאַפטן פאַר אַ געבאָט פון גאָט. דער פּרינציפּ פון גלייכקייט, פון קאָמוניסטישער גלייכוואַרטיקייט, וואָס באַהערשט געוויסע פּרימיטיווע שבט־קולטורן, ווערט דערמיט נישט אָנגערירט.

צווייטנס, אויך אין יענע פאַלן ווען דער מאָרד פון אַן אייגענעם ענדיקט זיך מיט פאַרצערן זיין קערפּער, באַטראַכט עס נישט דער פּרימיטיווער מענטש פאַר אַ פאַרשוועכונג פונעם בר־מינן. אויב מ׳זאָל אפילו אָננעמען דעם טעזיס פון די מייסטע אַנטראָפּאָלאָגן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ „בל תשחית"־פּרינציפּ — דער בר־מינן איז איצטער פליש, שפּייז, און אַנשטאָט צו לאָזן די שפּייז פאַרפוילט ווערן אָדער מיט דער צייט פאַרניכטעט ווערן, איז גלייכער אַז הונגעריקע זאָלן דערפון האָבן הנאה — אויב מ׳זאָל אפילו מסכים זיין אַז דער אור־מאָטיוו פאַר אַזאַ פּראַקטיק איז געווען אַ ריין אוטיליטאַרער, האָט מיט דער צייט דער פּרימיטיווער מענטש די זאַך „סובלימירט", זי דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. און אין נישט ווייניקע פאַלן, האָט ער פאַרוואַנדלט זיין קאַניבאַלישע סעודה אין אַ רעליגיעזער, אָדער סאַקראַמענטאַלער, אָדער מאַגישער צערעמאָניע. עסן דאָס פליש ספּעציעל פון זקנים (פון „אבות") און ביי אַ סך שבטים אַן אַקט פון יראת־הכבוד, פון זיך־

מתדבק זיין מיט זייער וועזן און גייסט, און ווי עס קלינגט ארויס פון געוויסע דיאַלעקטן — אַ מין „כיבוד אב״. אין די דאָזיקע פאַלן ווערט פאַרצערט דאָס פלייש פון אַ ג י ש ט - ג ל י י כ ן, פון איינעם וואָס איז אַמאָל געווען אַ גלייכער, און איז איצט געוואָרן אומגלייך: נישט אין דער ריכטונג פון נידעריקער־ווערן, נאָר אין דער ריכטונג פון העכער־ווערן — הייליקער.

די דאָזיקע טענדענץ צו מאַגישן קאַניבאַליזם איז ענג פאַרבונדן מיט ט ע אָ פ אַ ג י ע — מיט עסן גאָטס קערפּער, וואָס פאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין אַזויפיל געצנדינערישע קולטן פונעם ווייטן מזרח אין אַזיע ביז די אַצטעקישע געגנטן אין אַמעריקע. טעאָפאַגיע האָט שוין גאָרנישט צו טאָן מיט שטילן הונגער. זי איז שוין כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר העכערע קולטורן מיט אַ רעלאַטיוו צופרידנשטעלנדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט און מיט אַ רייכן און קינסטלעריש־קאָלירפולן רעליגיעזן צערעמאָניאַל. עס איז גענוג אין דעם פּרט איבערצוליינען בלויז עטלעכע שורות פונעם באַריכט, וואָס דער היסטאָרי־קער־יעזויט אַקאָסטאַ האָט אָפּגעגעבן וועגן דער אַצטעקישער רעליגיע, וואָס די שפּאַניער האָבן געפונען אין דער דעראָבערטער מעקסיקע.

„זיי האָבן גענומען אַ יונגן מאַן פון אַ פיינעם אויסזען, האָבן אים געגעבן דעם נאָמען פונעם גאָט, צו וועמען מ׳האָט באַשלאָסן אים מקריב צו זיין, און האָבן אים באַדעקט מיט די זעלביקע אָרנאַמענטן, מיט וועלכע דער גאָט איז געווען דעקאָרירט, דערקלערנדיק דערביי, אַז ער פאַרטרעט יענעם גאָט. אין משך פון דער צייט, וואָס דער יונגערמאַן האָט דעם באַשטימטן גאָט רע־פּרעזענטירט — אַמאָל אַ יאָר, אַמאָל זעקס חדשים און אַמאָל ווייניקער — האָבן זיי אים אַרויסגעוויזן יראת־הכבוד און האָבן פאַר אים אָפּגעריכט די זעלביקע „עבודה״ וואָס זיי פלעגן בדרך־כלל אָפּריכטן פאַר דעם „אמתן״ גאָט. אין דער צווישנצייט האָט ער געגעסן און געטרונקען און זיך משמח געווען. ווען ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן, זענען מענטשן אַרויסגעגאַנגען פון זייערע וווינונגען אים אַרויסצווייזן פאַרערונג. יעדער האָט אים אַרויסגע־טראָגן אַ מתנה. מען האָט צו אים געבראַכט קינדער און קראַנקע, אַז ער זאָל זיי בענטשן און אויסהיילן. ער האָט געמעגט טאָן אַלץ, וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, און עד איז בלויז באַגלייט געוואָרן פון צען אָדער צוועלף מענער, וואָס זאָלן אויף אים השגחה געבן, ער זאָל נישט אַנטלויפן. פון צייט צו צייט פלעגט ער שפּילן אויף אַ קליינער פלייט: דאָס איז געווען אַ מין אָנזאָג, אַז מ׳דאַרף זיין גרייט צום גאָטעסדינסט, צו דינען א י ם. ווען דער טאָג פון דער סאַקראַמענטאַלער סעודה איז אָנגעקומען און דער מענטש־גאָט איז פעט געוואָרן, האָט מען אים געשאָכטן און בציבור אויפגעגעסן, ווי אַ פייערלעכן קרבן״.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין די מייסטע פאַלן איז, ביי די אַצטעקן, דער וואָס האָט געדאַרפט פערזאָניפיצירן אַ גאָט און נאָכדעם פאַרצערט ווערן, געווען אַ מלחמה־געפאַנגענער (און דאָס הייסט, אַ שקלאַף). פאַרוואָס דווקא אַ שקלאַף? עס לייגט זיך לייכט אויפן שכל, אַז פאַר די מעקסיקאַנער געצנדינער איז פסיכאָלאָגיש געווען לייכטער מקריב צו זיין אַ פרעמדן (אַן א ו מ ג ל יי כ ן) איידער אַן אייגענעם (אַ ג ל יי כ ן). פון דער אַנדערער זייט, האָט מען אָבער דעם אומגלייכן אין משך פון זיין גאָט־קאַריערע אַרויסגעוויזן אַזוי פיל כבוד און פאַרערונג — פאַרגעטערונג! — צו וועלכער קיין שום אַנדער מעקסיקאַנער האָט נישט זוכה געווען. די אומגלייכקייט פון נידעריקער זיין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומגלייכקייט פון העכער־זיין; אויף דער פייערלעכער סעודה האָט מען געגעסן געטער־פלייש נישט קיין שקלאַפן־פלייש. מען האָט דעם פאַרלאַנג צו גלייבן, אַז דער אַצטעק, ווייזט דאָ אַרויס יענעם דואַליזם (אָדער יענע „טאָפּעלע בוכהאַלטעריע”, אָדער יענע גרייטקייט אַנצונעמען צוויי אַנטקעגנגעזעצטע אמתן און זיי זוכן צו פאַרשמעלצן), פון וועלכן עס זענען שוין נישט איינמאָל אַרויסגעקומען נייע און זייער פרוכטבאַרע אידייען און לעבנס־אויפפאַסונגען. דורך מאַכן אַ שקלאַף פאַר אַ ק ר ב ן האָט די אַצטעקישע רעליגיע באַשטעטיקט זיין נידעריקן סטאַטוס, אָבער אין דער זעלביקער צייט דורך פאַרוואַנדלען אַ שקלאַף אין אַ גאָט האָט זי אים פון זיין סטאַטוס באַפרייט, מעטאַפיזיש עמאַנסיפירט; יעדער מענטש קען ווערן גאָט, אויך אַ שקלאַף. אין לעצטן חשבון, איז אַ ל ץ גלייך און אַ ל ע זענען גלייך...

(אַן אָפּקלאַנג פון טעאָפאַגיע אין קריסטלעכן, ספּעציעל אין קאַטוילישן ריטואַל: דאָס עסן פון קריסטוסעס קערפּער און דאָס טרינקען פון זיין בלוט אין דער רוימיש־קאַטוילישער מעסע — מיט געוויסע סטיל־וואַריאַציעס, אויך אין גריכישער אָרטאָדאָקסיע. דער געטלעכער זון ווערט געבראַכט צום פאָטער אַלס „אַ ריינער קרבן, אַן אומבאַפלעקטער קרבן, אַ הייליקער קרבן. * דער קערפּער וואָס ווערט ביי דער מעסע געגעסן — דאָס קליינע פּעניצל ברויט — איז, לויט דער קירכלעכער לערע, דער זעלביקער קערפּער וואָס איז אַמאָל געבוירן געוואָרן פון אַ בתולה און איצטער זיצט ער צו דער רעכטער האַנט פונעם פאָטער; דער קרבן פון דער מעסע איז דער זעלביקער וואָס ס׳איז אַמאָל, אין ירושלים, געקרייציקט געוואָרן, און גאָט איז פאַרן קרבן אַזוי דאַנקבאַר, אַז ער איז גרייט דערפאַר מכפּר צו זיין זינד און צו „פאַרבייטן זיין גערעכטן נקמה־געפיל אויף דערלייזנדיקן חסד. ** דער מיסטישער —אָדער מאַגישער

---

* The Missal: Cannon of the Mass.
** Catechism of the Council of Trent.

עלעמענט אין דעם קריסטלעכן ריטואַל פון עסן גאָטס זונס קערפּער איז, — לויט זיין פּסיכאָלאָגישן אורשפּרונג, נישט ווייט פון דער געצנדינערישער טעאָפאַגיע און פונעם צערעמאָניאַל ביי פּרימיטיווע שבטים, וואָס דריקט זיך אויס אין ערפּאָרכטיקן עסן דאָס פלייש פון די דערמאָרדעטע „אבות״).

פרייהייט אָדער גלייכקייט

אין גרונט איז צווישן די צוויי באַגריפן, פרייהייט און גלייכקייט, נישטאָ קיין קאָנפליקט — אויך נישט קיין וועזנטלעכער אונטערשייד. מיר וואָלטן פּאַקטיש געקענט אויסקומען אַפילו אָן אַ ספּעציעל וואָרט פאַר דעם וואָס מיר פאַרשטייען אונטער פרייהייט. גלייכקייט נעמט אין זיך אַריין אויך דעם באַגריף פרייהייט. מען קען נישט זיין גלייך, גלייכגעשטעלט, איז אין אַ געוויסן זינען גלייכווערטיק, און געניסן ווייניקער פריי־הייט ווי עס געניסן אַנדערע.

אין דעם הינטערגרונט פון גלייכקייט שטייט אַ גאַנץ איינפאַכע אידייע: יעדער מענטש איז אַן איינס. קיינער איז, אין לעצטן חשבון, נישט מערער פון איינס און נישט ווייניקער פון איינס. בעסער אפשר איז צו נוצן קאַנטס פאָרמולע: יעדער מענטש איז אַ צוועק פאַר זיך, נישט אַ מיטל פאַר יענעם אָדער פאַר יענע. אָן אַזאַ הנחה, וואָס דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַן אַקסיאָמע, ווי אַן אמת וואָס איז אַליין „זיין אייגענער עדות״ און דאַרף נישט באַשטע־טיקט ווערן פון ראיות מחוץ פון אים, פאַרלירט דער באַגריף פון גלייכקייט יעדן באַדן. אויף אַן אַנדער אופן, כאָטש אָן וועלכן נישט איז תוך־אונטערשייד, האָבן דעם דאָזיקן קאָנטיאַנישן אמת אַרויסגעזאָגט אונדזערע קדמונים: „כל המאבד נפש אחת, כאילו איבד עולם מלא״, און „כל המקיים נפש אחת כאילו קיים עולם מלא״ (ווער עס לאָזט אומקומען איין נפש איז גלייך ווי ער האָט געלאָזט אומקומען אַ גאַנצע וועלט, און ווער עס העלפט אַרויס דעם קיום פון איין נפש איז גלייך ווי ער וואָלט אַרויסגעהאָלפן דעם קיום פון אַ גאַנצער וועלט). דער יחיד איז, לויט דעם, נישט (בלויז) אַ טייל פון דער געזעלשאַפט און נישט (בלויז) אַ פראַגמענט פונעם אוניווערסום, נאָר — אין זיין העכע־רער בחינה — אַליין אין זיך אַן אוניווערסום. די חשיבות פון דעם יחיד, זיין אינעווייניקסטע גאַנצקייט און אומענדלעכקייט, איז אין שפּעטערן רע־ליגיעזן פאָלקלאָר דערהויבן געוואָרן (אויב יענער יחיד איז אַ צדיק) צו דער מדרגה פון אַ „העכערער״ איבער גאַנצע דריי הונדערט און צען וועלטן — „ש״י עולמות״. די אויפפאַסונג פונעם אינדיווידועלן מענטשן ווי בלויז אַ גליד אינעם גוף פון דער געזעלשאַפט, אָדער ווי בלויז אַ פראַגמענט פונעם אוני־

וערסום, אָדער אַפילו בלויז ווי אַ קוואַנטיטאַטיווער „ניצוץ״ פונעם וועלט־גייסט, קען נישט זיין דער יסוד פאַרן גלייכקייט־באַגריף אָדער פאַר דער גלייכקייט־פאָדערונג. די התחייבותן צו אַזאַ באַשעפעניש — ספק פערזאָן און ספק זאַך — וואָלטן געמוזט זיין באַגרענעצט (אויב מ׳זאָל בכלל אין אַזעלכע שייכותן קענען רעדן וועגן פליכטן), און זיי וואָלטן בכלל נישט געקענט נתעלה ווערן צו דער מדרגה פון אַ גלייכקייט־באַגריף. עכטע מאָראַלישע פליכטן קענען מיר האָבן צו אויטאָנאָמע פערזאָנען, נישט צו זאַכן; צו גאַנצ־קייטן, נישט צו שפּליטערן; צו וועזנס וואָס זענען אין זיך אַליין צוועקן, נישט קיין מיטלען; און אין די פליכטן צו אַזעלכע וועזנס גייט אויך אַריין דער עלעמענט פון פ ר יי ה יי ט ווי אַ בחינה פון גלייכקייט אָדער גלייכווער־טיקייט.

דער גאַנצער קאָנפליקט צווישן גלייכקייט און פרייהייט, אָדער דער אונ־טערשייד צווישן זיי, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן, אין אונדזער דור, אין פּאָ־ליטישן דענקען, דער עיקר דורכן באָלשעוויזם. דער באָלשעוויזם האָט גע־שטעלט דעם טראָפּ אויף גלייכקייט ווי אַן עלעמענט וואָס קומט לאָגיש און כראָנאָלאָגיש פ אַ ר פרייהייט, אָדער גאָר וואָס קען און דאַרף פאַרנעמען ד ע ם פ ל אַ ץ פון פרייהייט. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער „חטא הקדמון״ פון מאָדערנעם קאָמוניזם, סיי אינטעלעקטואַל און סיי פּאָליטיש־מאָראַליש; די קינסטלעכע און לחלוטין אומבאַרעכטיקטע פונאַנדערשיידונג צווישן גלייכ־קייט און פרייהייט.

אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער (לאָמיר אויף אַ מינוט פאַנטאַזירן) אַלע יחידים, אַריינגערעכנט דעם הערשער אָדער די הערשער, באַקומען איינעם און דעם זעלביקן קוואַנטום שפּייז, קליידער, וווינונג־באַדינגונגען, מעדיצינישע באַהאַנדלונג און רעקרעאַציע (און פון דער זעלביקער קוואַליטעט), און נאָר מיינונגען איבערצייגונגען, גלויבנס און געשמאַקן ווערן דעקרעטירט און אַרויפגעצוווּנגען פון אַ הערשער אָדער פון אַ הערשנדיקער גרופּע, עקזיסטירט נישט קיין גלייכקייט. אַ גאַנצע ספערע פון לעבן — די אינטימסטע און די וואָס האָט אַ ספּעציפישע שייכות צום יחיד ווי צוועק פאַר זיך — ווערט אין אַזאַ געזעלשאַפט מ אָ נ אָ פּ אָ ל י ז י ר ט אין די הענט פון איינעם אָדער פון אַ גרופּע. אויף אַזאַ געזעלשאַפט קען מען נישט זאָגן, אַז קיין פרייהייט איז אין איר ב כ ל ל נישט בנמצא, אַז דאָס איז אַן אַרטיקל וואָס קיינער אין איר פאַרמאָגט נישט אָדער פון וועלכער קיינער געניסט נישט. פרייהייט איז אין איר בפירוש יאָ פאַראַן, נאָר זי איז אוזורפּירט ווי אַ פּריווילעגירט פּ ר י וו אַ ט ־ א יי ג נ ט ו ם פון אַ מיוחס אָדער מיוחסים. אָן אַ זייער ברייטן היקף פון פרייהייט פאַר זיך, פון עקסקלוסיווער פרייהייט, וואָלטן די

הערשער אין אזא געזעלשאַפט נישט געקענט רעגירן און אויפדריקן זייער אינדיווידועלן חותם אויף דער פיזיאָגנאָמיע פונעם כלל. אין אַ געוויסן זינען דאַרף מען אויך פרייהייט באַטראַכטן ווי אַ „קאָמאָדיטי", וואָס קען צעטיילט ווערן צווישן בירגער לויטן פּרינציפּ פון אומגלייכקייט (דער אידעאַל פון אַריסטאָקראַטישער אָדער אויטאָקראַטישער געזעלשאַפט).

עס איז כדאי, אין דעם צוזאַמענהאַנג, זיך צו דערמאָנען אַן אַ הדרכה וואָס ווערט געגעבן אין תלמוד, ווי אַזוי צו באַהאַנדלען אַ ייִדישן קנעכט: „עמך במאכל, עמך במשתה", דער קנעכט זאָל עסן און טרינקען דאָס זעלבע וואָס דער האַר, נישט אַז דו זאָלסט עסן ריין ווייצן־ברויט און ער זאָל עסן קלייען־ברויט, נישט אַז דו זאָלסט טרינקען אַלטן ווײַן און ער זאָל טרינקען נייעם ווײַן, נישט אַז דו זאָלסט שלאָפן אויף ווייך בעטגעוואַנט און ער זאָל שלאָפן אויף שטרוי". אויף דעם גרונט פון אַזעלכע פאָדערונגען צום קנעכט־באַזיצער (די דאָזיקע און ענלעכע פאָדערונגען זענען נאַטירלעך מער אַפּע־לירנדיקע אגדה ווי בינדנדיקע הלכה) איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ שפּריכ־וואָרט, וואָס ווערט געבראַכט אין מסכת „קידושין": „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו" (ווער עס קויפט אַ ייִדישן קנעכט איז גלײַך ווי ער קויפט זיך אַ האַר). אייניקע חכמים האָבן געפאָדערט אַ באַהאַנדלונג פונעם קנעכט ווי אַ גלײַכן צווישן גלײַכע, און דאָס האָט געגעבן די געלעגנהייט די (אומ־צופרידענע?) „קלאַסן־באַוווסטזיניקע" מיטגלידער פון דער העכערער סאָציאַ־לער שיכט צו שאַפן אַזאַ סאַרקאַסטיש גוזמא־ווערטל. אָבער וואָס באַדײַט דער אויבן געבראַכטער מאמר? עקאָנאָמיש — אין זינען פון פאַרברויך — איז לויט יענער הדרכה נישט פאַראַן קיין אונטערשייד צווישן דעם האַר און דעם קנעכט אין דער מאָס אויף וויפל זיי ביידע שטעלן מיט זיך פאָר אַ געזעל־שאַפט, עקזיסטירט אין איר אַ געוויסע גלײַכקייט. די גלײַכקייט איז אָבער נישט קיין גאַנצע און עס פעלט אין איר דער וויכטיקסטער עלעמענט: סטאַ־טוס, זעלבסטשטענדיקייט, פרייהייט. דער „געבאַלעוועטער" קנעכט איז נאָך אַלץ אַ קנעכט — אַ מיטל, נישט קיין צוועק, אַ זאַך, נישט קיין סוב־יעקט. ער האָט קיין רעכט נישט פונעם האַר אָוועקצוגיין, ער איז נישט קיין יורידישע פּערזאָן, און אויב ער, אַן עבד כנעני, וועט שטאַרבן, טאָר מען צום האַר נישט קומען אים מנחם אבל זײַן, אַפילו ווען אַלע זאָלן וויסן אַז ער איז צום געשטאָרבענעם קנעכט געווען צוגעבונדן ווי צו אַן אייגענעם און „גלײַכן".

עס קען נישט זײַן קיין פראַגע: גלײַכקייט אָדער פרייהייט. אמתע גלײַכקייט איז פרייהייט...

לויטן אַמאָליקן ייִדישן פאָלקלאָר פאַרשטייט דאָס אַפילו אַ פויגל. אין „עירובין" געפינען מיר אַ מעשה פון אַ טויב, וואָס האָט זיך געווענדט צום

רבונו של עולם בזה הלשון: זאָל מיין שפּייז זיין ביטער ווי אַן איילבירט און זי זאָל קומען פון דיין האַנט, איידער כ'זאָל קריגן שפּייז אַזוי זיס ווי האָניק און זיין אָפּהענגיק פון בשר־ודם. וואָס די טויב האָט געזוכט איז געווען — גלייכקייט דורך פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

נישט קיין נאַטורוויסנשאַפטלעכער באַגריף

אין דער דעקלאַראַציע פון אַמעריקאַנער זעלבסטשטענדיקייט האָט איין זאַץ געקלונגען, גלייך ווי ער איז אַרויסגעקומען מפּי הגבורה: All men are created equal. ווען מ'וואָלט דזשעפערסאָנען, פרענקלינען אָדער עדעמסן געפרעגט, אויף וואָס פאַר אַ סמך זיי האָבן אין דער דעקלאַראַציע אַריינגעשטעלט אַזאַ זאַץ, וואָלטן זיי געענטפערט מיט די זעלביקע ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבן אים „באַגרינדעט" אין דער דעקלאַראַציע גופא: We hold this truth to be self-evident. אין אַנדערע ווערטער: דאָס איז אַזוי קלאָר, פון זיך אַליין, אַז מען דאַרף גאָרנישט אָנקומען צו קיין באַווייזן. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דערזעלביקער אמת אַרויסגעקלונגען מיט נישט ווייניקער קאַטעגאָרישקייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער קאָנסטיטוציע: Tous los hommes sont egaux par la nature (אַלע מענטשן זענען גלייך פון דער נאַטור).

ביידע דאָקומענטן זענען, לויט זייערע פּרעטענזיעס, כאָטש נישט אין דער זעלביקער מאָס, וועלטלעכע, און, אַזוי צו זאָגן, „על־פּי־שכלדיקע". אָבער דער מעזיס וואָס ווערט אין זיי אויפגעשטעלט און וואָס איז, לויט דער מיינונג פון די מחברים, אַזוי קלאָר, אַז ער דאַרף נישט אָנקומען צו קיין באַווייזן — קען נישט באַוויזן ווערן, נישט ראַציאָנעל און נישט עקספּערימענטאַל. דער טעזיס שטיצט זיך אויף אַן אמונה, נישט אויף אַ קלאָר וויסן. ער איז דערפאַר לחלוטין נישט ניי (ניי אין אים איז נאָר די רעוואָלוציאָנערע דינאַמיק, די גרייטקייט דעם טעזיס טאַקע דורכצופירן אין אַ געוויסער ספערע פון לעבן ווי אַן הלכה למעשה). אין דער אַלט־העברעיִשער פאָרשטעלונג, אַז דער מין מענטש (און דערמיט יעדער איינצלנער יחיד) איז באַשאַפן געוואָרן „בצלם אלהים", און אין דער אַלטער קריסטלעכער פאָראַנקערונג אינעם באַגריף פון Imago Dei — בלויז אַ לאַטיינישע איבערזעצונג פונעם העברעיִשן — ליגט דער פּסיכאָלאָגישער מקור פון אַלץ וואָס האָט אין דער מערב־ציוויליזאַציע צו טאָן מיטן באַגריף און מיט דער פאָדערונג פון גלייכקייט. דער באַגריף איז אַ מעטאַפיזישער, כמעט אַ מיסטישער, און דערפאַר לאָזט ער זיך נישט באַגרינדן. די פילאָסאָפיע

(ריכטיקער, די אמונה) וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער אַמעריקאַנער און אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז אי אַ זייער פּשוטע, אי אַן אומ־געהייער געוואַגטע: אַלע אומגלייכקייטן וואָס מיר געפינען אין דער וועלט פון קאָנקרעטער אָבסערוואַציע, זענען היסטאָרישע, נישט קיין אָרגאַנישע, ווידער־נאַטירלעכע — נישט קיין נאַטירלעכע, און דערפאַר טאַקע אי פּסולע און אי צייטווייליקע. דאָס איינפירן גלייכקייט — אין יענעם ספּעציפישן זינען, אין וועלכן יענע צוויי רעוואָלוציעס האָבן תופס געווען דעם באַגריף פון גלייכ־קייט — איז דערפאַר אַ מין „רעסטאַווראַציע", אַן אומקערן זיך צום צושטאַנד פונעם סאָציאַלע מ ע ש ה ־ ב ר א ש י ת: מענטשן האָבן קאָרופּטירט די נאַטור — איז דערפון אַרויסגעקומען אומגלייכקייט; מענטשן ווילן לאָזן די נאַטור זיין וואָס זי איז — וועט דערפון אַרויסקומען גלייכקייט (זשאַן זשאַק רוסאָ).

פאַר אַ ריין רעליגיעזער אויפפאַסונג האָט מען אין אַמעריקע און, באַ־זונדערס, אין פראַנקרייך געזוכט אַ נאַטור־ווּיסנשאַפטלעכן לבוש. אין שפּע־טערדיקע דורות איז קלאָר דעמאָנסטרירט געוואָרן, אַז וויסנשאַפטלעך אָדער עמפּיריש קען דער גלייכקייט־באַגריף נישט באַגרינדעט ווערן. אין קיניגרייך פון דער נאַטור איז קיין גלייכקייט נישטאָ; די גלייכוועטיקייט פון „איך" און „דו" אין אַן עטישער „זאָל", וואָס שעפּט זיין יניקה פון איררציאָנאַלע, אויסערנאַטירלעכע — אין אַ געוויסן זינען, אַפילו „איבערנאַטירלעכע" — מקורות. אין די אויגן פון דער נאַטור זענען מיר אַלע אומגלייך — נ אַ ט י ר־ל ע ך אומגלייך — גלייך קענען מיר זיין בלויז אין אַ טראַנסעדענטאַלן קיניגרייך, אין די אויגן פון גאָט. בלויז אויפן סמך פון י ע נ ע ר גלייכקייט קען מען אַריינטראָגן, מיט געוויסע צופּאַסונגען, דעם באַגריף פון גלייכקייט אין עקאָנאָמיע און אין פּאָליטיק.

די גלייכקייט פון די אומגלייכע

אין דער חסידישער וועלט ווערט דערציילט „אַ תורה פונעם רבי ר' בונים:

„קיין שום ייִד, אַלצאיינס ווי פרום און וואָס פאַר אַ גרויסער תלמיד־חכם ער זאָל נישט זיין, טאָר זיך נישט באַטראַכטן אַפילו אויף אַ האָר בעסער פון אַן אַנדער ייִדן, מעג יענער זיין דער גרעסטער עם־הארץ און דער ערגסטער מופקר. אַ סימן האָט איר, אַז אויב אַ ייִד אַ למדן און אַ ירא־שמים זאָל קריגן אַ באַפעל צו הרגענען אַן אַנדערן ייִדן, אַן עם־הארץ און אַ בעל־עבירה, אָדער אַליין געהרגעט ווערן, זאָגט דער דין, אַז ער איז מחויב זיך צו לאָזן מאָרדן,

אַבי נישט צונעמען דאָס לעבן ביי דעם אַנדערן. קיינער קען נישט וויסן, ווי עס שטייט אין פּסחים, וועמענס בלוט עס איז רויטער און וועמענס לעבן כ׳איז וויכטיקער אין גאָטס אויגן. אויב שטייענדיק פאַר אַזאַ נסיון האָט איין מענטש קיין רעכט נישט צו באַטראַכטן זיך פאַר העכער פונעם אַנדערן, על אחת כמה וכמה אין ווייניקער קריטישע פאַלן״.

אַ סך רייפער און טיפער דענקען ווייזט אַרויס דער דאָזיקער חסידישער רבי פון פּוילן, אין פאַרגלייך מיט פראַנצויזישע אָדער אַמעריקאַנער דעמאָ־קראַטן. מענטשן זענען עמפּיריש נישט־גלייך; דער בן־תורה און ירא־שמים איז, אָן ספק, בעסער און העכער פונים עם־הארץ און בעל־עבירה. ר׳ בונים פאָדערט אָבער אַ געוויסע גלייכקייט פאַר די אומגלייכע. גלייכקייט איז אויף אַ באַשטימטן שטח פון לעבן אַ „זאָל״, נישט קיין „איז״.

די זעלביקע פּראָבלעם איז געשטאַנען פאַר דאָסטאָיעווסקיס ראַסקאָלני־קאָוו (אין „פאַרברעכן און שטראָף״). זיין מאָראַלישער אומגליק איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אַ וויסנשאַפטלעכער „בעל־חשבון״ אין אַ ספערע פון לעבן, וווּהין מ׳טאָר מיט אַזעלכע חשבונות נישט אַריינ־קומען: ער האָט אויסגערעכנט אַז זיין בלוט איז „רויטער״ פונעם בלוט פון דער אַלטער פּראָצענטניצע, וואָס האָלט געלט אין אַן אייזערנעם קאַסטן און פאַרגינט זיך אַפילו נישט די קלענסטע הנאה דערפון. האָבן מיר דען אַ ספק, אַז ראַסקאָלניקאָוו איז „העכער״, „ווערטפולער״ פון דער אַלטער, פאַרחושכ־טער קמצנטע? און דאָך: ראַסקאָלניקאָוו האָט „פאַרגעסן״, אַז זיין קרבן איז נישט ווייניקער פון אַן איינס, אַז די אַלטע וווכערניצע איז — אין לעצטן חשבון, אין טראַנסצענדענטאַלן חשבון — אויך אַן „עולם מלא״. פאַר יענעם „פאַרגעסן״ האָט אים דאָסטאָיעווסקי געגעבן אַזאַ שווערן עונש, און אַלס באַלוינונג פאַר זיין קאַנוואַלסיווער חרטה און יסורים — אַ נייע זעעוודיי־קייט, די וויזיע פאַר גלייכקייט פון די אומגלייכע.

מיטן כוח פון טראַגעדיע

אחד העם האָט זיך אַמאָל ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף אַ סיטואַציע, וואָס ווערט קורץ באַשריבן אין תלמוד. „שנים שהיו מהלכין בדרך״, צוויי מענטשן זענען געגאַנגען אין וועג, און איינער פון זיי האָט געהאַט אַ קרוג מיט וואַסער. אויב זיי טרינקען ביידע, וועלן זיי ביידע שטאַרבן, און אויב נאָר איינער פון די צוויי זאָל טרינקען, וועט ער קענען דערגרייכן אַ ישוב — האָט בן פּטורא געזאָגט: זאָלן זיי ביידע טרינקען און ביידע שטאַרבן, כדי איינער זאָל נישט

דאַרפֿן צוזען דאָס שטאַרבן פֿון זײַן חבר; ביז ס׳איז געקומען ר׳ עקיבא און האָט געפּסקנט: „...דײַן לעבן קומט פֿריִער פֿון דײַן חברס לעבן״. און דאָס הייסט, אַז איינער פֿון די צוויי זאָל טרינקען און לאָזן דעם אַנדערן שטאַרבן.

אחד העם האָט געניצט דעם דאָזיקן טראַגישן בײַשפּיל, כּדי דורכצופֿירן אַ שטרענגע אונטערשיידונג־ליניע צווישן ייִדנטום און קריסטנטום, אין זײַן פּאָלעמיק קעגן דעם עוואַנגעליש געשטימטן קלאָד מאָנטעפֿיאָרע. רבי עקיבאס אורטייל האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט, לויט זײַן מיינונג, די עטיק פֿון ייִדנטום, בשעת בן־פּטוראס מיינונג איז מער אין גייסט פֿון קריסטנטום: מדת הדין הייסט עס, קעגן מדת הרחמים, אָדער דער פּרינציפּ פֿון גערעכטיקייט, אויף וועלכן ייִדנטום איז אויפֿגעבויט, קעגן דעם פּרינציפּ פֿון ליבע, וואָס איז דער פּאַטאָס פֿונעם אור־קריסטנטום. אחד העם סאָלידאַריזירט זיך, נאַטירלעך, מיט רבי עקיבא.

אָבער וואָס ווייסן מיר פֿון יענע צוויי מענטשן, פֿון וועלכע עס ווערט געבראַכט דער תּלמודישער משל? ווער זענען זיי? צוויי אַנאָנימען. דער דער־ציילער זאָגט אונדז נישט קיין וואָרט וועגן די אייגנשאַפֿטן, וועגן די מעלות און חסרונות, פֿון דעם איינעם אָדער דעם צווייטן, וועגן זייער רעלאַטיוון „ווערט״, אָדער וועגן די שײַכותן צווישן זיי (פֿאָטער און זון? מאַן און ווײַב? ברודער און שוועסטער?). צוויי איינסן — אין אַ געוויסן זינען, צוויי פֿאַראַ־לעלע „גאַנצע־וועלטן״. דאָס איז אַן אינטערעסן־קאָנפֿליקט אָדער אַ שיקזאַל־צוזאַמענשטויס צווישן צוויי ג ל ײַ כ ע, און אחד העם, אינאיינעם מיט רבי עקיבאן, לייזט דעם קאָנפֿליקט אויף דער באַזע פֿון א ו מ ג ל ײַ כ ק ײַ ט. קעגן דער אויפֿפֿאַסונג פֿ ו ן ג ל ײַ כ ק ײַ ט פֿ אַ ר ד י א ו מ ג ל ײַ־ כ ע ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט די אידייע פֿון א ו מ ג ל ײַ כ ק ײַ ט פֿ אַ ר ד י ג ל ײַ כ ע. איינער פֿון די צוויי מוז דאָ אַוועקגעשטעלט ווערן אין דער לאַגע פֿון אַ פּריווילעגירטן. ווער? וועמענס בלוט איז אין דעם פֿאַל „רויטער״? דער אורטייל איז: מ ײַ ן בלוט; „איך״ קעגן „דו״. סתּם „איך״ איז ביל־כּער פֿון סתּם „דו״: „חייך קודמין לחיי חברך״. אָבער נישט רבי עקיבא און נישט אחד העם (ביידע — בעלי הלכה) האָבן אַ טראַכט געטאָן, אַז עס קענען זײַן סיטואַציעס פֿאַר וועלכע ס׳איז קיין לייזונג נישטאָ. דער סיפּור־המעשה פֿון בבא מציעא איז גיכער אַ טעמע פֿאַר אַ קינסטלער ווי פֿאַר אַ געזעצגעבער, פֿאַר אַ שרײַבער פֿון שאלות ותשובות, אָדער פֿאַר אַ סיסטעמאַטישן עטיקער. וואָס דער דין זאָל נישט זײַן, זענען פֿאַראַן אין דער וועלט צופֿיל מענטשן וואָס וואָלטן אים אין אַזאַ סיטואַציע נישט אויסגעפֿאָלגט. פֿון רבי עקיבאס אורטייל איז קלאָר, אַז טרינקען דאָס ביסל וואַסער דאַרף נישט סתּם איינער פֿון די צוויי, נאָר דער וואָס דער קרוג וואַסער איז ז ײַ נ ע ר: די הײליּ־

קיט פון פּריוואַטן אייגנטום. דער קינסטלער וואָלט אונדז אָבער געקענט געבן איינעם פון פאָלגנדיקע עפּילאָגן:

א) דער וואָס דער קרוג איז נישט זיינער איז פיזיש שטאַרקער פון דעם „אייגנטימער", אָדער פאַרמאָגט אַ שטאַרקערע ריין־זאָאָלאָגישע לעבנסלוסט. דערמאָרדעט ער דעם שוואַכערן, נעמט צו ביי אים זיין „רעכט" אויפן קרוג וואַסער, און דערשלאָגט זיך נאָכדעם צו אַ ישוב.

ב) דער אייגנטימער פונעם קרוג וואַסער איז עלטער פון זיין חבר. אי־בערצייגט ער אים, אַז אַזוי ווי זיי האָבן ביידע ג ל יי כ ע ר ע כ ט אויף אַ געוויסן סכום לעבן, זאָל דער יונגערער טרינקען און ער אַליין זאָל אויסגיין פון דורשט.

ג) די צוויי גוטע פריינט זענען ווילד געוואָרן, האָבן זיך צעשלאָגן אי־בער דעם ביסל וואַסער (זיי האָבן ג ל יי כ ע ר ע כ ט אויף לעבן), האָבן זיך איינער דעם אַנדערן דערמאָרדעט; און דער קרוג וואַסער איז געבליבן גאַנץ און נישט גערירט.

ד) די צוויי גוטע פריינט האָבן צווישן זיך באַשלאָסן אַז אַזוי לאַנג דער קוואַנטום וואַסער קען ראַטעווען פון טויט, דאַרפן זיי ביידע לעבן (זיי האָבן ג ל יי כ ע ר ע כ ט אויף המשך פון לעבן, אַלץ איינס ווער ס'איז עלטער און ווער ס'איז יונגער), און נאָכדעם וועלן זיי ביידע שטאַרבן.

ה) איינער פון די צוויי באַגייט זעלבסטמאָרד, כדי צו באַפרייען זיך און זיין חבר פון דער טראַגישער דילעמע.

ו) איינער וויל איינרעדן דעם צווייטן, אַז דער אַנדערער זאָל אַליין טרינקען דאָס וואַסער (דו, נישט איך), און אַזוי ווי זיי קענען גאָרנישט פועלן איינער ביים אַנדערן, גיסט מען אויס דאָס ביסל וואַסער אויפן דאַרשטיקן מדבר־באָדן, מען נעמט זיך איינער דעם אַנדערן אָרום און מען לייגט זיך ביידע אַוועק שטאַרבן (ראָמעאָ און יוליע וואָלטן אפשר אַזוי געהאַנדלט) — אויפן יסוד פון ג ל יי כ ק יי ט: גלייכע רעכט אויף לעבן און גלייכע פליכט צו שטאַרבן.

ז) ביידע לייגן זיך „רויק" אַוועק שטאַרבן און לאָזן איבער דעם קרוג מיט וואַסער נישט גערירט — אפשר וועט אָנקומען אַ דריטער, איינער אַליין, און דאָס וואַסער וועט זיין געווינס, אים צו ראַטעווען דאָס לעבן.

דאָס זענען אַלץ טראַגישע עפּילאָגן, וואָס ליגן אפשר אויף יענער זייט גרענעץ פון ייִדישער עטיק אָדער עוואַנגעלישער עטיק. אין דער ספערע פון „גלייך" און „אומגלייך" זענען פאַראַן קאָנפליקטן, וואָס ווערן נישט געלייזט, נאָר גיכער „אויפגעלייזט" מיטן כוח פון — טראַגעדיע.

חיים גרינבערג

אַריטמעטיש און געאָמעטריש

אַריסטאָטעל איז געווען דער ערשטער אין דער מערב־פילאָזאָפיע, וואָס האָט אויף אַ גרינטלעכן אופן געפּרוווט צו אונטערזוכן דאָס וועזן פון גערעכטיקייט און די נאָענטע פאַרבינדונג וואָס עקזיסטירט צווישן גערעכטיקייט און גלייכקייט. ער האָט אָבער געמאַכט אַ גאַנץ קלאָרן אונטערשייד צווישן דעם, וואָס ער האָט באַצייכנט ווי אַן אַריטמעטישע אָדער איינפאַכע קאָנטראַקט־גערעכטיקייט און אַ גערעכטיקייט, וועלכער ער האָט געגעבן דעם נאָמען „געאָמעטרישע‟ אָדער „פּראָפּאָרציאָנעלע‟.

די אַריטמעטישע גערעכטיקייט איז אַבסטראַקט (אין דער זעלביקער צייט אויבערפלעכלעך), און, מען מעג צוגעבן, מעכאַניסטיש. די גלייכקייט וואָס קען אויפגעבויט ווערן אויפן יסוד פון אַזאַ גערעכטיקייט איז אַזעלכע, אַז זי איגנאָרירט די אונטערשיידן וואָס עקזיסטירן צווישן איין יחיד און דעם אַנדערן. זי ווייס נישט פון קיין „משא פנים‟. דאָס איז איר גרויסע מעלה, אָבער אויך איר פאַטאַלער חסרון. נישט אומזיסט האָט מען שוין אין אַלטערטום סימבאָליזירט גערעכטיקייט (די וואָס אַריסטאָטעל באַצייכנט אַלס אַריטמעטישע) דורך אַ בלינדער געטין מיט צוויי וואָגשאָלן. זי וועגט זאַכן, נישט קיין מענטשן. מענטשן זענען פאַר איר אַלע גלייך, האָבן איינע און די זעלביקע „וואָג‟; די אונטערשיידן אין דער וועלט זענען בלויז קוואַנטיטאַטיווע, אונטערשיידן צווישן „מער‟ און „ווייניקער‟, נישט צווישן „אַזוי‟ און „אַנדערש‟. פאַר יענער געטין עקזיסטירט נישט, ווי ס'איז שוין באַצייכנט געוואָרן, קיין „משא פנים‟; זי איז „פּרינציפּיעל‟ בלינד און קען גאָר קיין פנים נישט זען. זי האָט אַ טענדענץ צו אַ געוויסער גלייכקייט, אָבער דאָס איז אַ גלייכקייט וואָס ווערט לייכט פאַרוואַנדלט אין אומגערעכטיקייט. יענע גלייכקייט איז גראָב אוניווערסאַליסטיש און נעמט נישט אין אַכט דעם אינדיווידועלן מאָמענט: אַזוי פיל און אַזוי פיל שכר פאַר גוטע מעשים פון אַ באַשטימטן מין, און אַזויפיל עונש פאַר שלעכטע מעשים פון אַ באַשטימטן מין — זיך נישט רעכענענדיק מיט דעם, ווער און וואָס דער בעל־המעשים איז.

אומצופרידנקייט מיט דער אַריטמעטישער גערעכטיקייט און גלייכקייט האָט, נאַטירלעך, עקזיסטירט נאָך פאַר אַריסטאָטעלעסן. דער גריכישער פילאָזאָף איז בלויז דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעווענדט אויף דער פראַגע דיסציפּלינירטע און סיסטעמאַטישע מחשבה. אָבער שוין אין אינדישן אַלטערטום זעען מיר, און גראָד אויפן געביט פון געזעצגעבונג, אַ מער אָרגאַנישע שטעלונג צו גלייכקייט. לויט דעם מאַנו־קאָדעקס, קומען פאַרשידענע שטראָפן פאַר פאַרשידענע קאַטעגאָריעס בירגער — פאַר איינער און דער זעלביקער

עבירה. דער עונש פֿאַר אַ וואישיא (אַ סוחר) דאַרף זיין צוויי מאָל אַזוי האַרב ווי פֿאַר אַ שודרא (אַן אַרבעטער); אַ קשאַטריא (אַ הערשער אָדער אַ מלחמה־פֿירער) דאַרף קריגן אַ צוויי מאָל גרעסערע שטראָף ווי אַ סוחר, און אַ בראַמין (אַ מיטגליד פֿון דער העכסטער שיכט) — קומט אַן עונש צוויי און אַפֿילו פֿיר מאָל אַזוי האַרב, ווי אַ קשאַטריא, ווייל ער, דער בראַמין, „ווייסט די ווייט־גרייכנדיקע קאָנסעקווענצן פֿון זינד און פֿון מעשים טובים". די מאַנו־לעגיס־לאַציע האָט אין זיך אַן עלעמענט פֿון „משא־פנים": איר פּרינציפּ איז ג ל יי כ־ק יי ט, אָבער, ווי אַריסטאָטעל וואָלט זיך אויסגעדריקט, „פּראָפּאָרציאָנע־לע" אָדער „געאָמעטרישע" גלייכקייט, וועלכע איז פֿון אויבן־אויף, פֿון אַ ריין מעכאַניסטישן אָדער קוואַנטיטאַטיוון שטאַנדפּונקט — א ו מ ג ל יי כ ק יי ט. גלייכקייט הייסט אין דעם פֿאַל די נאָרמאַלע פּראָפּאָרציע צווישן שטראָף און וו י ל ן צום פֿאַרברעכן. די מאַנו־געזעצן באַשטראָפֿן נישט אַזוי פֿיל דעם, אַזוי צו זאָגן, „מאַטעריעלן" אינהאַלט פֿונעם פֿאַרברעכן, די בייזע האַנדלונג און דעם שאָדן וואָס זי איז גורם, ווי דעם ווילן אָדער די דיספּאָזיציע צו טאָן שלעכטס. אויב אַ בראַמין, לאָמיר זאָגן, האָט געהרגעט אַ מענטשן, איז ער באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן זעכצן מאָל האַרבער ווי ווען דאָס וואָלט געטאָן אַן אַרבעטער (אָנגענומען אַז מען קען דאָס אַזוי עקזאַקט מעסטן), ווייל זיין מדרגה פֿון גייסט און קולטור איז זעכצן מאָל העכער פֿון דער מדרגה, אויף וועלכער עס שטייט דער מענטש פֿון דער נידעריקסטער שיכט (ווייטער אַמאָל, אויב מדרגות לאָזן זיך אַזוי קלאָר און פּינקטלעך מעסטן), און דאָס הייסט, אַז זיין וו י ל ן צום פֿאַרברעכן איז זעכצן מאָל אַזוי שטאַרק ווי ביים טשודראַ, וואָס פֿאַרמאָגט נישט גענוג אינטעליגענץ און פֿאַנטאַזיע, כדי זיך אויסצומאָלן די ווייט־גייענדיקע קאָנסעקווענצן פֿון זיין עבירה. אין דער דאָזיקער אומגלייכ־קייט פֿאַרן געזעץ און ריכטער ליגט אַ טיפֿערע אויפֿפֿאַסונג פֿון גלייכקייט און פֿון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט איז זי מער דעמאָקראַטיש, ווי די גערעכטיקייט וואָס אַ געטין מיט פֿאַרבונדענע אויגן טיילט אויס אין איר כמעט אויטאָמאַ־טישער אומפּאַרטיייִשקייט: גלייכער עונש פֿאַר גלייכן יצר־הרע צו באַגיין אַ פֿאַרברעכן.

אין דעם מעכאַניזם פֿון אונדזערע הייַנטיקע שטאַטן קען מען זען זייער קלאָר דעם אונטערשייד צווישן מעכאַנישער און אָרגאַנישער גלייכקייט. אין שווערע צייטן זענען מיר געצוווּנגען צו באַשרענקען דעם קאָנסומענט — אַלע קאָנסומענטן א י ן א ג ל יי כ ע ר מ אָ ס. מיר גיבן אַרויס אַלע איינ־ציקע אָדער שנעל אַרויס פֿאַר אַ גרויסער אומגערעכטיקייט פֿאַר א ו מ ג ל יי כ־ק יי ט, און מען מוז זי נאָכדעם קאָרעגירן דורך — „משא פנים". די וואָס

טוען שווערע פיזישע אַרבעט הייבן נאָכדעם אָן צו קריגן גרעסערע און העכע־רע פּאַרציעס ווי די איבעריקע באַפעלקערונג, קינדער, שוואַנגערע פרויען, קראַנקע הייבן אָן צו קריגן געוויסע פּראָדוקטן אין אַ גרעסערער קוואַנטיטעט ווי אַנדערע; אַ טייל פּראָדוקטן ווערן אַפילו רעזערווירט בלויז פאַר זיי. מע־כאַניש באַטראַכט, הייסט דאָס עובר זיין אויפן גלייכקייט־פּרינציפּ. אָרגאַניש אָדער, ווי אַריסטאָטעל וואָלט געזאָגט, „פּראָפּאָרציאָנעל״ באַטראַכט — איז דאָס גראָד די פאַרווירקלעכונג פון ע כ ט ע ר גלייכקייט. קיינער ווערט ביי אַזאַ באַהאַנדלונג נישט אָפּגעשאָצט פאַר מער ווי אַן איינס — אַלע זענען „איינסן״ מיט גלייכע רעכט — אָבער די „איינסן״ גופא זענען פאַרשידענע, און יעדער קריגט זיין חלק לויטן כאַראַקטער און לויט דער מאָס פון זיין אַנ־דערשקייט.

הלל הזקן און ניטשע האָבן, אין גרונט, תופס געווען דעם ענין גלייכקייט אין איינע און די זעלביקע טערמינען, און ביידע וואָלטן געקראָגן אַ קאָמפּלי־מענט פון אַריסטאָטעלן. הלל האָט בפירוש אַרויסגעוויזן „משא פנים״ ביים טיילן צדקה. ער האָט „דיסקרימינירט״ צווישן פאַרשידענע קאַטעגאָריעס אָרע־מעלייט. ווען ער האָט איינמאָל געטראָפן אַן „עני בן טובים״, האָט ער פאַר אים געדונגען אַ פערד צום רייטן און אַ קנעכט וואָס זאָל לויפן פון פאָרנט. איינמאָל האָט ער נישט געקענט קריגן קיין קנעכט צו לויפן פאַר אים. איז ער אַליין געלאָפן פאַר אים דריי מאָל. ס׳איז נישט וויכטיק צי מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ מעשה שהיה אָדער מיט אַ שטיק דיכטונג. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, די מעשה איז פאַר הללן כאַראַקטעריסטיש.

הלל האָט נישט געהאַלטן פון יענער גלייכקייט וואָס הייסט געבן יעדן אָרעמאַן אַ פּרוטה אָדער אַ גלייכע צאָל פּרוטות. אַן „עני בן טובים״ דאַרף באַ־האַנדלט ווערן אַנדערש ווי סתם אַן אָרעמאַן — נישט ווייל ער זאָל זיין אין זיין עצם מהות „בעסער״, „העכער״ אָדער „ווערטפולער״ פון סתם אַן אָרע־מאַן, נאָר ווייל ער איז סענסיטיווער צו זיין אָרעמקייט און ע ר ל יי ד ט מ ע ר ע ר ווי אַן אַנדערער, ווען ער איז געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון געוויסע באַקוועמלעכקייטן און געוווינהייטן: „לפום צערא אגרא״ — דער סכום שכר איז לויטן סכום צער. דאָס איז פאַר הללן נישט קיין מינערונג פון גלייכקייט, נאָר העכערע און עכטערע פאַרווירקלעכונג. ער האָט געוווּסט נישט ווייניקער, נאָר אפשר מערער פון אַנדערע, אַז מעטאַפיזיש איז י ע ד ע ר מענטש „שקול כנגד כל מעשה בראשית״ (געגליכן אין וואָג, אין ווערט, צו דער גאַנ־צער מעשה בראשית), אַז ווער עס שלאָגט אין באַק אַ מענטשן — ווער דער מענטש זאָל נישט זיין — איז גלייך ווי ער וואָלט געשלאָגן די שכינה אין באַק אַריין. ער האָט אָבער אין דער זעלביקער צייט נישט געוואָלט פאַרגעסן,

אַז עמפּיריש, אין דעם עולם התחתון, מאַניפעסטירן זיך אונטערשיידן וואָס טאָרן נישט פאַרקוקט ווערן, און אַז גראַד גלייכקייט אין ווערט פאַדערט אַ געוויסע אומגלייכקייט אין דער באַהאַנדלונג פון יחידים (אין שייכות צו דער רייפער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָבן, לויט דער זעלביקער מעטאָדע פון דענקען, סיי מאַרקס און סיי לענין אָנגענומען די פאָרמולע „פון יעדן לויט זיינע פעיִקייטן, יעדן לויט זיינע באַדערפעניש״, אין קעגנערשאַפט צו דער אידייע פון מעכאַנישער אָדער קוואַנטיטאַטיווער גלייכקייט).

ניטשע האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ שונא פון סאָציאַליזם — אין אַ געוויסער מאָס צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש. ער האָט זיך איינגערעדט, אַז סאָציאַליזם מ ו ז לויטן זיין טענדענץ און וועזן, איינפירן „אַריטמעטישע גלייכקייט״. וואָס — האָט ער געטענהט — פאַר יעדן דאָס זעלבע און אין דער זעלביקער כמות? וואָס פאַר אַ באַרבאַריי! דאָס מיינט קוקן אויף מענטשן ווי אויף „פאַבריק־סחורה פון דער נאַטור״, ווי אויף קאָפּיעס פון איינעם און דעם זעלביקן טעקסט, אויף עקזעמפּלאַרן פון איינעם און דעם זעלביקן אַרטיקל!״ ער האָט געפאָדערט בפירוש אומגלייכקייט — איינעם מערער און דעם אַנדערן ווינציקער — אָבער לויט אַ באַשטימטן קריטעריום: ווער עס ליידט מערער פון עפּעס נישט האָבן אָדער עפּעס נישט קריגן, דעם דאַרף עס, אין דער ערשטער ריי, געגעבן ווערן. אונדזער טערמינאָלאָגיע איז אַ פאַרפלאָנטערטע און אַ פאַרפירנדיקע. ניטשע האָט נישט געפילט, אַז ווען ער פאַרדיקט אומגלייכקייט — מיינט ער גלייכקייט: גלייכע רעכט פאַר די פאַרשידנאַרטיקע אינדיווידועלע תביעות, גלייכע לעגיטימקייט פאַר די פאַרשידנאַרטיקע מענטשלעכע שיקזאַלן...

ישו פון נצרת

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז אור־קריסטנטום איז סתם דעמאָקראַטיש, אַז ישו פון נצרת האָט געפּריידיקט גלייכקייט, סתם גלייכקייט?

עוואַנגעליש קריסטנטום איז ערגעץ־ווו גאָר אַן אַריסטאָקראַטישע לערע. מענטשן זענען נ י ש ט ג ל י י ך. איינער שלאָגט אין באַק, דער אַנדערער קערט אום (אָדער „דאַרף״ אומקערן) די צווייטע באַק: נאַ, שלאָג ווייטער — איך וועל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. פאָרמעל דעמאָקראַטיש און עגאַליטאַריש איז גיכער תורת־משה. שן תחת שן, עין תחת עין — לויט דעם ריטם: אַ שאָף פאַר אַ שאָף, אַ קעמל פאַר אַ קעמל. מיין צאָן איז דער עקזאַקטער עקוויוואַלענט פון דיין צאָן. דער פּרייז פון מיין אויג איז דיין אויג (די חז״ל האָבן, אין אַ געוויסן זינען, אָפּגעשוואַכט די גלייכקייט־טענדענץ פון תורת־משה;

„ממון תחת עין" — אָבער געלט פאַר אַן אויג איז נישט קיין אַדעקוואַטער עונש, ווייל אַן אויג קען גאָרנישט אָפּגעשאַצט ווערן אין טערמינען פון געלט. סיידן פון אַן ענגערן רייןּעקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט). קומען מיר צו ישו פון נצרת „שטייט אים גאָר נישט אָן" צו פירן אַ חשבון. האָסט מיר אויסגעשטאָכן אַן אויג? נאַ, איך האָב נאָך אַן אויג, קענסט עס אויך אויסשטעכן. האָסט מיר אויסגעזעצט אַ צאָן? נאַ, איך האָב נאָך ציינער, דו קענסט זיי אַלע אויסזעצן: איך וועל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן. אָבער וואָס איז דאָס? הכנעה פּאַסיווקייט? דער ישו־מענטש איז גאָר אפשר דער גרעסטער בעל־גאווה אין דער וועלט. מיטן אומקערן די צווייטע באַק צו דעם וואָס האָט אים געשלאָגן אין דער ערשטער, דערקלערט ער אים: איך בין העכער פון דיר, ווערטפולער פון דיר, און דער מאָראַלישער מרחק צווישן אונדז צוויי איז אַזאַ גרויסער, אַז מיר האָבן אַפילו נישט קיין געמיינזאַמע „שפּראַך". איך און דו געהערן צו צוויי פאַרשידענע וועלטן — איך צו אַ העכערער, דו צו אַ נידעריקערער — און וויפל דו זאָלסט מיך נישט פּראָוואָצירן, וועל איך זיך צו דיין „לשון" און צו דיין מעטאָד פון האַנדלען נישט אַראָפּלאָזן. איך וועל זיך נישט מ ט מ א זיין מיט שלאָגן דיך אין דיין באַק. די גרעסטע פאַראַכטונג — אונטער אַ פּסעוודאָנים פון „ליבע", די העכסטע אַגרעסיע — אין לבוש פון פּאַסיווקייט.

אמת, אינאיינעם מיט פאַראַכטונג, ווירקט נאָך אין דעם ישו־מענטשן אַן אַנדער מאָטיוו — האָפענונג: אמונה אַז אין דעם רשע וואָס שלאָגט אין באַק לעבט אַ „ניצוץ" וואָס קען דערלייזט ווערן. דורך מיין אונטערשטעלן די אַנדערע באַק, קען איך יענעם „ניצוץ" מאַכן אַקטיוו, אויפוועקן צום לעבן. מיט מיין אַריסטאָקראַטישער האַנדלונג, קען איך אין רשע אַרויסרופן היילנדיקע קנאה, אַ ווילן צו זיין ווי איך, צוריקקריגן זיין אמתן סטאַטוס און יחוס, ווייל — אין לעצטן, מעטאַפיזישן, חשבון — געהערט ער דאָך צום זעלביקן קיניגרייך וואָס איך: ער איז בלויז אַן אַפּטריניקער, ער קען תשובה טאָן און זיך אומקערן „אַהיים", אין „זיין טאַטנס הויז". אָבער אויך אין ד ע ר בחינה איז דער ישו־מענטש דער „העכערער": כדי איך און דער רשע זאָל ווערן גלייך, מוז יענער זיך מיט מיר „אויסגלייכן", קריגן מ יי ן שיעור־קומה.

פאַר ישון, מעג מען גלייבן, האָט פאַרגעשוועבט דאָס בילד פון אַן אייגנאַרטיקער אַריסטאָקראַטיע: די „עליט" פון געדרודפטע און דערנידעריקטע.

הלל הזקן, אונדזער קלאַסישער עניו האָט אַרויסגעוויזן אַ טענדענץ צו אַזאַ „עליט": השפלתי היא הגבהתי (מיין דערנידעריקונג איז מיין דערהייבונג).

גלייכקייט מיט זיך גופא

איז פאַראַן בלויז אַ רעכט אויף גלייכקייט? ניין, אויך אַ פליכט — די פליכט צו זיין מיט זיך אַליין.

ר׳ מאיר פרימישליאַנער האָט עס טיף געפילט. ווען ער האָט געטראַכט וועגן טויט און דעם יום־הדין, האָט ער נישט מורא געהאַט, טאָמער וועט מען אים פרעגן: „מאיר פאַרוואָס ביסטו נישט געווען משה רבנו, אָדער פאַרוואָס ביסטו נישט געווען רבי עקיבא?״ ער ווייסט וואָס אויף דעם צו ענטפערן: אויב דער רבונו של עולם האָט געוואָלט, איך זאָל זיין משה רבנו אָדער רבי עקיבא, האָט ער זיך געדאַרפט מטריח זיין און באַשאַפן מיך אַ משה רבנו אָדער אַ רבי עקיבא״ (גאָט, הייסט עס, באַשאַפט אומגלייכע). ער האָט אָבער יאָ מורא געהאַט, טאָמער פרעגט מען אים דאָרט: „מאיר, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען ר׳ מאיר?״ אויף דעם, ווייסט ער, איז נישט לייכט צו ענטפערן. דאָס איז אַ חטא: ר׳ מאיר איז מחוייב געווען צו זיין ר׳ מאיר אין זיין פ ו ־ ל ע ר מ אָ ס — ר׳ מאיר ב פ ו ע ל, נישט ווייניקער ווי ב כ ו ח, גלייך מיט זיך. אָפלאָזן אָדער חרוב מאַכן אייגענע פּאָטענצן איז דאָס זעלבע וואָס זיין נישט גלייך מיט זיך אַליין.

גלייכקייט מיט זיך גופא איז אַ פליכט. אָבער נישט נאָר פאַרן יחיד. אויך די געזעלשאַפט האָט אַ פליכט צו געבן יעדן „ר׳ מאיר״ די געלעגנהייטן, אים אַרויסצוהעלפן, צו זיין ר׳ מאיר בשלמות, אַרויסצוברענגען אַלע ר׳ מאירשע פּאָטענצן. נישט איין ר׳ מאיר איז נישט דערוואַקסן צו דער מדרגה פון ר׳ מאיר — צו זיין אייגענער מדרגה — מחמת די געזעלשאַפט האָט אים נישט גע־ האָלפן אָדער גאָר געשטערט. דאָס איז אפשר דער איינציקער יסוד, אויף וועלכן עס דאַרף באַטראַכט ווערן דאָס פּראָבלעם פון „גלייך״ און „אומגלייך״, פון „פריי״ און „אומפריי״.

די געזעלשאַפט ווי דער אַקושער פון אינדיווידועלע שיקזאַלן איז דאָס צענטראַלע פּראָבלעם פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע.

1940

מענטש און — וואָס ווייטער?

דזשעימס ריטשי, אַ ערנסטער נאַטור־וויסנשאַפטלער וואָס דערלויבט זיך פון צייט צו צייט דעם לוקסוס צו פילאָזאָפירן, נעמט זיך איצט צייט — איצטער, אונטער דעם האָגל פון נאַצישע באָמבעס, וואָס שאָנעווען אויך נישט זיין רעזידענץ־שטאָט, עדינבורג — צו טראַכטן וועגן מעשה־בראשית. זיינע געדאַנקען זענען קאָנצענטרירט אויף מעשה־בראשית און אויף דעם ווייטן, גאָר־גאָר ווייטן ציל, צו וועלכן די נאַטור שטרעבט — אָנגענומען נאַטירלעך, אַז זי שטרעבט בכלל, ד״ה, אַז נישט נאָר ווערט זי געשטופּט פון הינטן דורך שטומע סיבות, נאָר אויך אינספּירירט „פון פאָרנט״ דורך עפּעס אַ תכלית אָדער תכליתים. אין דער גאַנצער הויה (זיין) אינטערעסירט אים, פאַרשטייט זיך, מער פון אַלעמען לעבן, אָרגאַניש לעבן. אַלץ איבעריקע איז, אַזוי צו זאָגן, סתם עקזיסטענץ, וואָס מיר נעמען אָן אַז עס פילט נישט קיין טעם אין זיין עקזיסטירן — וואָס פאַר אַן אינטערעס קען אַזאַ „עס״ האָבן פאַר אונדז? אָבער ווהין גייט לעבן, אַט יענע מיסטעריעזע קראַפט, וואָס טראָגט אין זיך דעם דראַנג און אימפּעט, הונגער, ווילן, קאַמף, נצחונות, מפּלות, פרייד, טרויער, אומקום?

מיר האָבן זיך אַמאָל איינגערעדט, אַז מיר האָבן זיך דערגרונטעוועט צום סוד פון דער וועלט־אַנטוויקלונג. נישט ריכטיק. מיר האָבן זיך גיכער איינגערעדט אַז ס׳איז גאָר קיין סוד נישטאָ און אַז אַלץ ליגט אויף דער דלאָניע: דער תכלית איז מ ע נ ט ש, די קרוין פון דער שאַפונג; דאָס וואָס איז העכער פון אים איז שוין גאָט, און צווישן דעם מענטשן און דעם כביכול זענען מער קיין מיטל־באַשעפענישן נישטאָ. דער צוזאַמענברוך פון די היסטאָרישע רעליגיעס האָט אין דעם פּרט ווייניק געענדערט. דער וויסנשאַפטלעכער וועלט־באַנעם שטערט אונדז מערסטנטייל נישט אין אונדזער אַלטער געוווינהייט אָוועקצושטעלן דעם מין מענטש, ווי ער איז אונדז באַקאַנט, אין צענטער פון דער הויה. אַזאַ גייסט ווי אַגיוסט קאָנט האָט ערנסט געוואָלט גלייבן, אַז סאָציאָלאָגיע איז די קעניגין פון אַלע חכמות: האָט זי דאָך צו טאָן מיטן קיניגלעכסטן פון אַלע ברואים, מיט זיין מאַיעסטעט דעם מענטשן און מיט זיין אָרגאַניזירט לעבן. אין אונדזער פאַקטישן באַוווסטזיין פאַלן מיר ווייניק אַראָפּ אין אונדזערע אויגן פון דער השערה, אַז די ערד — עפּעס אַ פאַרשטויסן, נישט־קליין און „פּראָווינציעל״ ווינקעלע אין דער וועלט־אומענדלעכקייט — איז דער איינציקער פּלאַנעט אויף וועלכן לעבן, ווי ס׳איז אונדז באַקאַנט, האָט

א קיום. די ערד איז שוין לאַנג נישט פאַר אונדז דער צענטער פון אוניווערס (אָדער פון די אוניווערסן), אָבער דאָס שטערט אונדז נישט צו באַטראַכטן דעם ערד־געבונדענעם, צוויי־פוסיקן רעדעוודיקן חי־וקיים פאַר דער לעצ־טער, ענדגילטיקער דערגרייכונג פון אַלץ וואָס א י ז.

ווייל אונדז איצט דזשעימס ריטשי דערמאָנען, אַז פון אונדזער מעטריקע איז נישטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן: דער „נזר הבריאה" איז נאָך בסך־הכל אַ שנעק, אַ לפי ערך נייער אורח אין דער וועלט־אַכסניאַ. דער מין מענטש, ווי מיר קענען אים, מיטן ביסעלע הדרת פּנים און הדרת פיגור וואָס מיר טייטשן אין אים אַריין, האָט זיך באַוויזן אויף דער זקנה־ערד מיט זיין קנויל נערוון און פעקל געהירן ערשט צום סוף פונעם לעצטן אייז־פּעריאָד, צוריק מיט אַ דרייסיק טויזנט יאָר. איז דאָס אַ סך אָדער ווייניק? עס איז נישט לייכט אויסצוגעפינען ווי אַלט אונדזער פּלאַנעט איז (כאָטש ס'איז קלאָר, אַז ער איז שטאַרק־שטאַרק „אָנגעשטאָפּט" מיט יאָרן), אָבער לעבן איז אויף אים געווען הונדערטער מיליאָנען יאָרן פאַר דער אַנטשטייאונג פונעם מענטשן. אין אַלטע פעלדזן געפינען מיר פאַרשטיינערונג פון לעבעדיקע ברואים, וואָס האָבן באַוואוינט די ערד צוריק מיט אַ פינף הונדערט מיליאָן יאָר. זעלטענער און ווייניקער בולט זענען נאָך עלטערע פאַרשטיינערונגען מיט אַ יחוס־בריוו פון צוריק מיט אַכט הונדערט מיליאָן יאָר, און עס איז פאַראַן אַ מער אָדער ווייני־קער באַגרינדעטע השערה, אַז די גאַר־גאַר עלעמענטאַרע פאָרמען פון אַמאָ־ליקן לעבן, וואָס זענען נישט פּרעזערווירט געוואָרן אין דער ערדס פעלדזן, זענען אַנטשטאַנען צוריק מיט גאַנצע צוועלף הונדערט מיליאָן יאָר. אין דער אַלגעמיינער ביאָגראַפיע פון חי־וקיימס איז אַזוי אַרום די געשיכטע פונעם מין מענטש בלויז אַ פינטל מיטן אויג (ווי שטייט עס ערגעץ־ווו אין תלמוד? אָדם איז באַשאַפן געוואָרן גאַר־גאַר שפּעט, ערשט ערב שבת, כדי זיינע קינ־דער זאָלן זיך נישט קאָנען גרויסן; שטענדיק וועט מען זיי קאָנען דערמאָנען: „יתוש קדמך" — דער קאָמאַר איז געקומען אויף דער וועלט פאַר דיר).

אויב מיר זאָלן נעמען די צוועלף הונדערט מיליאָן יאָר זינט די ערשטע בלאַסע לעבנס־פאָרמען זענען אַנטשטאַנען אויפן ערד־קויל און זיי אָוועק־שטעלן אויף אַ ציפער־בלאַט, ווי ריטשי טוט עס, ווי צוועלף שעהן (רעכענענ־דיק הונדערט מיליאָן יאָר פאַר אַ שעה), וועלן די דרייסיק טויזנט יאָר פונעם מענטשנס עקזיסטענץ זיין, אין פאַרגלייך, נישט מער ווי אַנטדערטהאַלבן סע־קונדן — אַ גאַנץ נישטיקער פּעריאָד אין דעם אַלגעמיינעם צייט־שטראָם פון לעבעדיקע ברואים. אָבער אפשר האָט די נאַטור אַ באַשטימטע טענדענץ אין איר אַנטוויקלונג און מיר זענען עס דער סוף, דער רעאַליזירונגס־פּונקט פון יענער טענדענץ, דער תכלית צו וועלכן זי האָט געשטרעבט?

מ׳קאָן די נאַטור נישט אינטערוויוירן וועגן אירע ענדצילן, אָבער דער איינדרוק איז, אַז זי האַלט אין איין מאַכן עקספּערימענטן מיט זיך אַליין און... בלייבט שטענדיק אַן אומצופרידענע. קיין ענדגילטיקן „כי טוב" קאָן מען פון איר נישט הערן. גאַנצע אַכט הונדערט מיליאָן יאָר — צוויי דריטל פונעם גאַנצן לעבנס־פּעריאָד אויפן ערד־קוגל — האָבן עקזיסטירט בלויז נידעריקע לעבנס־פאָרמען, די אַזוי־גערופענע אינווערטעבראַטן (באַשעפענישן אָן אַ רוקנביין), ביז די נאַטור האָט זיך „דערטראַכט" צו עפּעס פיינערס — צו דעם חוט־השדרה. מיליאָנען און מיליאָנען יאָרן איז אונדזער יבשה געווען אין־גאַנצן אומבאַפעלקערט און אין די וואַסערן האָבן געלעבט די ה ע כ ס ט ע ברואים, וואָס די נאַטור האָט פון זיך געקאָנט אַרויסברענגען (דער „תכלית", ווי מען וואָלט דענסטמאָל געקאָנט אָננעמען, צו וועלכן זי האָט געשטרעבט און דערגרייכט), די פּרימיטיווע פיש. ערשט שפּעט, גאָר שפּעט, האָט זיך די נאַטור דערטראַכט צו די אַמפיביעס — צו די רוקנביין־ברואים וואָס זענען נאָך האַלב־פיש און האַלב־שרץ — וואָס האָבן זיך אָנגעפאַנגען פילן אַביסל היימיש אויף דער יבשה. און אַ פּופציק מיליאָן יאָר, איז זיך ריטשי משער, האָבן געמוזט ערשט נאָכדעם אַוועקגיין אויפסניי, ביז די נאַטור האָט אָפּגעהאַלטן אַ נייעם שעפערישן זיג און עס זענען אַנטשטאַנען די רעפּטילן, די שטאָלץ־קריכנדיקע, גדלותדיק־פילפיסיקע „שרצים ורמשים". די באַוווינטע וועלט, הייסט עס, האָט אין פאַרשידענע פּעריאָדן געהאַט פאַרשידענע מיוחסים און ליבלינגען, און ווען עס וואָלט געווען צוריק מיט אַ פּאָר הונדערט מיליאָן יאָר ווער עס זאָל פילאָזאָפירן אָדער שאַפן טעאָלאָגישע סיסטעמען, וואָלט ער מסתמא געזאָגט אַז די קוואַקעדיקע זשאַבע איז דער תכלית הבריאה און איר „לשון" די העכסטע קולטורעלע דערגרייכונג. אָבער נישט איין מיוחס איז שוין אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערדס פּנים און זיין פּלאַץ אָדער ראָלע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ נייעם ליבלינג פון דער נאַטור. ריטשי דערמאָנט אונדז, אַז „ערשט" צוריק מיט אַ 120 אָדער 150 מיליאָן יאָר האָבן איבער די ימים און דער יבשה געוועלטיקט ריזן־רעפּטילן, פון וועלכע אייניקע, ווי, למשל, דער דינאָסאַר, האָט דערגרייכט די הויך פון הונדערט פוס און געוויגן אַרום דרייסיק טאָן (אין ניי־זעלאַנד, אגב, האָט מען אַנטדעקט סימנים פון אַ פויגל, דינאָריס, וואָס האָט אַמאָל שטאָלצירט מיט זיין הויך פון פערצן פוס). קיין אַנדער באַשעפעניש האָט זיך מיט זיי ניט געקאָנט, דוכט זיך, פאַרמעסטן אין קאַמף פאַר לעבן, און יענע ברואים זענען זיכער אַ לאַנגע צייט געווען די דערפאָלגרייכסטע „אימפּעריאַליסטן" אויפן גאַנצן ערד־קוגל. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן געלעבט און זיך געמוטשעט אויך קליינינקע און שוואַכע מויזאַרטיקע ברואים, וואָס האָבן זיך פּחדנותדיק געמוזט באַהאַלטן אין אונ־

טערערדישע לעכער, און פון זיי איז עס שפּעטער אַרויסגעקומען די גרויסע גרופּע פון די מאַמאַלס (די זויג־חיות). און וואָס איז געווען דער סוף? די הערשער־ראַסע פון די דינאָסאָרן איז מיט דער צייט אינגאַנצן אונטערגע־גאַנגען און פון די מויזאַרטיקע באַשעפענישן האָט דעם לעבנס־אימפּעט און דער נאַטורס „קינסטלערישע פאַנטאַזיע״ אַרויסגעבראַכט אַלץ העכערע און העכערע ביאָלאָגישע טיפּן מיטן מ ע נ ט ש ן אַלס זייער דערפאָלגרייכסטע רעפּרעזענטאַנץ.

אָבער וואָס קומט ווייטער? איז עמעצער פאַראַן וואָס קען זאָגן דער נאַ־טור: „עד כאן״ — אין מענטשן האָסטו שוין דערגרייכט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, איצטער האָסטו שוין מער נישט וואָס צו ווענדן און ס׳איז שוין צייט, דו זאָלסט אַרויפלייגן אַ שלאָס אויף דיין לאַבאָראַטאָריע?

ריטשי נעמט אָן, אַז די באַלעבטע וועלט האָט נאָך צו לעבן אַן ערך אַזוי פיל וויפיל זי האָט שוין געלעבט ביז אַהער — אַן ערך אַ צוועלף הונדערט מיליאָן יאָר. אויף וואָס זיין חשבון שטיצט זיך, איז נישט קלאָר. לויט דעם נישט לאַנג־פאַרשטאָרבענעם אַליוועך לאַדזשס קאַלקולאַציעס איז דעם קעניג־רייך פון לעבן באַשערט אַ סך מער אריכות ימים. די זון פאַרברויכט טאָקע יעדע סעקונדע אַ קיימאַ־לן פון פיר מיליאָן טאָן פון איר אייגענעם שטאָף, אָבער זי איז אַזוי ריזיק־גרויס, אַז כדי זי זאָל פאַרלירן בלויז איין פּראָצענט פון דער שטאָף־מאַסע, פון וועלכער זי באַשטייט היינט, דאַרף זי נאָך שיינען און וואַרעמען אַן ערך הונדערט און פופציק טויזנט מיליאָן יאָר. אָבער וואָס איז דער אונטערשיד, וו ע ן דער לעצטער פונק לעבן אין אונדזער אוני־ווערס, אָדער אינעם איצטיקן גילגול פון אונדזער אוניווערס, וועט אויסגע־לאָשן ווערן? פּראָפעסאָר מיליקאַן, למשל, איז אין דעם פונקט אַ גרויסער אָפּטימיסט: זיין השערה איז אַז די זון האַלט זיך אין איין קאָמפּענסירן פאַר אירע פאַרלוסטן פון שטאָף און ענערגיע, אַז, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, ווערט זי אויך אָן אַן אויפהער (לאָמיר ניט פרעגן, פון וואַנען) „געשפייזט״, אָדער אַז זי מאַכט זיך חרוב בלויז אויף אַזויפיל וויפיל זי האָט אַ מעג־לעכקייט זיך ווידער־אויפצובויען. אָבער אַלץ־איינס, וואָס פאַר אַ השערות מען זאָל נישט אָננעמען און ווי אַזוי מיר זאָלן נישט קאַלקולירן, איז פאַראַן אַ גרונט צו דענקען, אַז לעבן אויף אונדזער פּלאַנעט האָט נאָך אַ צוקונפט, וואָס איז יעדנפאַלס נישט קלענער, אין זין פון צייט, ווי די פאַרגאַנגענהייט. מיט וואָס זשע וועלן אויסגעפילט ווערן יענע הונדערטער און הונדערטער מיל־יאָנען יאָרן, וואָס אונדז (אָדער עמעצן אַנדערש) שטייט נאָך פאַר צו לעבן? עס איז נישטאָ קיין יסוד צו טראַכטן, אַז די נאַטור האָט שוין געזאָגט איר לעצט וואָרט און אַז זי קאָן איצט צוגעגליכן ווערן צו איינעם וואָס איז פאַר־

נומען נאָר מיט קוק אויף צוריק און „שניידן קופּאָנעס“ פון זיינע אַמאָליקע דערגרייכונגען. עפּעס וועט זי נאָך טאָן און אויפטאָן, און ריטשין לייגט זיך אויפן שכל, אַז אין דעם גאַנצן ראָמאַן פון ביאָלאָגישן שטורעם־און־דראַנג זענען נאָך די וויכטיקסטע און די צומיינסט אינטערעסאַנטע קאַפּיטלען נישט אָנגעשריבן. עס קאָן זיין, אַז אויך דער מין מענטש איז בלויז איינער פון די אומצייליקע עקספּערימענטן פון דער נאַטור מיט איר שטענדיקן שעפּרישן אומרו און איר רייכער פאַנטאַזיע, אַז זי איז ווייט נישט גליקלעך מיט די רעזולטאַטן אויך פון דעם דאָזיקן עקספּערימענט, און אַז נאָך דעם „מדבר“ פון די לעצטע דרייסיק טויזנט יאָר, וואָס די נאַטור באַטראַכט אפשר פאַר אַ נישט גאַנץ געלונגענער קאָמפּאָזיציע, וועט אַנטשטיין אַן אַנדער, אַ העכער באַשעפעניש, אַ בייער מיוחס און ערדקוגל־באַהערשער. וואָס, ס׳איז אוממעג־לעך? ווייל מענטש פאַרמאָגט אַזאַ קאָמפּליצירטן אָרגאַניזם ווי מאַרך, און מאַרך, כידוע, געגנערירט אינטעלעקט און העכער פון אינטעלעקט קאָן שוין נישט זיין? אויב די נאַטור האָט אויך אַ חוש פאַר הומאָר און איראָניע, אַמור־זירט זי זיך זייער פון אַזאַ טענה. זי פילט, אַז זי קאָן נאָך שאַפן גאָר אַן אַנ־דער מאַרך, וואָס אין פאַרגלייך מיט אים זאָל אונדזער איצטיקער מאַרך אויס־קוקן ווי אַ שטיק פאַרטאַטשנע מלאכה, אָדער גאָר — דענקנדיקע, פילנדיקע און מיט ווילן באַשאָנקענע ברואים אָן אַ מאַרך אינגאַנצן. די איין־צעליקע אָרגאַניזמען, ווען זיי וואָלטן פאַרמאָגט די פעיִקייט צו דענקען, וואָלטן אַמאָל מסתמא באַהויפּטעט אַז פיל־צעליקייט איז אַ משונהדיקע פאַנטאַזיע, אַן אומ־מעגלעכקייט.

***

עס איז אפילו נישט פאַראַן קיין גאַראַנטיע אַז באַשעפענישן וואָס גייען נישט אונטער אין קאַמף פאַר לעבן מוז שטענדיק פּראָגרעסירן, זיך פאַרפּיי־נערן, דערגרייכן אין זייער אַנטוויקלונג העכערע מדרגות און ווערן גייסטיק רייכער. עוואָלוציע איז נישט דאָס זעלביקע וואָס פּראָגרעס. זי קאָן זיין אויך רעגרעס און אַפילו דעגענעראַציע. פּ. ד. אוספּענסקי (אין זיין „איי ניו מאָדעל אָוו דהי יוניווערס“) ווייזט אונדז אָן אויף די אינסעקטן, וואָס ווייזן אַרויס אין זייער געבוי און אינעם געבוי פון זייערע איינצלנע חלקים און אָרגאַנען פאָרמען, וואָס זענען אָפט פּערפעקטער ווי די, וואָס מיר באַגעגענען אין דער סטרוקטור פון אַזוי גערופענע העכערע חיות און פונעם מענטשן. ער איז דער־כאָר געצוווּנגען צו דענקען, אַז אינסעקטן האָבן הינטער זיך אַן אומגעהייער רייכע פאַרגאַנגענהייט („אַ קולטור“) און אַז זיי האָבן מיט דער צייט דעגע־נערירט. די שטוינענדיקע אָרדענונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון סאָציאַלן לעבן ביי בינען און מוראַשקעס און זייער אידעאַלער קאָמוניסטישער רעזשים זענען

באַװײַזן פֿון זײער אַמאָליקן רײַכן אינטעלעקטועלן לעבן. מ׳קאָן זיך פֿאָר־שטעלן, מײנט אוספּענסקי, אַז סײ בינען און סײ מוראַשקעס האָבן אַמאָל דערגרײכט אַ הויכע, כּמעט אַ זײער אײַנזײַטיקע קולטור, װאָס איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פֿון „פּראָפֿיט־און־ניצלעכקײט״־װערטן און פֿון ראַציאָנאַלע אײסרעכענונגען, נישט לאָזנדיק קײן פּלאַץ פֿאַר פֿאַנטאַזיע און, װי דער רוסיש־ענגלישער דענקער װיל זיך אויסדריקן, פֿאַר „מיסטיציזם״. זײ האָבן אָרגאַניזירט זײער גאַנץ לעבן אויף פּרינציפּן פֿון זײערן אַ „מאַרקסיזם״, װעלכן זײ האָבן באַטראַכט פֿאַר עקזאַקט און װיסנשאַפֿטלעך. זײ האָבן פֿאַרװירקלעכט כּמעט ביז די לעצטע קאָנסעקװענצן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפֿט, װאָס האָט אינגאַנצן אונטערגעאָרדנט דעם יחיד צו די אינטערעסן פֿונעם „שטאַט״, און האָבן דערמיט אָפּגעשאַפֿט פֿאַרן יחיד װעלכע ניט איז מעגלעכקײט צו אַנטװיקלען זײַנע אינדיװידועלע פֿעיִקײטן און אַספּיראַציעס. און באמת, װען מיר באַטראַכטן אַ בינשטאָק אָדער אַ מוראַשקע־בערגל, זעען מיר דערשטױנט איבער אַן אומגעהײַערער סתּירה אין לעבן פֿון זײער באַפֿעלקערונג. פֿון אײן זײַט, באַװוּנדערן מיט דעם גרויסן סכום אינטעליגענץ און פּינקטלעכקײט אין קאַלקולאַציע, װאָס ליגן אין יסוד פֿון זײער אָרגאַניזאַציע; פֿון דער אַנדערער זײַט (אויף װיפֿל מיר מעגן גלויבן, אַז אונדזער באַאָבאַכטונג פֿאַרפֿירט אונדז נישט), זעען מיר איבעראַשט צו זען, אַז אין די אַקטיװיטעטן אָדער פֿונקציעס פֿון יעדן יחיד באַזונדער איז כּמעט נישט פֿאַראַן קײן זכר פֿון אינטעליגענץ. די מדינה איז פֿול מיט חכמה, נאָר יעדער אײנצלנער בירגער איז אַ גולם. די גרויסע אינטעליגענץ, װאָס מיר זעען, למשל, אין די פּראָדוקציע־מעטאָדן בײַ בינען, אין דעם פּרינציפּ פֿון אַרבעטס־טײלונג װאָס זײ װענדן אָן, אין זײער דיסציפּלין און סאָציאַלע שײַכותן, שטײט בלויז אין הינטערגרונט פֿון זײער װירקלעכקײט אָבער נישט אין דער טאָג־טעגלעכער אויספֿירונג. אַמאָל, אין אַ זײער װײַטער פֿאַרגאַנגענהײט, האָבן זײ פֿאַרמאָגט אינטעלעקט און חכמה, װאָס איז שפּעטער פֿאַרגליװערט געװאָרן אין אינסטינקטן, פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ סכום געװױנהײטן און אויטאָמאַטישקײטן. אוספּענסקי איז אפֿשר גערעכט, װען ער האַלט, אַז אין אַ בינשטאָק אָדער אין אַ מוראַשקע־רעפּובליק װאָלט „אינטעליגענץ״ איצטער נישט נאָר געװען נוצלאָז, נאָר אפֿילו שעדלעך. אינטעליגענץ איז אומפֿעיִק איבערצוגעבן פֿון דור צו דור געזעצן, רעגולאַציעס און אַרבעטס־מעטאָדן מיט דער זעלביקער עקזאַקטקײט. אינטעליגענץ קאָן לײַכט עפּעס פֿאַרגעסן אָדער פֿאַרדרײען, אָדער גאָר צוגעבן עפּעס נײַעס, װאָס איז עלול צו דעבאַלאַנסירן דעם אָנגענומענעם נוסח. בינען און מוראַשקעס האָבן דערפֿאַר אינגאַנצן פֿאַרטריבן אינטעליגענץ פֿון זײערע קעניגרײַכן, כּדי נישט געשטערט װערן אין

זייער איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטער ראַציאָנאַלער טעכנאָלאָגיע און סאָציאַליסטישער לעבנסאַרט. די אינטעליגענץ איז קריסטאַליזירט געוואָרן אין סאָציאַלע געוווינהייטן און מיט דער צייט האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי זיי אַן אַבסאָלוט טאָטאַליטאַרער לעבנס־שטייגער, אין וועלכן דאָס ביאָלאָגיש־שעפֿערישע איז ווי פֿאַרניכטעט געוואָרן כדי צו מאַכן פּלאַץ פֿאַרן סאָציאָלאָגישן פּרינציפּ פֿון פּלייסיקער, רעגימענטירטער אַרבעט אונטערן צייכן פֿון גייסטיקער סטאַגנאַציע. אין דעם צוזאַמענהאַנג איז אינטערעסאַנט זיך צוצוהערן צו מאָריס מעטערלינקן אין זיין בוך וועגן די טערמיטן (די אַזוי־גערופֿענע ווייסע מוראַשקעס):

„זייער ציוויליזאַציע איז די צומיינסט אינטריגירנדיקע, קאָמפּליצירטע, אינטעליגענטע און, אין אַ געוויסן זינען, אויך די צומיינסט לאָגישע און צוגעפּאַסטע צו די לעבנס־שוועריקייטן, וואָס איז ווען עס איז אַנטשטאַנען אויפֿן ערדקויל. אין געוויסע פּרטים איז די דאָזיקע ציוויליזאַציע, כאָטש זי איז אכזריותדיק מאוימדיק־שטרענג און אָפֿט אָפּשטויסנדיק, העכער פֿון אַלץ וואָס מיר זעען ביי בינען, ביי (געוויינלעכע) מוראַשקעס און אפֿילו ביים מ ע נ ט ש גופֿא... אין די טערמיטן־מלוכות זענען די „געטער פֿון קאָמוניזם״ מולכס, וואָס זעטיקן זיך קיינמאָל נישט אָן. וואָס מער מ׳גיט זיי, אַלץ מער פֿאָדערן זיי. זיי באַשטייען אַזוי שטאַרק אויף זייערע פֿאָדערונגען, אַז דער יחיד ווערט ווי פֿאַרניכטעט. די דאָזיקע שרעקלעכע טיראַניע האָט נישט איר ביישפּיל אין אָרגאַניזירטן לעבן פֿון מענטשן. פֿון אונדזער טיראַניע פּראָפּיטירט, לכל הפּחות, אַ קליינע צאָל מענטשן, בשעת אין דער טערמיטן־מלוכה פּראָפּיטירט קיינער נישט... דאָס פּריוויליקע זיך־אונטערוואַרפֿן די געזעצן און רעגולאַציעס, וואָס מען ווייסט נישט פֿון וואַנען זיי קומען, האָט נישט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט... קראַנקייט איז ניט טאָלערירט (דער קראַנקער קאָן דאָך נישט אַרבעטן) און שוואַכקייט טראָגט מיט זיך אויטאָמאַטיש אַ טויט־אורטייל... די דאָזיקע אינסעקטן־שטעט קאָנען באַטראַכט ווערן אין אַ געוויסער מאָס ווי אַ שאַרזש אויף מענטשן, ווי אַ מין קאַריקאַטור אויפֿן ערדישן גן־עדן ,צו וועלכן די מייסטע ציוויליזירטע מענטשן שטרעבן״. מעטערלינק גייט אַזוי ווייט ווי אַרויסצוזאָגן אַ מעלאַנכאָלישע השערה, אַז די טערמיטן זענען די אָנזאָגער אָדער די פֿאַרגייער פֿון מענטשלעכן שיקזאַל — אַז מיט דער הילף פֿון אונדזער אינטעלעקט און טעכנאָלאָגישער וויסנשאַפֿט זאָלן מיר אַזוי שטאַרק ראַציאָנאַליזירן דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן און רעגימענטירן דעם יחיד, אַז אינטעליגענץ זאָל אין אונדז מיט דער צייט אויסגעלאָשן אָדער אַטראָפּירט ווערן, ווייל מען וועט זיך קאָנען באַגיין בלויז מיט אינסטינקט־געוואָרענע האַנדלונגס־געוווינהייטן. (דאָס טעילאָר־סיסטעם און

פֿאַרדיזם אין אינדוסטריע, סאָוועטיזם און נאַציזם אין פּאָליטיק און קולטור, זענען אפשר, אויב מ׳זאָל אָננעמען מעטערלינקס פּראָגנאָז־רמזים, די ערשטע סימנים פון אַזאַ רעגימענטאַציע, וואָס דאַרף מיט דער צייט אויסלעשן אין אונדז שעפערישן גייסט און אינדיווידועלע אייגנשאַפטן). אויב דאָס זאָל פּאַסירן — כאָטש ס׳איז לחלוטין נישטאָ קיין גרונט אָנצונעמען אַז אַזאַ טענדענץ פון געברויכן גייסט פאַר זיין אייגענער פאַרניכטונג איז אַ פאַטאַלע גזירה — וועט די נאַטור האָבן נאָך ווייניקער גרונט צו זיין צופרידן מיט איר עקספּערימענט, און איר „אומצופרידנקייט" קאָן זי נאָך מער סטימולירן אַרויסצוברענגען נייע לעבנס־אַרטן, וואָס זאָלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין אונדזער פּלאַנעט־אכסניא...

***

דאָס זענען נאַטירלעך — ספּעקולאַציעס, בלויז ספּעקולאַציעס. קיינער קאָן נישט באַווייזן אַז ס׳איז טאַקע פאַראַן אַזאַ וועזן ווי „נאַטור" אַלס אַן איינהייט א י ן ז י ך און אַז דאָס דאָזיקע וועזן וויל עפּעס, זוכט עפּעס, זאָגט איינמאָל „כי טוב", אַן אַנדער מאָל „כי רע", כדי נאָכאַמאָל און אָבעראַמאָל זיך אַריינצולאָזן אין נייע עקספּערימענטן. דאָס זענען אַלץ „פּראָיעקציעס", אין וועלכע אונדזער פאָרשטעלונגס־קראַפט שפּילט די הויפּט־ראָלע, אָבער אָן די דאָזיקע „פּראָיעקציעס" קאָנען מיר זיך נישט באַגיין אפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אונדזערע אַזוי־גערופענע עקזאַקטע וויסנשאַפטן. די לערע פון עוואָלוציע, יעדנפאַלס ביי אינטענסיוו דענקנדיקע מענטשן פון אונדזער צייט, האָט אַרויסגערופן די פראַגע פון „וואָס ווייטער?" אָדער „וואָס איז דער נאָענטסטער שטאַפּל?" — און אַלץ איינס צי מען קאָן אויף אַזאַ פראַגע ענטפערן אָדער נישט, זיך באַפרייען פון איר ווערט אַלץ שווערער. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס ביי ניטשען, למשל, איז זיין גרויסע באַגייסטערונג פאַרן דאַרוויניזם געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט זיין זאַראַטוסטראַטרוים, מיט זיין וויזיע פונעם „איבערמענטשן" — און איבערמענטש האָט דאָך ביי אים געהייסן נישט אַזוי פיל אַ פאַרפולקאָמונג און אַ פאַרפיינערונג פונעם איצטיקן מענטשן, ווי אַ ניי באַשעפעניש וואָס וועט שטיין איבער דעם מענטשן, העכער פון אים און וועט זיין פריי פון זיין באַגרענעצונג:

„איך לערן אייך דעם איבערמענטשן. מענטש איז עפּעס וואָס מע דאַרף גובר זיין... וואָס איז די מאַלפּע פאַרן מענטשן? אַ שטיק שפּאָט און אַ וווּנד־חרפּה. אָבער דאָס זעלביקע וועט זיין דער מענטש פאַרן איבערמענטשן — אַ שטיק שפּאָט און אַ וווּנד־חרפּה... אַפילו די פון אייך וואָס פאַרמאָגן צום־מיינסט ווייזהייט זענען בלויז צעריסנקייט, אַ מין כלאים פון פלאַנץ און מי־

ראַזש... דער מענטש איז אַ שטריק איבער אַ תהום... דאָס גרויסע אינעם מענ־טשן איז גראָד דאָס, וואָס ער איז אַ ב ר י ק און ניט קיין צ י ל״.

ניטשע איז לויט זיין טעמפּעראַמענט נישט געווען קיין וויסנשאַפטלער און קיין סיסטעמאַטיקער. ער האָט אָבער געטראָגן אין זיך גענ־אַלע וויזיעס, און דער איבערמענטש איז פאַר אים געווען אַ ליידנשאַפטלעכע אינטויציע און אַ... פאַרויס־געפיל. אָבער גראָד ווייל ער האָט דאָס, וואָס עס קומט נאָך דעם מענטשן און איבער דעם מענטשן אַזוי פיבערדיק פאַרויסגעפילט, וואָלט ער מסתמא היינט שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן די ספּעקולאַציעס פון אַ ריטשי אָדער אַ מעטערלינק, וואָס שטעלן זיך פאָר די ירידה און דעגענעראַציע פונעם מענטשן און די אַנטשטייונג פון אַ נייער בריאה אַ נ ש ט א ט דעם מענטשן. ניטשעס איבערמענטש דאַרף געשאַפן ווערן נישט אַנשטאָט און אָן דעם מענ־טשן, נאָר פ ו ן און ד ו ר ך דעם מענטשן. די ערשטע, כאָטש שוואַכע און בלאַסע, סימנים פונעם איבערמענטשן זענען שוין פאַראַן — אינעם מענטשן גופא: אין זיין גייסטיקן גראַנגל אַרויסצוגיין פון זיינע גרענעצן און באַגרע־נעצטקייטן, פון די ד׳ אמות מענטש און צופיל מענטש; אין זיין קונסט און רעליגיע; אין זיין טראַגישער צעריסנקייט און אפשר מער פון אַלעמען אין די כוואַליעס פון מוזיק וואָס ברויזן אַריבער די ברעגעס פון זיין בלויז־מענטש־זיין.

***

איך געדענק נישט ווער עס האָט דאָס געזאָגט (און אפשר ווילט זיך מיר בלויז, אַז עמיצער זאָל דאָס האָבן געזאָגט):

אין באַלעט, אין אָפּערע, אין מוזיקאַלישער דראַמע זע איך אָפטמאָל אַ קליינינקן חלק פון אָן אחד מששים פון אַ באַשעפעניש וואָס דאַרף ערשט אַנטשטיין, וועגן וועלכן דער קינסטלערישער מענטש האָט אַ פאַרנעפּלטע, נאָבל־קרענקלעכע, נביאיש־נאָגנדיקע אָנונג. דאָס אומגעוויינלעכע, דאָס משו־נהדיק־פייערלעכע, דער ריטם און דאָס עצם אָטעמען פון מחוץ לדרך ה״שטיי־גער״ — דאָס זענען אפשר בלויז אויסגעהאַקטע פונקען פון אומבאַקאַנטע כּיפּעניש, רמזים אויף אַ לעבנס־נוסח פון אַ באַשעפעניש, וואָס די נאַטור חלומט שוין אויס אין און דורך דעם מענטשן.

1940

אַ רוף צו וויסנשאַפטלער

וואַלטער ראַטענאַו האָט אַמאָל, אין אַ געמיטלעכן שמועס, כאַ־ראַקטעריזירט די ראָלע פון וויסנשאַפט.

„וויסנשאַפט", האָט ער זיך אויסגעדריקט, „ווייסט שוין היינט זייער אַ סך, און מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט זי וויסן אַן ערך מער. זי ווייסט 'בלויז' נישט די פּאָר וויכטיקסטע זאַכן, וואָס מיר, בידנע מענטשלעכע ברוי־אים, דאַרפן וויסן, און פון יענע זאַכן, גלויב איך, וועט זי שוין קיינמאָל קיין באַגריף נישט קריגן. אייגנטלעך איז עס גאָר נישט איר אויפגאַבע יענע זאַכן צו וויסן, ווייל אין גרונט איז זי געגליכן צו אַ געאָגראַפישער מאַפּע. וואָס איז אַ מאַפּע? אויב איר האָט אַ באַשטימטן פּונקט אויפן ערדקוגל, וועלכן איר ווילט דערגרייכן, קאָן זי אייך געבן אַ גוטע עצה, וועלכער וועג צו יענעם פּונקט איז קירצער אָדער באַקוועמער. די מאַפּע קאָן אייך אָבער קיינמאָל נישט זאָגן, וועלכן פּונקט איר ד א ר פ ט ו ו ע ל ן דערגרייכן. איר איז אַלץ איינס, צי איר ווילט זיך אַוועקלאָזן צום עקוואַטאָר אָדער צום נאָרד־פּאָל. זאָלט איר בטבע זיין אַ פוילער און בכלל נישט האָבן קיין חשק זיך צו רירן פון אָרט, נעמט זי זיך נישט אונטער אַזאַ חשק אין אייך אַרויסצורופן. נישט זי וויל עס, נישט זי איז דערצו מסוגל".

ראַטענאַו האָט זיכער דערמיט נישט פּרעטענדירט אַרויסצוזאָגן אַ נייעם געדאַנק. אין גרונט, וויפל לחלוטין נייע געדאַנקען קאָן מען עס בכלל אַרויס־זאָגן אין אַזאַ קורצער צייט ווי אַ יאָר־טויזנט? אַז דער אינטעלעקט, אַט דער רירעוודיקער און, ווי מיר ווילן גלויבן, אויך געוויסנהאַפטיקער אינזשיניער פון אַלע אונדזערע וויסנשאַפטלעכע בנינים, איז נישט דער איינציקער, אפילו נישט דער וויכטיקסטער בעל־הבית אין דעם ווירוואַר פון אונדזערע לעבנס־פּראָצעסן, האָבן אונדז פאַר ראַטענאַו אָנגעזאָגט גרעסערע און קרעפטיקערע דענקער פון אים. אַז דער אינטעלעקט און צוזאַמען מיט אים זיין „פּראָדוק־ציע", די וויסנשאַפט, איז מער ש מ ש ווי ג ב א י, איז אַ טעזיס וואָס בערגסאָן האָט אים געמאַכט כמעט פאַרן פונדאַמענט פון זיין גאַנצער פילאָ־סאָפיע, אויף אַן ענלעכער הנחה איז, אין לעצטן חשבון, אויפגעבויט אויך פרוידס גאַנצע שיטה אין פּסיכאָלאָגיע, און צענדליקער יאָרן פאַר זיי האָט שאָפּענהאַוער, אויף זיין אופן, פונאַנדערגעוויקלט פאַר אונדז אַ וועלט (אָדער, ווי ער האָט געמיינט, ד י וועלט), וואָס איר יסוד איז ווילן און פאַרשטע־לונג, נישט דענקען און וויסן. איך ציטיר דאָ ראַטענאַו בלויז דערפאַר, וואָס

ער האָט געפֿונען אַ פּאָפּולערע, בילדלעכע פֿאָרעם פֿאַר דעם דאָזיקן ניט־נייעם געדאַנק.

איך האָב דערפֿאַר געלייענט מיט אַ שמייכל אַן אַרטיקל — אין גרונט, אַ מין אויפֿרוף צו די וויסנשאַפֿטלער, אַז זיי זאָלן זיך מרחם זיין אויף דער וועלט און זי ראַטעווען פֿון אַ מעגלעכן אונטערגאַנג. ר י כ אַ ר ד ש ל ע ג ע ל (פֿון דער פֿיזיקאַלישער לאַבאָראַטאָריע ביי דער פּרינסטאָן אוניווערסיטעט) פֿילט, אַז מיר האָבן זיך נעבעך אַלע אַריינגעפּאַקט אין אַ גרויסער צרה מיט דער דערפֿינדונג פֿון דער אַטאָמישער באָמבע. ער איז מיט זיין שרעק, ווי מיר ווייסן, ווייט ניט קיין בן־יחיד. די אַטאָם־ענערגיע־פּאַניק וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מערער, און שטאַטסלייט ווייסן נישט, וואָס פֿאַר אַן עצה מ׳קאָן זיך דאָ געבן. קומט אַרויס דער דערמאָנטער שלעגעל מיט אַן אויפֿרוף „וויסנשאַפֿטלער פֿון דער וועלט, פֿאַראייניקט אייך״. איר (אָדער ווי שלעגעל מעג זאָגן — מיר), וויסנשאַפֿטלער, האָט די באָמבע דערפֿינדן, איז עס אייער חוב איצטער די וועלט צו ראַטעווען פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע, צו וועלכער אייער דערפֿינדונג קאָן ברענגען.

דער משקל איז אַ באַקאַנטער. ווי לאַנג צוריק האָט עס געקלונגען אין די אויערן אין אַזוי פֿיל לענדער? „פּראָלעטאַריער פֿון דער וועלט, פֿאַראייניקט אייך״. די ישועה האָט געזאָלט קומען פֿונעם יגיע־כּפּימניק, פֿונעם אָרעמען האָרעפּאַשניק. אַמאָל — גאָר נישט לאַנג צוריק — איז געווען קלאָר פֿאַר יעדן סאָציאַליסטישן מאמין, אַז זאָלן נאָר פּראָלעטאַריער וועלן, וועט קיין מלחמה נישט קאָנען פֿאָרקומען: פּשוט בתכלית הפּשטות, אויב זיי זאָלן זיך איינשפּאָרן און זיך אָפּזאָגן פּראָדוצירן געווער און אַמוניציע, וועט נישט זיין מיט וואָס זיך איינער דעם אַנדערן צו ממיתן. ווער קאָן אַפֿילו היינט זאָגן, אַז דער חשבון איז אַ פֿאַלשער? אָבער פּראָלעטאַריער האָבן זיך איינגעשפּאַרט און האָבן, אומעטום ווו מ׳האָט זיי געהייסן, געווער און אַמוניציע בפֿירוש יאָ פּראָדוצירט, און אַז ס׳איז געקומען די קריטישע שעה און מ׳האָט זיי באַפֿוילן אָנטאָן מונדירן און גיין אין די אַרמייען, האָבן זיי זיך זייער ווייניק געקווענקלט און — געגאַנגען: אין אַ ל ע אַרמייען, אין אַ ל ע לענדער, אונטער אַ ל ע ר ע ז ש י מ ע ן. אין לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט איז שווער אָנצוווייזן אַפֿילו אויף איין עבודה־זרה, צו וועלכער אויך פּראָלעטאַריער האָבן מיליאָנענווייז נישט געדינט. דאַרף, הייסט עס, איצטער דעם פּלאַץ פֿונעם באַנקראָטירטן האָרעפּאַשניק פֿאַרנעמען דער וויסנשאַפֿטלער? אַזוי, ווייזט אויס גלויבט שלעגעל. די וויסנשאַפֿטלער, זאָגט ער, זענען מער אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט ווי מענטשן פֿון אַנדערע פּראָפֿעסיעס, און זיי זענען עס די, וואָס זענען מסוגל צו שטעלן די לאָיאַליטעט צו מענטשהייט

און מענטשלעכקייט העכער פון ענגע נאַציאָנאַליסטישע אינטערעסן. זאָל מען איבערגעבן די אַטאָמישע באָמבע אין רשות פון וויסנשאַפטלער, (אין דעם פאַל — אין רשות פון פיזיקער און כעמיקער), זאָל מען שאַפן אַ מין אַל־וועלטלעכן וויסנשאַפטלעכן ראַט צו קאָנטראָלירן אומעטום די אַטאָם־ענערגיע — וועלן זיי שוין וויסן וואָס צו טאָן, אַז דער שלום פון דער וועלט זאָל נישט געבראָכן ווערן.

שלעגעל איז נישט דער איינציקער, וואָס זוכט די ישועה אין וויסנשאַפט און אין אירע טרעגער. די וועלט באָדט זיך נאָך אַלץ אין אַ תוהו־ובוהו פון בלוט און אייטער; אַלטע מלוכות זענען חרוב געוואָרן פאַר אונדזערע אויגן; ראַסן, פעלקער, שבטים זענען נאָך אַלץ גרייט דורס צו זיין, צו פאַרניכטן איינע די אַנדערע; איבער אונדזער גאַנץ שטיקל ציוויליזאַציע פאָכן די פליגל פונעם מלאך־המות; און דער סתם־מענטש איז אומעטום צעשראָקן (אָפטמאָל לאָזט ער זיך אַריין פאַר שרעק אין אַ פאַרדעכטיקער פריילעכקייט), אומעטום טעראָריזירט, צעמישט אין זיינע געדאַנקען און געפילן, צעריסן אין זיינע גלוסטענישן. אפשר קאָן וויסנשאַפט העלפן? מ'זאָגט אויף איר, אַז זי קאָן אַלץ. וויל מען זיך איינשמועסן, אַז זי איז מסוגל אַנצווייזן אַ וועג, אונדז צו אַנטפּלעקן אונדזערע אייגענע צילן, אויסצוהאָקן פאַר אונדז לוחות פון ווערטן, ברענגען די גאולה. אַלע טיפּן פון פּירערשאַפט און ממשלה, אַלע „קראַטיעס" האָבן שוין באַנקראָטירט, האָבן דעם מענטשן קיין גליק און קיין מקום־מנוחה נישט געגעבן. מיר האָבן פּרובירט טעאָקראַטיע, די כלומרשטע „ממשלה פון גאָט" — האָט זי פאַרפּלייצט די וועלט מיט אַקעאַנען בלוט; מיר האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַריסטאָקראַטיע, פון דעמאָקראַטיע און פון עטלעכע מינים דיקטאַטוראָקראַטיע, און די וועלט איז נאָך דעם אַלעמען נאָך מער צע־בלוטיקט און פאַרוווּנדיקט, אומזיכער און טעראָריזירט פון חשד און מורא. איז נישט געקומען די צייט פאַר אינטעלעקטאָ־קראַטיע, פאַר דער ממשלה פון וויסנשאַפט און אירע טרעגער (לאָמיר זיך דערמאָנען — ערשט נעכטן, דוכט זיך, האָבן מיר אים געהערט — אָט דעם פּאָפּולערן פּזמון פון טעכנאָ־קראַטיע)?

אָבער, במחילת כבוד ה'וויסנשאַפט — וואָס איז איר כוח? וואָס וויל זי? קאָן זי בכלל עפּעס וועלן? אָט איז אַרכיטעקטור אַ וויסנשאַפט (אויך אַ קונסט). וויל זי עפּעס? זי איז אייך גרייט צו בויען אַלץ וואָס איר ווילט. איר אַרט נישט, צי ווילט איר אויפבויען אַ טעמפּל אָדער אַ תפיסה, אַ שפּיטאָל אָדער אַ קאַבאַרעט, אַ אַפּערע־הויז אָדער אַ גאַז־קאַמער, אומצוברענגען מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן. זי איז אַזוי גלייכגילטיק ווי אַ בריוטרעגער; וואָס גייט עס אים אָן (פּראָפעסיאָנעל, מיין איך) וואָס אין בריוו שטייט —

א מזל־טוב אָדער אַ ברוך־דיין־אמת? וואָס גייט עס אָן די אָוויאַציע, צי מען בייט אָן עראָפּלאַן פאַר ערגעץ־ווו אַ פּאַרליבט פּאָרל, אָדער פאַר סאָל־דאַטן, וואָס וועלן פונעם עראָפּלאַן וואַרפן באָמבעס אויף קינדער, אויף פרויען, אויף זקנים, אויף שפּיטאָלן? די עובדה פון וויסנשאַפט איז צו דערגיין, וואָס עס „איז", וואָס עס „מוז זיין" (היינט לייגט מען נאָך צו: וואָס עס „קאָן זיין") — נישט וואָס עס „זאָל זיין". „זאָל" איז פאַר איר אַן אַבסאָלוט פרעמדער באַגריף. זי האָט מסתמא קיינמאָל דאָס וואָרט נישט געהערט. זי האָט גאָר קיין אויערן נישט אַזאַ וואָרט צו דערהערן.

איך ווייס פון אַ גוטן מאַטעמאַטיקער, אַ ישובניקס אַ זון. האָט אַמאָל זיין דאָרפישער פאָטער אַ פרעג־געטאָן ביים זון, ווער ער איז געקומען צו אים אויף יום־טוב, צי מעג מען על פי מאַטעמאַטיק עסן חמץ אום פסח. דער אַל־טער, תמימותדיקער ייִד האָט זיך געהאַט זיינע באַגריפן פון „לומדות", און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַ „תורה" — נו, אַפילו אַ גוייִשע תורה — וואָס האָט נישט צו טאָן מיט „מ'מעג" און „מ'טאָר נישט", מיט „מ'זאָל" און „מ'זאָל נישט". גאַנצע אָוונטן האָט זיך דער מאַטעמאַטיקער געמוטשעט מסביר צו זיין דעם פאָטער, אַז מאַטעמאַטיק קאָן האָבן, לאָמיר זאָגן, אַן אינטערעס פאַר דער קוואַדראַט־פאָרעם פון אַ מצה און פאַר דער קיילעכדיקייט פון אַ לעבל חמץ, אָבער וועגן אַזעלכע זאַכן ווי „אסור" און „מותר" ווייסט זי לחלוטין נישט. דער ישובניק האָט עס אַלץ נישט געקאָנט תופס זיין. אָבער — פאַלן נישט אַריין אייניקע בכבודיקע, טיטולירטע וויסנ־שאַפטלער אין דער „תמימות" פון יענעם דאָרפס־ייִדן, ווען זיי פאַרמעסטן זיך אַלס וויסנשאַפטלער צו לייזן סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלע־מען?

פּלאַטאָן האָט, אין זיין „רעפּובליק", געטרוימט וועגן אַ ממשלה פון פי־לאָזאָפן (פילאָזאָפיאָ־קראַטיע) — האָט עס ערגעץ־ווו, ריין־לאָגיש, געהאַט אַ זין. פילאָזאָפן זענען נישט קיין (אייגזייטיקע, פיקסירטע) „ספּעציאַליסטן", פילאָזאָפן, לויט זייער עצם־פונקציע, לעבן אין קעניגרייך פון ווערטן און צילן, נישט בלויז אין קעניגרייך פון פאַקטן, און אויך די פאַקטן גופא האָבן פאַר זיי אַן אַנדער באַדייטונג ווי פאַר וויסנשאַפטלער. פאַקטן, ווי זיי זעען זיי, פירן (אַזוי יעדנפאַלס דוכט זיך זיי) צום שורש פון דער וועלט, צום אור־שטאָף און צום אור־ווילן, צו מעשה־בראשית און צו דער כוונה פון מעשה־בראשית. פילאָסאָפיע איז נישט וויסנשאַפט. זי איז, אָדער זי וויל זיין, עפּעס וואָס איז העכער און מער „ממשותדיק" ווי וויסנשאַפט. איר אַמביציע, יעדנ־פאַלס, איז צו ווערן — חכמה. פאַר פּלאַטאָנען זענען פילאָזאָפן געווען נישט סתם געלערנטע, נישט קיין תלמידי־חכמים, נאָר חכמים ממש,

די טרעגער פון ווייזהייט. איז נאַטירלעך, וואָס אַן דער שפּיץ פון זיין אידעאַליר רעפּובליק האָט ער געוואָלט זען פילאָזאָפן, מענער פון ברייטע סינטעזן, באַשאַנקען מיט זעעוודיקייט. אמת, פּלאַטאָן האָט זיך „נישט געגומען די טירחה" אַנצוווייזן, ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען, די פילאָזאָפן וועלן ווען עס איז קריגן די ממשלה. דורך אַלגעמיינע וואַלן? דעמאָלט דאַרף דאָס פאָלק גופא פאַרמאָגן אַזוי פיל חכמה, אַז עס זאָל וויסן, ווער עס זענען די עטליכע געציילטע אמתע חכמים פונעם לאַנד. אָבער „מבינות" אויף חכמה איז שוין אַליין אַ גאָר־גאָר הויכע מדרגה — טאָקע פון חכמה גופא. וועלן די פילאָזאָפן זיין דיקטאַטאָרן? ווי אַזוי? מיט וואָסער וואָפן אָדער מיטלען וועלן זיי אַרייַנקריגן אין די הענט דיקטאַטאָרישע מאַכט? אויף דעם איז קיין ענטפער נישט געגעבן געוואָרן. אָבער דער עצם־געדאַנק, ריין־אַבסטראַקט, איז פאַר פּלאַטאָנען געווען אַ קלאָרער. ס'איז פאַראַן אַן אידייע פונעם העכסט־גוטן, פון אַ „כי טוב", וואָס קאָן נישט אָפּגעפרעגט ווערן, און נאָר די וואָס האָבן יענע אידייע תופס געווען אין איר גאַנצער קראַפט און אין דעם ליכט, וואָס זי קאָן אויסשטראַלן אויף אונדזער עולם התחתון — פילאָזאָפן — זענען ראוי צו פירן אַ מלוכה, די וועלט בכלל.

אָבער וויסנשאַפטלער זענען נישט קיין פילאָזאָפן. אין גרונט טאָרן זיי גאָר קיין פילאָזאָפן נישט זיין. זיי האָבן נישט קיין רעכט אַנצווווענדן (אין דער ספערע פון זייער ספּעציעלער אַרבעט) דאָס, וואָס מיר באַצייכענען אַלס „ווערט־מאָסשטאַבן". און בלייבן זיי אין די גרענעצן פון פאַקטן און געזעצן, אין תחום־המושב פון „איז" און „קאָן זיין" און „מוז זיין", פון וואַנען קאָן זיך ביי זיי נעמען אַ „זאָל זיין" — צילן, ווערטן, אידעאַלן? „יהי" (עס זאָל זיין) שטייט גאָר נישט אין ווערטערבוך פון דער וויסנשאַפט.

נאַטירלעך, אויך אַ וויסנשאַפטלער (אַלס פּערזאָן, נישט אַלס פאַכמאַן) קאָן זיין אַ טרעגער פון צילן, אַ טרוימער, אַן עסטעטיקער, אַ בעל־מוסר, אַ מוכיח. אָבער דאָס האָט ווייניק צו טאָן מיט זיין „בראַנזשע". אַ וויסנשאַפטלער, למשל, קאָן אויך זיין אַ קעמפער פאַר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער גלייכקייט, און ווערט ער מיט אַזעלכע אידעאַלן דורכגעדרונגען, קאָן ער אַמאָל וויסן בעסער פון אַנדערע — ווייל ער איז אַ וויסנשאַפטלער — ווי אַזוי זיי צו פאַרווירקלעכן אין לעבן. אָבער דעם עצם־אידעאַל פון גלייכקייט קאָן ער פון דער וויסנשאַפט נישט אַרויסקריגן. יענער אידעאַל מוז קומען גאָר פון אַנדערע מקורות — פון זיך אַליין, פון אינעווייניק, פונעם „חלל העולם", פון „הפקר". מאַרקס האָט אַלס וויסנשאַפטלער געקאָנט באַווייזן דעם ענין „מערוועדט", וואָס דער קאַפּיטאַליסט קריגט אַריין אין זיינע הענט אין אונדזער מאָדערנער ווירטשאַפט. אָבער דער ווילן אָפּצושאַפן אַ סיסטעם, אין

וועלכער איינער שאַפט דעם „מערוועדט״ און דער אַנדערער נעמט אים צו פאַר זיך, האָט מיט וויסנשאַפט נישט צו טאָן. ווייל יענער ווילן שפּייזט זיך פונעם געפיל און פון דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַן ע ו ו ל ה און וואָס ווייסט וויסנשאַפט וועגן עוולות אָדער מעשים טובים?

אויב מיר האָבן היינט אַזוי מורא פאַר אַטאָמישער ענערגיע, דאַרפן מיר וויסן וואָס מיט איר צו טאָן און מיט וועלכע פ אָ ל י ט י ש ע מיטלען זי צו קאָנטראָלירן, כדי זי זאָל אונדז אַלעמען נישט חרוב מאַכן. אָבער אי־בערגעבן דעם ענין צו וויסנשאַפטלער, זיך פאַרלאָזן אויף זיי ב ל ו י ז ווייל זיי זענען וויסנשאַפטלער? אויך זיי דאַרפן אין אַ סך פאַלן קאָנטראָלירט ווערן, און זייער אַ סך ווענדט זיך אָן דעם, אין רשות פון וואָס פאַר אַ רעגירונג זיי ווערן אָוועקגעשטעלט, און וואָס זענען זייערע אַלגעמיינע פּאָליטישע אני־מאמינס, און אין וועלכער מאָס זענען זיי ווי אַ וועלט־בירגער גרייט צו דער־פילן זייערע פליכטן. לאָמיר נישט פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ ראָלע גרויסע צאָלן דייטשע וויסנשאַפטלער האָבן געשפּילט אין צוגרייטן די מיליטערישע נאַצי־מאַשין פאַר דער לעצטער מלחמה...

***

אַראָפּ דאָס היטל פאַר יעדן כהן פון יעדער וויסנשאַפט: אָבער כהונה איז „עבודה״ נאָר ווען הינטער איר און א י ב ע ר איר שטייט נבואה. אָן נבואה קאָנען כהנים לייכט ווערן משרתים ביי דער עבודה־זרה. זיי זענען עס שוין נישט איינמאָל געווען...

1938

וויליאַם דזשעימס

די אַקאַדעמישע וועלט אין אַמעריקע האָט די טעג געפייערט דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון וויליאַם דזשעימס. ווען די צייטן וואָלטן געווען רויקער און מענטשלעכער, וואָלט די געלעגנהייט פון אַזאַ יאָרצייט זיכער אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ ריין־פילאָסאָפישן חשבון־הנפש: מען וואָלט גע־זוכט אַ סך טיפער צו גראָבן אין דער ליטעראַרישער ירושה פונעם אַמעריקאַ־נער פילאָזאָף, אָפּצושאַצן זיין באַדייטונג פאַר דער מאָדערנער פסיכאָלאָגיע און צו ענטפערן אויף דער פראַגע, אויף וויפל מיר קאָנען נאָך היינט — הע־כער דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט — זיך שפייזן מיט זיינע מעטאַפיזישע ספּעַ־קולאַציעס. אָבער אויך מענטשן וואָס געהערן צום „פאַך" זענען איצטער נישט מסוגל זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַזעלכע ענינים, און ווי איך זע פון די באַ־ריכטן, האָט מען אין אַ צאָל אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן אויסגענוצט די פייערונגען פאַר אַ מיינונג־אויסטויש וועגן דער פּראָבלעם מלחמה און פרידן. זיכער, האָבן זיי פאַר דעם געהאַט אַ פאָרמעלן גרונט. כאָטש דזשעימס האָט זיך, אַלס שרייבער און געלערנטער, ווייניק פאַרנומען מיט פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן, האָט ער אָבער אַלס בירגער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אַרויסגעזאָגט מיינונגען וועגן סאָציאַלע חולאתן און סיי וועגן מעגלעכע קור־רעצעפּטן פאַר די דאָזיקע חולאתן. מען קאָן נאָך היינט לייענען מיט אינטע־רעס (ווי כמעט אַלץ וואָס איז אַרויסגעקומען פון דזשעימס פעדער) זיין רעדע וועגן מלחמה און פּאַסיפיזם, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער צייט פון אַמע־ריקאַנער מיליטערישע פּלאָנטערנישן מיט די פיליפינען־אינדזלען און קובאַ. ער האָט געגלויבט, אַז כאָטש יעדע מלחמה, ווי שפיכת־דמים בכלל, איז אַ פאַרברעך, קאָן מען אָבער נישט זאָגן אויף יענע פּסיכישע אָדער ביאָלאָגישע כוחות, וואָס סטימולירן מענטשן צו מלחמות, אַז זיי זענען אָן און פאַר זיך — טמא. פאַרקערט: אין דער גרייטקייט פון יונגע מענטשן צו גיין אויפן שלאַכטפעלד, דריקט זיך אויס אַ פּאָזיטיווע שטרעבונג דורכצוברעכן די ענגע קליפּה פונעם פּשוט־און־טאָג־טעגלעך־פּערזענלעכן, אַ גלויבן אין דעם רעאַלן ווערט פון איבערפּערזענלעכע צילן און אַ געזונטע אַוואַנטוריסטישע גלוסטע־נישן גובר צו זיין אין זיך דאָס „באַלעבעסל" (דער פיליסטער), זיך אַרויסצו־רייסן פונעם מאָנאָטאָנעם ריטם, וואָס איז כמעט שטענדיק דער פּרייז פאַר אונדזער רעלאַטיווער באַקוועמלעכקייט און זיכערקייט. זאָלן מיר, צוליב פּאַ־סיפיזם, דערשטיקן אין זיך אָט די אַלע אָרגאַנישע עלעמענטן פון אונדזער נאַטור?

דזשעימס האָט אין דעם געזען אַ געפאַר — די געפאַר פון ביאָלאָגישער און ממילא שוין אויך פון גייסטיקער ירידה. ער האָט דערפאַר געזוכט פאַר דעם אַוואַנטורע־גייסט אין אונדז אַן אַנדער תיקון. אָפּשאַפן אַרמייען, פלאַטן, דעם מיליטערישן קלאַס? בשום אופן נישט. זיי זענען וויכטיק נישט בלויז פאַר מלחמה־אָפּעראַציעס, נאָר ווי אַ שטענדיקע דערמאָנונג, אַז מלחמה איז אין פּרינציפּ יעדע מינוט מעגלעך, ווי אַ לעבעדיקער סימבאָל פון געפאַרן וואָס לויערן אויף אונדז און פון כוחות וואָס זענען מסוגל אונדז צו פאַרטיידיקן פון יענע געפאַרן, און אויך ווי „נחמה", אַז דער וועג צו ריזיקע און קרבן איז נישט אינגאַנצן פאַרשפּאַרט. רעדנדיק אין היינטיקע טערמינען, קען מען זאָגן, אַז דזשעימס האָט זיך פאַרגעשטעלט אין איינער און דער זעלביקער צייט אי די עקזיסטענץ פון קאַמפּסלוסטיקע און גוט־באַוואָפנטע אַרמייען, אי די פונקציע פון אַ פעלקערבונד, וואָס גלייכט אויס פון צייט צו צייט אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און לאָזט נישט די אַרמייען „קומען צום וואָרט". אין דער צוקונפט האָט ער געוואָלט זען אַ מין „האַרמאָניע" אָדער, ריכטיקער, אַ גלייכגעוויכט צווישן שטענדיקער סטאַביליטעט און שטענדיקער וואַקלדיקייט. קיין פולע צופרידנשטעלונג פאַרן אַוואַנטורע־אינסטינקט קען אָבער אויך אַזאַ גלייכגעוויכט נישט געבן. דזשעימס האָט דערפאַר געזוכט דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופן „אַ מאָראַלישער עקוויוואַלענט פאַר מלחמה", אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן „קריגסלוסטיק", נישט פאַרגיסנדיק דערביי קיין מענטשלעך בלוט. אין דעם צוזאַמענהאַנג האָט ער געראָטן איינצופירן פאַר דער יוגנט אַ מין פּאַסיפיסטישן מיליטער־דינסט, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן. יעדער יונגערמאַן זאָל אַ געוויסע צאָל יאָרן פאַרברענגען אין אַ רעגימענט, וואָס זיין ציל זאָל זיין דורכצופירןווירטשאַפטלעכע, סאַניטאַרע אָדער ציוויליזיטאָרישע אויפגאַבן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט האַרטקייטן, מיט קרבנות, מיט געוויסע געפאַרן, מיט נישט זיין אין דער היים — ווי, למשל, אויסטריקענען זומפּן, דורכלייגן וועגן דורך מדבריות, אָפּריניקן אַ געגנט פון ווילדע חיות אָדער שעדלעכע אינסעקטן און אַזוי ווייטער. אין אונדזערע טערמינען, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט חלוציות ווי אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג פאַר אַלע פעלקער, און ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז שטענדיק וועלן זיין וויכטיקע און אויך האַרטע אָדער מיט־געפאַרן־פאַרבונדענע אַרבעטן, וואָס אַ מין „גדוד העבודה" וועט זיי דאַרפן דורכפירן. די ענערגיע וואָס ווירקט זיך אויס אין מלחמות (און יענע ענערגיע איז דאָך, לויט דזשעימס מיינונג, נישט נאָר אַ ביאָלאָגישע, נאָר אויך אַ מאָראַלישע) וועט אויף אַזאַ אופן נישט געליימט אָדער אַטראָפירט ווערן: זי וועט בלויז געשטעלט ווערן אין דינסט פון הומאַניסטישע און ציוויליזאַטאָרישע צוועקן.

איך דערמאָן דאָ די דאָזיקע „נעבן־געדאַנקען", וואָס דער אַמעריקאַנער פילאָזאָף האָט אין פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין לעבן אַריינגעוואָרפן אין זיין סביבה, נישט ווייל זיי זענען אַזוי אָריגינעל אָדער ניי, נאָר ווייל זיי זענען דאָס ביסל „מעניגא דיומא", וואָס האָט די טעג אויף די מיינסטע יאָר־צייט־פייערונגען פאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס אין מלחמה־טעג האָט מען געזוכט אַ פאַרבינדונג צווישן דזשעימסעס געדאַנ־קען־גאַנג און די פּראָבלעמען פון מלחמה און פּאַסיפיזם. אָבער נישט די דאָזיקע אָדער ענלעכע מחשבות זענען, סוף־כל־סוף, כאַראַקטעריסטיש פאַר דזשעימסעס צושטייער צום פילאָזאָפישן דענקען. ווייל דאָס וואָס דזשעימס האָט אַ גאַנץ לעבן געזוכט, איז נישט קיין איינצל־סגולה פאַר דער אָדער אַן אַנדערער פון אונדזערע אומצאָליקע חולאתן, נאָר אַן ענטפער אויף אַ מער פונדאַמענטאַלער פראַגע, אויף דעם פּראָבלעם פון זין אָדער זינלאָזיקייט פון אונדזער גאַנצער עקזיסטענץ. און אין דער שייכות איז נישט וויכטיק, צי דזשעימס איז געווען אַ סיסטעמאַטיקער אין זיין פילאָזאָפירן, אָדער ער האָט זיך דערלויבט „זיך צו לאָזן ווילגיין מיט סתירות, אַמאָל מיט אמתן און אַמאָל מיט כמו־אמתן, אָדער גאָר מיט אַזעלכע „פאַררעטערישע" אינסטרו־מענטן ווי משלים, מיט יענער „לאָגיק" פון למה הדבר דומה, מיט וועלכער אונדזער אגדה האָט אַזוי באַפרוכפּערנדיק געזינדיקט. דאָס עיקרדיקע אין דזשעימסן איז נישט, צי ער האָט אונדז איבערגעלאָזן בירושה אַ פאַרענדיקטן פילאָזאָפישן בנין, אין וועלכן מיר זאָלן היינט זיך קענען אַריינקלייבן און זיך פילן דאָרט באַקוועם און געשיצט — וויפל אַזעלכע בנינים זענען דען בכלל אויפגעבויט געוואָרן, און צי איז דען פאַראַן צווישן זיי כאָטש איינער, וואָס די צייט האָט אויף אים קיין שליטה נישט געהאַט? דאָס וואָס מאַכט אים פאַר אונדז אינטערעסאַנט און אָנרעגעריש־באַלערנדיק זענען נישט זיינע דער־גרייכונגען, נאָר זיין צילוועגן און יענער גייסטיקער קוראַזש און פריי־הייט, וואָס ער האָט אין זיין צילוועגן אַרויסגעוויזן. דאָס, וואָס עס ווילט זיך ביז היינט לערנען פון דזשעימסן איז אפשר נישט אַזוי תורה, אַ באַ־שטימטע תורה, ווי — אַ מין קונסט: די קונסט פון שווימען, ריזיקירנ־דיק דערביי נישט צו דערשווימען צו קיין באַשטימטן ברעג, אָדער גאָר אַנ־צוקומען צו אַ יבשה, וועגן וועלכער מיר האָבן נישט געטראַכט, זיך אַרויס־לאָזנדיק אין אָפענעם אָקעאַן. און אָט גראָד דאָס האָט מען אין די פייערונגען זייער ווייניק דערמאָנט.

וויליאַם דזשעימס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע קאָמבינאַציע פון מיד־קייט און יוגנטלעכן קוראַזש. מיד איז ער געווען פון אַלץ וואָס האָט געשמעקט מיט סכאָלאַסטיק, פון אַבסטראַקציעס וואָס נאָכדעם ווי מיר האָבן זיי פּראַ־

דוצירט, הייבן מיר נישט אָן צו וויסן, וואָס מיט זיי צו טאָן; פון דער מאָטע־מאָטישער מעטאָדע אין דער פילאָזאָפיע, וואָס דערפירט טאָקע אַמאָל אויף גאָר־גאָר הויכע באַרג־שפּיצן, אָבער אַז מען קומט שוין צו, דערפילט מען מיטאַמאָל, אַז דאָס „פאַרשפּראָכענע לאַנד" איז אַ מין אייז־קאַלטע סאַהאַראַ, אָן אַ טראָפּן וואַסער צו דערקוויקן די נשמה. מיד איז ער געוועזן אויך פון יענע פילאָזאָפישע גענעראַליזאַציעס וואָס וויסנשאַפטלער מאַכן פון זייערע וויסנ־שאַפטן, אָט פון יענע מעכאַניסטישע סך־הכלס, וואָס אַז מען נעמט זיי ערנסט און מען „פאַרגאַפט" זיך אויף זיי, טוט מען זיך פּלוצים אַ טרייסל־אויף און מען זאָגט זיך: דאָס אַלץ איז אפשר אמת שבאמת, אָבער ווי קום א י ך אין אַזאַ „איכלאָזער" וועלט און וואָס טו איך אין איר? און אפשר פון דער דאָ־זיקער מידקייט האָט זיך ביי אים גענומען זיין קוראַזש — די „חוצפה" פון עם אַמעריקאַנער פּראַגמאַטיר־מען, וואָס גלייבט אין זיך, אין זיין וויזיע און ענער־גיע, און ווייסט, אַז אויב מען לאָזט זיך גיין געגנוג וויייט און מען שרעקט זיך נישט פאַר געפאַרן, געפינט מען יונגפרוילעכן און גוטן באָדן, וואָס וואַרט מען זאָל אים באַצווינגען.

דער וויכטיקסטער אָביעקט פאַר פילאָזאָפיע אָדער פילאָזאָפירן איז פאַר אים געוואָרן נישט די אור־מאַטעריע אָדער דער אור־גייסט, נאָר דער מענטש — און נישט עפּעס אַן אַבסטראַקטע מענשהייט, און נישט אַפילו דער קאָנ־קרעט־היסטאָרישער מענטשן־קאָלעקטיוו, נאָר טאָקע דער מענטש „פּראָסט און פשוט", דאָס רעטעניש פון בשר־ודם וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אַ סך מער ווי סתם בשר־ודם, און וויל וויסן, „ווו" איז זיין פּלאַץ אַלס אַן „ער" אין אַ וועלט פון „וואָסן". נישט אומזיסט האָט ער זיך גערופן אין זיינע באָסטאָן־קעמברידזשער יאָרן „אַן איירישמען צווישן בראַמינען". דער „איי־רישמען" אין אים האָט, רעדנדיק אין יידישע טערמינען, אויף אַלץ געוואָלט פרעגן אַ מין „מאי קא משמע לן": אָנגענומען, אַז דאָס וועלט־בילד וואָס דו גיסט מיר, איז אַ ריכטיקע „פאָטאָגראַפיע", אָבער דאָס וואָס און ווי אַזוי איז דערפון געדרונגען, אָדער (נאָך „ווולגאַרער"!) — וואָס האָב א י ך דערפון? ווי אויף צו להכעיס — האָט ער די בלויז־תלמידי־חכמים און די שפּינוועב־פילאָזאָפן („יענקיש") געפרעגט: וואָס זענען די מזומנים (טהי קעש וואַליו) פון דיין אמת? ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז ווען מיר, „זינדיקע עגאָיסטן" וואָס מיר זענען, וואָלטן נישט געליטן, זיך נישט געראַנגלט מיט זיך און מיט אונדזערע שיקזאַלן, ווען עס וואָלטן אויף דער וועלט נישט געווען קיין יסורים, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געקאָנט און נישט געהאַט קיין באַדערפעניש צו פילאָזאָפירן, צי טרייבן וויסנשאַפט אָדער צו שאַפן קונסטווערק: אַלע מעג־לעכע אמתן וואָלטן פאַר אונדז געווען לחלוטין אומאינטערעסאַנט.

דזשעימס פילאָזאָפישע מענטאַליטעט וואָלט איך באַשריבן נאָך אַנדערש, אין די ווערטער פון אונדזערע קדמונים: אם אני כאן, הכל כאן. ווייל אַנגענומען, אַז די ערד איז, ווי מיר ווייסן טאַקע היינט, נישט די צענטראַל־פּלאַנעטע פון דער וועלט, אַז, פאַרקערט, זי מיט אַלע אירע באַווינער איז אַ קליין, קוים־קוים אַנזעעוודיק פינטעלע, אין אַ פּיצינקער פּראָווינץ פון דער זונען־סיסטעם (ניין, בלויז פון איין זונען־סיסטעם), איז אויב אויף אַלע אַנדערע פּלאַנעטן און אַלע אַנדערע זון־סיסטעמען איז טאַקע נישט פאַראַן דער מין מענטש אָדער באַשעפענישן וואָס זענען העכער פונעם מענטשן, איז די ערד פאָרט דער צענטער פונעם אוניווערסום — נישט דער „טאָפּאָגראַפישער" צענטער (וועגן דעם זאָלן זיך זאָרגן די קאָסמישע בעלי־עגלות, אויב אַזעלכע זאָלן זיין), נאָר דער גייסט־און־תוך־צענטער. און צוליב אַ גאַנץ פּשוטן טעם: ווייל די ערד איז אין אַזאַ פאַל דער איינציקער פּונקט אין דעם אוניווערסום, וווּ עס איז פאַראַן אַ ן ע מ ע צ ע ר, וואָס ווייסט אַז אַרום און אַרום איז קיינער נישט פאַראַן (זענען דאָך דאָרט פאַראַן בלויז „עפּעסן"), און יענער עמעצער... פרעגט קשיות. דער עגאָיזם אָדער עגאָ־צענטריזם פונעם מענטשלעכן מין איז דערפאַר אַפילו אַן עטיש־באַרעכטיקטער: וואָס וואָלט געהייסן אַלטרויזם אין אַ וועלט, אין וועלכער מען איז אייגער אַליין?

דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר דזשעימסעס פילאָזאָפישע אינטערעסן איז דערפאַר געווען — טאַקע ער אַליין, וויליאַם דזשעימס בעצמו ובכבודו אָדער „בדמו ובבשרו", דזשעימס געכפּלט אויף אַזוי פיל איינצלנע מענטשן, וויפל עס זענען געווען, עס זענען פאַראַן און וועלן זיין אין דער וועלט — אויף זיי און זייער שיקזאַל. איבערגעזעצט אויף שפּינאָזאַ־לשון, איז דזשעימס צענטראַלע לעבנס־פראַגע די פאָלגנדיקע: וואָס בין איך? אַ מין סובסטאַנץ אָדער בלויז אַ מאָדוס? נאָך ריכטיקער וואָלט געווען זיין פראַגע צו איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון וויליאַם שטערן: וואָס בין איך? אַ „פּערזאָן", אָדער אַ „זאַך"? אויב איך בין נישט מער ווי אַ זאַך, „אַט ווי אַלע זאַכן", דאַרף מען ראַדיקאַל רעווידירן אונדזער באַגריף פון „זאַך־לעכקייט"; דעמאָלט איז „זאַך" אַליין איבער־זאַכלעך (אויב מאַטעריע, טענהט דזשעימס אין זיינע לעקציעס וועגן פּראַגמאַטיזם, איז מסוגל צו פּראָדוצירן געדאַנק, באַוווּסטזיין, ווילן, געזאַנג, איז ער גרייט צו פאַלן פאַר איר כורעים און דאַוונען צו איר מ י ס ט י ש ע ר קראַפט, ווייל דעמאָלט איז מאַטעריע אומגעהייער אויסער־מאַטעריאַל אָדער איבער־מאַטעריאַל).

דזשעימסעס הויפּט־טעזיס, אָדער „לעבנס־ניגון" איז, אַז דער איינצלנער מענטש איז נישט קיין זאַך, נאָר אַ פּערזאָן, נעענטער צו אַ סובסטאַנץ ווי צו אַ מאָדוס, און נישט קיין אַקצידענט אָדער יוצא־דופן נאָר אַ נאַטירלעכער,

„הײמישער" טײל אין דער װעלט־רעאַליטעט. אויף אַזוי פּיל װיפל װיסנ־שאַפט װיל פילאָזאָפירן מיט אירע אײגענע מיטלען, פון זיך אַלײן, מוז זי, װילנדיק נישט־װילנדיק, געבן דעם מענטשן דעם סטאַטוס פון אַ מין „אויס־לענדער" אינעם מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישן „קעניגרײך" פונעם אוניװערסום. אין אַ פערזאָנלאָזן אוניװערסום קוקט ער אויס װי פאַרבלאָנדזשעטער אורח (פון װאַנען? פון יענער זײט װעלט־אַלץ?). דזשעמס װיל זיך און יעדן אַנדערן מענטשן אומקערן זײנע „בירגער־פּאַפּירן" — אַט יענע „בירגער־פּאַפּירן", װאָס היסטאָרישע רעליגיעס האָבן אים אַמאָל אַרויסגעגעבן, װען זײ האָבן אים „נאַטוראַליזירט", און װאָס זענען בײ אים װי צוגענומען געװאָרן, װען עס איז אָנגעקומען די פילאָזאָפישע ממשלה פון דער זאַך־װיסנשאַפט. דזשעמס האָט װי געהאַט דאָס געפיל, אַז אונטערן נײעם „רעזשים" גײט דער מענטש אַרום מיט אַ צעטל אין קעשענע, און אויף יענער זײט איז אָנגעשריבן: „סאַבדזשעקט טו דעפּאָרטײשאָן". זײן גאַנצער פילאָזאָפישער װעג איז דער־פאַר געװען אַ ראַנגלען זיך פאַר אַ לעגיטימען פּלאַץ, קעגן אַן אורטײל דע־פּאָרטירט צו װערן אינעם רשות פון „גאָרנישט". און אין זײנע ראַנגלענישן האָט ער דערפאַר נישט אײנמאָל געהאַט דעם מוט צו באַהויפּטן: כאָטש פּסי־כאָלאָגיע אַלס אַ װיסנשאַפטלעכע דיסציפּלין איז אין פאַרגלײך מיט אַנדערע װיסנשאַפטן נאָך אין אירע קינדערשע װיקעלעך, װײסן מיר פונדעסטװעגן (און האָבן שטענדיק געװוסט) װעגן דעם מענטשלעך־פּסיכישן אַ סך מער, װי מיר װײסן װעגן דעם גאַנצן אַרום. קײנמאָל, האָט ער געגלײבט, קומען מיר נישט אין אַזאַ נאָענטער באַרירונג מיט דער רעאַליטעט, װי װען מיר האָבן אַן איבערלעבעניש, אַ דיאַלאָג מיט זיך אַלײן, אָדער װען מיר דער־מאָנען זיך אָן עפּעס. אין אַלע אונדזערע לאַבאָראַטאָריעס, װי דערפאָלגרײך מיר זאָלן אין זײ נישט זײן פון שטאַנדפּונקט פון פּראַקטישע רעזולטאַטן, קומען מיר אין קאָנטאַקט נישט מיט דער אוממיטלבאַרער רעאַליטעט, נאָר מיט אירע סימבאָלן און סיגנאַלן. בלויז װען מיר האָבן צו טאָן מיט זיך אַלײן און מיט אַזעלכע װי מיר — אין פּסיכישער איבערלעבעניש אָדער, װי בערגסאָן פלעגט זיך אויסדריקן, אין דעם שטראָם פון „דויער" — טרעטן מיר אַרײן אין עכטער רעאַליטעט. װי אָרעם און װאַקלדיק אונדזער װיסן זאָל נישט זײן, װײסן מיר (אויף אַ געװיסן אופן) װעגן מענטשן און װעגן דעם, װאָס מיר האָבן זיך צוגעװוינט אָנצורופן „מענטשלעכע נשמה" אַ סך מער, װי װעגן דעם אויסער־מענטשלעכן אַרום. פּסיכאָלאָגיע, מעג מען זאָגן אין דזשעמס נאָמען, איז װײניקער עקזאַקט אײדער פ י ז י ק, זי איז אָבער ע כ ט ע ר און האָט מער צו טאָן מיט די מהות־ספקן פון רעאַליטעט, װי אַלע נאַטור־װיסנשאַפטן. נעמען, למשל, די פיזיקאַלישע פאַרקערפּערונג פון דאַנטעס ג ע ט ל ע כ ע

קאַמעדיע, און זי אָפּוועגן און אויסמעסטן, און איבערציילן אין איר די־צאָל בלעטלעך און שורות, ווערטער און אותיות, און כעמיש אַנאַליזירן דאָס פּאַפּיר און די טיפּאָגראַפישע פאַרב, קען זיך זיין אַ זייער וויכטיקע און עקזאַקטע „וויסנשאַפטלעכע" אַרבעט. דאָס הייסט נאָך אָבער בשום אופן ניט — זיין באַקאַנט מיטן ווערק. באַקאַנט מיט אים איז בלויז דער לייענער, דער וואָס קומט מיטן דיכטער און מיט זיין פּסיכישער וועלט אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט, אין קאָנטאַקט מיט — רעאַליטעט.

דער מעטאַפיזישער דרך־ארץ פאַר פּסיכישע רעאַליטעטן, אויף וויפל זיי זענען אונדז באַקאַנט פון דערפאַרונגען מיט זיך אַליין און מיט אונדזערע מיט־מענטשן, איז אייגנטלעך געווען דער גרונט־טאָן אין דזשעימס דענקען. ווי אַ מאָטאָ פאַר אַלע זיינע ווערק ווילט זיך דערפאַר אָוועקשטעלן פּאַסקאַלס וואָרט: „דער פעלדזן־באַרג, וואָס פאַלט אַרויף אויף אַן איינזאַמען מענטשן און פאַרניכטעט אים אין איין אויגנבליק, מעג זיין מיליאָנען מאָל גרעסער פון זיין קרבן, אָבער דער קרבן איז דאָך גרעסער (און מעג מען צוגעבן אין דזשעימס נוסח — „רעאַלער") פון זיין באַוווסטלאָזן מערדער, ווייל דער מענטש האָט געוווסט, אַז עס איז פאַראַן אַ באַרג, און דער באַרג האָט נישט געוווסט, אַז עס איז פאַראַן אַ מענטש, נישט געוווסט און נישט געהאַט קיין כּוונה אים צו פאַרניכטן".

און פון מעטאַפיזישן דרך־ארץ איז שוין בלויז איין שריט ביי דזשעימסן צו זיין מעטאַפיזישער פאַראינטערעסירטקייט מיט דעם שיקזאַל פונעם פּסיכישן, און מיט דעם פּלאַץ וואָס דער מענשלעכער יחיד פאַרנעמט אָדער מעג אויף אים פּרעטענדירן אין דער קאָסמישער עקזיסטענץ. אַ פעסטן און, דער עיקר, בכבודיקן פּלאַץ קען אים פאַרזיכערן בלויז רעליגיע, אַ לעבעדיקע רעליגיע, וואָס אַנערקענט זיין ווערט און גיט אים די מעגלעכקייט צו קומען אין באַרירונג מיט אַ גאָט, וועלכער האַלט נישט, אַז עס איז פאַר אים אַ פּחיתת הכבוד צו טראָגן מאַיעסטעטישע אחריות פאַר זיינס אַ באַשעפעניש. גלויבן איז דערפאַר געווען דזשעימס צענטראַלע טעמע, און געוואָלט האָט ער וויסנשאַפטלעך פריי מאַכן דעם וועג, אויף וועלכן עס וועט מעגלעך זיין צו זוכן אַ „דעמאָקראַטישן" גאָט מיט אַ דעצענטראַליזירטער אחריות — אַ גאָט וואָס (אַ ברכה אויף דזשעימס „וווּלגאַריטעט") האַנדלט אויך לאחדים, נישט נאָר אין הורט, אַזעלכע וואָס עס האָט אַ זין תּפילה טאָן צו אים, נישט דערפאַר וואָס מען וועט ביי אים פועלן וואָס מען וויל, נאָר ווייל ער וועט זיך צו דער תּפילה — „צוהערן".

דזשעימס איז געווען ווייט פון באַרימען זיך, אַז ער האָט אַזאַ גאָט געפונען. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ טיפן סימפּאַטישן געפיל פאַר יענע, וואָס

האָבן געגלייבט, אַז זיי האָבן אים געפונען און האָבן לויט זייער אמונה געפורעמט זייער פּערזענלעכקייט און לעבן. אָביעקטיוון רעליגיעזן אמת האָט ער געזוכט דורך דער באַשרייבונג און אויסטייטשונג פון סוביעקטיווע רעלי־גיעזע אמתן ביי איינצלנע פרומע אָדער עקזאַלטירטע נאַטורן. ער איז נישט געווען גרייט אָנצונעמען זייערע אמתן פאַר זיינע, אָדער מאַכן זיי אָבליגאַ־טאָריש פאַר אַנדערע, פאַר אַזעלכע וואָס האָבן אַזאַ וועג נישט דורכגעמאַכט. ער האָט אָבער געוואָלט זיך אויף זיי אָנשפּאַרן, מאַכן זייערע קאָנקרעטע רע־ליגיעזע איבערלעבענישן פאַרן אויסגאַנגס־פּונקט פון זיין פאָרשונג. וואָס פאַר אַן עלעמענט פון אַבסאָלוטן אמת שפּיגלט זיך אָפּ אין די הונדערטער רעלאַ־טיווע, „פּריוואַטע" אמתן פון שעפעריש־פרומע יחידים? דאָס איז געווען די פראַגע וואָס האָט אים צום טיפסטן אינטריגירט. פאַר די רעליגיעזע טיפּן, וואָס דזשעימס האָט באַשריבן, איז גאָט, קודם כל, „דער פּראָדוצענט פון אומשטערבלעכקייט", ווייל אַן אומשטערבלעכקייט מוזן זיי זיך באַטראַכטן גיכער פאַר זאַכן ווי פאַר פּערזאָנען, און קעגן דעם וואָלט רעוואָלטירט זייער „רעאַליטעט"־געפיל. אויף וויפל, בכן, האָבן זיי צו טאָן מיט אַן אילוזיע, מיט אַ ביאָלאָגיש באַרעכטיקטער פיקציע, און אויף וויפל שטראַלט פון זיי אַרויס אַ רמז־פונק פון אמת אַליין פאַר זיך? דזשעימס האָט נישט געצווייפלט, אַז אָנפאַנגען דעם פּראָצעס פון פילאָזאָפירן דאַרף מען נישט לויטן נוסח פון די פּאַר־סאָקראַטיקער. אין דעם פּרט איז ער סאָקראַטעסעס אַ תלמיד פאַר וועמען עס איז קלאָר, אַז דער פּרוזדור צו יענעם היכל, וווּ עס וואַרט אויף אונדז אַ וועלט־אַנשויונג, האָט צו טאָן אַ סך מער מיט פּסיכאָלאָגיע און עטיק, ווי מיט פיזיק. אָבער כדי צו שטיין אויף אַ סאָלידן גרונט, האָט דזשעימס (אַ לאַנגע צייט נאָך קאַנטן) געדאַרפט אויסאַרבעטן זיינע אַ טעאָריע פון דערקענטעניש. אַז ער האָט געזוכט אַזאַ טעאָריע אויסצואַרבעטן, קען מען זען ביי אים אין מער ווי איין שריפט. אָבער צי אים איז טאַקע עפּעס ממשותדיקס געלונגען אויף דעם געביט, איז אַן אַנדער פראַגע, און נישט קיין זייער דערמוטיקנ־דיקע.

ער האָט זיך זייער ברייט באַנוצט מיט דער אַזוי גערופענער אינסטרו־מענטאַלער מעטאָדע — געבראַכט צענדליקער באַווייזן, אַז אמת איז פּראַג־מאַטיש, נישט נאָר אַ רעזולטאַט, נאָר אויך אין אַ געוויסן זינען לכתחילה „צוגעשניטן" צו אונדזערע באַדערפענישן. אויף וויפל דאָס איז ריכטיק, איז עס, ווי דזשעימס אַליין האָט עטלעכע מאָל באַמערקט, אַן אַלטער אמת, וועלכן פּלאַטאָן האָט שוין געפונען אין אַ גאַנץ בולטער פאָרעם ביי זיינע גריכישע פאַר־גייער. אָבער מיטמאַכן מיט פּלאַטאָנען זיין וועג צו דער מעטאָדע פון דערקענ־טעניש פאַרן אמת אַן־און־פאַר־זיך, שוין נישט רעדנדיק וועגן דורכברעכן פאַר

זיך אַן אייגענעם וועג, האָט דזשעימס קיין כוח נישט געהאַט. ער האָט דערפאַר געגעבן אַ סך געלעגנהייטן אים צו באַשולדיקן, אַז ער *וויל* *גאָרנישט* פרעגן וועגן די אונטערשידן צווישן אמת און איינבילדונג, אויב די איינבילדונג איז נאָר אַ „פּראָדוקטיווע“, אויב זי באַרויִקט, טרייסט, סטימולירט, מאַכט רייכער און גיט אַ זיכערקייט־ און באַלאַנס־געפיל דעם „איינגעבילדעטן“. אין דעם פּרט איז דזשעימס נישט איינמאָל אַריינגעפאַלן אין דער זעלביקער פּאַסטקע, אין וועלכער עס איז, אין זיין צייט, מיט אומבאַגרינדעטן ענטוזיאַזם, אַריינגעשפּרונגען ווייהינגער מיט זיין „גלייך־ווי“ פילאָזאָפיע: דער גאָט־באַגריף איז מסתמא אַ פיקציע, און אַזוי איז דער באַגריף פון נשמה, פון ווילנס־פרייהייט און פון אומשטערבלעכקייט, אָבער עס איז בעסער צו לעבן און צו האַנדלען *גלייך־ווי* גאָט וואָלט געווען אַ רעאַליטעט, און די נשמה אַ וועזן פאַר זיך, און דער ווילן פריי, און טויט אַן אויסגעטראַכטע זאַך. אין אַ געוויסער צייט פון זיין לעבן, האָט דזשעימס אַרויסגעוויזן אַזוי פיל יוגנטלעכן ברען אין זיין באַגרינדונג פון פּראַגמאַטיזם, אין זיין באַווייזן, אַז „אמת איז דאָס וואָס ס'ווירקט“, וואָס עס פירט צו אַ פּראָדוקטיוון פּועל־יוצא, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט צו וועלכע אינטעלעקטועלע געפאַרן ער זעצט זיך דערמיט אויס. מען האָט לייכט פון זיינע באַהויפּטונגען געקענט אַרויסדרינגען, אַז דער כלל „צוויי מאָל צוויי איז פיר“, און די אַקסיאָמע „אַ גלייכע ליניע איז דער קורצסטער וועג צווישן צוויי פּונקטן“, זענען אמתן אַן ערך פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע ווי דער „געזעץ“, לויט וועלכן ברויט ווער פאַרוואַנדלט אין קריסטוסעס פלייש, און וויין אין קריסטוסעס בלוט, אָדער דער „פּאַקט“, אַז אין מעקאַ ליגט באַהאַלטן מאַהאָמעטס פּאַן, וואָס זאָל זי נאָר אָנהייבן פלאַטערן, וועלן מוסולמענער קאָנען באַזיגן יעדעס אַנדערע פאָלק אין אַ מלחמה (ווייל אויך אַזעלכע „אמתן“ ברענגען אָדער זענען עלול צו ברענגען, פאַר גלייביקע, צו פּאָזיטיווע רעזולטאַטן). אין דער פראַגע פון „וואָס איז אמת“ אָדער וואָס איז דער פּרוביר־שטיין פאַר אמת, האָט זיך דזשעימס — און נישט נאָר ער אַליין — האָפענונגסלאָז, כאָטש „גראַציעז“ פאַרפּלאָנטערט. אין אַ טעמפּן ווינקל איז ער אָבער אַריין נישט מחמת לייכטזיניקייט, נאָר צוליב זיין פילאָסאָפישן טעמפּעראַמענט, צוליב זיין פונדאַמענטאַלער הנחה, אַז דער אור־גרונט פון אַלעמען דאַרף מען זוכן נישט אין דעם דומם אָדער אין דעם צומח, אויך נישט אין דעם סתם חי, נאָר אין דעם מדבר — צוליב זיין אומבאַגרענעצטן רעליגיעזן דרך־ארץ, וואָס ער האָט געפילט פאַר די תביעות, גלוסטעניש און טראַגישע שאַפונגען פונעם מענטשן. אפשר קיינער פון די מאָדערנע דענקער האָט נישט אַזוי פאַרשטאַנען די תפילה: „זאָל זיין גיהנום, אַ סך שרעקלעכער

ווי דער וועלכן מען מאָלט, און אויף טויזנטער און טויזנטער יאָרן, אַבי איך זאָל וויסן, אַז עס איז דאָ אַ שופט און אַ משפט, און אַז דער משפט האָט דאָ צו טאָן דירעקט מיט מיר, אַבי עס זאָל זיין אַ פּאַרוואָס און אַ צוליב וואָס, אַבי איך זאָל וויסן, אַז איך בין איך און נישט קיין אינצידענט". דזשעימס אַליין וואָלט אַזאַ גיהנום געבענטשט מיט אַלע ברכות, אויף וועלכע ער איז געווען פּעיִק, און וואָלט זיינע עינויים באַגלייט מיט אַן אויפריכטיקן הללויה. און אָט די טיפע סימפּאַטיע פאַר ליידנדיקע און פרעגנדיקע מענטשן, דאָס מיטליידן מיט זיי (און מיט זיך צווישן זיי) האָט אים לייכט געקענט פירן אויף גליטשיקע מעטאַדאָלאָגישע וועגן.

אָבער אפשר זענען גאָר די וועגן נישט וויכטיק. דאָס ווערטפולע פון דזשעימסן איז נישט וואָס ער איז געווען אַ־ו ו ע ג ו יי ז ע ר, נאָר דאָס וואָס ער איז אין די פּרוכטבאַרע פּעריאָדן פון זיין לעבן געווען אַ צ י ל ו יי ז ע ר, אַ צ י ל ד ע ר מ אָ נ ע ר. ער האָט אונדז באַוויזן און דערמאָנט, אַז פילאָ־זאָפיע קען נישט האָבן קיין אַנדערן און קיין העכערן ציל, ווי אויפצוזוכן אַ ז י ן אין מענטשלעכער עקזיסטענץ און קאָסמישע סימפּאַטיע צו יענעם זין.

און עס ווילט זיך גלויבן, אַז אַ נייער קרעפטיקער סטימול פאַר זוכן אַזאַ זין, איז אַ גרעסערער קולטור־אויפטו ווי אַ סך סיסטעמאַטיזירטע און „פאַר־ענדיקטע" פילאָזאָפישע בנינים, וואָס זייערע אַרכיטעקטן אַליין ווייסן נישט, צי האָבן זיי אַ ת כ ל י ת.

1941

גאָטס נעמען

אין אַ פאַך־זשורנאַל איז מיר די טעג אויסגעקומען צו לייענען אַן אָפּהאַנדלונג וועגן גאָטס נעמען *). פרידריך שפּיגעלבערג האַלט אַז „מיר פילן היינט אַ באַדערפעניש צו ענדערן דעם ריבונו של עולמס נעמען, ווי אויך די באַצייכענונגען פון אַ סך רעליגיעזע און פילאָזאָפישע באַגריפן. די אַלטע נעמען זענען שוין אָפּגעריבן און אָן אַ תוכן, אפשר דערפאַר וואָס זייער אינהאַלט האָט זיך אין משך פון דער צייט געענדערט, אָדער דערפאַר וואָס מיר האָבן באַקומען אַ נייעם ווירקלעכקייט־געפיל". זיך האַלטן ביי די אַלטע, קאַנווענציאָנעלע נעמען, וואָלט פאַקטיש, גלויבט ער, געהייסן זיך נישט צו רעכענען מיטן פאַקט, אַז דאָס לעבן באַוועגט זיך, עס וואָלט געהייסן, נישט וועלן זיך צופּאַסן צו אַ נייער ווירקלעכקייט אָדער צו אַ באַנייטער וועלט. דער פאַקט וואָס גאָט האָט אַזוי פיל פאַרשידענע נעמען אין די פאַרשידענע רעליגיעס, איז דאָך נישט קיין צופאַל: דאָס וואָרט, מיט וועלכן מענטשן באַצייכענען גאָט, איז דאָך נישט סתם אַ נאָמען פאַר טעכנישער באַקוועמלעכקייט, נאָר דער אויסדרוק פון אַ באַגריף, פון אַ פאָרשטעלונג אָדער פון אַן איבערלעבעניש. הינטער יעדן נאָמען, וואָס מענטשן האָבן ווען עס איז געגעבן דעם „העכסטן וועזן", שטייט דאָך אַ גאַנצע וועלט־אַנשויונג, אַ רייכע צי אַן אָרעמע, אַ „ריכטיקע" אָדער אַ „פאַלשע". און נישט צופעליק האָבן זיך דאָך געביטן גאָטס נעמען אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון איינער און דער זעלביקער רעליגיע: יעדער נייער נאָמען האָט דאָך שטענדיק אויסגעדריקט אַן „אַנטדעקונג", אַ נייע אויפפאַסונג פון אַ נייער אייגנשאַפט אין גאָטס „נאַטור." פילט פרידריך שפּיגעלבערג, אַז די מערב־וועלט (און דאָס הייסט כמעט דאָס זעלביקע וואָס די קריסטלעכע אָדער די פון קריסטנטום אַרויסגעוואַקסענע וועלט) דאַרף איצטער מאַכן אַ גרינטלעכע רעוויזיע פון די באַוווּסטע גאָטנעמען, זיך שטעלן אויפסניי די פראַגע, וואָס איז איר הייַנטיקע אויפפאַסונג פון גאָטס וועזן, און לויט דער נייער אויפפאַסונג אים געבן אַ נייעם נאָמען.

האָב איך איבערגעלייענט פּראָפעסאָר שפּיגעלבערגס למדנישע חקירה איין מאָל און צוויי מאָל, כ'האָב הנאה געהאַט פון אַ פּאָר שיינע, גייסטרייכע איינפאַלן וועגן אָריענטאַלישער מיטאָלאָגיע, אָבער עס איז מיר נישט קלאָר געוואָרן, וואָס גאָרט ער אַזוי נאָך נייע נעמען אָדער נאָך אַ נייעם נאָמען. איך

---

*) "New Names of God" by Friedrich Spiegelberg. The Review of Religion, Volume II, Number 3. Columbia University Press.

האָב די העזה צו צווייפלען, צי דאָס איז אים אַליין קלאָר, און צי פילט ער טאַקע גופא אַן אמתע (נישט קיין אינטעלעקטועל־צוגעטראַכטע) באַדערפעניש דורכצופירן אַ נעמען־רעוויזיע.

איך האָב דאָ נישט אין זין דעם שטאַנדפּונקט פונעם נישט־גלייביקן, פונעם אויסגעשפּראָכענעם אַטעיִסט. פאַר יענעם זענען דאָך זיכער אַלע חקירות פון דעם כאַראַקטער נישט מער ווי „שטויסן וואַסער״, אַ מין „פלעכטן שטריק פון קלייען״, ווי אונדזערע קדמונים פלעגן זיך אַמאָל אויסדריקן. אָבער אויף וואָס, פרעג איך, דאַרף האָבן שפּיגעלבערגס פאַרזוך פון אַ רעוויזיע — דער רעליגיעזער מענטש? אויף וואָס דאַרף ער האָבן נייע נעמען? מיט וואָס זענען פאַר אים שלעכט די אַלטע נעמען? יאָ, נאָטירלעך, ווען גלויבן וואָלט געווען אָפּהענגיק פון וויסנשאַפטלעכע אמתן, ווען עס וואָלט געווען אַ וויסנ־שאַפט פון גאָט, וואָלט דער דענקנדיקער רעליגיעזער מענטש נישט געהאַט קיין רעכט זיך אַרומצוטראָגן מיט גאָטס אַ נאָמען (און דאָס הייסט אויך מיט אַ גאָט־באַגריף), וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון אַן אַלטן און איצט שוין דיסקרעדיטירטן וויסנשאַפטלעכן אמת. אָבער נישט נאָר די פראַגע פון גאָטס וועזן, פון זיינע אַטריבוטן אָדער אייגנשאַפטן, נאָר אויך אַפילו די גרונט־פראַגע פון גאָט־עקזיסטענץ קען היינט פונקט אַזוי ווייניק פאַרענטפערט ווערן אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן ווי צוריק מיט טויזנטער יאָרן. און — פון דער אַנדערער זייט — מיט וואָס פאַר אַ נייעם נאָמען איינער זאָל היינט נישט באַצייכענען אַ גאָט, אין וועלכן ער גלייבט, קען ער שוין נישט זיין גיי: אַלע מעגלעכע נעמען־באַגריפן זענען שוין אָנגערופן אָדער פאַרויסגעזען אין דער געשיכטע פון רעליגיע און פון פילאָזאָפישן דענקען.

דער גרעסטער טייל פון די נעמען, מיט וועלכע מענטשן האָבן אין משך פון טויזנטער יאָרן געקרוינט דעם רבונו של עולם, זענען געווען פּרוּוון אים צו באַגרייפן, אינטעלעקטועל תופס צו זיין און צו כאַראַקטעריזירן. איך ווייס נישט, צום ביישפּיל, דעם אונטערשיד צווישן ביבלישן „אלהים״ און „אדני״, אָבער פילאָן איז געווען זיכער, אַז אלהים איז אַ רמז אויף דעם באַשאַפער און „אדני״ אויפן פירער פון דער וועלט. דער באַשאַ־פער קען זיין אויך דער פירער, אָבער ער מוז עס נישט זיין. ער האָט געקענט באַשאַפן די וועלט און נאָכדעם זיך „צוריקציִען״ פון איר — לאָזן זי אָן זיין השגחה, מער נישט טראָגן קיין אחריות פאַר איר. אויב פילאָן זאָל זיין גע־רעכט מיט זיין באַצייכענונג פון די צוויי טערמינען, איז אדני אַ פולערער און רייכערער גאָט־באַגריף איידער אלהים: צו אלהים האָט נישט קיין זין צו דאַוונען, בשעת אדני ווי דער פירער פון דער וועלט קען זיך צוהערן אויך צו תפילה. אויב מ׳זאָל אָננעמען ווי די באַצייכענונג פון

גאָט אַן אויסדרוק, וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער אין יידישן מיטלאַלטער — „העילה הראשונה" אָדער „הסיבה הראשונה" (דער ערשטער גרונט אָדער די ערשטע אורזאַך) — און קיין שום אַנדערע באַצייכענונג נישט דערלאָזן, קען מען אי גלייבן אין גאָט אי נישט זיין רעליגיעז. ווייל אַ גאָט וואָס איז בלויז די ערשטע ס י ב ה און פירט נישט באַוווּסטזיניק און צוועקמעסיק צו קיין באַשטימטן תכלית, האָט נישט קיין באַציִונגען צום מענטשן און דער מענטש קען אויך צו אים קיין שום באַציִונגען נישט האָבן. גאָט איז דעמאָלט נישט מער ווי דער ערשטער „שטויס" אין דער וועלט־מעכאַניק, נישט מער ווי אַ מאַטעמאַטישער אָדער פיזיקאַלישער באַגריף. ווען דער רמב"ם וואָלט זיך באַגרענעצט בלויז מיט די באַגריפן „פועל" (דער וואָס ווירקט) אָדער „מצוי ראשון" (די אור־עקזיסטענץ), וואָלט עס געווען אַ ריכטיקע אָדער אַ פאַלשע הנחה וועגן גאָטס וועזן, אָבער קיין ר ע ל י ג י ע ז ע הנחה וואָלט עס נאָך נישט געווען. ערשט די באַצייכענונג „תכלית התכליות" מאַכט דעם רמב"מס גאָט פאַר אַן עכטן רעליגיעזן באַגריף. ווייל אָן „תכלית", אָן ציל־באַוווּסטזיין און אָן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן שיקזאַל פון דער וועלט, איז נישטאָ קיין גאָט אין ר ע ל י ג י ע ז ן זין.

איך ווייס נישט, אויף וויפל עס איז אמת דער געדאַנק, אַז עס קען זיין רעליגיע אָן אַ גאָט־באַגריף אָדער אָן אַ גאָטאיבערלעבעניש; עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן אַז מענטשן זאָלן האָבן אַ גאָט־באַגריף אָן רעליגיע. ווען געוויסע יאַפּאַנישע סעקטאַנטן באַצייכענען גאָט ווי „אומבאַגרענעצט ליכט", ווען אַמאָליקע כינעזער האָבן אָנגערופן גאָט שאַנג־טי (דער העכסטער הער־שער), אָדער ווען אין אינדיע האָט מען אים כאַראַקטעריזירט ווי „דער נישט־באַשאַפענער, דער־פון־זיך־אַליין־געבוירענער" — קען מען די דאָזיקע נעמען־באַגריפן משיג זיין אויך אין אַ נישט־רעליגיעזן זין. דאָס זענען, ריכטיקע אָדער פאַלשע, מעטאַפיזישע הנחות (ווי די עסקימאָסישע פאָרשטעלונג פון „אומגעזעענע הערשער"): כדי זיי זאָלן אָבער זיין רעליגיעזע באַגריפן, מוז דאָס „אומבאַגרענעצט ליכט" האָבן אַ ו ו י ל ן צ ו ש יי נ ע ן, דער „העכס־טער הערשער" — אַ ווילן צו גערעכטיקייט און „דער־פון־זיך־אַליין־געבוירע־נער" — אַ צילבאַוווּסטע באַציִונג צו אַלע פאָרגעקומענע און קומענדיקע גע־בורטן אין דער וועלט. רעליגיע מוז זיין מעטאַפיזיש, בשעת מעטאַפיזיק קען אויספירן נישט צו זיין רעליגיעז, צו זיין אַפילו אַנטי־רעליגיעז. דער רעליגיע־זער מענטש האָט דערפאַר שטענדיק געזוכט תופס צו זיין נישט בלויז גאָטס וועזן „אין זיך", אומאָפּהענגיק פ ו ן דער וועלט, נאָר אויך — און דאָס איז דער עיקר! — זיינע לעבעדיקע שייכותן צו דער וועלט. דער מלך מלכי המלכים קען זיין אויך אַ גלייכגילטיקער אָדער אַ בייזוויליקער מלך; דער שדי

(אויב שדי זאָל הייסן דער אַלמעכטיקער) קען פאַרמאָגן אומבאַגרענעצטע מאַכט און זי נישט אויסנוצן, אָדער גאָר מיסברויכן מיט איר, און „מפי הגבורה" (אויב גאָט זאָל זיין בלויז גבורה) קען מען דאָך הערן דאָס זעלביקע וואָס מיר הערן פון ערדישע, אכזריותדיקע גבורים. אַ רעליגיעזער באַגריף ווערט גאָט ערשט דעמאָלט, ווען מ'הייבט אים אָן צו פילן ווי אַן „אָבינו שבשמים" (אונדזער פאָטער אין הימל), ווען דאָס מעטאַפיזישע ווערט געבראַכט אין פאַרבינדונג מיטן עטישן און עסטעטישן, אָדער ווען דער מענטש קריגט דעם אוואַנטוריסטישן מוט אים צו באַצייכענען ווי „המקום" (דעם רוים). יענע ייִדן, וואָס האָבן דערלויבט אַנצורופן גאָט מיטן נאָמען „המקום", זענען דערמיט נישט אויסן געווען איינצופירן אַ קאַלטן און בלויז מאַטעמאַטישן גאָט־באַגריף אין דעם זין, אַז גאָטס הויפּט־כאַראַקטעריסטיק אָדער איינציקע כאַראַקטעריסטיק זאָל זיין אויסגעשפרייטקייט, אומבאַגרענעצטע רוימלעכקייט. ווען בלויז אַ געאָמעטרישן אין־סוף קען מען נישט זאָגן „המקום ימלא חסרונך" (גאָט זאָל ממלא זיין וואָס דיר פעלט) אָדער „המקום ירחם עליך" (גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען איבער דיר). אין דעם באַגריף פון רוים קען קיין מ י ט ל ע ר נישט אַריינגענומען ווערן. אין ב ר א ש י ת ר ב א געפינען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע דערקלערונג פונעם „המקום"־באַגריף: „קוראין אותו מקום שהו מקומו של עולם" (מ'רופט אים רוים, ווייל ער איז דער רוים פון דער וועלט), ווייל די וועלט, הייסט עס, געפינט זיך נישט בלויז אַדאַנק אים און זיין שאַפונגס־אַקט, נאָר אויך נישט אונטער אים און נישט אויסער אים, נאָר א י ן א י ם. די וועלט איז אַנטהאַלטן אין גאָט, קען פון אים נישט אָפּגעטיילט ווערן, קען פון אים נישט אַרויס, ווייל — קיין אַרויס, קיין „דרויסן פון גאָט" איז בכלל נישט פאַראַן. דאָס איז אַ טיפער רמז נישט נאָר אויף די אייביקע און נישט־אָפּטיילנדיקע שייכותן צווישן גאָט און וועלט, נאָר אויך אויף זיין אחריות פאַר דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, ווייל אַלץ וואָס עס געשעט אין איר געשעט דאָך אויך אין אים. דער מענטש לעבט אין גאָט, ליידט אין גאָט, האָפט אין גאָט און שטאַרבט אין גאָט, אָבער טויט אין גאָט איז אפשר בכלל נישט קיין טויט. אַזאַ רוים אַנטהאַלט אין זיך אויך צ יי ט, ווייל אַלע צייט־איבערלעבענישן פון דער וועלט שפּילן זיך דאָך אָפּ אין דעם איין־איינציקן און אַן אומענדלעכן גאָט־רוים.

וואָס איך וויל דאָ אייגנטלעך אַרויסברענגען איז בלויז אַ מין גאַנץ אַלגעמיינע קלאַסיפיקאַציע פון גאָטס נעמען. מיר דוכט, אַז מ'קען זיי פונאַנדערטיילן אין דריי קאַטעגאָריעס: נעמען, וואָס באַצייכענען איינע פון אַ סך אָדער פון די אומצאָליקע גאָט־אייגנשאַפטן; נעמען, וואָס באַצייכענען גאָטס אַן אייגנשאַפט ווי די וויכטיקסטע, די צענטראַלע, די צומיינסט כאַראַקטער־

ריסטישע; און נעמען, וואָס זייער ציל איז צו געבן אַן אַלגעמיינע דעפיניציע פון גאָט, וואָס זאָל אין זיך לאָגיש אַנטהאַלטן אַלע אַנדערע מעגלעכע דעפיניציעס און פון וועלכער אַלע אַנדערע דעפיניציעס זאָלן אַרויסשטראָמען מיט אינווייניקסטער נויטווענדיקייט. ווען ספּינאָזאַ שטעלט פעסט צוויי אַטריבוטן פון גאָט — אויסגעשפּרייטקייט און דענקען — ווייס ער, אַז צוזאַמען מיט זיי „פאַרמאָגט" גאָט נאָך אַן אומבאַגרענעצטע צאָל אַטריבוטן; אויסגעשפּרייטקייט און דענקען ווייזן אים אויס צו זיין אָדער די וויכטיקסטע אַטריבוטן אָדער יענע צוויי פון זיינע אייגנשאַפטן, וואָס מאַניפעסטירן זיך אין דער וועלט פאַרן מענטשלעכן באַוווּסטזיין. ווען רב לוי יצחק בערדיטשעווער נוצט נישט פאַר גאָט קיין אַנדער נאָמען ווי „דערבאַרעמדיקער", וויל ער דערמיט נישט זאָגן, אַז רחמנות איז זיין איין־און־איינציקע אייגנשאַפט. ער האָט געקענט דענקען (און זיכער געטראַכט) וועגן גאָט אויך ווי דער „פועל" און „מצוי ראשון" (ווי דער רמב"ם), אויך ווי דער טרעגער פון גערעכטיקייט און דין, און ווי דער טרעגער פון אמת און אַלמעכטיקייט. ער האָט זיך אָבער „איינגעשפּאַרט", אַז רחמנות אין זיין הויפּט־כאַראַקטעריסטיק, און אויב אַ טייל פון אונדזערע קדמונים האָבן געוואָלט גלויבן, אַז „חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת" (גאָטס שטעמפּל איז אמת), וואָלט לוי יצחק געקענט אַנטקעגנשטעלן זייער גלויבן זיינע אַ פאָרמולע: „חותמו של הקדוש ברוך הוא רחמים" (גאָטס שטעמפּל איז מיטלייד). אויף טאָלסטאָיען האָט אין אַ געוויסן מאָמענט פון זיין לעבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אַ וואַנדערנדיקער בעטלער, וואָס האָט זיך געשאַפן זיינע אייגענע נעמען פאַר גאָט. זיינע תפילות זענען באַשטאַנען מייִנסטנס פון איין פראַזע: „טי מאָי לעקאַר, טי מאָי אַפּטעקאַר" (דו ביסט מיין דאָקטאָר, דו ביסט מיין אַפּטייקער). ווען יענער בעטלער וואָלט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ טעאָלאָגישן שמועס, וואָלט ער זיכער נישט געווען געזאָגט, אַז מער קיין אייגנשאַפטן קען מען גאָט נישט צושרייבן. אוודאי, וואָלט ער געווען צוגעגעבן, איז גאָט אויך דער באַשאַפער פון דער וועלט און איר אַלמעכטיקער פירער, אָבער פון אַלע גאָטס אייגנשאַפטן איז ער פערזענלעך „פיקסירט" בלויז אויף זיין פונקציע אַלס „דאָקטאָר און אַפּטייקער". די מייִנסטע נעמען, מיט וועלכע גאָט איז באַצייכנט געוואָרן, זענען געווען נישט אויסשעפּונגען פונעם גאָט־באַגריף, נאָר באַגרענעצונגען, צוגאַנגען פון אַ באַשטימטן זע־ווינקל (איז דאָך יעדע דעפיניציע בכלל, לויט איר עצם וועזן, אַ באַגרענעצונג). רעליגיעזע מענטשן האָבן אָבער שטענדיק געפילט אַ באַדערפעניש אין אַן אַל־אומפאַסנדיקן נאָמען. האָט דאָך שוין עסכילאָס געהאַט דעם באַוווסטזיין, אַז ווען מענטשן רופן אַן גאָט אינדראַ, מיטראַ, וואַרונאַ און אגני, שעפּט קיין איינער

פון די נעמען נישט אויס זיין וועזן: „פּאָעטן רופן־אָן פאַרשידנאַרטיק דאָס, וואָס ס׳איז בלויז אי״נס״, און אין דער אַלטער אינדיע האָט מען אַמאָל דערפאַר געשאַפן אַ נאָמען וואָס איז אפשר בכלל קיין נאָמען נישט: „דער איין־און־איינציקער מיט די פילע נעמען״. דערמיט איז באַטאָנט געוואָרן די מענטשלעכע הילפלאָזיקייט צו באַצייכענען גאָט מיט וועלכן נישט איז אַלץ־אומפאַסנדיקן נאָמען. דאָס געפיל פון דער דאָזיקער הילפלאָזיקייט און איבּ־טעלעקטועלער צניעות האָט, גלויב איך, ביי יידן געפונען זיין אויסדרוק אין דעם פרום־סקעפּטישן „כביכול״, וואָס איז, אין גרונט, אַ נ י ש ט ־ וו אַ ג ן צו מאַכן וועלכע נישט איז דעפיניציעס.

**
*

אויב עס האַנדלט זיך וועגן נעמען, וואָס זייער צוועק איז צו באַצייכענען בלויז איינצלנע אייגנשאַפטן פונעם גאָט־וועזן, ווייס איך נישט ווער עס פילט אָן עכטע באַדערפעניש אין נייע נעמען. די אַלטע נעמען האָבן אויסגעשעפּט כמעט אַלע אייגנשאַפטן און פונקציעס, וואָס מענטשלעך באַוווּסטזיין איז מסוגל צוצושרייבן גאָט. און וויל מען האָבן אַן אַל־אומפאַסנדיקן נאָמען און דערצו נאָך אַ נייעם — פון וואַנען זאָל מען אים נעמען? אויב גאָט איז אַ רעאַליטעט, איז מיט וואָס אונדזער וו י ס ן פון דער דאָזיקער רעאַליטעט — אין איר גאַנצקייט, נישט אין אירע איינצלנע מאַניפעסטאַציעס — היינט רייכער, זיכערער, קלאָרער אָדער „וויסנשאַפטלעכער״ ווי אַמאָל? אונדזער גייסטיקע אַנטוויקלונג פון די לעצטע עטלעכע דורות, אויף וויפל זי האָט נישט „דערמאָרדעט״ גאָט (ווי אייניקע ווילן מיינען), האָט זי אים געמאַכט — ווייטער, אומפאַרשטענדלעכער, מיסטעריעזער און דאָס הייסט שוין אויך נאָך שווערער צו דעפינירן ווי ער איז ווען ס׳איז געווען. קאַרל באַרטס (איך נעם איינעם פון די באַגאַבטסטע פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגן פון אונדזער צייט) דעפיניציע איז אין תוך אַן אָפּלייקענונג פון אַלע מעגלעכע דעפיני־ציעס: „גאָט, די ריינע גרענעץ און דער ריינער אָנפאַנג פון אַלץ וואָס מיר זענען און טוען... גאָט, וואָס איז קיינמאָל נישט אידענטיש מיט דעם וואָס מיר רופן גאָט... גאָט, דער אַבסאָלוטער אָפּשטעל פאַר יעדן מענטשלעכן אומרו און דער אַבסאָלוטער פאָרויס פאַר יעדן מענטשלעכן אָפּשטעל, דער יאָ אין אונדזער ניין און דער ניין אין אונדזער יאָ, דער ערשטער און דער לעצטער און אַזוי אַרום דער אומבאַקאַנטער״. אָדער וואָס איז די נייקייט ביי עמיל ברונער, ווען ער מיידט אויס אַלע איבעריקע נעמען און רעדט נאָר וועגן דעם „וווּנדער״, אָדער ביי פּאָול טיליך, וואָס וויל תפילה טאָן צום „אומבאַ־דינגטן״? און אין וואָס באַשטייט די אַנטדעקונג — אין באַגריף אָדער אין

שפּאַנונג פון דער רעליגיעזער נשמה — ווען רודאָלף אָטאָ רופט אָן גאָט אַמאָל „דאָס אינגאַנצן אַנדערשדיקע", אַמאָל „טרעמענדום" אָדער „פאַסצי־נאָסום"? לאַטייניש נעמען מאַכן אַ זאַך נישט קלאָרער, נישט זיכערער און נישט רייכער מיט איבערלעבענישן און דער עיקר — נישט „נייער". צענד־ליקער יאָרן פאַר קאַרל באַרטן האָט אַ נישט־טעאָלאָג (הערבערט ספּענסער) געגעבן אַ סך אַן עקזאַקטערע „דעפיניציע" פון גאָט: „דהי אַננאָאוועבל" נישט „אַננאָון", נישט „דער, וואָס מיר ווייסן אים נישט", נאָר דער „וואָס מיר זענען נישט מסוגל אים צו וויסן". פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן איז גאָט, אויף וויפל ער עקזיסטירט פאַר אים בכלל, אַ סך מער מיסטעריעז ווי פאַר מענטשן פון פריערדיקע דורות.

אויב אַ נאָמען דאַרף עפּעס ד ע ר ק ל ע ר ן, איז דאָס זוכן פון נייע נעמען — פרוכטלאָזע אַרבעט. דער רעליגיעזער מענטש פון אונדזער דור וועט אַלץ מער און מער „אַגנאָסטיקער" (אין דירעקטן עטימאָלאָגישע זין פון וואָרט) — אַלץ מער און מער נישט־ווייסער, נישט־פאַרשטייער, נישט באַ־גרייפער. ער וועט זיך דערפאַר צופרידנשטעלן מיט די אַלטע נעמען, נייך, מיט איין אַלטן נאָמען — מיטן איינפאַכסטן און אומפאַרשטענדלעכסטן, מיטן לעפישסטן און פּאַראַדאָקסאַלסטן, מיטן קינדישסטן און געניאַלסטן וואָרט וואָס די מענטשלעכע ראַסע האָט ווען עס איז געשאַפן: גאָט.

1938

איינשטיינס רעליגיע

עס ווערט דערציילט וועגן וויקטאָר הוגאָ, אַז ער האָט זיך איינ־מאָל „דיסקרעדיטירט" מיט אַ פראַגע, וואָס ער האָט געשטעלט אין אַ געזעל־שאַפט פון פאַכלייט־נאַטורוויסנשאַפטלער. דער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם אַראַגאָ האָט פאַר אַ גרופּע קאָלעגן אַנטוויקלט זיין בליק אויף דער נאַטור פון קאָמעטן. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דער דיכטער קיין סך נישט געטראַכט און אַ פרעג געטאָן: „אָבער, זאָגט מיר נאָר, ליבער אַראַגאָ, וואָס איז די נ ש מ ה פון אַ קאָמעט?" אַלע אַרום האָבן זיך געפילט טיף־שאָקירט פון אַזאַ אימגעלומפּערטער פראַגע. עס איז זינלאָז צו פרעגן אַ פיזיקער און אַן אַס־טראָנאָם וועגן דער נשמה פון וואָס עס זאָל נישט זיין, ווייל זיין וויסנשאַפט האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיט וועלכע נישט איז פסיכישע פּראָצעסן אָדער עקזיסטענצן.

אַלבערט איינשטיין דאַרף זיך אָבער נישט פילן שאָקירט, אויב מ'זאָל אים שטעלן די זעלביקע אָדער אַן ענלעכע פראַגע. אַ פאַך־געלערנטער איז נישט מחויב צו ענטפערן אויף אַ פראַגע, וואָס גייט נישט אַריין אין רשות פון זיין וויסנשאַפט, אַזוי לאַנג ווי ער בלייבט שטיין אין די פעסטע גרענעצן פון זיין אייגענער דיסציפּלין. פּרובירט אָבער אַ מאַטעמאַטיקער אָדער אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער צו פ י ל אָ ז אָ פ י ר ן און דריקט אויס מיינונגען אָדער איבערצייגונגען פון אַן אַלגעמיין־וועלטאַנשויונגלעכן כאַראַקטער, מעג אים יעדער פרעגן די פראַגע וואָס וויקטאָר הוגאָ האָט אַמאָל געשטעלט דעם אַסטראָנאָם. אין דעם איינשטיין־פאַל איז בכן לעגיטים די פראַגע: וואָס איז די נשמה פונעם גאַנצן אוניווערסום און צי האָט ער בכלל אַ נשמה?

אינעם רעפעראַט, וואָס אַלבערט איינשטיין האָט צוגעשיקט דער „קאָנ־פערענץ פאַר וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און רעליגיע", האָט ער אויפסניי אַוועק־געשטעלט די אַלטע פראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער באַציִונג פון וויסנשאַפט און רעליגיע. די וואָס האָבן דערוואַרט, אַז ער וועט דיסקוטירן דעם ענין אין ליכט פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, פון דער מאָדערנער פיזיק בכלל, זענען געבליבן אַנטוישט. איינשטיין האָט זיין אייגענע שיטה אין מאַטעמאַטיק און פיזיק מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט — טראָצדעם וואָס אין משך פון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט זיך אַנגעקליבן אַ היפּשע ליטעראַטור וועגן די פילאָזאָפישע אויספירן, וואָס לאָזן זיך מאַכן פון דער רעלאַטיוויטעט־לערע. ער האָט זיך אין דעם דערמאָנטן רעפעראַט ווי נישט ווינסדיק געמאַכט פון

זיין אייגענער דאָקטרין און, ברענגענדיק צום אויסדרוק זיין בליק אויף רע־ליגיע און איר פּלאַץ אין דעם סך־הכל פון אונדזער ציוויליזאַציע, האָט ער נישט אָנגעווענדט קיין ספּעציעלע דערקענטעניש־מעטאָדע און איז געבליבן שטיין אויפן באַקאַנטן באָדן פון קאָנווענציאָנעלער לאָגיק און פון סתם שכל־הישר. דאָס מאַכט נאַטירלעך לייכטער פאַר די, וועמען ס'איז נישט געלונגען אַריינצודרינגען אינעם היכל פון איינשטיינס מאַטעמאַטישער „מחשבה ערטילאית", זיך צו אָריענטירן אין זיין פילאָזאָפישן געדאַנקענגאַנג.

קיין אינעוויניקסטן, אָרגאַנישן קאָנפליקט צווישן וויסן און אמונה וויל נאַטירלעך אויך איינשטיין נישט אָנערקענען. די אומצייליקע מלחמות צווישן וויסנשאַפטלעכע אמתן און דעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם זענען, אויך לויט זיין מיינונג, אַנטשטאַנען בלויז דעמאָלט, ווען וויסנשאַפט האָט זיך פאַר־מאָסטן, קעגן איר אייגענעם וועזן און קעגן אירע לעגיטימע פונקציעס, צו זיין אַן אָפּשאַצערין פון גייסטיקע און מאָראַלישע ווערטן, אָדער רעליגיע האָט פּרעטענדירט צו זיין דער מקור און דערפאַר שוין אויך דער איינציקער בר־סמכא אין ענינים, וואָס קענען געפאָרשט ווערן בלויז אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן. צווישן דאַרווינען — פון איין זייט — און בישאָפּ ליאַטפוט, וועלכער האָט אין אָנפאַנג פון זיבעצעטן יאָרהונדערט דערקלערט פאַר אַ פאַקט אין וועלכן קיין בר־דעת טאָר נישט צווייפלען, אַז גאָט (אָדער די טריניטעט) האָט באַשאַפן דעם מענטשן אין יאָר 4004 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רע־כענונג, אין אַ פרייטיק, אַרום ניין אַ זייגער אין דער פרי — פון דער אַנדע־רער זייט — קען קיין שלום נישט הערשן. דיסהאַרמאָניע מוז אַנטשטיין אויך אין יעדן פון יענע פאַלן, ווען וויסנשאַפט, וואָס איר הויפּט־עובדה איז צו פאָרשן פ אַ ק ט ן און דעם געזעצמעסיקן צוזאַמענהאַנג צווישן פאַקטן און דערשיינונגען, וויל, אָדער בכלל לייקענען די עקזיסטענץ פון אַ וועלט פון ווערטן, אָדער גאָר אַרויספּראָדוצירן פון זיך אַליין אַן אייגענע סיסטעם פון וועלט־אורטיילן און אָפּשאַצונגען. אין דעם פּרט האָט איינשטיין נאַטירלעך גאָרנישט נישט מחדש געווען. די פאַרשיידענע רשותן פון וויסנשאַפט און רעליגיע זענען שוין צוריק מיט גוטע עטלעכע דורות מער אָדער ווייניקער קלאָר אָנגעצייכנט געוואָרן.

דער וויסנשאַפטלעך־אָריענטירטער מענטש קען בכן זיין אויך עכט־רע־ליגיעז, און איינשטיין האָט אַ וואָרט פון טאַדלונג פאַר די וואָס ווילן זיך איינ־רעדן, אַז וויסנשאַפט נעמט מיט זיך אַרום דעם גאַנצן סכום פון גייסטיקן לעבן און איז אין זיך כולל אַלע טיפעניש פון אונדזער קולטור־פּראָצעס: „פאַרטרעטער פון וויסנשאַפט האָבן אָפטמאָל געמאַכט פּרווון צו דערגרייכן פונדאַמענטאַלע אורטיילן בנוגע ווערטן און צילן אויף דער באַזע פון דער

וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע און האָבן זיך דערמיט געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו רעליגיע״, אָבער „אַזעלכע קאָנפליקטן זענען שטענדיק אַרויסגעקומען פון פאַטאַלע טעותן״.

נאָך אַזאַ אַריינפיר האָט מען געמעגט דערוואַרטן, אַז איינשטיין וועט מאַכן זיינעם אַ פרווו צוצוגיין צו די פונדאַמענטאַלע רעליגיעזע באַגריפן און פאַרשטעלונגען, פריי פון דאָגמאַטישער געבונדנקייט צו דער וויסנשאַפטלעכער דענק־מעטאָדע און מיט סימפּאַטישער פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע אַספּעקטן פון גייסטיקן לעבן, וואָס דעקן זיך נישט מיט מאַטעמאַטיש־פיזיקאַלישע דענק־מעטאָדן. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אויך דאָס מאָל (ווי צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן קאָסמישער רעליגיע) האַלט ער זיך גאַנץ עקשנותדיק ביי דער אַלטער, שוין לאַנג „קלאַסיש״ געוואָרענער אָפּאָזיציע צום אינהאַלט פון די אַזוי גערופענע טעיִסטישע רעליגיעזע אויפפאַסונגען, צו די פאַרשטעלונגען פון אַ פערזענלעכן גאָט. אין דעם פּרט חזרט ער איבער אויף זיין אייגענעם אופן די אָפּגייאונג פון אַ סך בלויז־וויסנשאַפטלעכע אָדער דאָמינירנדיק־וויסנשאַפטלעכע דענקער פון דער אמונה אין אַ לעבעדיקן אָדער אין אַן אין־זיך־און־פאַר־זיך־עקזיסטענציעלן גאָט — מיט אַנדערע ווערטער, די אָפּגעקערטשאַפט פון דער אמונה אין אַ גאָט, וואָס קען נישט באַנומען ווערן אין דער ספּעציפישער שפּראַך פון מאַטעמאַטישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע טערמינען.

דער אומגליק פון די מייסטע היסטאָרישע רעליגיעס (און פון אַ ריי, דערלויבן מיר זיך צוצוגעבן פאַר איינשטיינען, פילאָזאָפישע סיסטעמען) באַשטייט, לויט זיין מיינונג, אין דעם, וואָס אַלס יסוד פאַרן רעליגיעזן דענקען שטעלן זיי אַוועק דעם באַגריף פון אַ פערזענלעכן גאָט. אָבער אַ פערזענלעכער גאָט, מיינט איינשטיין, איז נישט מער ווי אַ פיקציע פון אונדזער נישט־וויסנשאַפטלעכן אָדער פאַר־וויסנשאַפטלעכן דענקען, אין אַ גרויסער מאָס אויך אַ סובלימאַציע פון דער אַמאָליקער פרימיטיווער אמונה אין אָפּגעטער. ער האַלט נישט אַז דער גלויבן אין אַ געטלעך וועזן איז אַ פאָרויס־באַדינג פאַר אַן עכט רעליגיעזן לעבן, וואָס דריקט זיך אויס, לויט זיין כאַראַקטעריסטיק, אינעם „פאַרנומען־זיין מיט געדאַנקען, געפילן און שטרעבונגען, צו וועלכע מ׳איז זיך מתדבק צוליב זייער איבער־פערזענלעכן ווערט״.

ווען עס וואָלט טאַקע עקזיסטירט אַזאַ אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן טעיִזם און אַ שפעדיק רעליגיעז לעבן, וואָלט געווען, דריקט זיך איינשטיין אויס, „אומעגלעך צו באַטראַכטן בודאַ און ספּינאָזאַ פאַר רעליגיעזע פערזענלעכקייטן״.

וועלן מיר בודאַ, ווי אַ בײַשפּיל, מוזן אַרויסלאָזן — נישט כּדי זיך צו מאַכן דעם ענין באַקוועמער, נאָר ווײַל אין בודיזם האָבן מיר פאַר זיך אַן אופן פון רעליגיעזן דענקען, וואָס מענטשן פון דער מערבֿ־וועלט האָבן נאָך נישט גענוג תּופֿס געווען, יעדנפֿאַלס נישט גענוג אַסימילירט אין זיך. ספּינאָזאָס לאַטײַן איז אונדז דאָך נענטער און פאַרשטענדלעכער פון בודאָס סאַנסקריט און אַפילו יענע אייראָפּעיִשע געלערנטע, וואָס האָבן דעם צוגאַנג צו בודיס־טישער ליטעראַטור אין איר אָריגינאַל, האָבן נאָך ביז הײַנט גרויסע שוועריקייטן מיט זייערע פּרוּוון אַרײַנצודרינגען אין דעם אייגנאַרטיקן תּוך פון אירע טערמינען און דעפיניציעס. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען, ווי וואַקלדיק עס איז נאָך ביז איצטער אונדזער פאַרשטענדעניש פון אַזאַ גרונט־באַגריף אין בודיזם ווי נירוואַנאַ (דער ענדגילטיקער צושטאַנד פון אַ מענטשן נאָכן טויט). עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַ טייל ענגלישע און אַמעריקאַנער פאַרשער ווילן אויסדריקן דעם נירוואַנאַ־צושטאַנד דורכן וואָרט „נאָטהינג״ (גאָרנישט, אַבסאָלוטע נישט־עקזיסטענץ), בשעת אַנדערע פאַרשטייען אים אַלס „נאָ־טהינג״ (אַ צושטאַנד דווקא פון עקזיסטענץ, אָבער פון אַזאַ עקזיס־טענץ, וואָס איז נישט ענלעך צו ק ײ ן ש ו ם ז א ך אין דער עמפּירי־שער וועלט). דאָס, וואָס בודאַ נוצט נישט דעם טערמין „גאָט״, איז אפֿשר בכלל נישט קיין באַווײַז פון „גאָטלאָזיקייט״. אַ וועלט, אין וועלכער אַ מענטש ווערט ב אַ ש ט ר אָ פ ט פאַר זײַן זינדיק לעבן דורך אַ סעריע פון גילגול־געבורטן (רעיִנקאַרנאַציעס) און ווערט באַלוינט פאַר זײַן רייניקונג־פּראָצעס דורך אַן אייביקן נירוואַנאַ־צושטאַנד, איז אויך איר אופן „אַ ק ע נ י ג ר ײ ך פ ו ן צ י ל ן״ און איז אויך דיריגירט פון אַ באַוווּסטזיניקן ו י ל ן. דאָס אַליין איז שוין עלול, אין אַ זייער גרויסער מאָס, אָפּצושאָפן די מחיצה, וואָס ווײַזט אויס פאַר אַ סך צו עקזיסטירן צווישן בודיזם און טעיִזם.

ווען מיר גייען אָבער איבער פון בודאַ צו ספּינאָזאַ, איז פאַראַן גענוג גרונט אָנצונעמען, אַז טראָצדעם וואָס דער לעצטער איז אַ סך פאַרשטענדלע־כער פאַר מענטשן פונעם מערבֿדיקן קולטור־קרײַז אײדער דער אינדישער וויזיאָנער, עקזיסטירן נאָך אַלץ צווישן אונדז גרויסע מיספאַרשטענדענישן אין פאַרבינדונג מיט זײַן לערע און אַפילו מיט זײַן טערמינאָלאָגיע. די אויפֿ־פאַסונג פון ספּינאָזאַ אַלס אַ כּופֿר־בעיקר, אויף וויפֿל עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּערזענלעכן גאָט, איז — טראָצדעם וואָס זי איז זייער פּאָפּולער און כּמעט „קאַנאָניזירט״ — ווײַט פון צו זײַן באַגרינדעט. ווײַל פאַר ספּינאָזאָן עקזיס־טירט „פון אייביקייט ביז אייביקייט״ בלויז איין פּערזענלעכקייט אָדער איין אינדיווידואַליטעט, און דאָס איז טאַקע גאָט אַליין, די סובסטאַנץ, בשעת אַלע אַנדערע עקזיסטענצן, וואָס מאַניפעסטירן זיך פאַר אונדז ווי פּערזענלעכקייטן,

זענען נישט מער ווי מאָדוסן אָדער אינדיווידואום־ענלעכע צושטאַנדן פֿונעם, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, איין־און־איינציקן „וועלט־איך״. אַנדערש וואָלטן מיר געדאַרפֿט אָננעמען ווי סתם אַ מליצה ספּינאָזאָס באַהויפּטונג (דער 35טער און 36טער לערזאַץ אינעם פֿינפֿטן חלק פֿון זיין „עטיק״), אַז „גאָט האָט זיך אַליין ליב מיט אַן אומבאַגרענעצטער אינטעלעקטועלער ליבע״ און אַז „ווייל גאָט האָט זיך אַליין ליב, האָט ער אויך ליב די מענטשן״ די מאָדוסן פֿון זיין נישט־געטיילטן וועזן. כאַראַקטעריזירן אַ ליבנדיקן גאָט, וואָס דעם מענטשנס אינטעלעקטועלע ליבע צו אים איז אַפֿילו, ווי ספּינאָזאַ מיינט אין זיין לעצטן לערזאַץ (דער 42טער), אַ געוויסע גאַראַנטיע פֿאַר אַ מין אומשטערבלעכקייט פֿונעם מענטשנס נשמה, ווי אַ נ י ש ט ־ פּ ע ר ז ע נ ־ ל ע כ ן, איז דערפֿאַר אפשר מער אַ פֿראַגע פֿון נאָמענקלאַטור, פֿון באַצייכענונג מיט נעמען, איידער פֿון תוך־דעפֿיניציע. דעם טיטל „איך״, אין דעם שטרענגען זינען פֿונעם וואָרט, וואָלט מען, לויט ספּינאָזאָס וועלט־באַנעם, געמעגט אַנווענדן בלויז אויף דער סובסטאַנץ, אָדער זיך אינגאַנצן מיט אים נישט באַנוצן. אין דעם פּונקט איז כאַראַקטעריסטיש די באַהויפּטונג פֿון אַזאַ כּפֿינאָזיסטיש שטאַרק באַאיינפֿלוסטן פֿילאָזאָף ווי הערמאַן לאָטצע. אומבאַגרענעצטקייט, אין־סופֿדיקייט (דאָס וואָס ספּינאָזאַ שרייבט צו צו זיין ס ו ב ־ ס ט אַ נ ץ) איז, לויט לאָטצען, נישט נאָר נישט אין סתירה צו פּערזענלעך־זיין, נאָר פּונקט פֿאַרקערט: ז אַ ך איז לויט איר באַגריף דער פֿולשטענדיקער היפּוך פֿון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק יי ט; זאַך איז לויט איר עצם וועזן אין זיך באַגרענעצט און פֿון אַלע אַנדערע זאַכן ווי אָפּגעגרענעצט, בשעת דער אידעאַלער באַגריף פֿון פּערזענלעכקייט איז — אומענדלעכקייט און זעלבסט־שטענדיקייט. מ׳מעג זאָגן, אַז דער ספּינאָזיסטיש געשטימטער לאָטצע איז גרייט צו באַטראַכטן מענטשן בלויז פֿאַר כּמו־פּערזענלעכקייטן, בלויז, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, פֿאַר ברואים וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן „בצלם הפּערזענלעכקייט״, בשעת די איינציקע עכטע פּערזענלעכקייט איז גאָט (אָדער די סובסטאַנץ) גופֿא. אויף אַן אַנדער, נישט ווייניקער אַנטשיידענעם אופֿן האָט עס לאָטצע פֿאָרמולירט מיט זיין אויסטייטשונג פֿון קאַנטס „דינג אַן זיך״: „די איינציקע באַדייטונג וואָס מיר קענען צושרייבן צום באַגריף פֿון אַ זאַך ווי זי איז „אַן און פֿ אַ ר ז י ך״, איז זי תּופֿס צו זיין ווי זי איז פֿ אַ ר ז י ך ג ו פֿ א״ — דאָס הייסט פֿאַר איר אייגענעם באַוווסטזיין דענקען אָדער פֿילן, מיט אַנדערע ווערטער: אַן זעלבסט־באַוווסטזיין (דער וויכטיקסטער סימן פֿון דעם וואָס מיר רופֿן אַן פּערזענלעכקייט אָדער אינדיווידואַליטעט) זענען פֿאַראַן בלויז „דינגע״, סתם זאַכן, אָבער נישט דאָס וואָס קאַנט פֿאַר־שטייט אונטער זיין „דינג אַן זיך״ אָדער וואָס ספּינאָזאַ באַצייכנט ווי די

איין־און־איינציקע אומענדלעכע „סובסטאַנץ״. מען וואָלט דאָס אַפילו גע־קענט אויסדריקן — לויט ספּינאָזאָס גוסט — מאַטעמאַטיש: אונטערן באַ־גריף פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט פאַרשטייען מיר מער אָדער אַ העכערע מדרגה פון ממשותדיקייט אָדער רעאַליטעט, ווי אונטערן באַגריף ז אַ ך; די סובסטאַנץ איז דאָס זעלביקע וואָס אַבסאָלוטע רעאַליטעט; דער אויספיר מוז זיין, אַז די סובסטאַנץ איז — אַ ב ס אָ ל ו ט ע פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט. לאָמיר אויף וועמען מיר פאַררופן זיך דאָ, איז, אגב, נישט דער איינציקער דענקער, פאַר וועמען ספּינאָזאָס פּאַנטעיִזם איז נישט מער ווי אַ געוויסע אוי־סטייטשונג פון טעיִזם בכלל (אין דעם צוזאַמענהאַנג לויגט נאָך אויך היינט אַריינצוקוקן אין משה מענדעלסאָנס „מאָרגענשטונדען״ און אין דעם וויכוח פון זיין צייט וועגן לעסינגס אויפפאַסונג פון ספּינאָזאַן). ספּינאָזאָס לערע איז נישט אַן אַנט־פּערזענלעכונג פון גאָט, נאָר גיכער גאָר אַ פּאַר־פּערזענ־לעכונג פונעם אוניווערסום...

אָבער אַלץ איינס, ווי אַזוי מיר זאָלן נישט אויפפאַסן די גרונט־באַגריפן פון ספּינאָזאָס מעטאַפיזישער לערע, וואָס האָט פאַר אונדז אויך איצטער, נאָך קרוב דריי יאָרהונדערטן פון איר עקזיסטענץ, נישט ווייניק אומקלאָר־קייטן, קלינגט איינשטיינס אַרגומענטאַציע קעגן טעיִזם ווייט נישט איבער־צייגנדיק. אין אַ געוויסן זינען מעג מען זאָגן, אַז יעדע רעליגיעזע אָדער כמו־רעליגיעזע לערע, אין אונדזער צייט, וואָס לייקנט די עקזיסטענץ פון אַ פּער־זענלעכן גאָט און אַנערקענט אַ מין אַנאָנימע, אומפּערזענלעכע „גאָטהייט״, איז אַ מין אומקער צו אַמאָליקע פאַר־מאָנאָטעיִסטישע פאַרשטעלונגען און טרעט אַריין אין אַ געוויסער קרובהשאַפט מיט געצנדינערישע רעליגיעס. סימנים פון אַזאַ רעליגיעזער מעטאַפיזיק געפינען מיר ביי אייראָפּעיִשע פעל קער אין די פאַר־קריסטלעכע פעריאָדן פון זייערע ציוויליזאַציעס. עס איז נישט קיין צופאַל, צום ביישפּיל, וואָס דאָס אַלטע טעווטאָנישע וואָרט „גאָט״ איז, אַזוי צו זאָגן געשלעכטלאָז, נישט קיין ער און נישט קיין זי, נאָר אַ מין ע ס, דאָס הייסט אומפּערזענלעך, זאַכעדיק; וואָס די דאָזיקע פאָרעם עקזיס־טירט אויך אינעם גאָטישן לשון און אין אַלט־נאָרוועגיש. אויך דאָס לאַטיי־נישע „נומען״, וואָס ווערט גענוצט אין זין פון גאָטהייט, איז גראַמאַטיקאַליש —זאַכלעך, נייטראַל. אין די עלטערע שיכטן פון אַ גאַנצער ריי אייראָפּעיִשע שפּראַכן, ווערט די העכסטע קראַפט באַצייכנט ווי עפּעס אומפּערזענלעכס. עס איז אינטערעסאַנט זיך צו דערמאַנען, אַז די פּרימיטיווע שבטים פון מע־לאַנעזיע און יענע פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, צו וועלכע דאָס מאַנאָ־טעיִסטישע קריסטנטום איז נאָך נישט דערגאַנגען, האַלטן זיך נאָך ביז היינט ביי אַן אוראַלטער פאַרשטעלונג וועגן „מאַנאַ״ — אַ מין אַלקעגנוווערטיקע,

אַז אַן אויפהער שטראָמענדיקע, נישט־אינדיווידואַליזירטע קראַפט, וואָס פאַר־נעמט אין זייער רעליגיעזן לעבן אַן ערך דעם זעלביקן פּלאַץ, וואָס אַ פער־זענלעכער גאָט פאַרנעמט אין די העכערע היסטאָרישע רעליגיעס.

נאַטירלעך, בלויז דער פאַקט, וואָס איינשטיינס בליק אויף דער וועלט האָט זיינעם אַ רויען פאַראַלעל אין דעם דענקען פון פרימיטיווע פעלקער, איז נאָך נישט קיין אַרגומענט קעגן אים. מיר ווייזן בלויז אָן אויף אַ געוויסער מדרגה אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער דער גרעסטער טייל פון דער רעליגיעזער מענטשהייט האָט זיך שוין לאַנג באַ־פרייט, און עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, וואָס אויך (און אפשר גראָד) יענע פעלקער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע דערגרייכונגען אין נאַטורוויסנשאַפטלעכער קולטור זענען איבערגעגאַנגען צו דער תפיסה פון אַ פערזענלעכן גאָט.

עס וואָלט אונדז צו ווייט פאַרפירט, ווען מיר וואָלטן איצט זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף דער פראַגע, פאַרוואָס אַזעלכע גרויסע טיילן פון דער מענטש־הייט זענען גראָד אין די פּראָגרעסיווע פעריאָדן פון זייער אַנטוויקלונג אי־בערגעגאַנגען פון אמונה אין גאָט־זאַך אָדער אין ג אָ ט ה יי ט ווי אַ סומע פון אומפערזענלעכע כוחות — צו דער אמונה אין ג אָ ט ווי אַ פערזענלעך וועזן. עס קען יעדנפאַלס קיין ספק נישט זיין, אַז אַזאַ איבערגאַנג וואָלט נישט פאַרגעקומען, ווען די פאַר־טעיִסטישע רעליגיעס וואָלטן געווען בכוח צו שטילן זייער רעליגיעזן דאָרשט, געבן אַ דויערנדיק־צופרידנשטעלנדיקן ענטפער אויף זייערע מעטאַפיזישע שפּאַנונגען. אָבער קיין לייזונג פאַר די דאָזיקע שפּאַנונגען גיט היינט אויך איינשטיין נישט, און די צוויי עלעמענטן פון זיין רעליגיעזן אויסבליק — די שטרענגע, שכלדיקע געזעצמעסיקייט פונעם נאַטור־געשען (אַנשטאָט אַ פערזענלעכן גאָט) און דאָס אַבסאָרבירט־ווערן פונעם מענטשן אין דער דריי־אייניקייט פון איבערפערזענלעכע ווערטן (דאָס אמתע, דאָס גוטע און דאָס שיינע) קענען קיינעם נישט „טרייסטן” אָדער מאַכן פאַר אים די וועלט און זיין פּלאַץ אין דער וועלט „אַנגעמבאַר”.

מיר נוצן דאָ בכיוון אַזעלכע „קאָמפּראָמעטירטע” אויסדרוקן ווי ט ר יי ס ט ן און אַ נ ג ע מ ב אַ ר, ווייל וויפל מ'זאָל נישט טייטשן און איבערטייטשן רעליגיע, האָט זי נישט, אין לעצטן חשבון, קיין שום באַדיי־טונג, אויב זי איז נישט, פאַר אַלעמען און נאָך אַלעמען, אַ קאָסמאָדיצייע, אַ מין צידוק־הדין פאַר דעם אוניווערסום; אויב זי גיט נישט דעם מענטשן די זיכערקייט (אָדער, ווי פילאָזאָפישע „מינימאַליסטן” ווילן היינט זאָגן, די וואָר־שיינלעכקייט), אַז די ווערטן וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט פון זיך פּראָדוצירט אָדער וואָס האָבן זיך דורך אים אַנטפּלעקט, זענען נישט קיין

אילוזיעס; אַז זײ טראָגן אין זיך ענדגילטיקע רעאַליטעט און זענען אויף דעם אָדער אַנדערן אופן פאַראַנקערט אין דעם עצם װעזן פון דער װעלט. אין זײן רעפעראַט רעדט אײנשטײן מיט כמעט נישט פאַרמאַסקירטער פאַראַכטונג װעגן מורא און האָפענונג, װי די צװײ אומלעגיטימע מקורות פון די טעיִסטישע רעליגיעס און פילאָזאָפיעס. אָבער מיט װאָס זענען מורא און האָפענונג נישט קײן כשרע סטימולן, און פאַר װאָס איז אַ פּערזענלעכער גאָט, װאָס װערט באַטראַכט װי דער אײביקער היטער און טרעגער פון װערטן און איז נישט גלײכגילטיק צום שיקזאַל פון מענטשן, אַ פאַלשער באַגריף? װײל אַזאַ גאָט איז צו פּראַגמאַטיש, צופיל צוגעשניטן צו אונדזערע באַדער־פעניש אָדער פאַרלאַנגען — „טו גוד טו בי טריו״? האָבן מיר מער גרונט זיך צו האַלטן בײ דער פאָרמולע — „טו בעד טו בי אַנטריו״? און אויב עס איז גענוג אַז הינטער אַ באַגריף אָדער אַן אידײע זאָל שטײן װי אַ מאָטיװ מענטשלעכע פאַראינטערעסירטקײט, „װוּנטש־דערפילונג״, כדי דורך דעם אַלײן זאָל יענע אידײע װערן דיסקרעדיטירט, האָבן מיר דען נישט קײן גרונט צו דיסקרעדיטירן אויך די װיסנשאַפט? איז דען װיסנשאַפט, סײ, אַנגעװענדטע פאַר אונדזער פּראַקטישן געברױך און סײ די סאַמע אַבסטראַקטע און טעכניש־נוצלאָזע, נישט אַן ענטפער אויף מענטשלעכע עמאָציעס און פאַראינטערע־סירטקײטן, נישט קײן רעזולטאַט פון מורא פאַר נאַטור־כוחות און האָ־פענונג זײ צו צוימען און צו באַהערשן, אָדער פון אונדזער אײביקער מורא פאַר פינצטערקײט, אומבאַגרײפלעכקײט, געזעצלאָזיקײט און כאַאָטיש־קײט? װאָלטן מיר דען אַנטװיקלט די װיסנשאַפטן צו דער מדרגה, צו װעל־כער זײ האָבן שױן דערגרײכט, װען מיר װאָלטן נישט געהאַט קײן „אינטע־רעס״ צו לעבן אין אַ געאָרדנטער, געזעצמעסיקער, מער־באַגרײפלעכער און דערפאַר שױן אַלײן אויך מער אַנגענעמער װעלט? אװדאי און אװדאי איז רעליגיע, און באַזונדערס טעיִסטישע רעליגיע, אין אַ אומגעהײער גרױסער מאָס סטימולירט פון שרעק — פון דער באַדערפעניש בײצוקומען דאָס דאָ־זיקע געפיל און אײנצושטעלן אַ האַרמאָנישע באַציִונג צװישן מענטש און דער װעלט־גאַנצקײט. און װאָלט יענער שרעק געװען אַ גרונטלאָזער, בלױז אַ רע־זולטאַט פון אַבערגלױבן און פאַלשע פאָרשטעלונגען, װאָלט מסתמא אין דער װעלט נישט געװען קײן פּלאַץ פאַר די רעליגיעזע מענטאַליטעטן, מיט װעלכע מיר לעבן שױן טױזנטער יאָרן. אָבער דער פּחד װאָס שטײט הינטער די מײנסטע פּראָצעסן פון רעליגיעזער שאַפונג באַציִט זיך דאָך נישט בלױז אויף אַ טריקעניש, אָדער אַ פאַרפּלײצונג, אָדער גאָר אויף שדים און אַנדערע אי־מאַגינערע סכנות, נאָר אויך, און אפשר דער עיקר, אויפן שיקזאַל פונעם װערטפול אין דער װעלט בכלל. די מורא פאַרן טויט, למשל, איז אַ װיכטי־

קער, אויב נישט דער הויפּט־עלעמענט, אין יענע שפּאַנונגען, וואָס אַ דאַנק זיי איז רעליגיעזע מענטאַליטעט היסטאָריש געוואָרן דאָס וואָס זי איז. די דאָזיקע מורא איז אָבער נישט קיין גרונטלאָזע און, סיידן מיר נאַרן זיך אָפּ אָדער „פּאַררעדן זיך אַליין די ציינער", ווערט דאָס דאָזיקע געפיל נישט באַזייטיקט דורך אַ טעאָריע, אַז טויט איז אַ נאַטירלעכע, געזעצמעסיקע דערשיינונג אינעם גאַנצן קאָסמישן געשען. אַ מענטש קען אַזאַ טעאָריע אינטעלעקטועל אָננעמען, אָבער די „על־פּי־טבעדיקייט" פון טויט ווערט נאָך ביי אים נישט פאַרוואַנדלט אין קאָסמאָדיצייע, אין אַ באַרעכטיקונג פונעם סדר־העולם און זי קריגט נאָך נישט פון אים קיין מאָראַלישע „הסכמה". איינשטיין איז גרייט צו באַטראַכטן די אמונה אין השארות־הנפש ווי אַ מין פּחדנות (פאַרוואָס אייגנטלעך פּחדנות? פּחדנות איז בלויז דאָס מורא האָבן פאַר זאַכן און דערשיינונגען, וואָס מיר זענען אימשטאַנד גובר צו זיין, אָדער פאַר וועלכע עס איז „אומווירדיק" מורא צו האָבן), און ער וויל נישט זען אין די פאַרשידענע וואַריאַציעס פונעם אומשטערבלעכקייט־גלויבן דעם אייביקן מ אָ ר אַ ל י ש ן פּ ר אָ ט ע ס ט קעגן דער פאַרניכטונג פון לעבן, פונעם ווערטפולסטן אין דעם וועלט־זיין.

אַ פילאָזאָף קען פאָדערן — ווי עס פאָדערט, צום ביישפּיל, דער דורך און דורך פּעסימיסטישער בערטראַנד ראָסעל — אַז דער מענטש זאָל שלום מאַכן מיט דער אַזוי גערופענער געזעצמעסיקייט פון טויט, ווייל... סיי־ווי־סיי האָבן מיר דאָך קיין ברירה נישט, און עס האָט נישט קיין זינען צו באַגערן דאָס אַבסאָלוט־אוממעגלעכע אָדער האָבן טענות צו אַ טויב־שטומען, גולמדיק־ווילדן אוניווערסום. דער אַנטי־רעליגיעזער זיגמונד פרויד האָט, פון זיין שטאַנדפּונקט, אויך געהאַט אַ רעכט צו פאָדערן פון אונדז דאָס, וואָס ער האָט גערופן „די דערציִונג צו רעאַליטעט", די פעיִקייט צו באַגעגענען דאָס קאָסמיש־גרויזאַמע — באַלאַנסירט און אָן שרעק, ווייל סיי ווי סיי זענען מיר איף דעם קיין באַלעבאַטים נישט. אָבער סיי פאַר ראָסעלן און סיי פאַר פרוידן איז נישט פאַראַן אַזוינס ווי „איבערפּערזענלעכע ווערטן" אינעם זינען פון העכער־פון־מענטשלעכע אָדער אויסער־מענטשלעכע, וואָס עקזיסטירן פאַר זיך אַליין (ווי, צום ביישפּיל, א מ ת, וואָס האָט פאַר איינשטיינען אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ). ספּעציעל פאַר ראָסעלן איז די גייסטיקע וועלט פונעם מענטשן נישט מער ווי אַן אַקצידענט, אַ צופעליקער עפּיזאָד אין אַ גייסטלאָזן וועלט־געשען, און דערפאַר פריידיקט ער אַ מין „פאַרצווייפלטע נאָביליטעט", דאָס קולטיווירן פון גייסטיקע, מאָראַלישע און עסטעטישע ווערטן אויב נישט אויף־צו־להכעיס, איז אין פולשטענדיקער דיסהאַרמאָניע מיטן אוניווערסום. אָבער איינשטיין איז אין זיין וועלט־באַנעם נישט קיין פּעסי־

מיסט און לויט זיין נאַטור רעליגיעז. האָט מען פון אים געמעגט דערוואַרטן, אַז אין אונדזערע אומשטערבלעכקייט־קאָנסטרוקציעס זאָל ער דערזען עפּעס מער ווי סתם ביאָלאָגיש גוסטן נאָך המשך אָדער „עגאָיזם" — ער זאָל אין זיי באַמערקן אויך די מ אָ ר אַ ל י ש ע באַדערפעניש צו שאַפן אַ האַרמאָני־שע שייכות צווישן שיקזאַל און וועלט־טאָטאַליטעט.

און דאָ קומען מיר צו, ווי מיר דוכט זיך, צום וויכטיקסטן מאָמענט אינעם וועזן פון רעליגיעזן שאַפן.

איך נעם זיך נישט אונטער צוצוגעבן צו די צענדליקער גענעראַליזירנדיקע דעפיניציעס פון רעליגיע נאָך אַ דעפיניציע. עס וועט אָבער זיין שווער עפּעס אויסצוזעצן קעגן אַ באַהויפּטונג אַז, באַטראַכט פון אַ באַשטימטן געזיכט־פּונקט, איז רעליגיע אַ פּרוּוו — אפשר דער סאַמע „אַוואַנטוריסטישער" פּרוּוו אין אונדזער גאַנץ לעבן — אויפצופּאַסן די טאָטאַלע עקזיסטענץ אין עטישע טערמינען. מורא א י נ א יי נ ע ם מיט אַ פּראַמעטעיִש עטישער „פאָדע־רונג" צום גאַנצן קאָסמישן געשען, וואָס, אויב זי ווערט באַפרידיקט, הערט די מורא אויף צו האָבן פּלאַץ, בויט אויף רעליגיע (ווען בלויז מורא וואָלט געווען דער מקור פון טעיִסטישער רעליגיע, וואָלט מען אפשר געדאַרפט ווייניקער לאַכן פון אַן אַמאָליקן בערלינער שפּאַס, אַז על פּי שכל דאַרף שלייער־מאַכערס הונט זיין פרומער פון זיין מייסטער). איינשטיין איגנאָרירט אָבער אינגאַנצן דעם דאָזיקן טיפן אמת פון קאַנטס „פּראַקטישער פאַרנונפט" — דעם טעזיס, אַז אַלץ איינס וואָס פאַראַ באַציִונגען עס זאָלן נישט עקזיסטירן צווישן רעליגיע און עטיק, איז רעליגיע, פון באַשטימטן שטאַנדפּונקט, אַ פּראָדוקט פון דער אוממעגלעכקייט פאַרן מענטשן שלום־צו־מאַכן מיט אַן אוממאָראַלישער אָדער אַן אַ־מאָראַלישער טאָטאַליטעט. איינשטיין אָנערקענט די גילטיקייט פון אונדזערע מאָראַלישע ווערטן, אין און פאַר דעם מענטש־לעכן לעבן; ער זעט אפילו אין „דינען" צו די דאָזיקע ווערטן די קווינטעסענץ פון רעליגיעזן לעבן, אָבער אין דער זעלביקער צייט זוכט ער נישט פאַר זיי, ווייזט אויס, קיין פאַראַנקערונג אין דעם וועלט־אַל. די שעפערישע באַדייטונג פון טעיִסטישער רעליגיאָזיטעט באַשטייט אָבער גראָד אין דעם, וואָס זי פּראָ־יעצירט אַריין אין קאָסמאָס די העכערע מענטשלעכע ווערטן, און נעמט אָן אַז דאָס, וואָס זי פּראָיעצירט אין אים אַריין עקזיסטירט אויך אין זיין שורש, אין זיין עצם וועזן. אומשטערבלעכקייט־גלויבן דאַרף דערפאַר באַטראַכט ווערן נישט בלויז ווי אַ ווונטש־דערפילונג אָדער ווי סתם אַ האָפענונג וואָס דאַרף אונדז קאָמפּענסירן פאַר אונדזער מורא, נאָר אויך ווי אַ פאָדערונג פון מענטש־לעכן געוויסן און אַ הנחה, אַז אין קאָסמאָס ווי אַ גאַנצן איז פאַראַן נישט ווייניקער, נאָר מערער און אַ העכער געוויסן ווי ביים מין מענטש, און אַז

עס איז דערפאַר „אוממעגלעך", אַז טאָטאַלע פאַרניכטונג זאָל זיין דער עפּי־לאָג אין דעם מענטשלעכן שיקזאַל. און דערפאַר טאַקע גראַוויטירט רעליגיע צו דער אָדער אַן אַנדערער פאָרעם פון טעיזם: אין דער אומפּערזענלעכער נאַטור געפינט זיך נישט קיין סימפּאַטיע (אויך נישט קיין אַנטיפּאַטיע, אָבער דאָס ענדערט נישט די לאַגע) פאַר מענטשלעכע ווערטן, בשעת אינעם באַגריף פון אַ פערזענלעכן גאָט גייט אַריין אַ געוויסע קאָנגזייטיקייט אין די באַציִונגען צווישן מענטש און דער „העכסטער מאַכט", אחריות פון גאָט פאַר מענטש־לעכע ווערטן, וואָס זענען, אויף אַן אַנדער שטח, אויך ז י י ע ר ווערטן. איינשטיין וויל אָבער נישט איינזען, אַז אויב אים זאָל געלינגען וויסנשאַפט־לעך צו באַווייזן די אַבסאָלוטע אוממעגלעכקייט פון דער עקזיסטענץ פון אַ פערזענלעכן גאָט — עפּעס וואָס קען וויסנשאַפטלעך בשום אופן נישט באַוויזן ווערן און וואָס איינשטיין אַליין האַלט פאַר נייטיק אין זיין רעפעראַט צו באַטאָנען — וואָלט ער דערמיט בלויז געעפנט דעם וועג פאַר אַ פּעסימיסטישן וועלט־באַנעם, אָבער נישט פאַר רעליגיע, נישט פאַר אַ קאָסמאָדיציייע. ווייל אויך די ווערטן וואָס איינשטיין אַנערקענט פאַר די הויפּט־עלעמענטן אין רעליגיע — אמת, גוטסקייט און שיינקייט — זענען רעאַל און האָבן אַן אָביעקטיווע באַדייטונג בלויז אונטער איין באַדינג: אויב זיי זענען די „אַנער־קענטע" ווערטן, נישט נאָר פאַרן מענטשלעכן באַוווּסטזיין, נאָר אויך פאַר נאָך עמעצן אָדער פאַר נאָך אַן „עפּעס" (נישט אומזיסט געפינען מיר אין דער תּלמודישער ליטעראַטור אַ פאַרשטעלונג, אַז מקיים צו זיין די תּורה איז אַ חוב אויך פאַר גאָט, אַז דער רבונו של עולם גופא איז מעיין אין דער תּורה איידער ער אַנטשליסט זיך עפּעס צו טאָן. דאָס איז זייער און זייער אַנטראָ־פּאָמאָרפיש און אפשר נאָך מער שאַקירנדיקער אַנטראָפּראָמאָרפיזם איז אַן אַנדער פאָלקס־פאַרשטעלונג, וואָס מיר געפינען אויך אין דער תּלמודישער ליטעראַטור, לויט וועלכער דער הקדוש ברוך הוא אַליין לייגט תּפילין. דאָס צאַרטערע אויער כאַפּט אָבער אויף, דורך די דאָזיקע פאַרשטעלונגען, דאָס וויברירן פון אַ שעפעריש־רעליגיעזער קראַפט, דאָס שטרעבן צו קריגן די ענדגילטיקע זיכערקייט, אַז תּורה איז נישט עפּעס „מענטשלעכס, אַלצו מענטשלעכס", וואָס איז נישט גילטיק אין אויסער־מענטשלעכער עקזיסטענץ און דערמיט אַליין נישט־רעאַל). ווייל פאַרן רעליגיעזן באַוווּסטזיין און געוויסן איז נישט גענוג אַנצונעמען, ווי איינשטיין וויל, דעם אייביקן ריטם פון שטרענגער אָרדענונג און געזעצלעכקייט אין דעם וועלט־אַל, כדי זיך צו פילן אין אים „היימיש", און עס איז אַפילו נישט גענוג די הנחה פונעם אַמערי־קאַנער טעאָלאָג שעילער מאַטיוס, אַז אין דער נאַטור זענען פאַראַן פערזענ־לעכקייט־בילדנדיקע כוחות („פּערסאָנאַליטי־פּראָדיוסינג אַקטיוויטיס"), אַז די וועלט זאָל ווערן פאַרן מענטשן באַדייטונגספול און „אַקצעפּטאַבל". רעליגיע

פאַדערט נאָך עפּעס — אַז יענע כוחות אָדער אַקטיוויטעטן זאָלן אַליין וויסן אַ ז זיי זענען און וו אַ ס זיי זענען, ווייל אָן אַזאַ וויסן מוזן זיי זיין גלייכגילטיק און אומפאַראַנטוואָרטלעך, אַ־מאָראַליש. מיט אומבאַוווסטזיני־קע כוחות און אַקטיוויטעטן, וואָס פּראָדוצירן אַרויס פון זיך אויטאָמאַטיש (לויט וועלכע געזעצן פון סיבה ומסובב?) דאָס העכסטע וואָס איז אונדז באַ־קאַנט אין דער וועלט פון עקזיסטענצן, גייסט און פּערזענלעכקייט, קען מען קיין קאָנגרויִטעטקייט־באַציִונגען נישט פאַרקניפּן. און כדי עס זאָל יאָ קענען זיין מיט זיי אַ גייסטיק־מאָראַלישע פאַרבינדונג, מוזן זיי אַנטהאַלטן אין זיך עפּעס פון דעם, וואָס מיר באַצייכענען מיטן וואָרט „פּערזענלעכס". אין דעם צוזאַ־מענהאַנג קען מען פאַרשטיין דעם שפּאַס פון דעם ראַפינירטסטן איראָניקער פון אונדזער צייט, אַנאַטאָל פראַנס, וועלכער, רעדנדיק וועגן דער השערה, אַז אונדזער גאַנצער אוניווערסום איז פאַרמשפּט אונטערצוגיין און אינאיינעם מיט אים, הייסט עס, מוזן אונטערגיין אויך אַלע גייסטיקע ווערטן וואָס איין טיפּ באַשעפעניש האָט געשאַפן אויף איינער פון די קלענערע פּלאַנעטן, האָט מעלאַנכאָליש אַ זאָג געטאָן: „נישט דאָס איז וויכטיק, צי דער אוניווערסום וועט טאַקע אונטערגיין צי נישט, צי דאָס וועט פּאַסירן מאָרגן אָדער שפּעטער מיט עטלעכע טויזנט ביליאָנען יאָרן; וויכטיק איז, אויב ער וועט פאַרניכטעט ווערן, אָדער, „דיסאינטעגרירן" ווי ספּענסער האָט געוואָלט זיך אויסדריקן, צי איז פאַראַן אַ גאָט וואָס זאָל אויף די חורבות פון זיין מעשה־בראשית „אַדרעסירן" זיינע „הויף־דינער": דאָס איז געווען אַ פּראַכטפולער שפּיל, לאָ־מיר עס נאָכאַמאָל אָנהייבן פונדאָסניי". די גרונט־פראַגע איז דאָ אייגנטלעך אַ גאַנץ „איינפאַכע": צי איז די אַנטשטייאונג פון פּערזענלעכקייט אַ צופאַל אָדער עפּעס על פּי געזעץ, קאָסמיש־לעגיטים און כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ווירקלעכקייט? בערטראַנד ראַסעל, למשל, האַלט, אַז באַוווסטזיין, גייסט, ווילן, פּערזענלעכקייט, זענען לויט זייער וועזן עפּעס וועלט־פרעמדע, צופעליקע. וועלן מיר אים נישט פרעגן קיין קשיות וועגן דעם וואָס הייסט אַן „אַקצידענט" אין אַ געשלאָסענער וועלט־טאָטאַליטעט, און צי אַזאַ צופאַל איז נישט מער נס, נישט מער אומראַציאָנאַל, ווי אַ יש מאין באַשאַפן פון אַ פּערזענלעכן גאָט. אָבער נעמט מען אָן ראַסעלס מעטאַפיזיק, איז קלאָר, אַז אַלע אונדזערע ווערטן זענען אויך „אַקצידענטאַלע" און דאָס הייסט, אין לעצטן חשבון, אומרעאַלע.

איינשטיין וויל אָבער די מענטשלעכע ווערטן פאַר קיין צופעליקע אָדער אילוזאָרישע נישט באַטראַכטן. פאַרקערט, ער איז געניינגט זיי צוצושרייבן עכטע רעאַליטעט. אָבער פון וואַנען קריגן זיי זייער רעאַליטעט (און דאָס מוז דאָך הייסן אויך קאָסמישע פאַראַנקערונג), אויב זיי זאָלן עקזיסטירן בלויז

פאַרן מענטשלעכן גייסט? עס קען זיין, אַז אין זיין לייקענען דעם עלעמענט פון פּערזענלעכקייט אין עצם יסוד פונעם קאָסמאָס, איז איינשטיין שטאַרק באַאיינפלוסט פון זיין פיזיקאַלישער דענק־מעטאָדע, אַז די דאָזיקע מעטאָדע האָט געשאַפן אין אים אַ מין „אינהיביציע" קעגן אַזאַ נישט־פיזיקאַלישן באַגריף ווי פּערזענלעכקייט, אַז ער דענקט — מעג מען זיך אַזוי אויסדריקן? — „פיזיקאָמאָרפיש". אַ ביאָלאָג קען נאַטירלעך ווייניקערליידן פון אַזעלכע אינטעלעקטועלע „אינהיביציעס", און אַנרי בערגסאָן, למשל, וואָס איז אין זיין פילאָזאָפישן דענקען אָריענטירט דער עיקר אין דער ריכטונג פון ביאָלאָגיע, האָט לייכטער געקענט אַסימילירן אין זיך דעם באַגריף פון פּערזענלעכקייט אין אַ קאָסמישן מאַסשטאַב. „עס ליגט זיך אויפן שכל", האָבן מיר פון אים געהערט נאָך צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט, „אַז פּערזענלעכקייט איז די עכטע כוונה אין דער אַנטוויקלונג פון לעבן, און אַז מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז בלויז איינער פון די אופנים, וואָס דורך זיי ווערט יענע כוונה רעאַליזירט. עס איז דערפאַר זייער וואַרשיינלעך, אַז דער גייסטיקער לעבנס־מקור, פון וועלכן פּערזענלעכקייט קומט אַרויס, איז אַ ל ײ ן פּ ע ר ז ע נ ל ע ך. אמת, ער איז פּערזענלעך אויף אַן אַנדער אופן, אַן יענע צופעליקע אייגנשאַפטן אָדער שטריכן, אין וועלכע אונדזער באַוווסטזיין זעט אַ טייל פון א ו נ ד ז ע ר (מענטשלעכער) פּערזענלעכקייט, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער עקזיסטענץ פון קערפּער. ער איז פּערזענלעך אין אַ ברייטערן זינען פון וואָרט — אַ גייסטיקע איינהייט, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם שעפערישן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג"... מיט דעם לאָמטערן פון אַ ביאָלאָג איז דערפאַר אפשר בערגסאָנען געווען נישט שווער צו באַטראַכטן מיט אינטעלעקטועלער סימפּאַטיע אַפילו אַזאַ עלעמענט פון ייִדיש־קריסטליכער רעליגיאָזיטעט, ווי די פּ אַ ט ע ר ש אַ פ ט פון אַ פּערזענלעכן גאָט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט איינשטיינס לעצטן רעפעראַט איז דערלויבט, גלייב איך, צו ציטירן אַ שמועס צווישן אים און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר צען צוריק אין בערלין (טאַגאָר האָט דעם שמועס פאַרנאָטירט און אים פאַרעפנטלעכט אין זיין Religion of Man). איך וועל דאָ ברענגען בלויז עטלעכע שורות פון דעם דאָזיקן דיאַלאָג צווישן דעם אייראָפּעיִשן וויסנשאַפטלער און דעם אַזיאַטישן דיכטער:

איינשטיין: „אמת און שיינקייט הענגען נישט אָפּ פונעם מענטשן?"

טאַגאָר: „ניין".

איינשטיין: „ווען עס זאָלן אויף דער וועלט מער קיין מענטשן נישט זיין, וואָלט אַפּאָלאָ פון בעלוועדער שוין מער נישט געווען שיין?"

טאַגאָר: „ניין".

איינשטיין: „איך בין מסכים אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דער אויפ־פאַסונג פון שיינקייט, אָבער נישט אין דער באַציִונג צו אמת".

טאַגאָר: „פאַרוואָס נישט? אמת ווערט רעאַליזירט דורכן מענטשן".

איינשטיין: „איך קען נישט באַווייזן, אַז מיין אויפפאַסונג איז ריכטיק, אָבער דאָס איז מיין רעליגיע. איך קען נישט באַווייזן וויסנשאַפטלעך, אַז אמת דאַרף אויפגעפאַסט ווערן ווי עפּעס וואָס איז גילטיק אומאָפּהענגיק פון דער מענטשהייט; אָבער איך האָב אין דעם פעסטע אמונה. איך גלייב, למשל, אַז די פּיטאַגאָר־טעאָרעמע אין געאָמעטריע באַהויפּטעט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אומגעפער אמת, אומאָפּהענגיק פונעם מענטשנס עקזיסטענץ, ווי די זאַך זאָל נישט זיין, אויב ס'איז פאַראַן אַ ו ו י ר ק ל ע כ ק י י ט וואָס איז אומאָפּ־הענגיק פונעם מענטשן, מוז אויך זיין אַן אמת וואָס האָט אַ שייכות צו יענערווירקלעכקייט".

אויב ס'איז נישטאָ קיין פּערזענלעכער גאָט, איז אין דעם שמועס טאַגאָר געווען לחלוטין גערעכט: כדי אמת און שיינקייט זאָלן האָבן אויסערמענטש־לעכע גילטיקייט, מוז זיין אויסער דעם מענטשן עמעצער, וואָס ווייס דעם אמת און „געניסט" שיינקייט. מיט דער באַהויפּטונג, אַז פּיטאַגאָרס טעאָרע־מע איז אמת אויך אָן מענטשן (ער האָט, אגב, מיט דעם זעלביקן רעכט אָדער אומרעכט געמעגט באַהויפּטן, אַז אויך דער אַפּאַלאָ פון בעלוועדער איז שיין אפילו אָן דער עקזיסטענץ פון מענטשן, ווייל אויב ס'איז פאַראַן „אַן „עמי־צער" וואָס איז פעיִק תופס צו זיין געאָמעטרישע פאָרמולעס, פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין מסוגל, ווי איינשטיין און זיינע מיט־ברואים זענען, אויך אויף אַן עסטעטישן ווערט־אורטייל?), האָט ער דענסטמאָל פאַקטיש געמאַכט אַ הנחה, אויפן יסוד פון וועלכער עס לאָזט זיך אויפבויען דעם באַגריף פון אַ פּערזענלעכן גאָט. אמתן און געזעצן ווייסן נישט אַז זיי זענען אמתן און גע־זעצן, ווייסן נישט פון דעם גייסט וואָס ליגט אין זייער יסוד, און אויב זיי ווייסן דאָס יאָ, זענען זיי אויך זייערע אייגענע געזעץ ־ ו ו י י ס ע ר און גע־זעץ ־ ג ע ב ע ר. אין יענעם שמועס, ווי מ'קען זען, איז איינשטיין געווען אַ סך נענטער צום טעיִזם, איידער ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אין זיין לעצטן רעפעראַט און זאָל ער זיך היינט אומקערן צו זיין דעמאָלטדיקער אויפ־פאַסונג פון אַן אמת וואָס איז „אָנערקענט" (אָדער „גילטיק") אויך אויסערן תחום פון מענטשלעכן דענקען, דאַרף אים נישט זיין שווער צו מאַכן נאָך אַ צווייטן שריט — אָנצונעמען אַז אויך דאָס גוטע און דאָס שיינע האָבן זייערן אַן אַל־קאָסמישן טרעגער. ער מוז דענסטמאָל נישט אָנערקענען דווקא די עק־זיסטענץ פון אַן אויסערוועלטלעכן און איבערנאַטירלעכן גאָט, דעם נאָר־טראַנסצענדענטאַלן גאָט פון אונדזערע היסטאָרישע רעליגיעס. אויך אַן אימאַ־

נענטער גאָט, אַ גאָט וואָס ווערט אָפּט אויסגעטייטשט פון פּאַנטעיִסטן ווי־
„קאָעקסטענסיוו״ מיט דער נאַטור, קען זיין אַ לעבעדיקער, אַ פּערזענלעכער, אַ
וויסנדיקער און אַ ווילנדיקער, אויך אַן אחריותפולער פאַר די שיקזאַלן פון
זיינע ברואים, אָדער (נוצנדיק ספּינאָזאָס שפּראַך) פון זיינע מאָדוסן, אָדער
(טראַכטנדיק אין ביאָלאָגישע טערמינען) פון זיינע „קינדער״. איז אַראַגאָ,
וועמען מיר האָבן אין אָנפאַנג דערמאָנט, בלויז אַן אַסטראָנאָם און האָט ער
זיך פולשטענדיק איינגעשלאָסן אין די ד׳ אמות פון זיין וויסנשאַפט, איז ער
נישט מחויב נישט נאָר צו פאַרענטפערן וויקטאָר הוגאָס קשיא — „וואָס איז
די נשמה פון אַ קאָמעט?״ — און אַפילו זי צו פאַרשטיין. אויב אַראַגאָ זאָל
אָבער אויך זיין אַ פילאָזאָפישער דענקער און דערצו נאָך אַ רעליגיעז איינ־
געשטעלטער דענקער, דאַרף אים דעם דיכטערס פראַגע זיין נאָענט און פאַר־
שטענדלעך, און כאָטש ער קען ניט צופיל וויסן וואָס עס איז די נשמה פון אַ
קאָמעט, קען ער אָבער, אַן וועלכן נישט איז שאָדן פאַר זיין פאַך־וויסנשאַפט,
אָננעמען אַז „אַ קאָמעט האָט אויך אַ נשמה״, אַז דער וועלט־אַל „האָט״
אַ נשמה, וואָס איז, לכל הפחות, נישט שוואַכער אין אירע קאַפּאַ־
ציטעטן ווי דעם מענטשנס נשמה...

מיר האָבן דאָ אונטערגעשטראָכן „לכל הפחות״. דאָס האָט אַ שייכות צו
איינשטיינס שאַרפער אָפּנייגונג קעגן אַנטראָפּאָמאָרפישע באַגריפן און פאַר־
שטעלונגען. ס׳איז אמת, אַז געוויסע גראַדן פון אַנטראָפּאָמאָרפיזם זענען דער
חטא הקדמון פון אַלע טעיִסטישע רעליגיעס, אויך פון נישט ווייניק פילאָזאָ־
פישע סיסטעמען (כאָטש פון דעם דאָזיקן חטא איז ווייט נישט אינגאַנצן ריין
אויך דאָס וויסנשאַפטלעכע דענקען: עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען, אַז,
למשל, דער באַגריף „געזעץ״, אַן וועלכן מיר קענען זיך נישט אַ ריר טאָן אין
די נאַטורוויסנשאַפטן, איז, יעדנפאַלס לויט זיין יחוס, אַ מענטשלעך־סאָציאַ־
לער, אַז מיר האָבן אים לכתחילה אָנגעווענדט אויף אָרגאַניזירטער געזעל־
שאַפט און נאָכדעם ערשט אים, אַזוי צו זאָגן, „אַריינפּראָיעצירט״ אין דער
נאַטור־געשעעניש. אָבער אַבסאָלוט זיך באַפרייען פון אונדזער אַנטראָפּאָמאָר־
פישן אופן פון טראַכטן איז, ווייזט אויס, פאַר אונדז אוממעגלעך — סיידן
מיר זאָלן ווערן אויס מענטשן און פאַרוואַנדלט ווערן אין לחלוטין אַנדערע
ברואים. אין דער געשיכטע פון די מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס זעען מיר גענוג
ראַנגלעניש קעגן דעם אַנטראָפּאָמאָרפישן דענק־צוואַנג, קעגן דעם וואָס ייִדן
רופן אַן „מיעוט הדמות״ פון דער העכסטער קראַפט, ווען עס קומט אויס צו
דעפינירן אָדער „באַשרייבן״ גאָט אָדער די גאָטהייט — קעגן דעם פּראַצעס
פון „נעשה אלהים בצלמנו״. אַדאַנק די דאָזיקע ראַנגלעניש איז אַנטשטאַנען
אין מער ווי איין רעליגיע אַפילו אַ מין „נעגאַטיווער דאָגמאַטיזם״, אַ נייגונג
צו דעפינירן (ווי אין דעם רמב״מס שלשה עשר עיקרים) דאָס, וואָס גאָט איז

ג י ש ט, כדי אים נישט אויפצופאַסן צו מענטשן־ענלעך. ווען עס קומט אָבער צו פּאָזיטיווע דעפיניציעס, זענען אַלע טעאָיסטישע רעליגיעס פאַטאַל־אַנטראָ־פּאָמאָרפיש, און קיין אויסוועג פון דעם דאָזיקן צושטאַנד איז, ווייזט אויס, נישטאָ: עס קען נאָר זיין אַ פראַגע פון רעדוצירטן אָדער געלייטערטן אַנטראָ־פּאָמאָרפיזם. אַ צו שטרענגע אָפּאָזיציע צום אַנטראָפּאָמאָרפישן דענקען מוז פירן, ווי זי האָט אין אַ גרויסער מאָס געפירט אויך איינשטיינען אין זיין לעצ־טער אָפּהאַנדלונג, בלויז צו „הילאָמאָרפיזם" — צו אַ וועלט־באַטראַכטונג אין די טערמינען פון עפּעס וואָס איז נידעריקער פונעם מענטשן — פון שטאָף, פון זאַך־לעכקייט, אַנשטאָט פּערזאָן־לעכקייט. אָבער דענסטמאָל קען קיינער נישט ענטפערן אויף דער פראַגע, ווי אַזוי פון אַן אומפּערזענלעכער שטאָף־און קראַפט־וועלט אַנטשטייט גייסט און פּערזענלעכקייט, ווי אַזוי אַ טראָפּן פונעם אָקעאַן אַנטהאַלט אין זיך עלעמענטן, וואָס זענען אין דער גאַנצקייט פו־נעם אָקעאַן נישט פאַראַן. מיר געפינען זיך אין אַ קרייז, פון וועלכן עס עפנט זיך אין ערגעץ נישט קיין אַרויסגאַנג. אַלע עקזיסטענצן, פאַראַנענע, מעגלעכע, דענקבאַרע קענען מיר זיך פאַרשטעלן בלויז ווי סוב־פּערזענלעכע (דוממים און אפשר פלאַנצן), אָדער פּערזענלעכע, אָדער איבער־פּערזענלעכע — קיין פּער־טע פאַרשטעלונגען פאַרמאָגן מיר נישט. און איז איינער נישט גענייגט אָנצו־נעמען דעם פּאַראַדאָקס, אַז דער וועלט־אַל, פון וועלכן פּערזענלעכקייט איז אַ טייל, איז אַליין און אין־זיך סוב־פּערזענלעך, מוז ער אים באַטראַכטן אָדער אין די טערמינען פון פּערזענלעכקייט אָדער פון איבער־פּערזענלעכקייט. אין אַנדערע ווערטער, גאָט מוז זיין „לכל הפחות" פּערזענלעך, און איז ער מער ווי פּערזענלעך, איבער־פּערזענלעך, הייסט עס נישט אַז ער איז אום־פּערזענ־לעך, נאָר אַז ער אַנטהאַלט אין זיך א ו י ך פּערזענלעכקייט, אינדיווידואַ־ליטעט, ווי איינעם פון זיינע אַספּעקטן.

איך בין נישט גענוג נאַיִוו צו מיינען, אַז כ'האָב דאָ עפּעס „באַוויזן". קיין איין און איינציקע מעטאַפיזיש אָריענטירטע דענק־מעטאָדע טראָגט אין זיך נישט קיין אינטעלעקטועלע איבערצייגונגס־קראַפט אינעם אַנגענומענעם זינען פון וואָרט. עס איז נישט פאַראַן קיין אַבסאָלוט־לאָגישער צוואַנג, אונ־טער וועלכן איינשטיין זאָל מוזן אָננעמען דעם טעזיס, אַז דער אוניווערסום אין זיין גאַנצקייט מוז אַנטהאַלטן אין זיך „לכל הפחות" דעם פּערזענלעכ־קייטס־עלעמענט, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אין דעם מין מענטש. אָבער אַ „הילאָמאָרפישע" וועלט קאָן נישט ענטפערן אויף אונדזערע רעליגיעזע באַדערפענישן, און אין אַזאַ וועלט קאָנען נישט האָבן קיין ענדגילטיקע רעאַ־ליטעט יענע ווערטן — דאָס אמתע, דאָס גוטע און דאָס שיינע — אין וועלכע איינשטיין וויל זען דעם אָביעקט פון רעליגיעזער „עבודה".

1940

אַ „הסכמה" אויף דער וועלט

די פראַגע פון אַלע פראַגן, די ערשטע, די לעצטע, די קינדעריש־נאַיווע און די געניאַל־חוצפּהדיקע — האָט נאָך אַלץ אַ זין זי צו פרעגן? האָט ווען עס איז געהאַט אַ זין מיט איר זיך צו באַשעפטיקן? זענען מיר נישט מיד פון איר, האָפענונגסלאָז־מיד? ביליאָנען מענטשן האָבן זיך די פראַגע געשטעלט, אויך די פון זיי, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי פרעגן גאָרנישט, אַז ס'איז גאָר אַזאַ שאלה נישטאָ; טויזנטער און טויזנטער האָבן אויף איר געענטפערט; הונדערטער האָבן געמיינט, אָדער, אפשר ריכטיקער, זיך באַרימט, אַז זיי האָבן זי פאַרענטפערט, און כדי זי צו פאַרענטפערן, האָט מען אויפגעבויט בנינים גאַנצע, אַמאָל רעליגיעזע און אַמאָל וויסנשאַפטלעכע, אַמאָל פילאָסאָפישע און אַמאָל קינסטלערישע — איז זי נאָך אַלץ נישט קלאָר? און אויב נאָך אַלץ נישט, צי וועט זי, צי קאָן זי, צי מוז זי ווען עס איז קלאָרער ווערן?

די פראַגע פון ווערט. נישט פון ווערטן, נאָר פון ווערט. פונעם איין־און־איינציקן, צענטראַלן, וויכטיקסטן און אַלץ אַרומנעמענדיקן ווערט, וואָס אויב ער איז פאַראַן, זענען פאַראַן אויך אַנדערע לעבנס־ווערטן, האָבן זיי אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, פון וואַנען צו שעפּן יניקה. נאָך אַלע דערפאַרונגען, וואָס מענטשן האָבן געהאַט פון זינט זיי געדענקען זייער דענקען, וואָלט מען זיך אייגנטלעך געדאַרפט שוין שעמען — פאַר זיך אַליין און פאַר יענעם — די פראַגע נאָכאַמאָל צו פאָרמולירן. איין קליינינקייט: די פראַגע, צי וועלט, צי עקזיסטענץ, צי לעבן איז ווערטפול. און דאָך — פרעגט מען, און וויפל נדרים מ'זאָל זיך נישט געבן מער צו אַזאַ אויסזיכטלאָזן, פּאַראַדאָקסאַלן, גאוניש־לעפּישן ענין זיך נישט אומצוקערן, וועלן זיך מן הסתם אין יעדן דור געפינען מענטשן, וואָס וועלן דעם נדר ברעכן. דער כביכול מוז אַלעמאָל געשטעלט ווערן פאַר אַן עקזאַמען: צי האָט ער גוט באַשאַפן די וועלט אָדער שלעכט. איז עס אַ געלונגען שטיקל אַרבעט, זענען גערעכט די אָפּטימיסטן; איז דער אוניווערסום טאַנדעט־סחורה, זענען גערעכט די פעסימיסטן. מיר מוזן אָבער וויסן, ווער ס'איז — גערעכט...

אין שטיפערישע מינוטן פלעגט זיך דער יונגער ניטשע וויצלען אויפן חשבון פון אָפּטימיזם־פעסימיזם־פּלפּול, מיט וועלכן דייטשע פילאָזאָפיע־פראַפעסאָרן פון זיין צייט האָבן ליב געהאַט זיך צו באַשעפטיקן. דער רבונו־של־עולם, פלעגט ער דעמאָלט זאָגן, איז באַגאַנגען אַ לייכטזיניקייט נישט צום

מוחל זיין. ער האָט געדאַרפט וויסן, אַז באַשאַפן אַ וועלט איז אַן אומגעהייער פאַראַנטוואָרטלעכער ענין, און איידער ער האָט זיך גענומען צו אַזאַ קאָמפּליצירטער אַרבעט ווי מעשה בראשית, איז זיין חוב געווען זיך אַן עצה צו האַלטן מיט עקספּערטן. ער האָט געדאַרפט צונויפרופן אַ קאָנפערענץ פון דייטשע פּראָפעסאָרן און דערציילן זיי פון זיין פּראָיעקט — וואָלטן זיי שוין, ווי פּאַכלייט, אויסגעאַרבעט פאַר אים אַן ערשטקלאַסיקן פּלאַן, און די וועלט וואָלט היינט געווען שיין, באַקוועם און אַנגענעם, ווי... פּראָפעסאָרן האָבן געבאָטן. אָבער ניטשע, גלויב איך, האָט אויף דייטשע פילאָזאָפישע פּראָפעסאָרן פון זיין צייט אויסגעטראַכט אַ בילבול. בלויז יחידים צווישן זיי האָבן ווען עס איז געוואַגט זיך צו טשעפּען צום סדר־העולם, אויפדעקן אין אים חסרונות. מערסטנטייל זענען זיי געווען פּראָפעסיאָנעלע אָפּטימיסטן, האָבן באַטראַכט אָפּטימיזם ווי זייער „סחורה“, און דער יונגער דור האָט פון זיי געדאַרפט לערנען, אַז נישט נאָר איז גאָטס וועלט די אידעאַלסטע פון אַלע מעגלעכע וועלטן, נאָר אַפילו דאָס ביסמאַרק־ווילהעלם־קעניגרייך איז די בעסטע פון אַלע פּאָליטישע וועלטן. דער „סאָלידער“ דענקער, דער דענקער מיט עפּאָלעטן, איז שטענדיק געווען אַן אָפּטימיסט: גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, און אויב איר ווילט, קאָן איך אייך זיין גערעכטיקייט באַגרינדן לאָגיש און עקספּערימענטאַל.

און ווי אַ „מבין אויף וועלטן“ שטעלט זיך איצט פאַר אונדז פאָר לאָרד הערבערט סעמיועל. נישט אַלע לייענער וויסן אפשר, אַז דער געוועזענער ענגלישער מיניסטער און דערנאָך אויבער־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל, האָט, חוץ פּאָליטישע, אויך נאָך ליטעראַרישע און ספּעציעל פילאָזאָפישע אינטערעסן; ער איז דער פּרעזידענט פונעם בריטישן אינסטיטוט פאַר פילאָסאָפיע, און ווי איך זע פון זיין ניי־דערשינענעם בוך, האָט ער אין איינער פון זיינע פּרעזידענץ־לעקציעס געגעבן זיין „הסכמה“ אויף דער וועלט. ער האָט זי גרינטלעך עקזאַמינירט און איז געקומען צום אויספיר, אַז זי איז גוט און שכלדיק געמאַכט און בעסער וואָלט זי קיינער נישט געקאָנט מאַכן. „איבער אונדזער היינטיקן דענקען“, זאָגט סעמיועל, „טראָגט זיך אַ כוואַליע פון פּעסימיזם; לעבן ווערט פון אַ סך באַטראַכט ווי עפּעס אַזוינס, מיט וואָס מען מוז בעל כרחו שלום מאַכן, וואָס מ'מוז בלויז איבערטראָגן און אָפּקומען. איז עס בפירוש אַ פאַלשער באַלאַנס“. און אויב פאַלש, האַלט ער עס נאַטירלעך פאַר זיין חוב אַרויסצוקומען מיטן ריכטיקן באַלאַנס און באַווייזן דעם פּעסימיסטישן אפּיקורס, ווי אומבאַגרינדעט זיינע טענות זענען.

סעמיועל ווייסט און פילט, אַז דער שווערפּונקט פון דער גאַנצע סוגיא ליגט אין דער פראַגע פונעם דרך־כל־בשר, פון טויט. אַזוי לאַנג דער מלאך־

המות באַלעבאַטעוועט אין דער וועלט, קאָן מען זי נישט באַרעכטיקן. — אָן אַלטער, באַנאַלער און נאָך אַלץ נישט ליקווידירטער פּעסימיסטישער מאָטיוו. אין יענע יאָרן, ווען טאָלסטאָי האָט זיך אַריינגעלאָזן אין פּעסימיסטישע דרכים, ווען ער פֿלעגט יעדע נאַכט אַרויסטראָגן פֿונעם שלאָפֿצימער דעם גאַרטל, כּדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט אין זיינע שלאָפֿלאָזע שעהן נישט שטיין פֿאַרן נסיון פֿון זעלבסטמאָרד, איז טויט געווען אויב נישט די איינציקע, דאָך יעדנפֿאַלס זיין הויפּט־טענה קעגן גאַנצן סדר־העולם. גיי גיב אַ הסכּמה אויף לעבן, ווען אין גרונט איז גאָר לעבן אַ פֿיקציע, אַ חלום און אַ קורצע הפסקה צווישן צוויי גאָרנישטן. אין יענע צייטן האָט ער נישט געזען קיין מער־טרעפֿלעכערע כאַראַקטעריסטיק פֿונעם מענטשלעכן לעבן, ווי די, וואָס איז אַמאָל געגעבן געוואָרן אין אַן אָריענטאַלישן משל. אַ מענטש אַנטלויפֿט פֿון אַ ווילדער חיה, וואָס וויל אים צערייסן אויף שטיקלעך; דערזעט ער פֿאַר זיך אַ טיפֿן ברונעם און וויל זיך אין אים ראַטעווען, אָבער אויפֿן דנאָ פֿונעם ברונעם דערזעט ער אַ בייזע שלאַנג. לאָזט ער זיך נישט אַראָפּ ביזן סוף און ער האַלט זיך דערווייל אויף אַ פּאָר קוסטעס, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין ברונעם, צווישן דער עפֿענונג און דעם דנאָ. ער ווייסט, אַז די קוסטעס זענען דין און שוואַך, און מער ווי עטלעכע געציילטע סעקונדעס וועט ער זיך אויף זיי נישט קענען האַלטן, אָבער לפֿי שעה, ביז זיי וועלן זיך צעברעכן און ער וועט אַראָפּפֿאַלן צום דראַקאָן אין שלונג אַריין, נאַשט ער עטלעכע זיסע יאַגאָדעס פֿון די אַזוי אומזיכערע צווייגלעך. די דאָזיקע נאַשעריי, האָט טאָלסטאָי אין יענעם קריזיס־פּעריאָד געטענהט מיט זיך, איז דער גאַנצער אינהאַלט פֿון לעבן, און אויב ד אָ ס איז עס און נישט מער, איז לעבן אינהאַלטלאָז און וועלט ווערטלאָז. עס איז נישט וויכטיק, וואָס טאָלסטאָי איז אויך נאָך יענע מחשבות געבליבן צענדליקער יאָרן לעבן ווי אַ „נאַרישער נאַשער" — נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער. נישט וויכטיק, ווי אַזוי ער האָט נאָכדעם נישט נאָר פּאַקטיש, נאָר אויך „טעאָרעטיש" שלום געמאַכט מיט דער וועלט. ער האָט שפּעטער געפֿונען — אָדער לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט זיך איינגעשמועסט — אַ רעליגיעזן, אַ כּמעט־מיסטישן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע פֿון לעבן און טויט; קיין ראַציאָנאַלן ענטפֿער אויף דעם פּראָבלעם פֿון יענעם אָריענטאַלישן משל האָט ער נישט געפֿונען. הערבערט סעמיועל מיינט אָבער, אַז ער האָט וואָס צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע, נישט אַרויסגייענדיק פֿון די גרענעצן פֿונעם „שכל התחתון". און ניט נאָר מיינט ער, נאָר ער ענטפֿערט.

ער פּאָלעמיזירט מיט דעם פּערסישן קעניג קסערקסעס. ווען קסערקסעס האָט דערזען, דערציילט אונדז הערָאָדאָט, בשעת דער מלחמה מיט גריכנלאַנד,

ווי דער גאַנצער העלעספּאָנט־האַפן איז פּאַרפּלייצט מיט זיינע שיפן און ווי אַלע ברעגעס און סטעפּעס פון אַבידאָס זענען פול מיט זיינע מענטשן, האָט ער אויסגעשריִען פון גליק־עקסטאַז. אָבער באַלד האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער. „איך האָב פּלוצים אַ טראַכט געטאָן״, האָט ער נאָכדעם דערקלערט זיינע מקורבים. „ווי נישטיק מענטשלעך לעבן איז, ווי אין הונדערט יאָר אַרום וועט קיין איינער פון דער אומצייליקער מאַסע סאָלדאַטן שוין נישט זיין אויף דער וועלט״. וויל סעמיועל געבן צו פאַרשטיין קסערקסעסן, אַז נישט וויינען האָט ער דעמאָלט געדאַרפט, נאָר זיך פרייען, און בענטשן דעם סדר־העולם ווי ער איז. ס׳אַ פּשוטער שכל, טענהט ער צום פּערסישן פּעסימיסט: ווען דו און דיינע מענטשן פון יענער צייט וואָלטן געבליבן לעבן נאָך הונ־ד׳ערט, נאָך טויזנט יאָר, א י ב י ק (דאָס אייגנטלעך ווילסטו דאָך), וואָלטן איבער אייך נישט געקאָנט געבוירן ווערן טויזנטער און מיליאָנען אַנדערע מענטשלעכע באַשעפענישן, ווייל די אומשטערבלעכע וואָלטן מיט דער צייט פאַרנומען דעם גאַנצן ערד־קוגל און עס וואָלט שוין פאַר קיין נייע מענטשן קיין פּלאַץ נישט געווען. קסערקסעס, הייסט עס, האָט נישט געוווּסט, אַז דער בורא עולם איז אַ מ אַ ל ט ו ז י אַ נ ע ר און אַז ער פירט די וועלט על פּי חכמת הסטאַטיסטיק. לעבן, הייסט עס, איז אַ מין גרויסער וואָקזאַל. כדי פּאַ־סאַזשירן זאָלן קענען און האָבן וווהין אַנצוקומען, מוזן אַנדערע אַוועקפאָרן און מאַכן פּלאַץ פאַר די נייע, ווייל דער וואָקזאַל האָט אַ באַשטימטן שטח. די וועלט, זאָל עס הייסן, ווערט געפירט לויט אַ „טאַים־טעיבל״, און אַנשטאָט רחמנות צו האָבן אויף די, וואָס ווילן נישט שטאַרבן, איז לאָרד סעמיועל דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון העכערן מיטלייד — פאַר די, וואָס ווילן געבוירן ווערן און וואָלטן עס נישט געקענט טאָן, ווען מען ראַמט פאַר זיי נישט אָפּ קיין פּלאַץ.

ווייס איך נישט, וואָס קסערקסעס וואָלט אויף דער דאָזיקער „אָפּטימיס־טישער״ טעאָריע געענטפערט. סעמיועל מאַכט זיך אָבער נישט־וויסנדיק וועגן פראַגן, וואָס יעדער מאָדערנער מענטש וואָלט אים געקאָנט אַ פרעג־טאָן: פאַרוואָס מוז זיין אַזאַ ריטם פון לעבן און טויט? פאַרוואָס מוז די וועלט זיין אַ וואָקזאַל און נישט אַ שטענדיקע היים? זי איז באַגרענעצט אין שטח? אָבער ווער און צוליב וואָס האָט זי באַגרענעצט? זי האָט דאָך געקאָנט זיין אומבאַגרענעצט, אומענדלעך, אַבסאָלוט אין־סופדיק. וואָס, דאָס איז אומ־מעגלעך? וועמען איז עס „איבער די כוחות״, און מיט וואָס, שטרענג גע־רעדט, איז עס לייכטער צו באַשאַפן אַן ענדלעכע וועלט איידער אַן אומענד־לעכע? איז די וועלט אַ צופאַל, אַן „אַקצידענט״, זיך אויפגעכאַפּט „אין אַ שיינעם פרימאָרגן״ פון נישט־זיין און פּלוצים דערזען, אַז זי איז דאָ, נישט־

וויסנדיק פון וואַנען זי האָט זיך גענומען און נישט זעענדיק קיינעם וואָס זאָל איר אָנשרייבן איר מעטריקע — פון וואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ שכלדיקער ריטם, אַזאַ אויסגערעכנטע „באַלעבאַטישקייט”, און ווו אייגנטלעך געפינען זיך יענע נאָך נישט געבוירענע, דאָס הייסט, יענע נאָך אין דער וועלט נישט עקזיסטירנדיקע, דערוויילי „נאָך־נישט־באַשאַפענע באַשעפענישן”, וואָס לויט לאָרד סעמיועלס בילד, ווילט זיך זיי אַזוי שטאַרק געבוירן ווערן נאָך איידער זיי האָבן ווילן? און ווער אייגנטלעך האָט עס פאָרמולירט „געזעצן” פאַר „צופאַלן”, באַזונדערס פאַר אַזאַ טשיקאַוון „צופאַל”, ווי די וועלט? פאַרוואָס איז דער רעזולטאַט פון צופאַל אַזאַ ענדלעכע וועלט? מיט דערזעלביקער „טירחה” און פאַר דיזעלביקע „הוצאות” האָט זי דאָך געקאָנט ווערן אַן אומענדלעכע, און דאָס וואָלט דאָך נישט געווען אפילו אויף אַ האָר ווייניקער פאַרשטענדלעך, ווי אַ וועלט באַגרענעצט אין רוים און וואויך־פּלאַץ. אָבער נעמט נאָר אַן אויף איין מינוט אַן אַנדער הנחה — אַז די וועלט האָט יאָ אַ געבורט־שיין און איז זי, אַזוי צו זאָגן, אַ טאַטנס אַ קינד, איז ווער איז יענער, וואָס האָט געהאַט גענוג כוח צו באַשאַפן אַ פּלאַנעט מיט כך וכך קוואַדראַט־קילאָמעטערן און האָט נישט געהאַט קיין קראַפט צו הייסן יענעם פּלאַנעט זיך אויסצושפּרייטן אין דער אומענדלעכקייט? אויף יענער זייט גרענעץ פון אונדזערע, מענטשלעכע, מעגלעכקייטן — מוז לאָרד סעמיועל מודה זיין — איז דאָך דאָס מעגלעכע אפילו מיט דעם קלענסטן שמץ נישט מעגלעכער פונעם אוממעגלעכן, און דער פאַקט, וואָס בוימל ברענט און עסיג קאָן נישט ברענגען איז, אַזוי צו זאָגן פון אַ פאַר־וועלטלעכן אָדער איבער־וועלטלעכן שטאַנדפּונקט בלויז אַ „צופאַל”. „מעגלעך־אוממעגלעך” — מיט וועלכן מעטאַפיזישן רעכט שטעלט סעמיועל אַריין די דאָזיקע ווערטער און באַגריפן אין אַ ווערטערבוך, וואָס אָדער ער האָט בכלל נישט קיין לייענער אָדער... דער לייענער דאַרף צו אים נישט אָנקומען, ווייל זיינע באַגריפן און טערמינען זענען לחלוטין אַנדערע?

אַ סך „אויסגעהאַלטענער” זענען שוין געווען אַמאָליקע אָריענטאַלישע רעליגיעס, וואָס האָבן געמוזט געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון ווערט, פון גוטס און שלעכטס. זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דער וועלט דעם עלעמענט פון דראַמע: לעבן קומט פון איין גאָט, טויט פון אַן אַנדערן; דאָס גוטע קומט פון אַ מאָראַלישן גאָט, דאָס בייזע — פון אַ ברוטאַלן און פינצטערן ימח־שמו־גאָט, וואָס דערגייט די יאָרן דעם ערשטן. אם ירצה השם, וועט דער גאָט פון פינצטערניש וועט איינגעמען אַ מיתה משונה און דער גאָט פון ליכט און גוטסקייט וועט ווערן דער איינציקער האַר איבער דער וועלט. וועט זיך ערשט אָנפאַנגען דאָס אמתע לעבן. אפילו אין אונדזערע יאָרן, ערשט אין 1916,

האָט ווינינגטאָן־אינגראַם, דער בישאָף פון לאָנדאָן, אין אַ פייערלעכער דרשה וועגן דער וועלט־מלחמה זיך אָנועקגעלאָזן אויף דעם דאָזיקן ספּעקטאַקלדיקן וועג פון די אַמאָליקע פּערסן: „איר האָט נישט קיין רעכט צו באַשולדיקן גאָט; די מלחמה קומט פונעם שטן. דער שטן מיט זיינע מעשים תעתועים „סאַבאָ־טירט“ דעם רבונו־של־עולם אויף יעדן טריט און שריט; איר טאָרט דערפאַר נישט האָבן קיין טענות צו אונדזער גרויסן און דערהויבענעם גאָט, אויב זיינע כוונות ווערן נישט פאַרווירקלעכט“. ווי אַזוי מיר זאָלן היינט נישט אָפּשאַצן די דאָזיקע אמונה אין „שתי רשויות“, טראָגט זי אין זיך מער זין און איני־האַלט, איידער סעמיועלס טעאָריע פון באַגרענעצטע „אימיגראַציע־מעגלעכ־קייטן“ אין אונדזער ענגער וועלט. די אַלט־פּערסישע רעליגיע באַרעכטיקט נישט דעם איצטיקן אָדער דעם ביזאַהעריקן סדר־העולם; פאַר איר עקזיסטירט נאָך בכלל קיין „סדר“ נישט, ווייל צוויי געטער קעמפן צווישן זיך פאַר ממשלה און די וועלט איז דערפאַר נאָך נישט קיין געוואָרענע, נאָך נישט קיין ענד־גילטיק־אויסגעפורעמטע. סעמיועלס וועלט איז אָבער שוין אַ פּ אַ ר ט י ק ע, אַן אויסגעפורעמטע, אַ „געזעצמעסיקע“ און קיין פּ ו נ ד אַ מ ע נ ט אַ ל ע ענדערונגען קאָנען שוין אין איר נישט פאָרקומען. ער מוז זי אָננעמען ווי זי שטייט און גייט, און נישט נאָר אָננעמען, נאָר אויך באַרעכטיקן, דעמאָנס־טרירן די אַבסאָלוטע מעלות פון איר מעכאַניזם. לאָזט ער זיך אָוועק אויף דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם וועג פון לייבניצעס צדוק־הדין־סיסטעם, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז „דאָס בייזע און דאָס ליידן זענען באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם, אַז דאָס גוטע זאָל זיין בולטער“; אַז אָן ליידן וואָלטן מיר נישט געקאָנט האָבן די אמתע הנאה פון פרייד; און אַז ליידן אַליין איז גאָר אָפּטמאָל די סיבה אָדער דער מקור פון גליק און פון גרויסע קולטור־דער־גרייכונגען. אָבער די דאָזיקע חכמה וועגן „צוועקמעסיקייט“ פון ליידן האָבן מיר שוין זיך געזעטיקט אָנגעהערט נאָך פאַר סעמיועלן און פאַר, להבדיל, לייב־ניצן. נאָך איובס פריינט, וואָס זענען אים געקומען „טרייסטן“, האָבן טעג און נעכט אַרגומענטירט און אים אַלץ געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס פאַרלירן פון זיין אייגנטום, פון זיינע זין און טעכטער, און די קרעץ, וואָס ער האָט גע־קראָגן אויפן גאַנצן קערפּער, זענען גאָר אָדער פון זיין אייגענער טובה וועגן, אָדער „צוועקמעסיק“ פאַרן סדר העולם. האָט עס איובן געטרייסט, האָט עס אים איבערצייגט, האָט עס אים איבערגעבעטן מיט דער וועלט? אָבער יעדער דור מוז מן הסתם האָבן זיינע אייגענע אליפז התימניס, זיינע סאָלידע, רויק־זאַטע, זעלבסטצופרידענע אָפּטימיסטישע „פילאָזאָפן“, וואָס זענען מסוגל אַלץ צו דערקלערן. און ווען סעמיועל קומט היינט „טרייסטן“ דעם מאָדער־נעם איוב־מענטשן, מוז ער איבערקייען אַלע פלאַכע ווייזהייטן, מיט וועלכע

אַלע אליפזעס פון אַלע פעלקער האָבן שוין אַזוי פיל מאָל און מיט אַזוי ווייניק חן מזכה געווען די וועלט. קראַנקייטן, עפּידעמיעס? סעמיועל האָט זיך, ווייזט אויס, אַנגעלייענט מיט דעם אַמאָליקן ווינער אליפז התימני, פּראָפעסאָר פאַולסען. האָט יענער דען נישט באַוויזן, אַז אָן קראַנקייטן וואָלט די מעדיצין נישט געקאָנט פּראָגרעסירן, און אַז די מעדיצינישע אַנטדעקונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין פּראַצעס פון מלחמות, האָבן נאָכדעם אָפּגעראַטעוועט מער מענטשן, ווי עס זענען אומגעקומען אויף די שלאַכט־פעלדער? בלינדקייט? האָט אונדז דען פאַולסען נישט דערמאָנט, אַז דער גריכישער דיכטער האָמער וואָלט אפשר נישט געווען דאָס, וואָס ער איז געווען, ווען נישט זיין בלינדקייט, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן פּאָעטישע זעעוודיקייט? טויט פון יונגע מענטשן? אויך פאַר זיי האָט פאַולסען געהאַט אַ ראַציאָנאַלע טרייסט: פון וואַנען ווייסט מען, וואָס פאַראַ עינויים עס זענען געווען פאַר זיי אָנגעגרייט, ווען זיי וואָלטן מאריך־ימים געווען? אויך לויט סעמיועלן קומט אויס, אַז מען דאַרף מאַכן אַ ברכה, ווען מען ברעכט זיך אויס אַ פוס: עס קען דאָך זיין, אַז ווען מען גייט אויף אַן אַנדער וועג, וואָלט מען זיך דאָרט אויסגעבראָכןביידע פיס. „עס וואָלט געווען זייער נוצלעך", לייענען מיר ביי אים, „ווען עמעצער וואָלט דערפונדן אַ סיסטעם פון נעגאַטיווער סטאַטיסטיק, לויט וועלכער מען וואָלט געקאָנט איבערציילן די אָן אָן ערך גרויסע צאָל אומגליקן, וואָס פּאַסירן נישט". ערשט דעמאָלט, גלויבט ער, וואָלטן מיר זיך געקאָנט באַשיינפּערלעך איבערצייגן, אין וואָס פאַר אַ שכלדיקער און גוטער וועלט מיר לעבן...

אָבער וועמען וויל דאָ סעמיועל איבערצייגן? וועמען ווילן אַלע ראַציאָנאַליסטישע אָפּטימיסטן איבערצייגן? ווער עס פרעגט נישט די פראַגע, דאַרף דאָך קיין ענטפער נישט. ביי דעם אָבער וואָס האָט זיך יאָ געשטעלט יענע פראַגע פאַר זיין באַוווסטזיין און פאַר זיין געוויסן, און דאָס איז די צענטראַלע פראַגע פון זיין עקזיסטענץ און פון דער וועלטס עקזיסטענץ, וועלן סעמיועלס משכילישע דערקלערונגען און בעל־הבתישע נחמות נישט אויסנעמען — נישט סעמיועלס און נישט די, וואָס זענען אונדז געבליבן פון לייבניצן און פון אַנדערע לאַנגווייליקע אָדער גייסטרייכע, אליפז התימניס. אַזאַ איינער האָט געגנוג פאַנטאַזיע זיך פאָרצושטעלן די מעגלעכקייט פון אַלע אוממעגלעכקייטן, אויך דעם קיום פון אַ וועלט אָן שמערץ, אָן ליידן ווי אַ באַדינג פאַר פרייד. און וויל יענער בלייבן אויפן שטח פון בלויז ראַציאָנאַלן דענקען אָדער פון בלויז דערפאַרונגען, און וואָגט יענער נישט אַרויסצוגיין פונעם תחום פון זעעוודיקן, פיזישן לעבן, מוז ער — לכל הפחות, טעאָרעטיש — בלייבן אַ פּעסימיסט.

פאַר אים האָט סעמיועל קיין טרייסט־וואָרט נישט. נישט נאָר האָט ער נישט קיין נחמה פאַר אים, נאָר ער האָט פאַר אים גאָר קיין פאַרשטענדעניש נישט. ווייל דער אמתער, ערנסטער פּעסימיסט לייגט גאָר נישט אַזוי פיל געוויכט אויף ליידן און פריידן — יעדנפאַלס נישט אין דעם זין אין וועלכן סעמיועל חקירהט וועגן זיי. וואָס אים אינטערעסירט איז — זין, ווערט, תכלית. דער פּעסימיסט וואָלט געקאָנט שלום מאַכן מיט נאָך מער ליידן, ווי עס איז פאַקטיש פאַראַן אין דער וועלט, אויך מיט יענע אומגליקן, וואָס פּאַסירן נישט און וואָס סעמיועל וואָלט וועלן האָבן פאַר זיי אַ „נעגאַטיווע סטאַטיסטיק" — ווען זיי זאָלן יאָ פּאַסירן. מיט וואָס ער קאָן נישט שלום־מאַכן, איז מיט זינלאָזיקייט פון ליידן, אויב זיי זאָלן טאַקע זיין זינלאָז. אַ וועלט לחלוטין אָן וועלכע נישט איז ליידן, וואָס ענדיקט זיך פאַר יעדן איינצלנעם מענטשן מיט אַן אַבסאָלוט פיינלאָזן טויט — לאָמיר זיך אויף אַ מינוט פאָרשטעלן די מעגלעכקייט פון אַזאַ וועלט — וואָלט פאַר אים געהאַט נישט מער ווערט ווי די איצטיקע וועלט, פול מיט ליידן, וואָס פאַרענדיקן זיך אַזוי אָפט מיט לאַנגע ערב־טויט־עינויים; זי וואָלט אפשר, אין אַ געוויסן זינען, געווען נאָך ערגער פון דער וועלט, וואָס מיר קענען — מער מיראַזש, מער אָפּנאַרעריי און באַליידיקונג. פון דער אַנדערער זייט: אַ וועלט פול מיט ווייטיק, מיט טויזנטער מאָל מער ווייטיק ווי אונדזער וועלט טראָגט אין זיך, וואָס זאָל זיך ענדיקן פאַר יעדן מענטשן מיט אַ מאַרטירער־טויט — אויב דער טויט זאָל זיין נישט דער סוף, נאָר דער אָנהייב פון אַ העכערער און פרייערער עקזיסטענץ — וואָלט פון יעדן פּעסימיסט געדאַרפט מאַכן אַן ענטוזיאַסטישן אָפּטימיסט. המשך איז זין, דאָס פעלן פון המשך — איז זינלאָזיקייט, און דער אמתער פּעסימיסט באַקלאָגט זיך נישט אַזוי פיל אויף ליידן ווי אויף זינלאָזיקייט. ווען סעמיועל וואָלט געהאַט אין זיך די פילאָזאָפישע אָדער רעליגיעזע קראַפט אַריינצובערענגען אין זיין סדר־העולם די מיסטעריע פון אומשטערבלעכקייט, וואָלט ער נישט געדאַרפט אָנקומען צו יענער, קיינעם נישט איבערצייגנדיקער משכּילישער אַרגומענטאַציע, מיט וועלכער ער באַנוצט זיך אַזוי לאַנגווייליק־נאַיִוו. דאָס הייסט נישט, אַז ווער עס איז אַ מאמין אין אומשטערבלעכקייט, קאָן געבן אַ ראַציאָנאַלן ענטפער אויף דער פראַגע פון ליידן אין אונדזער איצטיקן „ערדישן" לעבן. יענער איז אָבער נישט מחוייב צו האָבן אויף דעם אַ תשובה. ער האָט „צייט" — אויב נישט אין דער סטאַדיע פון זיין עקזיסטענץ, וועט ער די תשובה קריגן אין אַן אַנדער סטאַדיע. אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן המשך, אויב דער טויט זאָל זיין נישט קיין אפשלוס, נאָר אַן איבערגאַנג אין אַן אַנדער ספערע, איז נישטאָ קיין פלאַץ פאַר פאַרצווייפלונג. קאָן אַלץ קריגן טעם,

תיקון, באַרעכטיקונג, באַלויכטונג. און האָט אַ מענטש הומאָר, קאָן ער זיך אפילו וויצלען איבערן טויט, אויך אין די לעצטע מינוטן — ווי סאָקראַט האָט עס געטאָן — אויב ער גלויבט אין המשך פון זײַן עקזיסטענץ. עטלעכע מינוט איידער ער האָט געדאַרפט אויסטרינקען דעם בעכער מיט גיפט, האָט אים קריאָ אַ פרעג־געטאָן: „אויף וועלכן אופן זאָלן מיר דיך ברענגען צו קבורה?״ און דער פאַרמשפטער האָט געענטפערט:

„אויף וועלכן אופן איר ווילט נאָר, אָבער אויב עס האַנדלט זיך וועגן מײַן א י ך, מוזט איר מיך פריִער כאַפּן און זען, אַז איך זאָל (נאָכן טויט) נישט אַנטלויפן״.

פאַר סאָקראַטן האָט די וועלט נישט פאַרלוירן איר זין. און דאָס לעבן האָט נישט אָנגעווּוירן זײַן ווערט אויך אין דער מינוט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון טויט. סאָקראַט איז „אויך״ געווען אַ ראַציאָנאַליסט, אָבער זײַן ראַציאָנאַליזם האָט געהאַט צו טאָן מיט אַנדערע האָריזאָנטן, און זײַן על פּי שכלדיקייט האָט זיך ערגעץ־ווו באַגעגנט מיט מיסטיק — מיט דעם סוד פון אייביקן זײַן.

אָבער — צו וואָס אַזעלכע פאַרגלײַכן? איז דען סעמיועל אַ ראַציאָנאַליסט אין עכטן, אמת־פילאָזאָפישן זינען פון וואָרט? לויט זײַן מענטאַליטעט איז ער גאָר אַן אינזשיניער. ער האָט פון אַ אינזשיניערישן שטאַנדפּונקט באַטראַכט די וועלט און איז געקומען צו אַן אָפּטימיסטישן אויספיר: א י ך וואָלט קיין בעסערע וועלט נישט געקענט באַשאַפן; „אונטער די אומשטענדן״, הייסט עס, איז זי די בעסטע, די אידעאַלסטע וועלט.

אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן וועלט און אייביקייט, וואָס הייסט — „אונטער די אומשטענדן״?

1937

ווילי‏אַם שטעקעל

איז שוין ווילהעלם שטעקעל אויך מער נישטאָ צווישן די לעבע־דיקע. נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם שיקזאַל פון אַ געצוווּנגענעם עמי־גראַנט, פון אַ פּליטשטלינג? זיך נישט געקאָנט איינלעבן אין לאָנדאָן און צו שטאַרק געבענקט נאָך ווין, נאָך ז יי ן ווין — נאָך איר געזעליקייט, נאָך די אַמאָליקע גייסטרייכע שמועסן און סטימולירנדיקע באַגעגענישן מיט געלערנ־טע שאַרמאַנטע כמו־געלערנטע דילעטאַנטן, קינסטלער? האָט ער אין דער פרעמד נישט געקאָנט פאָרזעצן זיין פּראַקטיק, זיין שאַרפזיניקע פאָרשונגס־אַרבעט? ווער ווייס? וויכטיק איז, אַז דער נשמה־היילער האָט נישט אויסגע־האַלטן דעם עקזאַמען, ווען ס׳האָט אים אַליין „געטראָפן״. אַזוי פיל פּאַציענטן געראַטעוועט פון אונטערגאַנג, נאָך זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּראַטעווען. ווען זיין אייגענע נשמה איז צו שטאַרק פאַרקלעמט געוואָרן, האָט ער פאַר איר קיין סגולה נישט געפונען. האָט ער אָנגעשריבן אַן אָפּטימיסטישע צוואה וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט און האָט דער איצטיקער וועלט געוואָרפן דעם גט. שטעקעל אַ זעלבסטמערדער — ווער פון די, וואָס האָבן אים געקענט אָדער נאָכגעפאָלגט זיינע פאָרשונגען, האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן?

***

איך נעם זיך נישט אונטער אָפּצושאַצן, ווי גרויס עס איז געווען שטע־קעלס טעאָרעטישער צושטייער צו דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע. זיין אָפּהאַנד־לונג וועגן חלומות פון קינסטלער האָט אַמאָל אַרויסגערופן אין דער פאַך־וועלט אַ באַזונדערס שטאַרקן אינטערעס, און ווען פרויד האָט געשריבן זיין מאָנומענטאַל ווערק וועגן דער אויסטייטשונג פון חלומות, האָט ער זיך מיט שטעקעלס פאָרשונג געמוזט רעכענען און צום טייל אויך באַנוצן. פּסיכאָ־אַנאַליטיקער דאַרפן אים אָבער זיין באַזונדערס דאַנקבאַר, ווי מיר דוכט זיך, פאַר זיינע פאַר אָפּהאַנדלונגען וועגן דער ס ט ר אַ ט ע ג י ק פ ו נ ע ם פּ אַ צ י ע נ ט. קיינער האָט, דוכט זיך מיר, נישט אַרויסגעבראַכט אַזוי בולט די „שאַרלאַטאַנעריי״ וואָס דער חולה ווייזט אָפּטמאָל אַרויס בשעת ער ווערט באַהאַנדלט פונעם פּסיכאָאַנאַליטיקער, ווי דאָס האָט געטאָן שטעקעל. „שאַרלאַטאַנעריי״ איז אפשר אין דעם פאַל אַ צו שאַרף אָדער גראָב וואָרט, און דער צאַרטער און טיף־מיטפילנדיקער שטעקעל וואָלט אפשר פּראָטעס־טירט קעגן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק. אויף פאָלקסטימלעכן יידיש וואָלט מען

אפשר געדאַרפט זאָגן, אַז אַ געװיסער טיפּ פּאַציענט נוצט אָפּט, סײ אין זײַנע באַציִונגען מיט אײגענע און סײ בנוגע זײַן דאָקטער — „ממזרישע״ שטיק. אין אַן אומגעהײער גרויסער צאָל פֿאַלן, װײל גאָר דער פּאַציענט נישט אויסקורירט װערן און ער גיט זיך אַלײן נישט אָפּ קײן חשבון, װי דערפֿינדעריש ער איז אין זײַנע מיטלען, אַראָפּצופֿירן דעם דאָקטער פֿונעם װעג, אים צו „באַשװינדלען״.

אויף דעם װידערשטאַנד פֿונעם פּאַציענט האָט אונדז אויפֿמערקזאַם געמאַכט נאָך פּאָר שטעקעלען פֿרויד. פֿרויד איז, נאַטירלעך, געװען דער ערשטער װאָס האָט אַנטדעקט אין די באַציִונגען צװישן פּאַציענט און פּסיכאָאַנאַליטיקער דעם עלעמענט פֿון „ראָמאַן״, פֿון פֿאַרליבטקײט אָדער כמו־פֿאַרליבטקײט. דער פּסיכאָאַנאַליטיקער, האָט ער געגלויבט, װאָלט גאָר נישט געקאָנט הײלן דעם חולה, װען דער לעצטער װאָלט נישט איבערגעטראָגן אויף אים („טראַנספּערירט״) אַ טײל אָדער אַ מין װידערשײַן פֿון זײַן „ליבידאָ״, פֿון זײַנע אַמאָליקע, פֿאַרגעסענע אָדער דערשטיקטע, ליבע־שפּאַנונגען. דער שאַפֿער פֿון דער פּסיכאָאַנאַליטישער לערע האָט דערפֿאַר געהאַלטן, אַז די „נאַרציסטישע״ נאַטורן, די װאָס זענען, אַזױ צו זאָגן, פֿאַרליבט אין זיך אַלײן, זענען אין געװיסע פֿאַלן אינגאַנצן אומקורירבאַר. פּ ס י כ אָ אַ נ אַ ל י ז ע, האָט ער נישט אײנמאָל באַטאָנט, איז װירקזאַם בלויז אין יענע פֿאַלן, װען דער חולה איז פֿעיִק אַריבערצוטראָגן אויפֿן דאָקטער עפּעס פֿון יענע עמאָציאָנעלע שײַכותן װאָס האָבן אים אַמאָל פֿאַרבונדן מיט טאַטע־מאַמע, מיט אַ מאַן — אָדער אַ פֿרוי, מיט אַ געליבטער אָדער געליבטן: אַן אמונה קאָן קײן נשמה־הײלונג נישט פֿאָרקומען, און פֿרויד האָט אונדז געלערנט, אַז אמונה חזרט איבער די געשיכטע פֿון איר אײגענעם אורשפּרונג, אַז „אמונה שטאַמט פֿון ליבע״. אַ געװיסער טיפּ פּאַציענט, קאָן אונדז באַשטעטיקן יעדער פּסיכאָאַנאַליטיקער, לאָזט זיך קורירן און װערט געזונט װײל ער װיל טאָן „אַ טובה״ דעם דאָקטער. אָבער גראָד דערפֿאַר װאָס צװישן חולה און דאָקטער אַנטװיקלט זיך אָפֿט אַן אומבאַװוּסטזיניקע „עראָטישע״ שפּאַנונג (אויך אין יענע פֿאַלן װען בײדע געהערן צו אײן געשלעכט), אַנטשטײען אין זײערע באַציִונגען אויך געפֿאַרן — װי אין יעדער „ליבע״: די צוגעבונדנקײט און צאַרטקײט קאָן לײַכט איבערגײן אין אײפֿערזוכט, אין האַס, אין װידערשטאַנד און ענערגישן צו־להכעיס. דער פּראָצעס פֿון הײלן װערט דענסטמאָל געװאַלדיק שװער, אַמאָל אַפֿילו לחלוטין אוממעגלעך.

דאָס אַלץ האָבן מיר געװוּסט פֿון פֿרוידן. אָבער אויף זײַן אײגענעם אופֿן און מיט זײַנע אײגענע מיטלען, האָט דעם פּאַציענט שפּעטער כאַראַקטעריזירט שטעקעל. ער האָט אַ סך געלערנט פֿון פֿרוידן, אָבער נישט װײניק אויך

פון אַלפרעד אַדלערן, און אין דעם פּאַציענטס אויפפירונג, האָט ער נישט צו־פעליק באַטאָנט אויך דאָס, וואָס אַדלער האָט באַצייכנט ווי דעם „ווילן צו מאַכט". דער חולה ווערט גאָר לכתחילה קראַנק, ווייל ער וויל באַווייזן „מאַכט" איבער זיין סביבה — איבער פאַמיליע, קרובים, פריינט — ווייל ער האָט נישט קיין אַנדער מעגלעכקייט צו ווערן דער צענטער פון זייער אויפמערקזאַמקייט און פון זייערע זאָרגן, דער אָביעקט פון זייער צאַרטקייט (יעדער לערער מיט אָפענע אויגן ווייס, אַז נישט ווייניק „קראַנקייטן" פון זיינע שילער שטאַמען פון אַן ענלעכן מקור). ווער ער וואָלט לייכט געפונען אַנדערע, נאָרמאַלערע און מער לעגאַלע, וועגן פאַר באַשטעטיקן זיין „איך", פאַר צוקריגן „חשיבות", וואָלט זיך אַ געוויסער טיפּ חולה גאָר נישט אריינגעכיטרעוועט אין זיין קראַנקייט. אָבער דעמזעלביקן „ווילן צו מאַכן" טראָגט דער פּאַציענט אָפטמאָל איבער, ווי שטעקעל האָט אונדז געוויזן, פון זיין היימישער אָדער אינטימער סביבה אויף זיין דאָקטער, וואָס איז פאַר אים, אין די מיינסטע פאַלן, אַ ווילד־פרעמדער מענטש. די „באַדינונג" וואָס דער פּסיכאָאַנאַליטיקער שטעלט אים — זיך צו דערמאָנען אָן לאַנג־פאַרגעסענע, אָן בכיוון פאַרגעסענע זאַכן, און זיי „אויספּלוידערן" דורך דעם וואָס ער רופט אָן פרייע אַסאָציאַציעס (אַ מין פאַר פייער און פאַר וואַסער), איז פאַר אים אָפטמאָל נישט צום איבערטראָגן, אין גרונט אַ מין דערנידערונג. ערגעץ־ווו, אין אַ פאַרחתמעטן קאַסטן, האַלט ער זיינע טונקעלע סודות וואָס ער טרויט זיך נישט „אויסצוזאָגן זיך אַליין", און דאָ קומט אַ מענטש און שליסט דעם קאַסטן אויף מיט עפּעס אַ צויבער־שליסל, און נעמט פון דאָרט אַרויס איין סוד נאָכן אַנדערן, און רוקט עס אים אין פּנים אַריין: נאַ, תכשיט מיינער, זע נאָר וואָס פאַר אַ קאָנטראַבאַנדע־סחורה דו האָסט געטראָגן אין זיך כמה וכמה יאָרן. אויפן פּסיכאָאַנאַליטיקער איז נישט חל דער חרם דרבנו גרשום; נײַן, ער דערלויבט זיך צו לייענען אפילו נישט־געשריבענע בריוו — בריוו בלויז פאַרטראַכטע און געפּלאַנעוועטע, דערנאָך „פאַרגעסענע". דער חולה קומט דערפאַר אַמאָל צום „שלוס", אַז ער האָט געזוכט ביים פּסיכאָאַנאַליטיקער חשיבות און האָט געקראָגן — בזיון. ווער איז ער, דער פּסיכאָאַנאַליטיקער, נאָך אַלעמען, וואָס נעמט זיך דאָס רעכט זיך צו פאָרען מיט זיינע אומזיכטבאַרע פינגער אין מיינע אינטימסטע שופלאָדן? און פאַרוואָס דאַרף איך עס זיין אין זיינע הענט כחומר ביד היוצר? דער פּאַציענט הייבט זיך אָן צו בונטעווען קעגן דער „דעספּאָטישער" מאַכט פון זיין דאָקטער, קעגן דער אומפאַרמיידלעכער ד י ס ט אַ נ ץ אין זייערע באַציִונגען. מ׳קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַזאַ בונט קעגן אַ געוויינטלעכן דאָקטער, וואָס דאַרף, לאָמיר זאָגן, היילן דעם מאָגן אָדער שטילן דעם ווייטיק פון אַ ווונד אויף אַ האַנט אָדער אַ

פוס; דערזעלביקער פּאַציענט וועט נישט פילן קיין פּ ח י ת ו ת ־ ה כ ב ו ד, ווען ער וועט זיך דאַרפן איבערגעבן אין די הענט פון אַ כירורג — דער סתם־דאָקטער און דער כירורג האָבן צו טאָן מיט זיין „חומר״, נישט מיט אים „גופא״, און ער קוקט אויף זיי ווי אויף געלערנטע בעל־מלאכות וואָס זענען מסוגל צו פאַרריכטן זיין „מאַשין״. דער פּסיכאָאַנאַליטיקער האָט אָבער צו טאָן מיט זיין גאַנצן וועזן. (דער חולה גייט צו אים ווייל „ער אַליין טוט זיך וויי״ און נישט אַ וועלכער ס׳איז אָבער אַדער טייל פון קערפּער „טוט אים וויי״). דאָ ווערט שוין אָנגערירט דאָס פּינטעלע א י ד, דאָסזעלביקע פּינטעלע, איבער וועלכן ער איז קראַנק געוואָרן.

דעם פּאַציענט פון אַ געוויסער קאָנסטיטוציע „שטייט נישט אָן״ אויס־קורירט צו ווערן, און כאָטש ער איז, דוכט זיך, געקומען צום פּסיכאָאַנאַלי־טיקער מיט דער בקשה אים צו איילן, „האָפט״ ער נאָך אַז יענעמס מי וועט גאַרנישט העלפן, אַז ער וועט מאַכן דעם דאָקטער צום נאַר.

איינער פון שטעקעלס געבילדעטע פּאַציענטן, האָט אַ געוויסע צייט אַליין שטודירט פּסיכאָאַנאַליזע, איידער ער האָט זיך צו אים געווענדט און אָנגע־הויבן זיין היילונג; דאָס האָט אים געזאָלט, ווי ער האָט זיך אַליין איינגע־שמועסט, פאַרלייכטערן די „קאָאָפּעראַציע״ מיטן דאָקטער. נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט זיך פּשוט באַצייטנס באַוואָפנט „מיטן שונאס גע־ווער״, כדי ער זאָל שטעקעלן קאָנען באַקעמפן, זיך „באַשיצן״ קעגן אים, זיך נישט צו „פאַרראַטן״. ווען שטעקעלן איז, טראָץ זיין ווידערשטאַנד, דאָך גע־לונגען אויפצודעקן אין אים טיף־פאַרגראָבענע האָמאָסעקסועלע נייגונגען, און דער פּאַציענט גופא האָט זיך איבערצייגט אַז זיי זענען טאַקע פאַראַן, האָט ער געפונען טויזנט און איין תירוצים אָפּצוברעכן די קור און אַוועקפאָרן פון שטאָט. ער איז נאָך דריי חדשים צוריקגעקומען, נאָך מער מלא וגדוש מיט פּסיכאָאַנאַליטיש וויסן — אַרויסצווייזן נאָך אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד, זיך נישט אונטערצוגעבן און... באַווייזן, אַז דער דאָקטער מיט זיין גאַנצער רעפּוטאַציע פון אַ „כישוף־מאַכער״, איז נישט אימשטאַנד אים אויסצוקורירן.

עס איז נאָר צו באַשולדיקן אַזאַ פּאַציענט אין „אומלאָגישקייט״; ווילסטו אויסגעהיילט ווערן, ווייז־זשע נישט אַרויס קיין ווידערשטאַנד און האַלט נישט מלחמה מיטן דאָקטער; ווילסטו בלייבן קראַנק, וואָס־זשע דולסטו דעם דאָק־טער אַ קאָפּ? ער „וויל״ביידע זאַכן מיטאַמאָל: אי זיך אויסקורירן, אי זיך נישט שיידן מיט אַזאַ שטיק אינטימיטעט ווי זיין קראַנקייט; אי ווערן צוריק אַ מענטש מיט לייטן גלייך, אי „באַזיגן״ דעם דאָקטער און באַווייזן אַז ער, דער פּאַציענט, איז אַ בעל־הבית אויף זיך אַליין און ער לאָזט קיינעם נישט אויסאיבן אויף אים קיין „מאַכט״.

אַן אַנדער פּאַציענט, אַליין אַ דאָקטער, האָט זיך געהיילט ביי שטעקעלן פיר חדשים צייט — און איז געזונט געוואָרן. ווען ער האָט אָבער אויסגעפּערנט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער אין אַן ענלעכן קראַנקהאַפטיקן צושטאַנד איז באַהאַנדלט געוואָרן פון פרוידן אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, האָט ער זיך „באַליידיקט" און איז... נאָכאַמאָל קראַנק געוואָרן. ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער איז עפּעס אַן „אַבי־ווער", אַז זיין קראַנקייט איז אַ „טריוויאַלע", וואָס מען דאַרף אויף איר קיין סך טירחה נישט אַוועקלייגן, אַז ער איז אַ נישט גענוג „קאָמפּליצירטע נאַטור", און דער דאָקטער האָט זיך לייכט דערגרונטעוועט צו זיין „מיסטעריע". מיט אַנדערע ווערטער, דער פּאַציענט איז געוואָרן אייפערזיכטיק אויף דעם אַנדערן פּאַציענט, וואָס האָט, ווי ער האָט געפילט, אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקערן און לענגערן ווידערשטאַנד אינעם „געראַנגל" מיט זיין דאָקטער — האָט ער זיך דערפאַר רעהאַביליטירט דורך נאָכאַמאָל קראַנק ווערן...

צו אַ יונגן פּאַציענט וואָס האָט נישט נאָר נישט קאָאָפּערירט מיטן דאָקטער, נאָר אויך אַרויסגעוויזן קעגן אים אַ באַזונדערס שטאַרקע עקשנות אין זיין ווידערשטאַנד, האָט זיך שטעקעל איינמאָל געווענדט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „איר ווילט נישט געזונט ווערן און איך האָב נישט קיין אַנדער וועג, ווי אויפהערן אייך קורירן. אָבער זייט וויסן, איצטער, אַז איך ציי זיך צוריק, וועט איר שוין נישט געזונט ווערן". איז דער יונגערמאַן אין כעס געוואָרן — ווער איז ער אייגנטלעך, דער שטעקעל, וואָס מיינט אַז ער האָט אַזוי פיל מאַכט איבער מיר? און האָט אים געענטפערט מיט אַ חוצפהדיקן צו־להכעיס: „פונקט דער היפוך, איך וועל אייך איצטער ווייזן אַז איך קאָן געזונט ווערן אָן אייער הילף".

דער סוף איז געווען, אַז ער איז טאַקע געזונט געוואָרן אָן קיינעמס הילף. דער „ווילן צו מאַכט", דער באַגער צו באַווייזן, פאַר אַלעמען זיך אַליין, אַז ער איז נישט דעם דאָקטערס אַן „אונטערטאַן" און אַז דער דאָקטער איז נישט קיין כל־יכול, האָט אין דעם פּעיִקן און באַגאַבטן בחור גובר געווען זיין „ווילן צו זיין קראַנק". ער איז פריִער קראַנק געוואָרן כדי צו דערפילן און באַטאָנען די „חשיבות" פון זיין פּערזענלעכקייט; איצטער האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו דערגרייכן דעמזעלביקן צוועק דורך געזונט ווערן — האָט ער גענומען און אַוועקגעוואָרפן זיין קראַנקייט־כלי־זיין. דורך געזונט ווערן אָן שטעקעלס הילף, האָט ער געצווונגען דעם דאָקטער, דעם וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו זיין אַ געוועלטיקער איבער אים, צו „קאַפּיטולאַציע". צוליב אַזאַ נצחון לוינט אפילו אַזאַ קרבן ווי... געזונט צו ווערן.

אגב, איך האָב נישט דעם איינדרוק, אַז שטעקעל האָט זיך גענוג אָפּגע־

געבן מיט דעם טעאָרעטישן פּועל־יוצא, וואָס קאָן געצויגן ווערן פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פאַל. דער פאַל האָט אים געדאַרפט אַרויספירן אויפן געדאַנק, אַז פּסיכאָאַנאַליזע איז אפשר נישט די איינציקע מעטאָדע צו היילן נעווראָזן. גלויבט דאָך די פּסיכאָאַנאַליטישע שיטה — און פון אַט דער פונדאַמענטאַלער הנחה האָט זיך אויך שטעקעל קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט — אַז היילן הייסט „אַרויספּראָוואָצירן״ עפּעס פונעם אונטערבאַוווסטזיין אויפן טאָג־העלן שטח פון באַוווסטזיין. ביי דעם פאַרעקשנטן פּאַציענט, וואָס איז געזונט געוואָרן אויף צו להכעיס דעם דאָקטער, איז אָבער אַזאַ פּראָצעס נישט פאָרגעקומען. ווי אַזוי זשע איז ער אויסקורירט געוואָרן? פון זיך אַליין. פּונקט ווי ער האָט זיך פריִער „איינגעשמועסט״ אַז ער איז קראַנק, אַזוי האָט ער זיך שפּעטער „אַריינפּאַנטאַזירט״ אין אַ געזונטן צושטאַנד. דער חולה האָט אין דעם פאַל אָנגעווענדט אַ מעטאָדע, פון וואָס שטעקעל, שוין אָפּגערעדט פון פּרוידן, האָט פון איר נישט געהאַלטן: קועס מעטאָדע פון אויטאָסוגעסטיע (די פאָרמולע וואָס קוע האָט פאָרגעשלאָגן פּאַציענטן בשעת זיין באַזוך אין אַמעריקע — “Day by day, in every way, I am getting better and better” — אין גרונט דאָס באַנוצן זיך מיט די רעזערוון פון פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג ס־ק ר אַ פ ט). די דאָזיקע מעטאָדע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט פּסיכאָאַנאַליזע, וואָס נעמט זיך נישט אונטער צו היילן וועלכע נישט איז נעווראָזן־ליידן דורך אַרויסברענגען דאָס פאַרבאָרגענע, דורך קלאָר מאַכן דעם פּאַציענט גופא, נישט נאָר דעם דאָקטער, די ס י ב ו ת פון זיין קראַנק־ווערן.

אַז דער פאַרשטאָרבענער „נשמה־היילער״ פון נאַנסי (קוע), וואָס האָט אויסגעפונען זיין מעטאָדע פריִער דורך אינטויִציע און נאָכדעם דורך עקספּערימענטן, דאַרף נישט איגנאָרירט ווערן, טראָצדעם וואָס אים איז נישט געלונגען אָנצוקליידן זיין לערע אין אַ פאָרמעל וויסנשאַפטלעכן לבוש, האָט שטעקעל אפשר געדאַרפט זען אויך פון אַן אַנדער פאַל, וועגן וועלכן ער האָט אונדז אַמאָל דערציילט. אים איז אויסגעקומען אַ שטיק צייט צו באַהאַנדלען אַ פאַרמעגלעכן פּאַציענט, וואָס האָט געליטן פון אַגראָפאָביאַ (פּחד פאַר עפנטלעכע פּלעצער). דער פּאַציענט האָט, ווייזט אויס, אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און שטעקעלן איז נישט געלונגען אים אויסצוהיילן פון זיין נשמה־מיחוש. האָט אים זיין שטענדיקער דאָקטער געראַטן, ער זאָל זיך ווענדן צו אַ באַרימטן אָקוליסט: יענער, זאָגט מען, פאַרשרייבט ברילן, וואָס נעמען צו די אַגראָפאָביאַ ווי מיט דער האַנט. האָט דער אָקוליסט אויך נישט געהאָלפן. האָט ער זיך נאָכדעם געווענדט צו אַ מאַסאַזשיסט און גראָד יענער האָט אים געהאָלפן אין משך פון צוויי־דריי טעג. אויך דער פאַל האָט שטעקעלן געדאַרפט אַרויפברענגען אויף דער מחשבה, אַז צו קועס מעטאָדע פון

אויטאָסוגעסטיע דאַרף מען זיך אַפּשר באַציִען מיט מער ערנסט, ווי מ׳איז דאָס געניגט צו טאָן אין געוויסע פּאַד־קרייזן: נעמט ער דאָך אָן, אַז זיין געוויזענעם פּאַציענט האָט קורירט נישט דאָס ביסל מלאכהוועז פונעם מאַסאַזשיסט, נאָר זיין „איינשמועסעניש״, וואָס האָט אים געהאָלפן, טראָצדעם וואָס די ס י ב ו ת פון זיין קראַנק־ווערן זענען נישט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער ליכטיקער שיין. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן און איך נעם זיך נישט אונטער צו פרעגן שטעקעלן, ספּעציעל נאָך זיין טויט, צי האָט ער געמאַכט אַלע נויטיקע אויספירן פון זיינע אייגענע עקספּערימענטן. שטעקעל האָט אונדז וועגן דעם לעצטן פאַל דערציילט בלויז מיט דער כוונה, נאָכאַמאָל צו אילוסטרירן דעם געראַנגל, דאָס וואָס איך האָב אַזוי אומפּאַרזיכטיק אָנגערופן די „שאַרלאַטאַנעריי״ פונעם פּאַציענט. ווייל אויך ד ע ר פּאַציענט האָט פאַר אַלעמען געוואָלט באַזיגן דעם דאָקטער. זיצנדיק אין וואַגאָן אויפן וועג צום אָקוליסט, האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטאָן צו זיין שטענדיקן דאָקטער, וואָס איז מיט אים מיטגעפאָרן: „עס וועט זיין דער גרעסטער טריומף אין מיין לעבן צו וויסן, אַז ד״ר שטעקעל האָט מיך לחלוטין נישט געהיילט, אַז ער האָט מיך גאָרנישט געקאָנט היילן, און אַז פאַר מיין פולשטענדיקן געזונט־ווערן וועל איך דאַרפן דאַנקען עמעצן אַנדערש״. אים איז גיכער „אָנגעשטאַנען״ געהאָלפן צו ווערן פון אַן אָקוליסט, נאָך מער, ווי מיר האָבן געזען, פון אַ מאַסאַזשיסט, וואָס האָט זיך מטפל געווען מיט זיין „חומר״; ער האָט אָבער נים געוואָלט „אַרויסהעלפן״ שטעקעלן, דעם בוחן־לבבות.

דעם זעלביקן „ווילן צו מאַכט״ און באַגער צו „חשיבות״ זעען מיר אין דעם אומגעהייער אינטערעסאַנטן אַגראַפּאָביאַ־פאַל מיט אַ פרוי, וואָס שטעקעל האָט אַ לענגערע צייט באַהאַנדלט. זי האָט אויך געהערט צו דעם „נצחון״־טיפּ, און שטעקעל האָט איר איינמאָל בכיוונדיק־שטרענג דערקלערט אַז ער האָט באַשלאָסן אָפּצושטעלן די באַהאַנדלונג. איז זי געוואָרן אויף אים מלא כעס און אים אָנגעוויזן אויף אַנדערע פרויען, וואָס ער האָט באַהאַנדלט אַ סך לענגער ווי זי. שטעקעל האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין יענע פאַלן איז ער געווען מער דערמוטיקט: „יענע פּאַציענטקעס פלעגן נאָך די ערשטע עטלעכע וואָכן קומען צו מיר אַן באַגלייטער״ — זיי האָבן, האָט עס געדאַרפט הייסן, שנעלער גובר געווען אין זיך די מורא פאַר אָפענע אָדער עפנטליכע פּלעצער. די פרוי האָט זיך נאָך מער באַליידיקט: דאָס זאָל הייסן, אַז אַנדערע פרויען האַנדלען מער מעשה־מענטש פון איר. איז זי דריי טעג שפּעטער געקומען שוין אָן באַגלייטער. וואָלט מען בכן געדאַרפט אָננעמען, לויט דעם, אַז זי האָט אַן ערנסטן ווילן זיך אויסצוקורירן? אי יאָ, אי ניין. אי זי האָט געוואָלט פּטור ווערן פון איר נעווראָז אי (נאָך וויכטיקער) זי האָט זיך גע־

וואָלט „אָפּרעכענען" מיטן דאָקטער. ווי שטאַרק זי האָט געוואָלט „טריומפירן" איבער שטעקעלן, קאָן מען זען פון דעם אייגנאַרטיקן חלום, וואָס זי האָט אים דענסטמאָל געבראַכט: „איך האָב זיך געבייזערט אויף מיין דינסטמיידל, ווייל זי האָט ריין־געמאַכט די קיך נאָר אויף אַ העלפט; אין איין העלפט קיך האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אַ הויפן שמוץ, די אַנדערע העלפט איז געווען ריין". שטעקעלס אויסטייטשונג פונעם חלום איז אַ גאַנץ „איינפאַכע": די קיך איז דער פּאַציענטקעס נשמה; דאָס דינסטמיידל איז דער דאָקטער, שטעקעל גופא. ווען זי האָט געדונגען, ער זאָל איר ריין מאַכן די נשמה; דער געדונגענער דאָקטער האָט געטאָן בלויז אַ העלפט פון זיין אַרבעט און מער וויל ער נישט טאָן; עס איז אַ חוצפה פון זיין זייט, ווייל דאָס רעכט אָפּצושטעלן די אַרבעט געהערט צו איר, דער „בעל־הביתטע", וואָס דינגט און באַצאָלט געלט, און נישט צו דעם „משרת". זי האָט זיך געפילט באַליידיקט פון שטעקעלן, וואָס זאָל האָבן געהאַנדלט מיט איר „פּרעך" — וויל ער, היילט ער, וויל ער נישט, הייסט ער, אַהיימפאָרן — האָט זי אים דערנידעריקט אין חלום.

די בעסטע, דאָס הייסט, די אַממערסטן און אַמלייכטסטן קורירבאַרע פּאַציענטן זענען דערפאַר, לויט שטעקעלס דערפאַרונגען, די וואָס האָבן ווייניק געלט און ווייניק צייט. די אָרעמערע נעוראָטיקער קאָאָפּערירן מער און בעסער מיטן דאָקטער; זיי ווייזן נישט אַרויס אַזוי פיל פאַרעקשנטן און כיטרען ווידערשטאַנד (ווי, למשל, „פּראָדוצירן" חלומות וואָס זענען עלול צו פאַרפירן דעם דאָקטער), וויפיל עס ווייזן אַרויס די רייכערע און די וואָס האָבן אין זייער רשות מער פרייע צייט. די אָרעמערע און מער באַשעפטיקטע קאָנען זיך נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס, ווי פירן מיטן דאָקטער אַ קאָמפּליצירטע שפּיל אין באַהעלטעניש און זוכן צו באַווייזן אים אַז ער איז אַ טויגעניכטס און אַ פּוסטער בעל־גאוה. די שווערע באַדינגונגען פון זייער לעבן שאַפן זיי נישט קיין סך געלעגנהייטן זיך צו פאַרנעמען מיט זייער איך, מיט אַזוי פיל פאַרוואַלקנטע שפּאַנונגען צווישן זיך און זייער סביבה, צווישן זיך און דאָקטער. יענע זענען אויך אפשר ווייניקער געבילדעט, און וואָס ווייניקער זיי ווייסן פון די פּרינציפּן און דער טעכניק פון פּסיכאָאַנאַליזע, אַלץ לייכטער איז זיי צו קאָאָפּערירן מיטן דאָקטער, ווייל אַלץ נאָרמאַלער איז פאַר זיי די דיסטאַנץ צווישן היילער און געהיילטן. דער טיפּ ווידערשפּעניקער פּאַציענט, וואָס שטעקעל האָט אַרויסגעפירט, איז מערסטנטיילס אַן „איבערגעשפּיצטער" און אַזאַ וואָס האָט צייט זיך אַרומצוטראָגן מיט זיין „איך" ווי מיט אַ קאָמפּליצירטן פּראָבלעם. ער איז זיך אַליין צו „אינטערעסאַנט" און ער איז צופיל געניגט צו באַטראַכטן זיין קראַנקייט ווי זיינס אַ שטיק קונסט, ווי עפּעס

וואָס ער האָט באַשאַפן און מיט וועלכן עס ווילט זיך אים נישט שיידן, אפילו ווען ער ווייזט אַרויס, פון דער אַנדערער זייט, אַן אויפריכטיקע כוונה זיך אויסצוהיילן. אגב (איז דאָס מאַרקסיזם״?), ער געהערט מערסטנטיילס צו דעם זעלביקן אָדער אַן ערך דעם זעלביקן סאָציאַלן קרייז, וואָס דער פּסיכאָ־אַנאַליטיקער גופא; ער האָט זיין גרונט צו באַטראַכטן דעם דאָקטער ווי „זיין גלייכן״, און אים איז אויך דערפאַר באַזונדערס שווער אַריבערצוטראָגן דעם פּסיכאָאַנאַליטיקערס „מאַכט״ איבער אים.

צו די פּאַראַדאָקסאַלע טיפענישן פון דעם דאָזיקן טיפּ פּאַציענט האָט מען זיך נאָך נישט דערגרונטעוועט; דער מעכאַניזם פון זיינע סתירות איז נאָך אויך ווייט נישט אויסגעפאָרשט. ווילהעלם שטעקעל איז אָבער, נאָך פרוידן, געווען אַ פּיאָנער אויף דעם געביט. ער האָט אָנגעצייכנט וועגן, אויף וועלכע עס לוינט זיך צו זוכן יענע כוחות, וואָס שטייען הינטערן פּאַציענטס באַנע־מוגג, פאַר אַלעמען יענע קראַפט (אָדער גאָר שוואַכקייט?) וואָס אַדלער האָט באַצייכנט ווי דער „ווילן צו מאַכט״.

***

איך פרעג זיך איצטער, צוליב וואָס האָב איך היינט געמאַכט די עטלעכע באַמערקונגען אַרום שטעקעלס פאָרשונגען. פּסיכאָטעראַפּיע איז אַ פאַך־זאַך, צו וועלכער איך האָב נישט קיין שייכות. שטעקעל איז אָבער אינטערעסאַנט און האָט זיך פאַרדינט געמאַכט נישט נאָר פאַר זיין צעך, אויך פאַרן קרייז אַלגעמיינע לייענער, צו וועלכע איך געהער, כ׳מיין, אויך פאַר די וואָס האָבן אַ באַרעכטיקטן דילעטאַנטן־אינטערעס פאַר זעלישע פּראָצעסן און פונקציעס. שטעקעלס שילדערונגען פון זיינע פּאַציענטן דערמאָנען מיר אָפט אַן לעאָניד אַנדרעיעווס קליינער דערציילונג וועגן דעם מאַן, וואָס פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז אים סטימולירן בלויז נעגער־פּרויען, בשעת אַלע ווייסע פרויען לאָזן אים קאַלט און גלייכגילטיק. אָרעמער פאַרשוין: ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען, מיט וואָס צו פאַרנעמען אין געזעלשאַפט אַ שטיקל פּלאַץ און קריגן זיין חלק „מאַכט״ איבער דער אויפמערקזאַמקייט פון דער סביבה. איז ליבע צו נעגער־פרויען געוואָרן זיין „טאַלאַנט״, זיין שטיקל „אָריגינאַלי־טעט״, און אַזוי איז דאָס ביי אים געגאַנגען אַזוי לאַנג ביז ער האָט טאַקע חתונה געהאַט (קעגן זיין עראָטישן ווילן) מיט דער ערשטער נעגער־פרוי, וואָס חברה האָבן פאַר אים דערטאַפּט. ער האָט זיך מיט איר געהאַלטן יאָרן און יאָרן — צוליב „חשיבות״; אַן איר, וואָלט ער נאָכאַמאָל געוואָרן אַ דורכשניט־לעכער באַנאַלער אַבי־וועער.

און עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון „פּאַציענטן״. דער אונטערשיד

צווישן „פּאַציִענט“ און „נאָרמאַלן“ איז, האָב איך מורא, גאָרנישט אַזאַ גרויסער, ווי אונדז גלוסט זיך צו גלייבן. ס'איז אפשר מער אַ פראַגע פון ג ר אַ ד איידער פון ו ו ע ז ן (נאָך פרוידן, באַליידיקן מיר זיך שוין נישט, ווען מיר הערן ,אַז דער שטודיום פון אומנאָרמאַלע גיט אונדז אַ שליסל אויך צו דער פאַרשטענדעניש פון די נאָרמאַלע). און האַנדלט עס זיך וועגן „ווילן צו מאַכט“ אָדער באַגער צו „חשיבות“, גיט אַ קראַץ יעדן נאָרמאַלן מענטשן, וועט איר אַנטדעקן, אויב איר ווייסט נאָר ווי „אַ קראַץ צו טאָן“ — אַן אחד מששים פון שטעקעלס אַ פּאַציִענט. מיר קענען דאָס זען אומעטום, נישט נאָר אין קליניק אָדער אין פּסיכאָאַנאַליטיקערס קאַבינעט. מיט גוטע אויגן קען מען דאָס אָפט דער זען אין שול און אין קלוב, אין ליבעס און אין פריינטשאַפטן, און די צאַרטסטע באַציִונגען צווישן מאַן און ווייב, אין דער סאַמע אידילישער אַטמאָספערע פון פאַמיליען־לעבן.

אפשר איז דאָס גאָר די הויפּט־פּראָבלעם פון אונדזער גאַנצער ציוויליזאַציע.

1940

מ י ת ת   נ ש י ק ה

אַ מעשה פון אַלט־סירישן פאָלקלאָר. מאַן און ווייב (אָדער אָדם הראשון און זיין אומפאַרמיידלעך געטרייע חוה) זענען באַשאַפן געוואָרן אין פערטן הימל און דאָרט האָבן זיי געוואָלט בלייבן לעבן אויף שטענדיק. ווי אַזוי־זשע קומען זיי אויף דער זינדיקער ערד? זיי האָבן איין מאָל נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און האָבן אויפגעגעסן אַ שטיק פלאָדן, בשעת ווי אַ שפּייז איז פאַר זיי באַשטימט געווען בלויז אַמבראָזיאַ, דאָס מאכל פון די געטער. איז ביי זיי ביידע, במחילת כבודם, קראַנק געוואָרן דער מאָגן (אַמבראָזיאַ, ווי באַקאַנט, שוויצט מען בלויז אַרויס עטלעכע שעה נאָכן עסן דורך די פאָרן פון קערפּער). האָבן זיי זיך געווענדט צו אַ מלאך און אים אַ פרעגגעטאָן, ווו געפינט זיך ערגעץ אַ בית־הכסא. האָט זיי דער מלאך אָנגעוויזן אויף דער ערד: „איר זעט דאָרטן אונטן דאָס קליינע פּלאַנעטעלע, דאָס גאָרגאָר פּיצינקע, אַן ערד אַ זעכציק מיליאָן מייל פון דאַנען? דאָס איז דער בית־הכסא פונעם אוניווערסום. לויפט שנעל אַהין”. האָבן זיי זיך אויף גיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און טאַקע שוין דאָרט פאַרבליבן אויף אייביק. פון דענסטמאָל אָן עסן זיי שוין נישט קיין אַמבראָזיאַ, ליידן זיי אויפן מאָגן, זענען געפּייניקט פון קראַנקייטן, און אַ טייל פון די קראַנקייטן זענען פאַרשאָלטן אויף שטענדיק צו בלייבן אומקורירבאַר.

די סירישער האָבן עס געמאַכט אַביסעלע ווולגאַר. ביי די פעלקער פון אינדיע קומט אַרויס די דערקלערונג פון אומהיילבאַרע קראַנקייטן עלעגאַנטער, אַרטיסטישער און, טראָץ דעם מרה־שחורהדיקער ערנסטקייט פון יענע פעלקער, אויך הומאָריסטישער. לויט זייערע פאָרשטעלונגען, האָט דער ריבונו־של־עולם געגעבן דעם מענטשן, גלייך נאָך דעם וואָס ער האָט אים באַשאַפן, אַ מיטל קעגן אַלע קראַנקייטן, אַ מין אוניווערסאַלע סגולה, וואָס האָט אים געדאַרפט פאַרזיכערן אייביק געזונט. האָט דער מענטש זיך געפוילט אַרומצוטראָגן מיט זיך טאָג און נאַכט די מעדיצין און ער האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן אייזלס רוקן; איז דער אייזל איינמאָל געוואָרן דורשטיק; האָט די שלאַנג (דער נחש הקדמון) אָנגעוויזן ווו אַ ברונעם איז, און בשעת דער אייזל איז געשטאַנען אָנגעבויגן און געטרונקען, האָט די שלאַנג צוגענומען דאָס מיטל פאַר זיך.

אין ביידע מעשהס פון אָריענטאַלישן פאָלקלאָר — אין איינער גרעבער, אין אַנדערן פאַרפיינט און פאַראיידלט — דער זעלביקער מאָטיוו: קראַנ־

קייט ווי אַ פּאַטאַליטעט, ווי אַן אומפאַרמיידלעכקייט, ווי אַ באַליידיקונג און דערנידעריקונג פון לעבן. פון קראַנקייט איז נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן.

***

טאַקע נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן?

די מיינסטע ליידנדיקע, די מיט קראַנקייטן באַלאַדענע, טראָגן איבער די „באַשערטע" מאָס יסורים און גייען פריייוויליק פון לעבן נישט אַוועק. אפילו ווען זיי ווייסן, אַז זייער קראַנקייט איז אַבסאָלוט אומהיילבאַר און אַז די יסורים מוזן ווערן פון טאָג צו טאָג אומדערטרעגלעכער, כאַפּן זיי זיך אָן אין אַ שטרוי, אין אַ שאָטן פון פּרוכטלאָזער האָפענונג — אין רביים, אין אַ נס, אָדער זיי געוווינען זיך צו אַרויסצוצוי̇ען אַ משונהדיקע מתיקות אין ציגיינערטעס, אין אָפּשפּרעכערס און כישוף־מאַכערס — וואַרטן זיי פון דער פאַרצווייפלונג גופא. אָבער איינצלנע (העראָישע? פחדנישע?) נאַטורן זאָגן דעם לעבן אַ „זיי־געזונט" און לייגן אויף זיך די האַנט. זיי טוען עס אָפטמאָל ניכטער, רויק, מיט צילזיכערקייט — אָט ווי בעיקאָן מאַריס, דער אַלטער ענגלישער אָפּיציר, וועגן וועמען וואַלטער האָט אַמאָל דערציילט:

„ער האָט געליטן פון אַ ווייטיקדיקער און, ווי עס איז אָנגענומען צו טראַכטן, פון אַ קראַנקייט נישט צום היילן. איין מאָל איז ער צו מיר געקומען מיט אַ בייטל און צוויי פּאַפּירן. איינס פון די פּאַפּירן, האָט ער מיר געגעבן צו וויסן, איז זיין צוואה; דאָס אַנדערע איז אַ טעקסט פאַר אַן אויפשריפט אויף זיין מצבה. און אינעם בייטל איז פאַראַן גענוג געלט צו דעקן די קבורה־הוצאות. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט אויסצופּרובירן אין משך פון פערצן טעג, וואָס די רפואות און דיעטע קאָנען נאָך אויפטאָן, כדי אים צו מאַכן דאָס לעבן אַ ביסל וויייניקער אומדערטרעגלעך. ווען דאָס נישט העלפן, איז ער אַנטשלאָסן זיך צו נעמען דאָס לעבן. באַגראָבן קאָן מען אים ווו מען וויל. די אויפשריפט אויף זיין מצבה איז קורץ. דאָס זענען בלויז די צוויי לאַטיינישע ווערטער, וואָס ווערן צוגעשריבן פעטראָניוסן — אַדיע, זאָרגן."

און דער פראַנצויזישער ציניקער, וואָס האָט אַמאָל סאַרקאַסטיש אַמוזירט דריי לענדער מיט זיין יאַשטשערקעס־געלעכטער, גיט נאָכדעם צו: „איך זאָג קיינעם נישט קיין מוסר און איך האַלט עס פאַר גאַנץ ריכטיק, אַז אַ מענטש זאָל פאַרלאָזן זיין הויז, אויב עס האָט אים אויפגעהערט צו געפעלן" (אייגנטלעך אַ „פּלאַגיאַט", ווייל פרידריך דער גרויסער האָט געזאָגט פאַר וואָלטערן, אַז מען טאָר קיין טענות נישט האָבן צו אַ מענטשן, אויב זיין וווינונג הערט אים אויף צו געפעלן און ער ציט זיך איבער אויף אַ העכערן עטאַזש —אַ רמז אויף פרידריכס גלויבן אין יענער וועלט).

וווהין צו לויפן, הייסט עס, איז פאַראַן אין פאַל פון קראַנקייטן, וואָס זענען אומדערטרעגלעך און נישט צו היילן, אָבער די צאָל לויפערס איז לפי ערך קליין, כאָטש... כאָטש, פון דער אַנדערער זייט, הערן מיר די לעצטע יאָרן פון דאָקטוירים — באַזונדערס פון די וואָס קאָמבינירן אין זייערע פאַרשונגען געוויינלעכע מעדיצין מיט פסיכאָאַנאַליזע — אַז אַ סך פּאַציענטן אין שפּיטאָלן גייען אַוועק פון דער וועלט מיט יאָרן, און פון קראַנקייטן, וואָס לאָזן זיך גראָד יאָ אויסהיילן. זיי זענען בכלל לעבנס־מיד, און, אין תוך, אויף יענער זייט גרענעץ פון זייער באַוווסטזיין ווילן זיי גאָרנישט אויסגעהיילט ווערן. „קעמפן" זיי נישט געהעריג מיט דער קראַנקייט, ווייזן זיי אַרויס דעם נאָך נישט אויסגעלאָשענעם לעבן אַ „זיגרייכן" פּאַסיוון ווידערשטאַנד. אויפן לשון פון יענע דאָקטוירים הייסט עס זעלבסטמאָרד דורך פּאַסיוויטעט, דורך נישט מאָביליזירן די פולע סומע געזונטזונגס־כוחות, וואָס דער אָרגאַניזם פאַרמאָגט. די צאָל פון אַזעלכע „זעלבסטמערדער", מיינט מען, איז אומגעהייער גרויס. און מערקווירדיק: גראָד צווישן די, וואָס זייערע אָרגאַניזמען זענען שוין אָביעקטיוו פאַרמשפּט אויף אומקום דורך אומהיילבאַרע קראַנקייטן, איז די צאָל זעלבסטמאָרדן לפי ערך אַ קליינע.

דער זעלבסטמערדער פון פאַרצווייפלונג, פון פּראָטעסט קעגן אומדערטרעגלעכע ליידן און לאַנגזאַמער גסיסה, איז פונדעסטוועגן אַ באַשטימטער פּסיכאָלאָגישער טיפּ, וואָס קאָן — אין אַ געוויסער קולטור־אַטמאָספערע — אַרויסרופן נאָכמאַכונג אויך מצד אַנדערע, נאָרמאַלערע (אָדער אומנאָרמאַלערע?) טיפּן.

***

איך דערמאָן זיך איצט אין דעם אַלעמען צוליב אַ בריוו, וואָס ליגט שוין עטלעכע טעג אויף מיין אַרבעטס־טיש.

איך ווייס נישט פאַר וועלכע פאַרדינסטן, אָבער איך בין די וואָך געשטעלט געוואָרן פאַר אַ זייער ערנהאַפטער פאַרלעגנהייט. אַ ניי געגרינדעטע געזעלשאַפט האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַ בקשה, אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן אַ מאָרימדיק שווערער פראַגע: צי מעג מען מאָרדן לשם מצוה, פון רחמנות וועגן? — פון וואַנען די גרינדער פון יענער געזעלשאַפט האָבן גענומען, אַז איך בין קאָמפּעטענט אָדער, אַז איך האַלט זיך פאַר קאָמפּעטענט צו פּסקענען אַזעלכע שאלות — ווייס איך נישט. פון זייער בריוו זע איך, אַז זיי האָבן זיך געווענדט מיט דער זעלביקער פראַגע צו גוטע עטלעכע הונדערט מענטשן, און אַז זיי וואָלטן געוווּן זייער אַנגענעם, ווען אַלע אַנגעפרעגטע — גייסטלעכע פון אַלע רעליגיעזע גרופּירונגען, פּסיכאָלאָגן, דאָקטוירים, קינסטלער, מעדיצינער, יוריסטן, זשורנאַליסטן — וואָלטן ענטפערן אַז יאָ, אַז דאָס

וואָס זיי רופן „מערסי קילינג" איז נישט נאָר נישט קיין פאַרברעכן, נאָר אַ פּאָזיטיווע מאָראַלישע טאַט. די פירער פון דער געזעלשאַפט האָבן פאַר דעם ענין נישט בלויז אַ טעאָרעטישן אינטערעס. זייער אינטערעס איז שוין היינט אַ פּראַקטישער, אַ סאָציאַל־פּאָליטישער. זיי וואָלטן וועלן דורכפירן, אומעטום וווּ עס לאָזט זיך, אַ געזעץ, לויט וועלכן, אין געוויסע פאַלן — ווען אַ מענטש איז באַפאַלן מיט אַ קראַנקייט, וואָס איז אַבסאָלוט נישט צום היילן, ווען דיליידן פון דער קראַנקייט ווערן און מוזן בלייבן „אומדערטרעגלעך" און ווען דער פּאַציענט גופא דריקט אויס זיין „קלאָרן און באַוווסטזיניקן ווילן" אַוועקצוגיין פון דער וועלט — זאָל אַ קאָנסוליום פון דאָקטוירים, מיטן וויסן און דער הסכמה פון דעם פּאַציענטס פאַמיליע אָדער נאָענטע פריינט, האָבן דאָס רעכט אויסצולעשן אין אים דעם אָטעם פון לעבן. די איצטיקע געזעצן אין שייכות מיט אַזעלכע שווער־ליידנדיקע פּאַציענטן, זענען, לויט זייער מיינונג, באַרבאַריש: „מיר פאַרשטייען שוין אַלע", שרייבט מיר איינער פון די גרינדער פון דער נייער געזעלשאַפט, „אַז טויטן אַ מענטשן, אַלץ איינס ווער דאָס זאָל נישט זיין, וואָס וויל לעבן און וואָס די נאַטור דערלויבט אים נאָך צו לעבן, איז אַן אוממענטשלעכע אכזריות. עס איז שוין צייט, מיר זאָלן אָנהויבן צו פאַרשטיין, אַז נישט ווייניקער באַרבאַריש איז, אין געוויסע פאַלן, צו לאָזן לעבן, צווינגען צום לעבן אַ מענטשן, וואָס פילט שוין אין לעבן קיין טעם נישט, אַ מענטש וואָס ליידט פון אַ נישט־היילנדיקער קראַנקייט, וואָס פאַרשאַפט אים יעדן טאָג אומדערטרעגלעכע און זינלאָזע יסורים. דאָס וואָס אַזאַ מענטש האָט נישט דעם מוט, דעם ריין „טעכנישן מוט", ווי ער ווערט אין בריוו אָנגערופן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, איז כלל נישט קיין באַווייז, אַז ער וויל נישט שטאַרבן. אָפטמאָל בעט זיך אַזאַ פּאַציענט ביים דאָקטער, ביי זיינע אָרומיקע, און אַפילו אין ספּאָנטאַנע תפילה־אויסברוכן ביים ריבונו־של־עולם, מען זאָל ביי אים וואָס גיכער צונעמען דאָס לעבן און אים באַפרייען פון זיינע יסורים. פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר זיין בקשה נישט דערפילן? פאַר וואָס פלאָגט אונדז נישט דאָס געוויסן, ווען מיר באַגייען אַזעלכע הומאַניטאַריש פאַרשלייערטע ברוטאַליטעטן?".

די מחברים פון דער אָנקעטע פרעגן, ווי מ׳זעט, אַ קשיא דערפאַר, וואָס זיי האָבן שוין דעם תירוץ. זיי איז שוין לחלוטין קלאָר, אַז „מ׳מעג", און נישט נאָר מעג מען, נאָר מען מוז, ווייל ליבע צום מיטמענטש און אמתער רחמנות לייגן אויף אונדז אַרויף, אין געוויסע פאַלן, אַ התחייבות צו טויטן. און פון דעם ביסל ליטעראַטור, וואָס ס׳איז מיר צוגעשיקט געוואָרן אינאיינעם מיטן בריוו, זע איך, אַז אין ענגלאַנד איז פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע פאַר לעגאַליזירן דעם ענין „מערסי קילינג" אַזאַ פּערזאָן ווי לאָרד פּאָנסאָנבי — אַ רע־

ליגיעזער סאָציאַליסט, אַ גלויביקער קריסט און אַן אַבסאָלוטער פּאַציפיסט. איך אים לייגט זיך אויפן שכל און אויפן געוויסן ,אַז מאָרד קאָן אין אַ געוויסער סיטואַציע זיין אַ מצוה, נישט קיין חטא, אַז נישט־מאָרד איז אַמאָל אַ שווערע עבירה.

***

אַ דערמאָנונג פון די באַזונדערע סענסיטיווע יוגנט־יאָרן.

ס. ז. (אַ באַגאַבטע מיטליעריקע פרוי, מיט אָנפאַלן פון היסטערישן ענטוזיאַזם און, אין אַנדערע מאָמענטן, פון, ווי זי פלעגט זיך אויסדריקן, „אָקעאַנישער דעפּרעסיע״) שטעלט מיך אָפּ אין אַ שפּעטן ווינטער־אָוונט אויף דער פרידריכשטראַסע, אין בערלין, און בעט מיך, כ׳זאָל איר קריגן די „נייטיקע פּאָרציע״ מאָרפיום, וואָס אָן איר קאָן זי שוין נישט לעבן. זי האָט שוין אויסגענאָרט, זאָגט זי, דורך פאַרשידענע פעלשונגען, מאָרפיום אין אַלע בערלינער אַפּטייקן; איצטער וויל מען איר שוין אין ערגעץ נישט פאַרקויפן, און די דייטשע דאָקטוירים זענען, כידוע, „פּאַרמאַליסטן״, „טעמפּע טשינאָווניקעס״, „באַנדיטן״, און ווילן איר קיין דערלויבעניש אויף מאָרפיום נישט געבן. ווען איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון מאַכן אַפילו אַ פּרווו צו טאָן איר די „טובה״ און געפּרווט איר באַווייזן, אַז איך בין איר אַן „אמתער פריינט״, האָט זי זיך אין מיטן גאַס ווילד־היסטעריש צעשריִען:

„איך קאָן עס מער נישט איבערטראָגן... ווייטיקן און ווייטיקן אָן אַ שיעור... נישטאָ מיט וואָס צו שטילן די יסורים... אַלע, אַלע קעגן מיר... איך קאָן מער נישט לעבן... טו־זשע מיר אַן אַנדער טובה, קויף אַ מעסער, אָבער טאָקע באַלד, די מינוט, און דערשטעך מיך... כאָטש אַזאַ טובה, די לעצטע... מער וועל איך ביי דיר גאָרנישט נישט בעטן... איך וועל דיר עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן...״

און ווען זי האָט דערהערט, אַז אויך די „טובה״ וויל איך איר נישט טאָן, האָט די גאַס אָנגעהויבן הילכן מיט פאַרצווייפלטע קלאַנגען פון אירע זידלווערטער:

„טאַטער וואָס דו ביסט... מענטש אָן אַ האַרץ, אָן אַ נשמה... אַזאַ שנעק און שוין אַזאַ אכזר... גזלן, רוצח, סאַדיסט, קין וואָס דו ביסט...״

זי איז פונדעסטוועגן נאָך געווען גענוג רעאַליסטיש זיך צו דערשרעקן פאַרן פּרייסישן פּאָליציסט מיט די ווילהעלם־וואָנצעס און מיט דער שטאָלענער קאַסקע אויפן קאָפּ, און ווען זי האָט אים דערזען אַריבערגיין די גאַס, מסתמא אויסצוגעפינען וואָס פאַר אַ ווילדע סצענע עס קומט דאָ פאָר, האָט זי זיך געלאָזט לויפן און זיך אויסגעמישט מיטן עולם, וואָס האָט געשטראָמט פון די דערבייִיקע אַמוזיר־פּלעצער.

מיט פינף חדשים שפּעטער איז זי אײנזאַם אױסגעגאַנגען, נאָך אַ לאַנ־גער סדרה פון אומדערטרעגלעכן פּײן און קאָנװולסיעס, אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל.

און אפשר, פרעג איך מיך הײנט, איז מײן חוב געװען איר צו פאַרשפּאָרן די פינף חדשים אומנוציקע און אומזיניקע יסורים? און אויב עס איז נישט געװען מײן חוב, װײל איך בין נישט קײן מעדיצינער און דעמאָלט נאָך אַ שנעק אין יאָרן און דערפאַרונג, איז עס אפשר געװען דער חוב פון אַ דאָקטער, פון צװײ דאָקטוירים, פון אַ מנין מעדיצינער?

***

אין 1925 איז אין קאָלאָראַדאָ פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטער פּראָ־צעס, אין װעלכן דער מאָטיװ פון רחמנות־מאָרדן האָט געשפּילט די הױפּט־ראָלע. הערעלד בלעיזער, אַ פּראַקטיצירנדיקער דאָקטער פון אַ דאָרפישער געגנט אין יענעם שטאָט, האָט געטױט זײן טאָכטער דורך אײנגעבן איר כלאָ־ראָפאָרם. זײן טאָכטער איז געװען אײנע פון די אומבאַהאָלפנסטע באַשעפע־נישן אין דער װעלט. איר אינטעליגענץ איז געװען נידעריקער, װי דער פאָ־טער האָט אָפּגעשאַצט, פון װעלכער נישט איז אונדז באַקאַנטער חיהשער אינ־טעליגענץ; זי איז געװען אַן הענט, אָן פיס; זי האָט נישט געקאָנט רעדן און האָט נישט אַרױסגעװיזן קײן סימנים פון װעלכע נישט איז דענק־פּראָצעסן; דאָס עסן װאָס זי האָט יעדן טאָג גענומען האָט מען איר פריִער געמוזט צע־קײען. איר פאָטער האָט יאָרנלאַנג אָפּגעגעבן זײן גאַנצע פרײע צײט, כדי צו דערהאַלטן בײם לעבן דעם דאָזיקן ספק־מענטש ספק־זאַך. װען ער האָט אָבער אױף דער עלטער אַ קלער־געטאָן, אַז אין גיכן װעט דאָס לעבן אין אים אױס־געלאָשן װערן און עס װעט נישט זײן װער עס זאָל אַכטונג געבן אױף זײן טאָכטער, האָט ער זיך אָנגענומען מיט הארץ און האָט זײן אײגן פלײש און בלוט כלאָראָפאָרמירט. אין געריכט האָט זײן אַדװאָקאַט געטענהט, אַז אַזאַ באַשעפעניש, װי די דערמאָרדעטע טאָכטער איז געװען, האָט נישט געקאָנט האָבן קײן נשמה, און דער אָנגעקלאָגטער פאָטער, דאַרף מען דערפאַר רעכע־נען, איז קײן מאָרד נישט באַגאַנגען: ער האָט בלױז פאַרניכטעט אַ „קעגנ־שטאַנד", װאָסט האָט אים צװײ און דרײסיק יאָר נאָכאַנאַנד פאַרשאַפט טירחה און עגמת־נפש. דאָס געריכט האָט ד"ר בלעיזערן באַפרײט.

געפינ איך אין גאַנדיס שריפטן אַ פּאָר זאַצן װעגן דעם דאָזיקן פאַל. גאַנדי איז נאַטירלעך נישט מסכים מיטן קאָלאָראַדאָר אַדװאָקאַט. ד"ר בלעי־זער, האַלט ער, האָט דערמאָרדעט אַ מענטשן, נישט פאַרניכטעט אַ זאַך, װײל אַן אידיאָט האָט אױך אַ נשמה, װײל יעדע באַשעפעניש װאָס װײזט אַרױס

אפילו א „בלויז פיזיאלאגישן" ווילן צום לעבן, ווי נידעריק יענע באַשעפע־ניש זאָל נישט זיין און ווי אַפּאַטיש איר ווילן צום לעבן זאָל נישט זיין, איז באַזעלט. וואָס ס׳איז שייך דער מאָראַלישער און יורידישער אָפּשאַצונג פון ד״ר בלעיזערס האַנדלונג, אונטערשיידט גאַנדי צווישן לכתחילה און בדיעבד. ווען דער אומגליקלעכער פּאַטער וואָלט אים פריִער אַנגעפרעגט, צי מעג ער דערמאָרדן זיין טאָכטער פון רחמנות, וואָלט ער אים בפירוש געזאָגט, אַז מ׳טאָר נישט. מיט זיין טאַט האָט ער אָגב אַרויסגעוויזן אומגלויבן אין דער מענטשלעכקייט פון זיין סאָציאַלער סביבה, און ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו טראַכטן, אַז נאָך זיין טויט וועט זיך אין גאַנץ אַמעריקע נישט גע־פינען אַן אינסטיטוציע אָדער אַ יחיד, וואָס זאָל נעמען אויף זיך דעם חוב אַכטונג צו געבן אויף זיין פיזיש און גייסטיק דעפעקטיווער טאָכטער. איז ער אָבער דעם מאָרד יאָ באַגאַנגען, איז פאַרפאַלן. קיין יורידישע שטראָף קומט אים נישט און קיין שווערע מאָראַלישע פאַרדאַמונג האָט ער אויך — נישט פאַרדינט. ער איז נישט קיין רוצח, ווייל דעם מאָרד איז ער באַגאַנגען מחמת ליבע און רחמנות און נישט מחמת עגאָיזם און טעמפּקייט. אַן ערך דיזעל־ביקע מיינונג האָט דער אינדישער דענקער אַרויסגעזאָגט וועגן אַ מער טיפּישן פאַל פון רחמנות־מאָרד, אין פּאַריז, וווּ אַן אַקטריסע האָט דערשאָסן צום טויט איר געליבטן, לויט זיין אייגענער פאָדערונג, ווייל ער האָט געליטן אומדערטרעגלעכע יסורים פון אַ האָפענונגסלאָזער קראַנקייט. עס איז נישטאָ, גלויבט ער, קיין גרונט פאַר אַ קרימינעלער פאַרפאָלגונג קעגן יענער אַקטריסע, אָבער ווען זי וואָלט אַנגעפרעגט פון פריִער, צי מעג זי אומברענגען אַ נאָענטן מענטשן מחמת ליבע, וואָלט מען עס איר געדאַרפט שטרענג פאַרבאָטן. און נישט נאָר איר איז עס פאַרבאָטן, נאָר אויך דאָקטוירים: דאָס דענישע געזעץ, וואָס דערלויבט דאָקטוירים צו מאַכן דעם מלאך המות פאַרן מלאך הגואל פון זייערע האָפענונגסלאָזע פּאַציענטן, דאַרף מען אָפּשאַפן.

***

אָבער אַזאַ מיינונג אָדער אַן אַנדערע, גאַנדיס אויפפאַסונג אָדער די אויפ־פאַסונג פון געוויסע מעדיצינער און רעכט־רעפאָרמער וואָס פּרעדיקן היינט דאָס רעכט אויף רחמנות־מאָרד — וואָס הייסט בכלל אַ „מיינונג" אָדער אַ „איבערצייגונג", ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ ענין פון מעשה־בראשית און... מעשה־סוף? אויף וואָס שטיצט זיך, אויף וואָס קאָן אָדער דאַרף זיך שטיצן אַן ענטפער אויף אַזאַ פראַגע, וואָס איר עצם אינהאַלט איז אַזוי מאָוים־דיק פאַראַדאָקסאַל? מאָראַלישע (אויך יורידישע) אורטיילן האָבן פאַר אונדז אַ ווערט אָדער אַן אומווערט בלויז דענסטמאָל, ווען עס איז אונדז קלאָר דער

אַלגעמיינער פּרינציפּ, דאָס קריטעריום, אויף וועלכן זיי שטיצן זיך. וואָס איז, אין דעם פאַל, דאָס קריטעריום, דער פּראָבירשטיין, דער אויסגאַנג־פּונקט?

איך שטעל די פראַגע דערפאַר, וואָס כדי אפילו בלויז צוויי מענטשן זאָלן זיך קאָנען וועגן אַזאַ ענין צוזאַמענרעדן, דאַרפן זיי פריער האָבן אַ בשותּפותדיקע אַלגעמיין־פילאָזאָפישע באַזע. האָבן זיי עס נישט, קאָנען זיי אַרגומענטירן, איינער מיטן אַנדערן, ביז אין דער אומענדלעכקייט, אָן וועלכן ניט איז פּועל־יוצא: עס וועט זיי פעלן אַ בשותּפותּע שפּראַך. כדי, למשל, אַ מאַטעריאַליסט און העדאָניסט זאָל זיך וועגן דער פראַגע פון רחמנות־מאָרד קאָנען צוזאַמענרעדן מיט אַ מיסטיקער, מיט סתּם אַ רעליגיעזן מענטשן, דאַרפן זיי פריִער (און איז דאָס מעגלעך?) האָבן איינע און די זעלביקע אויפפאַסונג פון אַזאַ „קליינינקייט" ווי די עצם דערשיינונג פון ל יי ד ן. דער העדאָניסטישער מאַטעריאַליסט קאָן מיט ליידן קיינמאָל נישט שלום מאַכן. אויף וויפל ליידן זענען אומפאַרמיידלעך (אָדער ווי אייניקע ווילן זאָגן, „דערוייל אומפאַרמיידלעך") מאַכט ער נאַטירלעך מיט זיי פּראַקטיש שלום. קיין באַרעכטיקונג פאַר ליידן זעט ער אָבער נישט און קיין זין אין יסורים קאָן ער קיינמאָל נישט תּופס זיין. אין לעצטן חשבון, וועט ער אייך אין געוויסע מאָמענטן צוגעבן, אַז אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן פונעם אוניווערסום איין אומענדלעכע זינלאָזיקייט, אָבער „אין ראַמען" פון יענעם אומזין־אין־סוף איז פאַראַן אַ געוויסער זין אין מאַכן דאָס לעבן ווי מעגלעך לייכטער, באַקוועמער, שענער און... ליידנסלאָזער. דער רעליגיעזער מענטש האָט אָבער שטענדיק געזוכט אַ פאַרבאָרגענעם זין — און דאָס הייסט אויך אַ באַרעכטיקונג — אין ליידן. אַ רבי שמעון בן לקיש, למשל, איז מן הסתם געווען גענויגט צו אַ „היגיעניִשער" אויסטייטשונג פון פיין: „אַזוי ווי זאַלץ מאַכט באַטעמטער דאָס פלייש, אַזוי רייבן אָפּ יסורים אַלע זינד פון דער מענטשלעכער נשמה". און רב הונא, וואָס האָט אין אַ דרייסטער מינוט געזאָגט, אַז ווו עס שטייט „והנה טוב" מיינט מען סתּם גוטס, אָבער ווו עס שטייט „והנה טוב מ א ד" מיינט מען יסורים, ווייל דורך יסורים דערגרייכט מען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דאָס אייביקע לעבן, האָט אפילו איינמאָל געמאַכט אַ „מעטאָדאָלאָגישן" פּרווו צו קלאַסיפיצירן ליידן, לויט זייער אינהאַלט און מקור: „ווען אַ מענטש זעט אַז יסורים זענען געקומען אויף אים, זאָל ער אונטערזוכן זיינע מעשים; האָט ער אונטערזוכט און אויסגעפונען (אַז ער איז באַגאַנגען אַ חטא), זאָל ער טאָן תשובה; האָט ער געפאָרשט און נישט אויסגעפונען, זאָל ער אָנהענגען (זיינע יסורים) אָן ביטול תורה און אויב ער האָט אויך דאָס נישט אויסגעפונען, איז עס אַ סימן, אַז דאָס זענען יסורים פון (געטלעכער) ליבע צו אים".

(רב הונא שטיצט זיך דאָ אויף אַ פּסוק פון משלי „כי את אשר יאהב ה' יוכיח"

— ווען גאָט האָט ליב באַשטראָפט ער). דעם זעלביקן רב הונא־מאָטיוו הערן מיר אַרויס פון אַ גאָר גרויסן טייל פון דער קריסטלעכער ליטעראַטור; ביים אַפּאָסטאָל פּאַולוס אין גאַנצע דריי בריוו — צו די ייִדן, צו די קאָרינ־טער און צו די רוימער — ביי אויגוסטינוס, ביי טאָמאַס פון אַקווינאַ. און מען מוז נישט זיין אָרטאָדאָקסיש אָדער רעליגיעז־דאָגמאַטיש, כּדי צו זען אין ליידן נישט קיין צופאַל, נישט בלויז אַ צוטשעפּעניש אָדער אַן אַקצי־דענטאַלע אָנשיקעניש, נאָר עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט די אור־שרשים פון נעם וועלט־זיין. אין דער דייטשער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, ווי אויך אין דער ראָמאַנטישער דיכטונג, באַגעגענען מיר שוין אַ ביסל צו אָפט די גלאָרי־פיקאַציע פון ליידן. פרידריך פאָן שלעגעל איז צווישן די לפי ערך „וועלטלעכע" דייטשן נישט דער איינציקער וואָס איז אַרויסגעקומען מיט אַ הללויה פאַר יסורים: „ברוך הבא! — זאָג איך צו מיין שמערץ. ער איז פאַר מיר געוואָרן דער סימבאָל פונעם אַלגעמיינעם לעבן. אַ דאַנק דעם שמערץ גלויב איך צו פילן און צו זען די אייביקע סתירה דורך וועלכער אַלץ וו ע ר ט און עקזיס־טירט אין דער דאָזיקער אומגעהייערער וועלט פון אומענדלעכער קראַפט און אומענדלעכן קאַמף". אַ פּאַסקאַל אין פראַנקרייך, אַ קירקעגאַארד אין סקאַנ־דינאַוויע האָבן דערקלערט קראַנקייט פאַר דעם „נאַטירלעכן צושטאַנד" פונעם קריסטלעכן מענטשן, און אַזאַ סינסיטיווע און באַגאַבטע נאַטור ווי דער דיכ־טער נאָוואַליס האָט — אַלץ איינס וואָס מאָדערנע פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגן זאָלן וועגן אים נישט זאָגן — דערזען אין קראַנקייט „דאָס העכסטע, דאָס איינציק עכטע לעבן". איך ווייס, איך געדענק אַלע אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע דערקלע־רונגען וואָס מ'קאָן ברענגען פאַר נאָוואַליס' געמיט־צושטאַנד, אָבער ווען מיר הערן פון אים זיין באַקאַנטע באַהויפּטונג — אַז „אין דעם אויגנבליק, אין וועלכן דער מענטש הייבט אָן ליב צו האָבן די קראַנקייט און דעם שמערץ, ליגט אפשר אין זיינע הענט די רייצנדיקסטע הנאה און עס דרינגט אים דורך די העכסטע פּאָזיטיווע לוסט", אָדער אַז „האַלבע קראַנקייט איז אַן אומגליק, בשעת גאַנצע קראַנקייט איז לוסט, די העכסטע לוסט", באַקומען מיר דעם איינדרוק נישט פון סתם מליצה, עמעצן אויף צו להכעיס, נאָר פון אַן עכטער, טיף־איבערגעלעבטער (כאָטש אפשר „אומנאָרמאַלער"), אויב עמעצער ווייסט אַבסאָלוט קלאָר וואָס אומנאָרמאַל איז) נשמה־דערפאַרונג.

און אָט מיט אַזעלכע נשמה־דערפאַרונגען, וועגן וועלכע דער מעדיצינער קאָן זיך האָבן זיינע (אפשר גאַנץ ריכטיקע) אורטיילן און די פילאָזאָפישע אָדער רעליגיעזע אינטויציע אירע (נישט ווייניקער „ריכטיקע") אורטיילן, מוז מען זיך רעכענען ווען מיר גייען צו צו דעם פּראָבלעם פון ליידן, קראַנקייט, טויט און מאָרד. מענטשן מיט אַזעלכע דערפאַרונגען און אויפפאַסונגען, ווי

נעפּלהאַפּטיק, אומלאָגיש אָדער מחוץ פֿון לאָגיק זײ זאָלן נישט זײַן, האָבן בטבע אַן אַנדערן אױסגאַנגס־פּונקט, אײדער די װאָס זעען אין לײדן זינלאָזיקײט און צופֿעליקײט. פֿאַר זײ איז „ביקור־חולים" נישט קײן שכלדיקער ענין, װאָס קאָן אָפּגעװױגן און אָפּגעמאָסטן װערן. ביקור־חולים, לײענען מיר בײ אונדזערע קדמונים „אין לו שיעור", און רבי עקיבא מײנט אַפֿילו, אַז װער עס איז נישט מבקר חולה איז געגליכן צו אַ בלוטפֿאַרגיסער. פֿאַר דעם רעליגיעזן מענטשן איז קראַנקײט און פּײן אַזאַ אינטענסיװע „יש"־איבערלעבעניש, אַז אומעטום װוּ זי איז פֿאַראַן, קומט די שכינה צו־גאַסט. אַט װי מיר לײענען עס אין מסכתא נדרים: „װער עס גײט אַרײַן צו אַ חולה, זאָל זיך נישט זעצן אױפֿן בעט, נישט אױף אַ שטול און נישט אױף אַ באַנק, נאָר ער זאָל זיך אײַנהילן און זיך אַװעקזעצן אױף דער ערד, װײַל איבער דעם חולהס בעט רוט די שכינה".

װער עס איז פֿעיִק, אַפֿילו אײנמאָל אין זײַן לעבן, צו דערפֿילן אַז אי־בערן חולהס בעט „רוט די שכינה" — רוט און באַװאַכט אים לויט אירע באַװאָכונגס־„געזעצן" — װער עס האָט כאָטש אױף אײן מינוט אין זײַן לעבן דערפֿילט אײנאײנעם מיט ניקאָלאַי האַרטמאַן, אַז „דער גרױסער שמערץ אַנט־דעקט פֿאַר אונדז אַזעלכע טיפֿענישן, װעגן װעלכע דער נישט־געפּרוּװטער האָט אַפֿילו קײן אַנונג נישט", װעט נישט לײַכט געפֿינען אַ בשותפֿותדיקע שפּראַך מיט יענעם, פֿאַר װעלכן די בוכהאַלטעריע פֿון לעבן באַשטײט פֿון אַן אַבסאָלוט קלאָרן קרעדיט (הנאה) און אַן אַבסאָלוט קלאָרן דעביט (פּײַן) מיט אַן „אונטערשטער שורה" װאָס יעדער קאָן איבערלײענען און אָפּשאַצן.

***

אַלץ הענגט דאָ, הײסט עס, אָפּ פֿונעם אױסגאַנגס־פּונקט — צי מעג לעבן „בוכהאַלטעריזירט" װערן.

מען קאָן פֿאַרשטײן לעבן װי אַ „געשעפֿט", װי אַן אונטערנעמונג. װער עס פֿאַסט עס אַזױ אױף, פֿאַרגלײַכט „קרעדיט" מיט „דעביט", און אין גע־װיסע קראַנקהײטלעכע און פּײַן־צושטאַנדן האָט ער אַ לאָגיש רעכט צו ציִען זײַן פֿועל־יוצא, אַז דאָס געשעפֿט האָט „באַנקראָטירט" און מ׳מוז עס „ליק־װידירן". אַזאַ אײנער „מעג" פֿרעדיקן דאָס רעכט אױף זעלבסטמאָרד און אױף רחמנות־מאָרד. פֿון זײַן אַלגעמײנעם שטאַנדפּונקט איז ער אַבסאָלוט גערעכט.

מען קאָן באַנעמען לעבן װי אַ שליחות: איך בין אַהער געשיקט געװאָרן. איך װײס נישט פֿאַרװאָס, צוליב װאָס און אױף װי לאַנג, אָבער אין מײַן שי־קונג (אָדער, װי די בודיסטן מײנען, „פֿאַרשיקונג") איז פֿאַראַן אַ זין, דער

זין. די לענג פון דער לעבנס־ליניע איז דענסטמאָל אַ באַשטימטע, אַ באַ־שערטע — אַ געשענקטע אָדער אַן אַרויפגעצוווּנגענע. יענע ליניע באַקומט דענסטמאָל אַן אַבסאָלוט־אימפּעראַטיוון כאַראַקטער — קיינער טאָר זי נישט אָפּהאַקן אָדער איבעררייסן ביז זי דערגייט נישט צ ואיר פאָרויס באַשטימטן „פונקט". ביי אַזאַ אויפפאַסונג איז רעכט צו טאָן וואָס היסטערישע ייִדענעס אין קליינע שטעטלעך טוען אַמאָל מיט אַ גוסס: זיי „שרייען אים אָפּ" — אויף ווי לאַנג? צוליב וואָס? זיי זענען נישט מחויב אויף דעם צו ענטפערן. אַן אָפּקלאַנג פון אַזאַ קאָנצעפּציע הערט זיך, גלייב איך, אַרויס פון אַ מאמר ערגעץ־ווו אין תלמוד: „המעצם עם יציאת הנפש, הרי זה שופך דמים" (ווער עס פאַרשליסט די אויגן ביי אַ חולה בשעת זיין גסיסה, איז געגליכן צו אַ בלוט־פאַרגיסער).

דער רעליגיעזער מענטש האָט דערפאַר זיין רעכט צו פרעגן יעדן פּיין־פאַרשפאַרער: „מי שמך"? — ווער האָט דיר געגעבן אויטאָריטעט אַזעלכע חשבונות צו מאַכן און צו אַזעלכע פּועל־יוצאס צו דערגיין? ער קאָן זיך פאַר־שטעלן מיתת־נשיקה (טויט דורך אַ געטלעכן קוש), אָבער פון אַ בשר־ודם זעט ער אַזאַ קוש נישט וועלן אָננעמען.

**
*

די אַדוואָקאַטן פון רחמנות־מאָרד גלויבן, אַז אין גרונט איז דאָס גאָר קיין מאָרד נישט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַרויסהעלפן אַ נאָענטן מענטשן אין באַגיין זעלבסטמאָרד: דער אומקורירבאַרער חולה וויל, מען זאָל אים טויטן, און זיין ווילן דאַרף רעספּעקטירט ווערן. אַזוי האָט אַמאָל שאול המלך, וואָס האָט, לויט זיין אייגענער אָפּשאַצונג, זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער, „אומקורירבאַרער" לאַגע, געבעטן ביי זיין וואָפן־טרעגער: „שלף חרבך ודקרני בה, פן יבואו הערלים האלה ודקרוני והתעללו בי". דער וואָפן־טרעגער האָט אָבער, טראָץ זיין לאָיאַליטעט צום קעניג, דעם דאָזיקן לעצטן „חסד" אים נישט געוואָלט טאָן — „כי ירא מאד", ווייל ער האָט זייער מורא געהאַט. ערשט דענסטמאָל, ווען שאול המלך האָט זיך איבערצייגט, אַז זיין נושא־כלים וויל אים נישט אַרויסהעלפן אין זיין „זעלבסטמאָרד", איז ער אַליין געפאַלן אויף דער שווערד און אויסגעהויכט זיין לעבן. דער דער־ציילער פונעם ספר שמואל קלערט אונדז נישט אויף, פון וואָס פאַר אַ מורא דער נושא־כלים איז באַנומען געוואָרן. עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער פּראָ־פעסיאָנעלער סאָלדאַט האָט מיטאַמאָל דערשפּירט, אַז ער שטייט פאַר אַן אייביקן און מאָוימדיקן סוד — מענטשלעך לעבן — און אַז ער האָט קיין רעכט נישט, אויך אין דער עקסטרעם־טראַגישער לאַגע אין וועלכער שאול

האָט זיך געפונען, צו פאַרענטפערן דעם דאָזיקן סוד דורך זיינעם אַ פיזישן אַקט. עס קען זיין, אַז ער איז גאָר נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז טאַקע געווען דעם קעניגס אמתער ווילן. אויך מאָדערנע וויסנשאַפטלער און פסיכאָלאָגן דאַרפן זיך אפשר אָראָפּנעמען אַ מוסר פון יענעם ביבלישן צווייפלער. מאָדערנע פאַרשער זענען, אין תוך, אַ סך ווייניקער זיכער, ווי מ׳איז אַמאָל געווען, אַז אַ ווּנטש וואָס אַ חולה, אָדער סתם אַ מענטש אין אַ קריטישער לאַגע, דריקט אויס, איז טאַקע זיין ווילן. די באַציונג צום לעבן איז אין אונדז אַ גאַנץ אַמביוואַלענטע: אַ באַוווּסטזיניקער ווילן צום לעבן גייט אָפּטמאָל אינאייגעם מיט אַן אומבאַוווּסטזיניקן באַגער צום טויט; און, פון דער אַנדערער זייט, די אַנטשלאָסנקייט צו שטאַרבן (דעם זעלבסטמערדערס החלטה) איז נישט זעלטן געפּאָרט מיט אַ האָפענונג, אַז עפּעס וועט פּאַסירן און די החלטה וועט נישט צושטאַנד קומען. די כראָניק פון אונדזערע שפּיטאָלן און די רעקאָרדן פון דער פּאָליציי זענען רייך מיט מאַטעריאַל וועגן אַזעלכע פּאַראַדאָקסאַלע סתירותפולע פאַרשוינען. די דערקלערונג פון אַ האָפענונגסלאָזן חולה, אַז ער וויל שטאַרבן, ווי אָפּט און ווי בפירוש ער זאָל אַזאַ דערקלערונג נישט איבערחזרן — טאָר נישט גענומען ווערן אַזוי ערנסט, אַזוי בוכשטעבלעך, ווי אַ טייל ווילן זי נעמען. אין אַ סך פאַלן איז דאָס נישט מער ווי אַ „נאַטירלעכער" היסטערישער אויסברוך, אָדער אַ פּראָטעסט קעגן צו שטאַרקע און „אומפאַרדינטע" ליידן. עפּעס דאַרף מען אין דעם פּרט לערנען פון דער לעבנס לענגלעכער דאַנקבאַרקייט, וואָס עס פילן מענטשן, וואָס האָבן געפּרוּווט צו באַגיין זעלבסטמאָרד — צום דאָקטער, ווען עס איז געלונגען זיי אָפּצוראַטעווען פון דער לעצטער קאָנסעקווענץ פון זייער פּרוּוו. די ליניע צווישן זעלבסטמאָרד מיט נישט־אייגענע הענט (ווי רחמנות־מאָרד ווערט געווינלעך כאַראַקטעריזירט) און פּשוטן מאָרד (כאָטש מיט „הומאַנע" כוונות) איז אַזאַ דינע, אַז מען מעג ערנסט אָפּפרעגן די פעיִקייט פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע יענע ליניע קלאָר אָנצוצייכענען. אפשר איז דאָס געווען איינער פון די טעמים, ביים רמב״ם, וואָס איז אַליין געווען אַ מעדיצינער, ווען ער האָט געפּסקנט (הלכות רוצח ב׳), אַז ווער עס טויט אפילו אַ מענטשן וואָס איז שוין אין פּראָצעס פון גסיסה, אָדער אַ האָפענונגלאָזן, קראַנקן מענטשן, באַגייט אַ מאָרד...

***

חסידות האָט עפּעס אויך וועגן דעם צו זאָגן — אין אירע אייגענע טערמינען. ווען ר׳ יצחק־יעקב (דער באַרימטער „ייד") האָט געהערט, אַז דער קאָזשעניצער מגיד איז קראַנק נישט צו היילן, האָט ער צו אים געשיקט צוויי פון זיינע תלמידים, גוטע מנגנים. ווען זיי האָבן פאַרן מגיד געזונגען זייערע

ניגונים, פלעגט אים ווערן לייכטער און ליכטיקער. מיט זיינע מקורבים האָט ער אַמאָל גערעדט מיט אַ געפיל פון טיפער דאַנקבאַרקייט צו ר׳ יעקב־יצחקן:

„דער ייִד האָט געוווּסט, אַז איך בין אין מיין לעבן אַרומגעגאַנגען אין אַ סך וועלטן, אָבער נישט אין דער וועלט פון נגינה. האָט ער מיר געשיקט זיינע זינגער, מיר צו דערמאָנען וואָס איך האָב ביזאַהער פאַרפעלט, מיר אָנצוזאָגן, אַז כ׳האָב נאָך וואָס צו טאָן אין לעבן: דורכצוגיין דורך דער וועלט פון נגינה״.

דעם מגידס לעבן — אין האָפענונגסלאָזן לייד און פּיין — האָט באַקומען אַ טעם און אַ נייעם אינהאַלט...

1938

תפילה

דאַווענען, דוכט זיך אָפט, איז איצטער אַ פאַרגעסענע קונסט, אפילו צווישן די וואָס האַלטן זיך נאָך פאַר פרומע, וואָס דאַווענען נאָך אפשר יעדן טאָג. עס קאָן זײַן, אַז קיין עכטע דאַווענער זײַנען קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען, און מיר האָבן זיך בלויז אײַנגעשמועסט, אַז אַמאָליקע צײַטן איז די קונסט פון השתפכות הנפש געווען מער פאַרשפּרייט ווי איצטער. טאַלענטירטע דאַווענער, קאָן זיין, זענען שטענדיק געווען בלויז יחידי סגולה, און פאַרן סתם מענטשן איז תפילה אפשר תמיד געווען מער רוטין — מצות אנשים מלומדה — איידער איבערלעבעניש. נישט אומזיסט באַגעגענען מיר אין דער משנה די וואָרענונג: אל תעש תפילתך קבע — מאַך נישט פון דיין תפילה קיין שאַבלאָן, קיין מעכאַנישן אַקט. רב אושיעא איז געווען געוויגט צו „באַפרייען" פון דאַווענען יעדן ייִדן וואָס „תפילתו דומה עליו כמשאו", וואָס תפילה איז פאַר אים בלויז אַ משא, אַ לאַסט, עפּעס אַרויפגעצוווּנגענס, וואָס ער טוט נאָר כדי יוצא־צו־זיין, אַ מין נודנע פליכט. רבה און רב יוסף, ווי מ'קאָן זען אין דער זעלביקער משנה, זענען געגאַנגען אַזוי ווייט ווי צו באַטראַכטן, אַזוי צו זאָגן, פאַר „פסול" די תפילה פון יעדן איינעם וואָס „אינו יכול לחדש בה דבר", איז נישט אימשטאַנד עפּעס נ יי ע ס אין איר אַרייַנצוטראָגן — מסתמא, נישט אין זין פון נייע ווערטער אָדער זאַצן, נאָר פון, יעדעס מאָל, אַ פרישער אויפפאַסונג אָדער אויפּציטערונג אַנטקעגן דעם זעלביקן, אַלטן, גוט־באַקאַנטן טעקסט. אויך צווישן אונדזערע קדמונים זענען שוין, הייסט עס, געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך געפילט שאַקירט פונעם „קבע", פון דער טאָג־טעגלעכקייט און פאַרגליווערטקייט פון תפילה, און האָבן געבענקט נאָך אַ דאַווענער, וואָס יעדער אַקט פון תפילה איז פאַר אים אַ נייע, אַן א יי נ מ אָ ל י ק ע, איבערלעבעניש...

***

אָפּמאַכן ביי זיך צו דאַווענען איז פונדעסטוועגן אַמאָליקע צייטן געווען לייכט. ווער עס גלויבט נאָך היינט, אַז נישט נאָר איז פאַראַן איבער אונדז אַ גאָט, נאָר אויך אַז מיטן כוח פון תפילה ברענגט מען יענעם גאָט אַרויס פון זיין „מידת רגזנות" און מען וועקט אין אים אויף די „מידת רחמנות", ווער עס האָט נאָך נישט פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער מאַגישער קראַפט פון דאַווענען, פאַר איר היפּנאָטישער ווירקונג אויפן האַר פון דער וועלט — פאַר־וואָס זאָל ער זיך פוילן אויסצונוצן אַזאַ קראַפט?

אמת, די דאָזיקע קראַפט איז נישט קיין אומבאַגרענעצטע, און נישט שטענדיק געלינגט עס מכוון צו זיין די שעה, ווען גאָט איז „אויפגעלייגט" און לאָזט זיך באַאײַנפלוסן. ווען רב חנינא בן דוסא, צום ביישפּיל, דער־ציילט מען, אַז ער פלעגט אָפט מתפלל זיין פאַר קראַנקע, אָבער בשעת דעם דאַווענען פלעגט ער וויסן, פאַר וועמען די תפילה וועט אָנגענומען ווערן און פאַר וועמען נישט: „זה חי וזה מת". ער האָט געהאַט זיינע סימנים: איז די תפילה אַרויסגעגאַנגען פון זיין מויל גלאַט, אין אַ גלייכן, אומגעשטערטן שטראָם, האָט ער געוווסט אַז זי ווירקט; אויב נישט, איז אים געווען קלאָר, אַז דער חולה איז פאַרמשפּט, שוין **פ אַ ר צ ע ר ט** („מטורף").

מיר איז נישט באַקאַנט, צי רב חנינא האָט ווען עס איז דערקלערט, פאַר־וואָס איין תפילה איז ביי אים אַ געלונגענע און אַן אַנדערע קומט ביי אים אַרויס אַ גענייזוקטע — צי דערפאַר וואָס נישט שטענדיק איז **ע ר** אין דעם ריכטיקן כונה־צושטאַנד, אָדער גאָר דערפאַר וואָס דער **ר י ב ו נ ו ש ל ע ו ל ם** איז אַמאָל אַ שלעכטער, נישט סענסיטיווער „מעדיום". עס האָט זיך אים אָבער שטענדיק געלוינט אָנקלאַפּן אָן די שערי שמים: קאָן מען דאָך קיינמאָל אויף זיכער נישט וויסן, ווען מען וועט פועלן און ווען נישט. דער עיקר איז דאָך, אַז עס זאָל זיין צו וועמען צו דאַווענען, אַז דער צו וועמען מען דאַוונט זאָל זיך צוהערן און זיך פון צייט צו צייט לאָזן באַאײַנפלוסן. וויכ־טיק איז, אַז אפילו אין גאָר־גאָר זעלטענע מינוטן, זאָל מען קאָנען מיט גאָט קומען „אין קאָנטאַקט", און אַז גאָט זאָל זיין **ב י כ ו ל ת** צו געבן וואָס מען בעט ביי אים. ווער ווייס, מעג זיך דענסמאָל יעדער טראַכטן, אפשר וועט ער אָנטרעפן אויף יענער „גוטער מינוט", וועגן וועלכער ר' ישמעאל בן אלישע האָט דערציילט? רב ישמעאל איז אַמאָל אַריינגעגאַנגען אינעם לפני ולפנים רויכערן ווייריך און האָט מיט אַמאָל דערזען **א י ם א ל י י ן** — „אכתריאל יה ה' צבאות, יושב על כסא רם ונשא". און נישט נאָר האָט ער אים דער־זען, נאָר דער כביכול האָט זיך אַפילו **צ ו א י ם** געווענדט מיט אַ בקשה: „בענטש מיך, ישמעאל מיין זון". און רב ישמעאל האָט קיין סך נישט גע־טראַכט און האָט אים געגעבן אַ ברכה — אַז רחמים זאָל באַזיגן זיין כעס, אַז רחמנות זאָל זיך מתגבר זיין איבער זיינע מידות, אַז ער זאָל באַהאַנדלען זיינע קינדער מיט רחמנות און זאָל לאָזן „זיינס איבערגיין" (תכנס להם לפנים משורת הדין). דאָס רעליגיעזע לעבן איז פול מיט פּאַראַדאָקסן, און עס האָט נישט קיין זינען צו פרעגן, ווו רב ישמעאל האָט גענומען אַזוי פיל „חוצפה כלפי שמיא"; פאַקטיש האָט ער זיך מיט זיין ברכה געווענדט צו עפּעס אַן אַנדערער קראַפט, וואָס איז נישט גאָט און מוז זיין העכער פון גאָט(???), **אַ ז ז י** זאָל דעם רבונו של עולם אַביסל... אויסמענטשלען. אָבער וויכטיק

אין דער רעזולטאַט, — פון אַ שטרענגען ייִדיש־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, האָבן די ווערטער געהאַט אין זיך אפשר אַ סך מער חילול־השם ווי תּפילה: — „ונענע לי בראשו“, דער כביכול האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: ער האָט, הייסט עס, מסכּים געווען, אַז אַביסל צאַרטערע מידות פון זיין זייט וואָלטן דער וועלט צונוץ געקומען. אָבער אויך צו אַזאַ גאָט, כאָטש מען דאַרף צו אים האָבן אַ רבֿ ישמעאל, אַז ער זאָל אים אַרויספירן אויפן דרך הישר, האָט אַ זינען צו דאַווענען, ווייל ער פאַרמאָגט מאַכט און איז אימשטאַנד צו געבן דעם מענטשן וואָס ער בעט ביי אים, אויב ער וויל נאָר.

אָבער וואָס זאָל טאָן יענער מאָדערנער מענטש, פאַר וועלכן אַזאַ גאָט עקזיסטירט שוין נישט? וואָס קען זיין דער מאָטיוו פון דאַווענען ביי אַ מענטשן פון אונדזער דור, וואָס אַלץ איינס וואָס זיין סכום וויסן זאָל נישט זיין, איז ער אין אַזאַ גרויסער מאָס אָנגעהויכט מיטן נאַטור־וויסנשאַפטלעכן נוסח פון דענקען? אין זיין נאָמען האָט אַמאָל דער ספּינאָזיסטיש אָנגעהויכטער טור־געניעוו (אין זיינע „לידער אין פּראָזע“) זיך אויסגעדריקט, אַז דאַווענען הייסט דאָס זעלביקע וואָס זאָגן: „ליבער גאָט, טו עפּעס אַזוינס, אַז צוויי מאָל צוויי זאָל זיין... נישט פיר“ — צערייס די קייט פון נויטווענדיקייט, ברעך דורך די ווירקלעכקייט, וואָס באַוועגט זיך לויט אייביקע, אייזערנע געזעצן, מיט עפּעס אַן אויסנאַמע, מיט אַ וווּנדער, אין גרונט, הייסט עס, מיט אַ שטיק געזעצלאָזיקייט. זיי משנה דעם יסוד פון מעשה־בראשית צוליב מיר. צו אַזאַ גאָט, וואָס איז אַליין געבונדן צו אַן אייביקן סיסטעם פון געזעצן, וואָס איז אפשר גאָרנישט מער ווי יענע סיסטעם גופא (צו אַ גאָט וואָס אפילו אַ טייל ייִדישע קדמונים, וואָס קענען נישט געשטעמפּלט ווערן ווי פּאַנטעיִסטן, האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער אַליין איז „מעיין בתורה“ און פירט די וועלט לויט אירע דינים, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט געענדערט ווערן...) — וואָס פאַר אַ טעם האָט אויסצושטרעקן צו אים די הענט, רופן אים צו הילף? דעם זעלביקן טעם, וואָס זיך בעטן ביי אַ צירקל, אַז ער זאָל צוליב מיין באַקוועמלעכקייט ווערן אַ קוואַדראַט, כאָטש אויף אַ שעה, כאָטש אויף אַ מינוט.

אָבער דער מאָדערנער מענטש, דער וואָס פאַרמאָגט שוין נישט גענוג „אַטאַוויזם“, אַז ער זאָל זיך נאָך קענען האַלטן ביים אַנטראָפּאָמאָרפישן גאָט פון זיינע אבֿות, אָדער ער פאַרמאָגט נאָך נישט דעם מיסטיקערס קוראַזש, אַרויסצושפּאַנען פון תּחום וואָס די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דענק־מעטאָדע האָט פאַר אים אָנגעצייכנט, ווייסט מערסטנטיילס נישט פון דעם ספּינאָזאַ־גאָט, אָדער פון יענעם סובסטאַנץ־גאָט וואָס רוט אַן אייביק־צופרידענער אין זיין אַלמעכטיקער געפּענטעטקייט. אַזאַ איינער האָט אפשר בכלל נישט קיין קיין מעטאַפיזישן חוש, און אויף זיין אויסגעליידיקטקייט האָט אַמאָל געזאָגט קינות ביאַליק:

הביתה! בכל ובלבבי:
מחשכים, ידידי, מחשכים;
הביתה! בכל ובלבבי —
חרבות, ידידי, חרבות.

מיט אַזאַ פינצטערניש און וויסטעניש אין דעם „אַלץ״ און אינעם האַרצן — קען מען נישט דאַווענען: „אני — לבי מת ואין עוד תפילה בשפתי״, און וויל אַזאַ איינער דווקא יאָ דאַווענען, ווערן זיינע ליפּן „פּ אַ ר װ י אַ נ ע ט א י ן ת פ י ל ה״ („ונובלות שפתים בתפלה״).

* * *

דער יונגער ראובן לאַיט (אין אַניעלס דראַמע „דינאַמאָ״), וועלכער שטאַמט פון עטלעכע דורות פראַטעסטאַנטישע כלי־קודש, האָט אויפגעהערט צו גלייבן אין גאָט פון זיינע אָבות. ער ווערט אינגאַנצן אָריענטירט אויף דער מאָדערנער טעכניק, אויף עלעקטריציטעט: עלעקטרישע קראַפט איז אַלץ — די אייביקייט, דער סוד און דער מקור פון דער הויה. אין זיין אַטעיזם טראָגט ער אָבער מיט דער צייט אַריין יענע אָרגאַנישע פרומקייט, וואָס ער קען שוין פון זיך נישט אויסוואָרצלען — ווערט ער דער מיסטיקער אין פיזיק, טראַנספּערירט ער זיין געפיל פון חרדת־קודש אויף דער דינאַמאָ־מאַשין, ווערט פאַר אים די הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציע פון זיין קאָנעטיקוט־שטעטל פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם בית־המקדש. און ווען די קריטישע מינוט קומט אָן — דער טויט פון זיין מוטער — פאַלט ער כורעים פאַר דער דינאַמאָ־מאַשין און עס קאָנוולסירט פון אים אַ פאַרצווייפלטע תפילה צום מיסטעריעזן כוח וואָס ברענגט זי אין באַוועגונג. אָבער זיין תפילה העלפט אים נישט. אין וואַנזין דערשיסט ער זיין געליבטע און מאַכט נאָכדעם אַ סוף צו זיין אייגענעם לעבן. אַניעל איז נישט קיין רוצח, און ער וואָלט זיין יונגן העלד געלאָזט לעבן. ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען. אָבער ראובן לאַיט האָט שוין נישט מיט וואָס צו לעבן: קיין אמתער גאָט איז שוין נישטאָ. עלעקטריציטעט? דער מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דערשרעקט זיך, ווען ער געפינט אויס אַז זיין אַטעיזם האָט אים אַריינגעטריבן צוריק אין פעטישיזם, אין עבודה־זרה. ראובן לאַיט וויל תפילה טאָן, אָבער ער האָט שוין נישט צו וועמען. ער האָט פּראָבירט דאַווענען צו אַ װ אָ ס אָנשטאָט צו אַ װ ע ר, אָבער דער װ אָ ס איז טויב און שטום, און דער היסטערישער דאַווענער דערזעט זיך מיטאַמאָל איינער אַליין, אויך נישט־גאָטס באָראָט, אין אַ דזשאָנגל, און פון דזשאָנגל איז נישטאָ קיין וועג צו קיין ישוב, און וואָלט פון דאָרט ערגעץ־וווהין געפירט אַ וועג, דאַרף מען אים אויך נישט האָבן ווייל — קיין „ישוב״ איז בכלל נישטאָ...

אין ניו־יאָרק האָט זיך די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט אַ נייע פּראַפּעסיע און זי איז אומגעהויער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזערע צייטן: דאָס זענען אויסהערער און אויסהערערינס. פאַר דריי דאָלאַר אַ וויזיט זענען זיי גרייט צו זיצן רויק, שווייגנדיק, אויפמערקזאַם, קאָנצענטרירט, און אויסהערן וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן זיך — וועגן אַלע אייערע דורכפאַלן, שטרויכלונגען, צווייפלען און פאַרצווייפלונגען, וועגן אַלע אייערע מוח־פאַרדרייעניש און נשמה־קלעמעניש. זיי טרייסטן נישט, זיי גיבן נישט קיין עצות. זיי נעמען זיך נישט אונטער צו „היילן״ און זיי זאָגן נישט פאָרויס די צוקונפט. זיי זענען מאָדנע פּאָסט־אַנגעשטעלטע, וואָס נעמען פון אייך אַן לירישע בריוו אָן אַדרעסן, בריוו וואָס דאַרפן אין ערגעץ נישט צוגעשטעלט ווערן, אויף וועלכע מען דערוואַרט נישט קיין ענטפער.

די אייביקע באַדערפעניש אין השתפכות הנפש — נישט פאַר פריינט, נישט פאַר טאַטע־מאַמע, נישט פאַר אַ פרוי אָדער געליבטער, נאָר פאַר אַ ווייטן, אומבאַקאַנטן, אַנאָנימען, ווייל נאָר אַזאַ איינעם קען מען אָנפאַרטרויען דאָס צומייסט גורלדיקע, דאָס לעצט־אינטימע. ווער עס האָט שוין נישט דעם אַדרעס צום מעטאַפיזישן אַנאָנים, געפינט אויס פון אַ ציימונגס־אַנאָנס אַ „במקום״ פון יענעם אַדרעס.

*

אין יעדער ציוויליזאַציע, ווי נידעריק אָדער ווי הויך זי זאָל נישט זיין, זענען פאַראַן — אַמאָל אין איינער און דער זעלביקער צייט — דערהויבענע און פּראָפּאַנע שיכטן פון רעליגיעזן באַוווסטזיין, אויך פאַרשידענע מדרגות פון תפילה. דער זולו זאָגט אולטימאַטיוו צו זיין געטשקע: „העלף מיר, אלא נישט וועסטו פגרן ביי מיר פון הונגער״. זיין תפילה און דער קרבן וואָס ער ברענגט צו זיינע גייסטער, זענען נישט מער ווי אַ גראָבע געשעפטלעכע טראַנסאַקציע. ווער עס וויל, קען זיך טרייסטן דערמיט, אַז דער זולו איז אַ געצנדינער, און אַז אַלע פאַר־מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס זענען, מאָראַליש, עסטעטיש און לאָגיש, פון אַ זייער נידעריקן גראַד. דאָס וואָלט געווען אַן אומבאַרעכטיקטע גענעראַליזאַציע. אויך געצנדינערישע קולטן האָבן זייערע גייסטיקע אויפשוווּנגען. ווען דער עבודה־זרה־שבט אין די הימאַלאַיען, אין צפון אינדיע, ווענדט זיך צום גאָט, וועלכן ער האַלט פאַרן גרעסטן פון אַלע געטער, מיט זיין קורצער תפילה: „גאָט, מיר ווייסן נישט וואָס פאַר אונדז איז גוט; דו ווייסט בעסער וואָס אונדזער טובה איז; גיב אונדז וואָס דו ווייסט, אַז עס איז פאַר אונדז דאָס בעסטע״, שטייט אַזאַ תפילה אויף איין מדרגה מיטן דערהויבענעם זאַץ פונעם יידישן סידור: „ותן בלבי לעשות רצונך ותגזור עלי גזרות טובות״. און ווען מיר באַגעגענען זיך מיט אַ תפילה

פון די אַמאָליקע אַצטעקן (אמת, אַ זייער ציוויליזירט פאָלק אין פאַרגלייך מיט די זולוס, אָבער דאָך געצנדינער מיט גאַנצע פּיראַמידן פון אָבערגלויבנס) — „גאָט פון רחמים, זאָלן די ליידן וואָס דו האָסט אונדז געשיקט, אונדז באַפרייען פון רשעות און פון נאַרישקייט" — ווילט זיך זאָגן צו אַלע יענע היינטיקע קריסטלעכע (און ייִדישע) אָנהענגער פון ריינער תפילה, וואָס איז דורך־און־דורך בטחון און פריי פון ב ק ש ה, אַז אין גרונט האָבן זיי גאָר־נישט נישט מחדש געווען; גרויסע, כּמעט אַנאָנימע, דענקער, אין דער געצנ־דינערישער וועלט, האָבן דאָס פאַר זיי תופס געווען. אַפילו ווען פּלאַטאָן האָט צונויפגעשטעלט זיין נאָבעלע תפילה: „קעניג צעוס, גיב אונדז דאָס גוטע, אַלץ איינס צי מיר זענען מתפלל דערפאַר אָדער נישט, און נעם פון אונדז צו דאָס בייזע, אַפילו ווען מיר ווילן דאָס האָבן", האָט ער זיך שוין אויך גע־שטיצט אויף אַ געוויסן, כּמעט נישט זייער בולטן, עלעמענט אין דעם געצנדיי־נערישן פאָלקלאָר פון זיין פאָלק. פון דער אַנדערער זייט, איז דאָס „מאָנאָ־טעאיסטישע" קריסטנטום פול מיט אַזוי גערופענע פּעטיציע־תפילות, און אונ־דזער ייִדישער סידור קען זיך אויך נישט באַרימען, אַז ער איז פריי פון ג ע־ב ע ט אינעם בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט — אין זינען פון זיך משתדל זיין אויסצובעטן ביי גאָט קאָנקרעטע טובות, וואָס ער איז, כּביכול, נישט גרייט צו טאָן סיידן מ׳זאָל אויף אים „ווירקן".

***

בודיזם איז, אין אַ געוויסן זינען, דער גרעסטער מיוחס צווישן דער וועלטס רעליגיעס. קיין שום אַנדערע רעליגיע קען זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער בודיסטישער לערע, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן לייטערן דאָס דענ־קען און דעם מעטאַפיזישן כּוח־הדמיון. קלאַסישער בודיזם איז ריינער פון אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָרשטעלונגען, ווי וועלכע נישט איז אַנדערע רעליגיע, און זיין שטרענגע אַרכיטעקטאָניק איז אומפאַרגלייכלעך. אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע איז אָבער נאָך נישט געווען קיין איין רעליגיעזע שיטה, וואָס זאָל זיך האָבן „פאַרזיכערט" קעגן דעגענעראַציע און... ווולגאַרי־זאַציע. די בודיסטן אין טיבעט (די אַזוי גערופענע „לאַמאַיסטן") זענען אַ שאָקירנדיקער ביישפּיל פון דער ירידה פון אַ רעליגיע. זיי גלייבן שטאַרק אינעם כּוח פון תפילה, פון גרויסע ק וואַ נ ט י ט ע ט ן תפילה: וואָס מער תפילה, און וואָס אָפטער, אַלץ בעסער פאַר דער מענטשלעכער נשמה און פאַר איר דערלייזונג. דער טאָג האָט אָבער נישט אַזויפיל שעהן און די ליפּן קענען זיך נישט אַזויפיל באַוועגן, כּדי די נייטיקע צ אָ ל תפילות זאָלן קענען אַרויסגעבראַכט ווערן. איז מען דאָרט דערגאַנגען (אין אַ טעכניש שטאַרק צו־

ריקגעשטאַנענעם לאַנד) צו אַ מין „מאַטאָריזירטער" תּפֿילה. פֿרומע לאַמאַיסטן באַנוצן זיך אין טיבעט מיט אַ „תּפֿילה־רעדל" — אַ מעכאַנישער אַפּאַראַט, וואָס אַז מען דרייט אים אָן, וואַרפֿט ער פֿון זיך אַרויס, אינעם נאָמען פֿון דעם וואָס האָט זיך אַזאַ אַפּאַראַט איינגעשאַפֿט, טויזנטער און טויזנטער פּאַ־פּירלעך, אויף וועלכע עס זענען אָנגעשריבן די פֿרומע ווערטער „דער דימענט פֿונעם לאָטוס, אָמן". וויפֿל אַזעלכע פּאַפּירלעך דער אַפּאַראַט האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן, אַזויפֿיל תּפֿילות ווערן פֿאַררעכנט אין אַ געגעבענעם טאָג „אויף זיין חשבון". תּפֿילה ווערט אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלט אין אַ מין אַ פּ צ אַ ל, וואָס קער זיך גאָרנישט נישט אָן מיט דעם „דאַווענער" איבערלעבעניש און מיט וועלכן נישט איז זעלישן פּראָצעס אָדער אַקט.

טיבעט האָט זיך אָבער ווייניק וואָס צו שעמען פֿאַר דער הויך־ציוויליזירטער אַמעריקע. צוריק מיט אַ צאָל יאָרן, האָט אין פּיטסבורג עקזיסטירט אַ פּראָטעסטאַנטישער „ביבל־אינסטיטוט" מיט אַ גרויסן שטאַב פּראָפֿעסיאָנעלע מתפּללים, גרייט יעדן טאָג — לויט אַ שריפֿטלעכער אָדער טעלעגראַפֿישער באַשטעלונג — אויסצובעטן (אָדער פּרובירן אויסצובעטן) אַלץ אין וואָס „אַ קליענט" נייטיקט זיך. צווישן די רעגיסטרירטע „באַשטעלונגען" זענען געווען פֿאַרשידענערליי נויטן און באַדערפֿענישן: אויסצוהאַלטן אַן עקזאַמען, געווינען אַ פּראָצעס אין געריכט, אויסהיילן אַ ווונד אויף אַ פֿינגער, קריגן אַ גוט דינסטמיידל, פֿאַרדינגען אַ הויז אויף גוטע באַדינגונגען, פּטור ווערן פֿון אַ שלעכטן „באָרדער" אאַז"וו. אַן ענגלעכע קאַטוילישע אינסטיטוציע האָט פֿונקציאָנירט אין אַמעריקע (און אפֿשר עקזיסטירט זי נאָך היינט) פֿאַר תּפֿילה טאָן לויט „באַשטעלונגען", און ווי איך לייען ביי דזשעימס ביסעט פּראַט (אין זיין זייער אינפֿאָרמאַטיווער פֿאָרשונג): האָט זי אין איין חודש, אין אויגוסט 1919, געקראָגן קרוב צו פֿינף מיליאָן בריוו פֿון „קליענטן", וואָס האָבן געוואָלט מ'זאָל פֿאַר זיי דאַווענען. דער אונטערשייד צווישן טיבעט און אַמעריקע איז, אין דעם פּרט, נישט קיין גרויסער. די פּראָפּאַגאַציע (און מעכאַניזאַציע) פֿון תּפֿילה איז איינע און די זעלביקע.

***

עמערסאָנען איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין באָסטאָן בשעת אַ פֿייערלעכן „גאָטעסדינסט", ווו דער גלח האָט זיך געבעטן אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז גאָט זאָל שיקן אַ רעגן, אַ סך רעגן, וואָס מער און וואָס שטאַרקערן רעגן: די געגנט האָט דעמסטמאָל זייער געליטן פֿון אַ טריקעניש. נאָכן דאַווענען איז עמערסאָן צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ באַמערקונג: „איך האָב בטבע פֿיינט סקאַנדאַלן, אָבער כ'האָב איך געוואָלט מאַכן אַן אָבסטרוק־

ציע בשעתן דאַווענען. איר פֿאַרשטייט? איך וווין איצטער אין קאָנקאָרד און אויב גאָט זאָל טאַקע אָננעמען אייער תּפֿילה און שיקן אַזויפֿיל רעגן, ווי איר האָט געבעטן, וועט עס אפֿשר זיין גוט פֿאַר אייער געגנט, אָבער מיין שטעטל וועט פֿאַרפֿלייצט ווערן. פֿאַרוואָס קומט עס מיר?"

איך דערמאָן דעם דאָזיקן פֿאַל, ווייל אין דער מאָדערנער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָגיע ווערט אַלץ מער אָפּגעפֿרעגט דאָס רעכט און דער זין תּפֿילה צו טאָן פֿאַר באַשטימטע, קאָנקרעטע זאַכן. וואָס פֿאַר אַ זינען האָט, פֿרעגן אַ טייל (נישט פֿון נעכטן אָן) צו בעטן עפּעס ביי אַ גערעכטן און אַלץ וויסנדיקן גאָט, וועמען עס איז סיי־ווי־סיי באַקאַנט אַלץ וואָס עס פֿעלט יעדן איינצלנעם באַשעפֿעניש? און וואָס, פֿרעגן די זעלביקע, זאָל דער רבונו של עולם טאָן מיט אַזויפֿיל אינדיווידועלע תּפֿילות און תּפֿילות־בציבור וואָס זענען סותר איינע די אַנדערע? צו וועמען זאָל ער זיך פֿריִער צוהערן? דער ליבעראַלער פּראָטעסטאַנטיזם ווערט דערפֿאַר אַלץ מער גענייגט אויסצושליסן פֿון תּפֿילה דעם עלעמענט פֿון „פּעטיציע": תּפֿילה האָט נישט פֿאַר איר ציל קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן; זי איז בלויז „קאָמוניקאַציע", באַהעפֿטונג, ווידער־פֿאַראייניקונג מיטן ג אָ נ צ ן; איר ציל איז אַ סוביעקטיווער, נישט קיין אָביעקטיווער — „התפּשטות", „דבֿקות", דאָס רייניקן און „גאַנץ־מאַכן" פֿון דער אייגענער פּערזענלעכקייט, רעזיגנאַציע אָן ביטערקייט, דאָס אָננעמען באהבֿה אַלץ וואָס מוז קומען, דער אַבסאָלוטער בטחון.

איך בין ווייט נישט זיכער, אַז יענע טעאָלאָגן זענען גערעכט. עס קען זיין אַז אויך „פּעטיציע" האָט איר נאָרמאַלן פּלאַץ אין תּפֿילה און וועט אים האָבן אויך אין דער צוקונפֿט (אויב מיר זאָלן נעמען ערנסט, למשל, פּעכנערס אפֿשר מער קינסטלערישע ווי וויסנשאַפֿטלעכע קאָנסטרוקציע, איז „פּעטיציע" גאָרנישט אַזאַ אָפּגעפֿרעגטער ענין). עס איז יעדנפֿאַלס פֿאַראַן מער פּלאַץ פֿאַר אַ רעליגיעזער אויפֿפֿאַסונג וואָס אָנערקענט אַ סידור, אָבער אָן יענע תּחנונים, וואָס זייער צוועק איז עפּעס „אויסצופּועלן" ביים אדון העולם.

***

ווען מענטשן וועלן צוריקקריגן זייער טאַלאַנט תּפֿילה־צו־טאָן (איך זאָל בכיוון ו ו ע ן נישט א ו י ב), וועלן זיי דאַווענען נאָר צו אָן אָנאָנים, נאָר צו אָן אומבאַקאַנטן, פֿולשטענדיק אומבאַקאַנטן, אומפֿאַרשטענדלעכן, „אַטריבוטלאָזן" גאָט. יעדער גאָט וואָס לאָזט זיך דעפֿינירן, באַשרייבן, אַריינגעפּרעסט ווערן אין אַ טעאָלאָגישער אָדער פֿילאָזאָפֿישער פֿאָרמולע, וועט דענסטמאָל געהערן צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, וועט ליגן אין מוזעום אינאיינעם מיט די אָפּגעטער פֿון אשור, פֿון מצרים, פֿון גריכנלאַנד. דער אַלטער פֿאַר־

באַט — „לא תעשה לך פסל", מאַך דיר נישט פון גאָט קיין שום געשטאַלט — וועט אויסגעברייטערט ווערן. ער וועט חלילה זיין נישט נאָר אויף לייוונט־און־סקולפּטור־געשטאַלטן, נאָר אויך אויף די גאָט־„פּאָרטרעטן" פון די פאַר־שידענע, פון די סאַמע פאַראיידלטע און מאָראַליש דורכגעדרונגענע טעאָלאָ־גישע סיסטעמען.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס אַזויפיל דורות איידער ייִדישע מיטל־אַלטערלעכע טעאָלאָגן האָבן זיך אַנגעהויבן „פאַרען" מיט גאָטס אַטריבוטן (די „תארים"), האָט זיך שוין געפונען איינער — איז ער געווען דער איינציקער אין זיין צייט? — וואָס אַלע גאָט־דעפיניציעס האָבן אים, ווייזט אויס, שאָקירט. אין ר' חנינאס אַנוועזנהייט האָט איינער געדאַוונט פאַרן עמוד און האָט ווי דער שליח־ציבור טיטולירט גאָט מיט „האל הגדול, הגבור והנורא, והאדיר והעזוז והיראוי, החזק והאמיץ, והודאי והנכבד" (איך נעם זיך נישט אונטער איבערצוזעצן די אַלע שבחים אויף אַן אַנדער שפּראַך). ווען ער האָט געענדיקט, האָט אים ר' חנינא אַ פרעג געטאָן מיט פאַרדראָס: מער קיין לויב־ווערטער האָסט פאַר דיין האַר נישט געהאַט? אַפילו די דריי שבחים וואָס מיר בּוצן אין אונדזער אַנגענומענעם דאַווענען („הגדול, הגבור והנורא"), ווען מיר געפינען נישט אין דער תורה אַז משה רבינו האָט זיי געניצט און ווען נישט די אנשי כנסת הגדולה וואָס האָבן זיי אַריינגענומען אין אונדזער סדר התפילה, וואָלטן מיר אויך נישט געדאַרפט אַרויסרעדן פון אונדזער מויל, און דו קומסט נאָך און לייגסט צו דיינע שבחים? שטעל דיר פאָר אַ מלך בשר ודם וואָס פאַרמאָגט טויזנט מאָל טויזנט ג אָ ל ד ע נ ע רענדלעך — וואָס וואָלט געווען ווען מען לויבט אים פאַר פאַרמאָגן ז י ל ב ע ר נ ע רענדלעך? וואָלט דאָס דען נישט געווען פאַר אים קיין באַליידיקונג?

ר' חנינא האָט שוין דענסטמאָל געפילט, אַז יעדע דעפיניציע („שבח") איז אַ פעלשונג, אַ מיעוט־הדמות, אַ חילול־השם. נישט אומזיסט איז איינער פון גאָטס נעמען „השם", ד ע ר נאָמען, דער איינציקער נאָמען... וואָס ער גופא איז גאָר קיין נאָמען נישט...

**
*

אַ פּראָגרעסיווער קריסטלעכער טעאָלאָג, וואָס האָט אין אונדזערע טעג געוואָלט באַווייזן דעם סקעפּטיקער, אַז תפילה איז ווירקזאַם, האָט זיך איינ־מאָל אויסגעדריקט: „ווער זאָגט עס, אַז גאָט ענטפערט נישט אויף אַ מענטשנס תפילה? ער ענטפערט שטענדיק, און זיינע ענטפערס זענען, לויט די אומ־שטענדן און לויט זיין אָפּשאַצונג און ווילן, איינער פון דריי: א) יאָ, ב) ניין, און ג) וואַרט. מצד יענעם טעאָלאָג איז דאָס זיכער אַ זייער געשיקטער „שאַך־

צוג": עס איז אַ מין לאָטעריע, אין וועלכער מ'קען קיינמאָל נישט פאַרשפּילן. אויב מ'זאָל טאַקע אָננעמען, אַז גאָט הערט (און הערט זיך אויפמערקזאַם צו) צו אַלץ וואָס יעדער מענטש בעט פון אים, איז וואָס עס זאָל נאָך דער תפילה נישט געשען, קען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן ענטפער. אָדער די בקשה ווערט דערפילט, אָדער גאָט זאָגט זיך אָפּ זי צו דערפילן ווייל ער ווייסט אַז דאָס וואָלט געווען אַ רעה פאַר דעם בעטנדיקן אַליין צי פאַר זיינע מיטמענטשן, אָדער די דערפילונג ווערט אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער צייט. דער מתפלל איז יעדנפאַלס נישט איגנאָרירט געוואָרן.

פון אַ באַשטימטן שטאַנדפּונקט, זענען אָבער אַלע דריי ענטפערס אויף אונדזערע פּעטיציעס נישט נייטיק, כדי צו גלייבן אַז תפילה האָט אַ „ווירקונג", אַ פּראַגמאַטישן ווערט. דער מתפלל, אויב זיין תפילה איז אַן עכטע און זי ווערט דורכגעפירט מיט אמתער כוונה, ווירקט, קודם־כל, אויף זיך אַליין. ער קאָן מיט זיין תפילה נישט ענדערן דעם מעשה־בראשית, ער קען נישט דורכברעכן די קייט פון נויטווענדיקייט און געזעצמעסיקייט אין דעם נאַטירלעכן געשען, פּראָדוצירן „אַ נס"; ער קאָן אָבער זיך אַליין איינגלידערן אָדער צוריק איינגלידערן אין דעם אַלגעמיינעם ראַם פון דעם וואָס עס עקזיסטירט און געשעט, און דורכדעם „געהאָלפן" ווערן. אויב מ'האָט ביי איינעם אַמפּוטירט ביידע פיס, ווייסט ער קלאָר, אַז וויפל תפילות ער זאָל נישט מתפלל זיין, וועלן ביי אים קיין נייע פיס נישט אויסוואַקסן. תפילה קען אים אָבער געבן די זעלישע קראַפט, צו לעבן האַרמאָניש (אָדער האַרמאָנישער) מיט זיך און מיט דער וועלט אויך אָן פיס. דורך תפילה איז ער מסוגל, אויב מ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן, אין אַזאַ מאָס זיך צו „דעגאַזענטרירן", אַז ער זאָל דערגיין צו אַ צושטאַנד פון „צידוק הדין". דורך תפילה קען ער אויך אַמאָל אַנטדעקן אין זיך אַזעלכע פאַרבאָרגענע אָדער דרעמלענדיקע אוצרות פון „הנאה" און פון דאַנקבאַרקייט פאַר זיין עצם זיין, וואָס זאָלן אים פילפאַך קאָמפּענסירן פאַר זיין פאַרלוסט.

איינער פון די אַספּעקטן פון תפילה איז, אָן ספק, די ווענדונג צו זיך אַליין, אַ מין שווימען אין די טיפענישן פונעם אייגענעם און אַזוי ווייניק אויסגעפאָרשטן „איך", אַן אַנטדעקונג פון שיכטן אין אונדזער אייגענעם זיין, צו וועלכע מען רירט זיך כמעט נישט צו אינעם טאָג־טעגלעכן, נישט קאָנצענטרירטן לעבן. אויך דער גאָט־גלייביקער, צי ער ווייסט עס אָדער נישט, דאַוונט נישט נאָר צו גאָט, נאָר אויך צו זיך גופא. די תפילה צו זיך ווערט זיכער געענטפערט — אָפטער ווי מיר זענען גרייט זיך פאַרצושטעלן. אויף דעם זענען אין דער וועלט פאַראַן (און זיי זענען געווען אין אַלע דורות) טויזנטער און טויזנטער באַגלייבטע עדות.

אין גרונט איז יעדער יחיד פּאָטענציעל פֿעיִק צו ווערן אין אַזעלכע פֿאַלן זיין אייגענער עדות. עמערסאָן האָט דאָס אַנטדעקט אין זיין פּערזענלעכן לעבן.

***

און אפשר מאַך איך אַ טעות. עס קען זיין, אַז אין דער צוקונפֿט וועלן זיך אַנטוויקלען עטלעכע פּאַראַלעלע רעליגיעזע שיטות, און אַז איינע פֿון זיי וועט זיך שטיצן אויף אַ גאָט „מיט אַ נאָמען“, נישט אויף קיין אַנאָנים. אַ רמז אויף אַזאַ קאָנצעפּציע האָט אונדז געגעבן דער פֿיזיקער־מעטאַפֿיזיקער פֿעכנער. ווי אָגיוסט קאָנט איז ער געווען רעליגיעז, און ווי דער פֿראַנצויזישער פֿילאָזאָף האָט אויך דער לייפּציקער נאַטורוויסנשאַפֿטלער געזוכט אַן עמפּירישן, נאַטוראַליסטישן יסוד פֿאַר זיין פֿרומקייט. אָבער קאָנט איז געבליבן שטעקן אין די גרענעצן פֿון מענטשהייט. דער מין מענטש איז פֿאַר אים געווען (אָדער געזאָלט זיין) דאָס אַבסאָלוטע — די זעלביקע הויכע אָדער העכסטע אײנסטאַנץ־סובסטאַנץ, וואָס גאָט איז אין טעִיִסטישע רעליגיעס. זיין גאַנצע רעליגיעזע פֿילאָזאָפֿיע וואָלט מען געקענט פֿאָרמולירן אין איין זאַץ: „דור הולך ודור בא ו ה א ד ם לעולם עומד“ — יעדער איינציקער מענטש קומט און פֿאַרגייט, יעדער איינצלנער דור קומט אויף און ווערט פֿאַרשוווּנדן, נאָר דער מ י ן מענטש לעבט אייביק. אין אַ וועלט פֿון פֿאַרגענגלעכקייט איז ער דאָס איינציקע עכט־גייסטיקע און אייביקע. מענטשהייט איז דערפֿאַר פֿאַר קאָנטן געוואָרן, פֿון אַן עמפּירישן באַגריף, אַ ריין מעטאַפֿיזישער, דער אייביק־מעגלעכער אָביעקט פֿון רעליגיעזער שפּאַנונג און „עבודה“. אויפֿן אָרט פֿון גאָט, האָט ער אָוועקגעשטעלט זיין אידייע פֿון „גראַנד עטר“ (דאָס דערהאָבענע ז יי ן), דאָס אייביקע שעפֿערישע זיין פֿונעם מין מענטש, אין וועמענס נאָמען עס דאַרפֿן געבויט ווערן טעמפּלען און צו וועמען מען דאַרף אויך תפֿילה־טאָן. קאָנט האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פֿון אַזאַ פּשוטן געדאַנק, אַז אין דער וועלטס „ביאָגראַפֿיע“ זענען געווען לאַנגע „פּעריאָדן“ — ביליאָנען און ביליאָנען יאָרן — ווען זיין אַבסאָלוטע סובסטאַנץ, מענטש, האָט נאָך נישט עקזיסטירט, און אַז עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל אַז עס קענען נאָכאַמאָל קומען „פּעריאָדן“ ווען דאָס פֿון אים פֿאַרגעטערטע באַשעפֿעניש וועט שוין מער נישט עקזיסטירן (אַז פֿון דעם גאַנצן אוניווערזום, ווי מיר זעען אים, זאָל ווערן גאָרנישט מיט גאָרנישט). ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, אַז אין די ברייטערע סך־הכּל, איז אפֿשר דער גאַנצער מין מענטש נישט מער ווי אַן עפּיזאָד, און צו אַן עפּיזאָד איז זינלאָז צו אַדרעסירן תּפֿילות. פֿעכנער אָבער האָט שוין געזען דאָס „מענטשלעכע, צופֿיל מענטשלעכע“, דאָס גאָר־און־גאָר רעלאַטיווע אין אַזעלכע קאָנסטרוקציעס ווי קאָנטס. האָט

ער געזוכט צו ראַטעווען זיין רעליגיאָזיטעט דורך זיינס אַן אייגנאַרטיקן פּאַנ־טעיזם, און אויפן גרונט פון יענעם פּאַנטעיזם קריגן אַן אַדרעס פאַר תּפילה. די זאַך, האָט ער געטענהט אין אַ געוויסן פּעריאָד פון זיין לעבן, איז אַ גאַנץ „פּשוטע". אַלץ אין דער וועלט (אַחוץ דער וועלט אַליין ווי די פולע גאַנצקייט פון דעם וואָס ס'עקזיסטירט) איז אַי אַ טייל פון עפּעס, אַי עפּעס אַ גאַנצקייט פאַר זיך און אין זיך. אַ צעלע איז אַ טיילכל פון אַן אָרגאַן, אָבער יעדע צעלע איז אַ לעבעדיק וועזן, אַן אינדיווידואום פאַר זיך, מיט באַוווסטזיין, מיט ווילן, מיט ליידן און פריידן. אַן אָרגאַן איז אַ חלק פון אַן אָרגאַניזם, אָבער יעדער אָרגאַן איז אויך אַן עולם מלא פאַר זיך אַליין, מיט זיינס אַן אייגענעם שיק־זאַל. אַ מענטשלעכער אינדיווידואום איז אַ טייל פון דער מענטשהייט און אין דער זעלביקער צייט איז ער אַ פולשטענדיקער יש פאַר זיך אַליין. די מענטש־הייט ווי אַ גאַנצע, איז אַי אַן אינדיווידואום, אַי אַ טייל, אַן „אבר" אין אַ גרעסערן „גוף", אין דער אָרגאַנישער וועלט. די אָרגאַנישע וועלט איז, פון איין זייט, אַן אינדיווידואום מיט אַן אינדיווידועלן באַוווסטזיין, און פון דער אַנדערער זייט אַ טייל פון דער ע ר ד, וואָס איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם פאַר זיך און אַן „אבר" אין נאָך אַ גרעסערן „גוף" — אינעם פּלאַנעטן־סיס־טעם. פּלאַנעטן־סיסטעמען זענען פאַראַן אַ סך, יעדע פון זיי איז אַ טייל, אַן „אבר" אָדער אַן „אָרגאַן" פון אַ נאָך גרעסערן אוניווערסום, וואָס איז שוין מער נישט קיין טייל פון עפּעס אַנדערש, נאָר דאָס ערשט־לעצטע, דאָס אַלץ־ארומנעמענדיקע, דער „יש" פון „ישן". און אָט צו דעם „יש", וואָס איז פול מיט באַוווסטזיין, ווילן און אייביקער שעפערישקייט, האָט פעכנער געהאַלטן, קען מען און דאַרף מען תפילה טאָן. הערט ער זיך צו צו אונדזער געבעט? זיכער! פעכנער דעמאָנסטרירט עס אַפילו מיט אַ משל: ווען איך, פעכנער, פיל ווייטיק אין אַ פינגער, איז דאָס דער ווייטיק פונעם פינגער־אינדיווידו־אום, וואָס „טעלעגראַפירט" דורך מיין נערוון־סיסטעם צו „מיר", צום גרע־סערן אינדיווידואום, וועגן זיין ליידן; דאָס איז די תפילה פונעם פינגער צו פעכנערן, און די תפילה העלפט, אָדער (לכל הפחות) ק ע ן העלפן. לויט זיין אויסערלעכן כאַראַקטער, יעדנפאַלס לויט זיין טערמינאָלאָגיע, איז פעכ־נערס רעליגיעזער פּרינציפּ אויך אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער — אַ מין נעאָ־ביאָלאָגיע, אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון מעטאַפיזיק. זיין קאָסמיזם איז אָבער אַ סך ברייטער, מיט אַ סך וויניקער ריזיקע צו פאַרוואַנדלען דאָס רע־לאַטיווע אין אַבסאָלוטן, ווי קאָנטס ה ו מ אַ נ י ז ם, ווי זיין רעליגיע פון מענטשלעכקייט און תפילה צום גייסט פון פאַרגענגלעכער בשר־ודמישקייט.

עס איז דערפאַר נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך אין דער פרייערער רעלי־גיאָזיטעט פון דער צוקונפט זאָל איינאייינעם מיטן אַבסאָלוטן און אַנאָנימען

גאָט עקזיסטירן, פאַר מענטשן מיט אַן אַנדער פּסיכישן געבוי, אַ מין קאָסמאָס־גאָטהייט לויט פּעכנערס נוסח. און אַז תּפילה צו אַזאַ גאָטהייט זאָל האָבן אַ סך מער עמאָציאָנעלן ווערט, ווי פּעכנער האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט. און פון דער אַנדערער זייט, ווער ווייסט? עס קען זיך נאָך אַרויסווייזן, אַז מיט אונדזער גאַנצן איצטיקן און פּאָטענציעלן וויסן, זאָל קאָסמאָס ווערן פאַר אונדז נישט ווייניקער „פּלוני־אַלמוני", נישט ווייניקער אַנאָנים, ווי דער וועמען מען רופט „השם", ווייל ס'איז אוממעגלעך אים צוצוקלייבן אַ נאָמען...

***

ווען מען לייענט דעם נייעם טעסטאַמענט, קריגט מען דעם איינדרוק אַז ישו איז אין זיינע לעצטע מינוטן נכשל געוואָרן מיט „פּעטיציע"־תּפילה. ער האָט פּרובירט בעטן, אַז דער פאָטער אין הימל זאָל אָפּווענדן פון אים דעם בעכער פון ליידן, וואָס זענען אים פאַרגעשטאַנען. ער האָט זיך נאָכדעם ווי דערמאָנט, אַז דער אבינו שבשמים ווייס סיי־ווי אַלץ וואָס עס גרייט זיך אויף אים, און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ תּפילה פון הכנעה: „זאָל ד יי ן ווילן געשען", אַלץ איינס וואָס ער איז און וואָהין ער פירט.

אַן ענלעכע באַציִונג צו תּפילה באַמערק איך ביי אַ צדיק פון אונדזער דור. אין ר' אברהם יצחק הכהן קוקס כתבים געפינען מיר די פאָלגנדיקע אויפֿפאַסונג פון תּפילה:

'כשמכוונים לאיזה מבוקש בתפילה, צריך לשים לב שכוונתנו היא להסיר את הרע והחושך מן העולם ולהגביר את הטוב ואת האור, את החיים האלהיים במלואם שבהופיעו אינו ממלא רק חסרון אחד בלבד, אלא הוא משלים את כל החסרונות וממלא את כל הפגמים כולם, ובגודל נשמתנו הרינו חפצים דוקא בשלמות הגמורה והמוחלטת". דער זין פון הרב קוקס פאָרמולע איז, אַז ווען איינער טוט תּפילה און וויל זי מכוון זיין צו עפּעס וואָס ער וויל ביי גאָט בעטן, דאַרף די כוונה זיין (נישט אויף אַ באַשטימטער אָדער קאָנקרעטער זאַך, וואָס קען זיין פאַר איינעם גוט און פאַר אַנדערן שלעכט ,הייַנט גוט און מאָרגן שלעכט) נאָר „אויף באַזייטיקן דאָס בייזע און דאָס פינצטערע פון דער וועלט, אויף פאַרשטאַרקן דאָס גוטע און ליכטיקע, דאָס געטלעכע לעבן אין זיין פולקייט, וואָרים ווען דאָס קומט, באַזייטיקט עס נישט נאָר איין מאַנגל, נאָר עס איז ממלא אַלע מאַנגלען און אַלע פּגמים, און ווייל אין דער גרויסקייט פון אונדזער נשמה זוכן מיר דווקא די פולשטענדיקע, אַבסאָלוטע גאַנצקייט". דאָס הייסט, אַז הרב קוק הייסט אונדז דאַווענען, דער עיקר, פאַר שלמות פון דער וועלט, פאַר איר דערלייזונג פון צעריסנקייט, אָדער אין אַנדערע ווערטער, פאַר דער וואָס שנעלערער פאַרווירקלעכונג פון גאָטס ווילן. זאָל געשען „נישט מיין ווילן, נאָר דיין ווילן". אין גרונט, אַ תּפילה אַן „געבעט".

1940

ווילי‏אַם פּען (1644 — 1944)

"In that delightful land, which is washed by the Delaware's waters,
Guarding in sylvan shades the name of Penn the apostle,
Stands on the banks of its beautiful stream the city he founded.
There all the air is balm, and the peach is the emblem of beauty,
And the streets still re-echo the names of the trees of the forest...
Something at least there was in the friendly streets of the city,
Something that spake to her heart, and made her no longer a stranger;
And her ear was pleased wit hthe Thee and Thou of the Quakers,
For it recalled the past, the old Acadian country,
Where all men were equal, and all were brothers and sisters."

— אַזוי האָט לאָנגפעלאָ באַזונגען די אַמאָליקע אידילישע הויפּט־שטאָט פילאַדעלפיע. נאָך איר לאַנגן גלות און פיין געפינט די פרעמדע עוואַנ־דזשעלין, דורך־און־דורך פראַנצויזיש, ביזן מאָרך פון די ביינער קאַטויליש, איר מקום־מנוחה, איר וואַרעמע היים אין דער קוועיקער־שטאָט פון „ברודער־ליבע", אין ווילי‏אַם פּענס אומבאַפעסטיקטער פעסטונג.

ווער עס קומט היינט קיין פילאַדעלפיע, דאַרף שטאַרק אָנשטרענגען זיין פאַנטאַזיע, כדי זיך צו קענען פאָרשטעלן אַז אַזעלכע גאַסן ווי טשעסנאָט, וואָל־נאָט אָדער פאַין האָבן טאַקע אַמאָל געשמעקט מיט פרישע ריחות פון פייכטע, נישט לאַנג צוריק אויסגעהאַקטעביימער פון די אַרומיקע געדיכטע וועלדער. און אַז אויף יענע גאַסן זענען אַמאָל אַרומגעגאַנגען רעוואָלוציאָנערע טרוימער פון אַ „מלכות שדי". איך נעם זיך נישט אונטער צו טרעפן, וויפל מענטשן וואָס זענען דעם דינסטיק דורכגעגאַנגען יענע פילאַדעלפיער גאַסן, האָבן זיך דערמאָנט, אַז ווילי‏אַם פּען האָט מיט זיי אַמאָל עפּעס געהאַט צו טאָן. די פי־לאַדעלפיער קוועיקערס האָבן מסתמא געהאַט יענעם טאָג אַ שטילע אסיפה, אויף וועלכער זיי האָבן געפייערט פּענס דריי־הונדערט־יאָריקן געבורטסטאָג, און אַ פייערלעכע פאַרזאַמלונג איז דאָרט פאָרגעקומען מיט לאָרד האַליפאַקס ווי דער גאַסט־רעדנער. אָבער פאַר אַמעריקע בכלל, אַפילו אויך פאַר פענסילוואַ־ניע בכלל, איז דער 24סטער טאָג אין אָקטאָבער קיין יום־טוב נישט געווען. אַמעריקע האָט בכלל אַ שוואַכן היסטאָרישן זכרון, און לערער אין אונדזערע קאָלעדזשעס ווייסן, מיט וואָס פאַר אַ לייכטן באַגאַזש אין אַמעריקאַנער גע־

שיכטע עס קומען אהין אַן יונגע סטודענטן. און אַז מ׳ווייסט שוין אַביסל מער דער פונעם קאַלאַניאַלן פעריאָד און מ׳האָט אַ קלאָרערן באַגריף וועגן אַזאַ פיגור ווי וויליאַם פען, איז וואָס קער זיך דאָס אָן מיטן היינט, מיט רעאַלע אינטערעסן פון אונדזערע טעג. און צי האָבן דען נישט די גאַראַזשן אין פילאַדעלפיער „דאַן־טאַון" מער ווערט ווי אַלע קוועיקער־מאַיאַנטקעס אין פעלסילווייניע צוריק מיט דריי יאָרהונדערטן? און וואָס קענען מיר היינט לערנען פון יענע פויערים און קליינשטעטלדיקע קרעמער? די פירנדיקע צייטונג אין אַמעריקע, די „ניו יאָרק טאַימס", האָט לעצטן דינסטיק אַפילו נישט געפונען פאַר נייטיק צו דערמאָנען אַזאַ דאַטע ווי דריי הונדערט יאָר וויליאַם פען...

**
*

צו צוועלף יאָר האָט דער קליינער וויליאַם דורכגעלעבט אַ מין „התגלות". ווי ער האָט מיט יאָרן שפּעטער דערציילט, איז ער איינמאָל, זייענדיק אַליין מיט זיך „פּלוצים דערשטוינט געוואָרן פון אַן אומגעוויינטלעכער אינעווייניקסטער שטילקייט", און אין צימער האָט ער דערזען אַ מין „אומגעוויינטלעך ליכט". ער האָט מיט אַמאָל באַקומען אַ פעסטע איבערצייגונג פון גאָטס עקזיסטענץ, אויך אַ קלאָר געפיל, אַז יעדן מענטשנס נשמה איז מסוגל צו קומען אין באַרירונג מיט גאָט.

אין זיין דור, זענען אין ענגלאַנד אַזעלכע „התגלותן", מאָמענטן פון דבקות און שטילע עקסטאַזן, נישט געווען קיין זעלטנקייט. אָבער פען האָט געהערט צו יענע יחידים, וואָס די ערשטע רעליגיעזע אויפטרייסלונג וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט, האָט שוין אין אַ גרויסער מאָס באַשטימט זייער גאַנצן לעבנסוועג. מ׳קען נישט זאָגן, אַז די סביבה אין וועלכער ער איז דירעקט דערצויגן געוואָרן און געוואָקסן, האָט אין אים געשפּייזט רעליגיעזע נייגונגען אָדער מיסטישע געפילן. אַ פאָטער אַן אַדמיראַל, רייכטום און גיריקייט נאָך רייכטום, נאָענטקייט צום קיניגלעכן הויף, קרובהשאַפט מיט העכערן באַאַמטנטום פון לאַנד — זיין סביבה, האָט אין אים געקענט לייכט אַנטוויקלען עגאָאיסטיש קלאַסן־באַוווסטזיין, גראָבע עולם־הזהדיקייט. אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן סביבה און גוזעלשאַפטלעכע באַציִונג פאַר איינעם וואָס אַ מיסטישע „אַנטפּלעקונג" האָט אים אין צאַרטן צוועלפיעריקן עלטער אומרויִק געמאַכט אויפן גאַנצן לעבן?

זיין פאָטער האָט אים אַמאָל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ווען ער האָט דערזען אַז דער יונגער וויליאַם חברט זיך נישט מיט זיין גלייכן, רעדט גראָבע רייד וועגן קירך און גלח, ווערט פאַרפאַלן ערגעץ־ווו אין די לאָנדאָנער „סלאַמס" צווישן קוועיקערס, האַלט דרשות אין די גאַסן און רופט אַרויס צונויפשטויסן

מיט דער פּאָליציי, האָט ער אים פאַרשיקט קיין פראַנקרייך: זאָל ער זיך דאָרט פאַרשיכורן מיטן לייכטזין פון אַריסטאָקראַטישער עלעגאַנץ, מיט געיעג נאָך תענוגים — וועט ער זיך אויסניכטערן פון זיין רעליגיעזן טירוף. און אַ גע־וויסע צייט ווירקט טאַקע דאָס שפּיצל. ער ווערט אַריינגעפּאַנגען אין די מ״ט שערי פּוסטקייט פון לוי דעם פערצנטנס הויף־קרייזן. ער מאַכט דערנאָך אַ לענגערע רייזע קיין איטאַליע — סתם אַזוי זיך, בלויז זיך צו לאָזן ווילגיין — און ער קומט נאָכדעם צוריק קיין ענגלאַנד, דאַכט זיך, אַן „אויסקוריר־טער״, אָדער, ווי איינער פון זיינע מיטצייטלער דערציילט, „אַ יונגערמאַן אַ בעל־גאווהניק, וואָס קאָקעטירט מיט פראַנצויזישער הלבשה און מיט אַן אַפעקטיווער מאַניר פון רעדן״. אָבער באַלד זעט מען אים נאָכאַמאָל אין דער פּריערדיקער סביבה, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, צווישן „איקאָנע־ברע־כער״ און קוועיקערס, און ער סקאַנדאַליזירט די געזעלשאַפט מיט נישט וועלן אַראָפּנעמען דאָס היטל ווען ער דערשיינט פאַרן געריכט: „גילוי־ראש״ איז הכנעה, און אַזאַ הכנעה מעג אַ מענטש אַרויסווייזן בלויז פאַר גאָט, אָבער נישט פאַר אַ בשר־ודם און נישט פאַר אינסטיטוציעס וואָס בשר־ודמס האָבן געשאַפן.

אין דער דאָזיקער האַנדלונג האָט זיך, אויב מ׳וויל, אויסגעדריקט די הויפּט־טענדענץ נישט נאָר אין פּענס פּערזענלעכקייט, נאָר אין קוועיקערטום בכלל. „לא תעשה לך כל פסל״ — מאַך דיר פון גאָרנישט און פון קיינעם נישט קיין איקאָנע, געדענק שטענדיק דעם אונטערשייד צווישן רעלאַטיוון און אַב־סאָלוטן. דער דאָזיקער איינפאַכער רוף איז געווען דער פּאַטאָס סיי פון די קוועיקערס מיסטיציזם און סיי פון זייערע סאָציאַלע אידעאַלן. קעניג, געריכט, שטאַט, געזעץ, פּאַלק, קירך, אויטאָריטעט, קענען האָבן זייער אייגענעם ווערט, אָבער אָפּגעשאַצט און אָפּגעווויגן דאַרפן אַזעלכע ווערטן ווערן נאָר אין ליכט פון דעם העכערן, אַבסאָלוטן און אין זיך הייליקן ווערט — גאָט. אומעטום ווו עס איז פאַראַן אַ קאָנפליקט צווישן גאָטס אַ געבאָט און מענטשלעך איינ־געפירטע געזעצן אָדער אינסטיטוציעס, פאַרלירן די לעצטע יעדן ווערט און יעדע סאַנקציע פאַר האַנדלונג. און וואָס ס׳איז גאָטס געבאָט, קען יעדער וויסן, אויב ער וויל טאַקע וויסן מיט דעם פולן ערנסט פון זיין וועזן. סיי פאַר זיין רבין, דזשאָרדזש פאָקס, און סיי פאַר פּענען גופא, זענען די הייליקע שריפטן דער שליסל צום אמת, דער וועג מקיים צו זיין וואָס גאָט האָט געבאָטן. אין דעם פּרט איז נאַטירלעך נישט געווען קיין פּרינציפּיעלער אונטערשייד צווישן זיי און אַנדערע פּראָטעסטאַנטן. דאָס רעוואָלוציאָנערע אין קוועיקערטום איז געווען אַ ספּעציפישער ב ט ח ו ן אין גאָט און אין דער מעגלעכקייט צו קומען מיט אים אין גייסטיקער באַרירונג. פאָקס און פּען האָבן געטענהט, אַז

דער זעלביקער גייסט וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די הייליקע שריפטן האָט די מענטשהייט אויך נאָכדעם נישט פאַרלאָזן, און ער פירט יעדן ערלעכן בר־דעת און זיך יעדן איינעם וואָס נעמט זיך די צייט פאַר התבוננות, פאַר זעלבסט־קאָנצענטראַציע, צו דער פאַרשטענדעניש פונעם אמת וואָס די שריפטן זענען כולל אין זיך. דער מקור פון אינספּיראַציע האָט נישט אויסגעטריקנט און די אוצרות פון רוח־הקודש זענען אָפן פאַר אַלעמען, אָן דער פאַרמיטלונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלן „כלי־קודש״, אָן ליטורגיע, אָן פּירושים פון אָנערקענטע אויטאָריטעטן, אָן דער מאַגישער קראַפט פון ספּעציעלע צערעמאָניעס — אַ מין „והיה כל העם נביאים״. דער שטאַט מעג זאָגן טויזנט מאָל „תרצח״, מאָרד — ווען דאָס פאָדערט דיין פּאַטריאָטישער חוב, און די קירך מעג זיך פּשטלען וויפל זי וויל, אַז כאָטש מאָרדן בכלל איז אַ גרויסע זינד, אָבער ווען מלכות הייסט ווערט דאָס פאַרוואַנדלט אין אַ מצווה — דאָס לעבעדיקע געוויסן לייענט אַרויס פון די הייליקע שריפטן, אַז רציחה איז שטענדיק אַ פאַרברעכן, אויך ווען עס נייטיקט זיך אין דעם דער קעניג, דער שטאַט, דאָס פאָלק, אויך ווען דאָס איז „פאַר דער טובה״ פון דער קירך. דער שטאַט, אינאיינעם מיט דער קירך, מעגן, אין געוויסע פאַלן, פאָדערן פונעם בירגער אַ שבועה. אָבער שווערן טאָר מען נישט, ווייל הינטער דעם עצם אַקט פון שבועה שטייט שווייגנדיק די הנחה, אַז בדרך כלל, אָן אַ וואָרנונג פון „אויטאָריטעטן״, ווי שטאַט אָדער קירך, מעג מען זאָגן ליגן — ווייל דאָס מיינט עובר זיין אויפן „דע לפני מי אתה עומד״, פון דער אמונה אַז גאָט איז אַל־קעגנווערטיק און הערט דיין ליגן, ווען און ווי אַזוי דו זאָלסט אים נישט זאָגן. מיר קענען זיך היינט קוים פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע די קוויקערישע ווענדונג צום אינדיווידועלן געוויסן איז געווען אין אַ דור, וואָס איז נאָך געווען אָנגעזאַפּט מיט קאַטוילישן פאָרמאַליזם און וואָס האָט אין זיין פּראָטעסט קעגן רום שוין אויסגעאַרבעט זיינע אַן אייגענע גייסטיקע רעגימענטאַציע. און אָט מיט דער רעוואָלוציע אין האַרצן האָט זיך וויליאַם פּען אַוועקגעלאָזן — נאָך אַ צאָל אַרעסטן, פאַרשיקונגען און צונויפשטויסן מיט מלכות — קיין אַמעריקע.

***

אין אייראָפּע האָט פּען זיינע אידייען געפּרעדיקט, אין אַמעריקע האָט ער געטרוימט זיי צו פאַרקערפּערן. ער האָט געפּרעדיקט אין ענגלאַנד און אין אירלאַנד, אין דייטשע מדינות און אין האָלאַנד, ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט שוועדן, אָבער אין די אַלע לענדער האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אייבגעפונדעוועטע קאָרופּציעס פון גייסט, אונטערן שוץ פון שטאַט און קירך. אין בעסטן פאַל האָט ער געקאָנט האָפן, אַז אים וועט געלינגען צו געווינען גע־

וויסע צאָלן א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע אָ נ ה ע נ ג ע ר. דאָס „צוגעזאָגטע
לאַנד“ איז פאַר אים געווען אַמעריקע — אַ קאָנטינענט אָן אַ פאַרגאַנגענהייט,
אַ וועלט וואָס הייבט זיך ערשט אָן פאָרמירן, ווו מען קאָן אָנהייבן פון אַ מין
מאָראַלישן ב ר א ש י ת. דאָרט, האָט ער געוואָלט גלייבן, קאָן מען דעם
שטאַט גופא לכתחילה אונטעראָרדענען, מאַכן אים פאַר אַן אינסטרומענט
פאַר זיין רעליגיעזער וויזיע — איינפירן בפועל ממש „גאָטס קעניגרייך“. די
פוריטאַנער פון זיין צייט האָבן צופיל אַקצענטירט זייער מאָראַלישן פּעסימיזם,
די אומפאַרמיידלעכע און אייביקע קאָנסעקווענצן פונעם „חטא הקדמון“. פּול־
שטענדיק באַזיגן זינד און זינדיקייט איז אומעגלעך, „כי יצר לב האדם רע
מנעוריו“, מיר זענען פאַרמשפּט נישט צו דערגרייכן קיינמאָל קיין אידעאַלן
צישטאַנד, און דערלייזונג קאָן קומען פאַר יעדן בלויז פון חסד, פון אמונה
אין חסד, אָבער נישט פון מעשים טובים. צווישן פּענען און אַ טייל פּורי־
טאַנער איז אין ענגלאַנד (און שפּעטער אין אַמעריקע) פאָרגעקומען אַ געַ־
ראַנגל, וואָס דערמאָנט אין אַ סך פּרטים דעם קאַמף צווישן שפּעט־יידנטום
און פרי־קריסטנטום, צווישן דעם פּרושים־גייסט און פּאַולוס מאָראַלישער רעַ־
זיגנאַציע. זיכער, די פּוריטאַנער (אַלע זייערע גרופּירונגען) האָבן, טראָץ אַלע־
מען, אַנטוויקלט זייערס אַ הלכה, מ׳מעג אפילו זאָגן, אַ שטרענגע הלכה, כמעט
אַ שולחן ערוך. אָבער זייער מאָראַלישער האָריזאָנט איז געווען אַ שמאָלער, אַ
בכיוון פאַרשמעלערטער. פּען האָט געפּרוווט דעם האָריזאָנט ברייטער און
אָפענער צו מאַכן, און אָנהייבן איינצופירן אַ הלכה פאַר רעליגיעז־מאָראַלישן
מאַקסימאַליזם. און אָט צוליב יענעם מאַקסימאַליזם איז ער געקומען קיין
אַמעריקע, האָט ער אויסגעאַרבעט פריִער תקנות פאַר ניו־דזשוירזי, און נאָכ־
דעם פאַר יענער ווילדער, דורך און דורך באַוואַלדעטער געגנט, וואָס די איצ־
טיקע פּענסילווייניע האָט מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט און וואָס דער ענג־
לישער קעניג האָט געשטעלט אין זיין רשות ווי אַ באַלוינונג פאַר אַ נישט־
באַצאָלטן חוב, וואָס ער איז שולדיק געבליבן פּענס פאָטער. דאָרט האָט ער
אָנגעהויבן, ווי ער האָט עס אָנגערופן, זיין „הייליקן עקספּערימענט“ — דאָס
גייסטיק העזהדיקסטע און פּאַראַדאָקסאַלסטע וואָס מ׳קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן:
אויסבויען אַ שטאַט לויט דעם גייסט פון דער באַרג־דרשה...

איז ער געווען אינגאַנצן אַ פאַנטאַסט, אַ רעליגיעזער דאָן־קיכאָט? לאָ־
מיר זיך היטן פון אַזעלכע באַצייכענונגען. ווי אַ סך סאָציאַלע אוטאָפּיסטן,
איז ער אין געוויסע פּרטים גאָר געווען אַ ב אָ ן ־ ב ר ע כ נ ד י ק ע ר ר ע אַ־
ל י ס ט. עס לוינט נאָך היינט צו לייענען זיין קורצן טראַקטאַט וועגן שלום
.(“Essay toward the present and future peace of Europe”)

דייטשע אינטערנאַציאָנאַליסטן באַרימען זיך מיט נישט ווייניק נאַציאָ־

נאַליסטישער גאווה, אַז קאַנט איז געווען דער ערשטער אין אייראָפּע אַרויסצוקומען מיט אַ פּלאַן פון אַ פעלקער־ליגע. אָבער אַ גוטע פּאָר דורות פאַר קאַנטן האָט שוין וויליאַם פּען געזוכט צו פאַרזיכערן דעם וועלט־שלום דורך אַ ספּעציעלער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, אַפילו מיט אַ בוררות־געריכט. ווען אַמעריקע וואָלט פאַרמאָגט מער היסטאָרישן באַוווסטזיין און, דער עיקר, פּ י ע ט ע ט, וואָלט מען צוריק מיט עטלעכע וואָכן, אין דאַמבאַרטאָן אָוקס, אַוועקגעלייגט פאַר יעדן דעלעגאַט אויפן טיש פּענס חיבור וועגן אייביקן פרידן, מיט אַ צושריפט: „זעט, וואָס פאַרא פּלענער עס האָט געהאַט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אַן אַנגלאָ־אַמעריקאַנער, און זאָגט, צי דאַרפן מיר ניט זיין שטאָלץ מיטן פאַקט וואָס ווודראָ ווילסאָן איז געווען אַ „פּלאַגיאַטאָר”. אויך בנוגע צו זיין אייגענעם עקספּערימענט אין פּענסילווייניע, האָט פּען ווייט נישט אינגאַנצן פאַרלוירן די פּערספּעקטיוו פאַר רעאַליטעטן. ער האָט אַפילו נישט גלייך אָפּגעשאַפט שקלאַפעריי. ער האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַ גזירה וואָס דער רוב אַפילו פון זיין ציבור וועט נישט אָננעמען תיכף ומיד — האָט ער אויסגעאַרבעט תקנות, ווי אַזוי מ׳זאָל שקלאַפן מענטשלעכער באַהאַנדלען און האָט באַשטאַנען דערויף, אַז נאָך צוויי שמיטות (14 יאָר) דאַרף מען זיי אינגאַנצן פריי לאָזן. אָבער אין איין פּונקט האָט ער געהאַט אַ שטיק צייט די אַמביציע נישט צו האַנדלען אָפּאָרטוניסטיש: דאָרט ווו ס׳שטייט אין קאָן די הייליקייט פון מענטשלעך לעבן. קיינער האָט נישט געדאַרפט דערציילן פּענען איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע, וואָס עס זענען די באַציִונגען צווישן ווייסע און אינדיאַנער. ער האָט געוווסט נאָך פון פריִער, אַז אויך פרומע פּוריטאַנער האָבן זיך מתיר געווען זאַכן בנוגע צו די „ווילדע”, וואָס זיי וואָלטן בשום אופן נישט טאָלערירט בנוגע צו אייגענע. „טעות אינדיאַנער מותר” — און אַז מ׳דאַרף צונעמען ביי אַ שבט זיין לאַנד, איז עס נישט קיין עבירה אַנצושיכורן זייער עלטסטן און דערנאָך, ווען יענער ווייסט שוין נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים, אים געבן אונטערצושרייבן אַ שטר־מכירה. נישט ווייניק פּוריטאַנער זענען אויך געווען גרייט אַנצוווענדן דעם „לא תחיה כל נשמה” אויף די אינדיאַנער געצנדינער. פּען האָט געוווסט פון פריִער, אַז אינדיאַנער פון זייער זייט וואַרטן נישט ביז די ווייסע וועלן זיי אַטאַקירן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט זענען זיי גרייט אַנצופאַלן אויף די ניט־געבעטענע ווייסע געסט און אָפּהאַקן ביי זיי אַזוי פיל קעפּ וויפיל נאָר מעגלעך. און דאָך איז זיין אַמביציע געווען אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט, וואָס זאָל אינגאַנצן נישט האָבן קיין מיליטערישן שוץ: “No forts, no soldiers, no militia, even no arms.

איז דאָס געווען מעגלעך אויסצופירן? „אַט זעט איר דאָך”: אַ שטיק צייט

האָט זיין שיטה געווירקט, און אינדיאַנער אין דער אַרומיקער סביבה, וואָס האָבן אויסגעפונען אַז עס זענען פאַראַן אויך אַנדערע ווייסע, אַזעלכע וואָס ראַבעווען נישט און גזלנען נישט, וואָס שיכורן נישט אָן זייערע עלטסטע און גאָרן ביי זיי גאָרנישט נישט אויס, וואָס ווילן אַליין לעבן און אַנדערע לאָזן לעבן, האָבן צו פענען און צו זיין קאָלאָניע אָן אַנדער באַציִונג ווי צו אַנדערע קאָלאָניעס. וועגן דער פאַרגאַנגענהייט איז נישט לייכטער צו זאָגן נבואות ווי וועגן דער צוקונפט, אָבער — ווער ווייס וווהין עס וואָלט מיט דער צייט נעפירט פענס „האָלי עקספּערימענט״, ווען זיין צאָל נאָכפאָלגער וואָלט געווען גרעסער, גענוג גרויס צו באַפעלקערן אַ גרעסערן שטח פון פענסילוויניע, ווען עס וואָלטן מיט דער צייט נישט אָנגעקומען גייסטיק און מאָראַליש פרעמדע, ווייטע, וואָס פאַר זיי איז זיין וויזיע געווען קאָמיש און — „קרענקיש״...

*****

איך ווייס, אַז „דער הייליקער עקספּערימענט״ פון אַ פאַסיפיסטישן שטאָט איז, אין לעצטן סך־הכל, געווען אַ נישט־געלונגענער. פענסילוויניע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ קאָלאָניע מיט קאָלאָניעס גלייך. אפשר קאָן גאָר אַזאַ עקספּערימענט, ווי פען האָט וועגן אים געטרוימט, בכלל נישט געלינגען, נישט אין זיבעצנטן און נישט אין איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. און יענע פוריטאַנער וואָס מיט זיי האָט פען פאָלעמיזירט נאָך אין ענגלאַנד (וועגן דעם „חטא הקדמון״) זענען געווען אַ סך גערעכטער, ווי ער האָט געמיינט. טאָלסטאָיען איז געווען אַ סך לייכטער אַוועקצוגיין פון דער וועלט: ער האָט געפּרעדיקט זיין קריסטלעכן אינדווידואַליזם און קיינמאָל אַליין, מיט אייגענע כוחות, נישט געפּרווט אויפצובויען אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט אויפן יסוד פון זיינע פּרינציפּן — האָט ער נישט געהאַט קיין גרונט צו ליידן דורכפאַלן, אינטעלעקטועל זיך צו אַנטוישן. פען איז געשטאָרבן אַ באַזיגטער, אַ פיזיש און גייסטיק צעבראָכענער, אפשר אויך אַ טיף אַנטוישטער. אָבער אויך זיין אַנטוישונג איז, אין לעצטן סך־הכל, אַ גרויס בלאַט אַמעריקאַנער געשיכטע, אַ קאַפּיטל פול מיט פּאַטאָס אין דער ביאָגראַפיע פון דער מענטשהייט, און ווער ווייסט אויף וועלכע וועגן און מיט וועלכע רעזולטאַטן פענס וויזיע און ענערגיע קאָנען זיך נאָך אַמאָל אויסווירקן אויף די שיקזאַלן פון אַמעריקע. אויך זיין דורכפאַל איז נישט געווען אומזיסט, ווי עס איז נישט אומזיסט קיין שום דערהויבענער חלום וועגן דער גאולה פונעם מענטשלעכן מין.

*****

איין די קוועיקער־פּנקסים פון וויליאַם פענס דור ווערט דערציילט:

אין אַ געגנט, װײַט פון אַ ישוב, האָט אַ גרופּע פּריינט (קװעיקערס) אַמאָל אָפּגעהאַלטן אײנע פון זײערע פאַרזאַמלונגען פון שװײַגנדיקער תּפילה. מיטאַמאָל האָבן זײ דערזען, װי אַ גרױסע צאָל באַװאָפנטע אינדיאַנער זענען אַרױס פון זײער באַהעלטעניש אין װאַלד, גרייט צו אַטאַקירן. טראָץ דער גרױסער געפאַר, זענען די פריינט געבליבן זיצן, כּדי אױסצושװײַגן זײער „עבֿודה" ביז צום סוף. נישט מאַן, נישט פרוי, נישט קינד האָבן זיך קײן ריר נישט געגעבן. די אינדיאַנער האָבן זיך אַרומגעשטעלט און שװײַגנדיק גע־קוקט אויף די מתפּללים, גאָטס כּוח האָט זײ אַרומגענומען און זײ האָבן זיך אויך אַװעקגעזעצט, צו באַטײליקן זיך אין דעם דאָזיקן אומבאַקאַנטן נוסח פון עבֿודה צו גאָט. װען די פריינט האָבן זיך אױפגעהױבן פון דער ערד, האָבן זײ, לױט זײער מנהג, געדריקט אײנער דעם אַנדערן די האַנט, אָבער פריער האָבן זײ געדריקט די הענט בײַ די אינדיאַנער און צו זײ אַזױ געזאָגט: „מיר האָבן געדינט דעם גרױסן פאָטער פון אונדז אַלעמען". און די אינדיאַנער האָבן געענטפערט: „מיר האָבן אים געדינט מיט אײַך אינאײנעם". די אַטאַקע איז נישט פאַרגעקומען.

„צוריקגערעדט" — װײס איך נישט, פאַרװאָס פען האָט געדאַרפט שטאַרבן אַן אַנטװישטער. ה י ס ט אָ ר י ש איז זײַן עקספּערימענט נישט געלונגען — נו, איז װאָס? יש קונה עולמו בשעה אחת; צוליב אַזאַ עפּיזאָד אַלײן, װי דער װאָס װערט דערצײלט אין די קװעיקער־פּנקסים, איז װערט געװען זײַן קומען קײן אַמעריקע. און איז דאָס געװען בלױז אַן עפּיזאָד, אַ צופאַל? קאָן דען אַזאַ מיסטעריע פאַרקומען „צופעליק"?

1944

קאגאַוואַ

סוף אויגוסט האָט מען אין יאַפּאַן, ווי מען דערוויסט זיך איצטער, אַרעסטירט טאָיאָהיקאָ קאַגאַוואַ. ער ווערט אָנגעקלאָגט, נוצנדיק דעם אָפּי־ציעלן נוסח פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג, אין „עובר זיין אויף דעם מילי־טערישן קאָדעקס". אונטער דער דאָזיקער פאָרמולע אַרעסטירט מען די לעצטע פאָר יאָר אין יאַפּאַן בירגער, וואָס ווערן באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש, אין דעזערטירן פון דער אַרמיי, אין נאַציאָנאַלן פאַראַט און אין „מאָראַלישער הילף צום שונא". מיר ווייסן דאָ נישט, וואָס עס ווערט געזאָגט אין דעם באַ־שולדיקונגס־אַקט קעגן קאַגאַוואַ, אָבער לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן באַ־שטייט זיין חטא אין „מאָראַליש אַרויסהעלפן דעם שונא". אויב מען וועט אים משפטן אין אַן עפנטלעכן געריכט, וועלן מיר זיכער הערן, אַז קאַגאַוואַ האָט זיך אין דעם חטא מודה געווען.

פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן יאַפּאַן און כינע, „העלפט" קאַגאַוואַ אַרויס מיט וואָס נאָר ער קאָן די קרבנות פון זיין פאָטערלאַנדס אַרמיי. ער העלפט זיי מיט אַ גוט וואָרט, מיט דער פאַרזיכערונג וואָס ער גיט די כינעזער אַז טויזנטער און טויזנטער יאַפּאַנישע סאָלדאַטן גייען אויפן שלאַכטפעלד קעגן זייער ווילן און קעגן זייער געוויסן, אַז אין יאַפּאַן זענען נאָך פאַראַן מענטשן וואָס פאַרדאַמען אין זייערע הער־צער די ברוטאַלע פּאָליטיק פון זייער רעגירונג. איך אַליין וואָלט געקאָנט צושטעלן דעם געריכט אַ ריי אַרטיקלען וואָס קאַגאַוואַ האָט פאַרעפנטלעכט אין אויסלאַנד — אַרטיקלען „אַנטי־פּאַטריאָטישע", „פאַרברעכעריש־פּאַסי־פיסטישע", אין וועלכע דער רעליגיעזער מלחמה־האַסער פון יאַפּאַן האָט אויסגעדריקט זיין טיפסטן מיטגעפיל מיטן שונא. צוריק מיט צוויי יאָר האָט קאַגאַוואַ אָפילו פאַרפאַסט אַ תפילה פאַרן וווילזיין און גליק פון כינע און, ווי מען דערציילט, האָט מען אַ שטיק צייט יענע תפילה געזונגען אין אַ צאָל קריסטלעכע קירכן אין יאַפּאַן — ביז די פּאָליציי האָט אַרעסטירט די גייסט־לעכע און צעטריבן די מתפללים. קאַגאַוואַ וועט די אַלע חטאים זיינע נישט לייקענען. זיין לעבן איז אַן אָפן בוך. ער האָט נישט צו טאָן מיט קיין געהיימע אָרגאַניזאַציעס, ער קאָנספּירירט נישט און איז אָרגאַניש נישט מסוגל צו זיין אַ שותף צו וועלכער נישט איז פאַרשווערונג. דאָס גאַנצע לאַנד ווייס ווו עס ליגן זיינע סימפּאַטיעס, און אין אַ טייל גרעסערע יאַפּאַנישע שטעט געדענקט מען נאָך גוט דעם סאַמע אָנהייב פון קאַגאַוואַס פּאָליטישער „קאַריערע", ווען

אין 1904, אין די טעג פון גרויסע נצחונות אין דער מלחמה מיט רוסלאַנד, האָט דער שאָוויניסטיש־פאַרשיכורטער המון אים באַוואָרפן מיט שטיינער אין די גאַסן, פאַר זיין „פאַררעטערישער״ אַנטי־מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע. קאַגאַוואַס רעקאָרד איז פאַר דער רעגירונג קלאָר אין אַלע זיינע פּרטים און, דעם אמת זאָגנדיק, וווּנדערט מיך כלל נישט דער פאַקט פון זיין אַרעסט. איך האָב זיך די גאַנצע צייט געחידושט, פאַרוואָס מען אַרעסטירט אים נ י ש ט , ווי קומט עס וואָס די אַרמיי האָט אים געלאָזט ביז איצט אַרומגיין פּראַנק און פריי. עס ווייזט אויס, אַז אַפילו יענע פאַשיסטישע גענעראַלן־קליקע, וואָס שטייט איצט הינטער דעם טראָן און קאָנטראָלירט די רעגירונג, האָט זיך נישט לייכט געקאָנט באַפרייען פון דרך־ארץ פאַר קאַגאַוואַס פּערזענלעכקייט, פאַר זיין רעליגיעזן מוט און קרבנות־גרייטקייט, פאַר דער אומגעוויינטלעכער מאָראַלישער ענערגיע מיט וועלכער עס שפּרודלט זיין אויסגעצערטער, פון טובערקולאָז צעפרעסענער גוף. עס איז, ווייזט אויס, פּסיכאָלאָגיש געווען נישט לייכט צו „איזאָלירן״ דעם פריינט פון די אָרעמע און אונטערדריקטע, דעם באַשיצער פון די איינזאַמע און די פאַריתומטע, דעם פאַרניכטער פון די „סלאַם״־געגנטן אין יאַפּאַנישע האַפן־שטעט, דאָס געוויסן פון יאַפּאַן. אַזוי האָט דער צאַר יאָרנלאַנג נישט געהאַט דעם קוראַזש צו אַרעסטירן טאָלסטאָיען — נישט ווי אַ טייל שלעכט אינפאָרמירטע אויסלענדישע ביאָגראַפן האָבן געוואָלט מיינען, ווייל דער מוכיח פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז געווען אַ גראַף, פלייש און בלוט פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע (ניקאָליי און זיינע אַרויסהעלפער האָבן זיך נישט געשעמט אָוועקצושיקן קיין סיביר אויך טיטולירטע אַריסטאָקראַטן פון פאַמיליעס, וואָס זענען היסטאָריש געווען קרובים למלכות), נאָר ווייל טאָלסטאָי איז געווען צופיל פאַרקערפּערונג און סימבאָל פון רוסישן געוויסן און האָט געהאַט צופיל השפּעה אויף דער עפנטלעכער מיינונג. גענעראַלן־טאָלעראַנץ און סאָלדאַטסקע דרך־ארץ האָבן אָבער זייערע גרענעצן, און די לעצטע צייט איז קאַגאַוואַ מסתמא געוואָרן צו אומבאַקוועם. אַז די וואָס האָבן גענומען אויף זיך די מיסיע צו רעאָרגאַניזירן אַזיע „אויף נייע און געזונטערע יסודות״, זאָלן זיך לאָזן ווייטער פירן פון סענטימענטאַלע מאָטיוון, איך פאַרשטיי זיי זייער גוט. זיי וואָלטן נישט געווען דאָס וואָס זיי זענען, ווען זיי אַרעסטירן אים נישט. פון זייער שטאַנדפּונקט זענען זיי פולשטענדיק גערעכט, ווייל קאַגאַוואַס אַרטיקלען, דרשות און „גאָטעס־דינסטן״ זענען עלול מיט דער צייט צו ווערן „דינאַמיט״. איך דערמאָן זיך איצטער, וואָס אַזיאַטיש־ענגלישע צייטונגען האָבן דערציילט וועגן קאַגאַוואַס אויפפירונג אין סאַמע אָנפאַנג פון דער „שטראָף־עקספּעדיציע קעגן די כינעזישע באַנדיטן״. אויף איינער פון זיינע חיזוק־הדעת־פאַרזאַמלונגען איז ער

געשטאַנען שטיל אַ לענגערע צייט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז דער עולם דערשטוינט געוואָרן פון זיינע ווערטער: „דער וואָס שטייט איצט פאַר אייך, איז נישט קאַגאַוואַ; דאָס איז בלויז זיין שאָטן; דער אמתער קאַגאַוואַ איז ווייט־ווייט, אין כינע, מיט די ליידנדיקע מוטערס און קינדער, מיט די פאַרוווּנדעטע און פאַרהונגערטע, מיט די וואָס די מלחמה האָט זיי געמאַכט היימלאָז". ווי קאָן אַ מיליטערישע אָליגאַרכיע פאַרטראָגן אַזעלכע ווערטער, אַזאַ טרעגער פון „דעמאָראַליזאַציע"?

***

אין די אויגן פון די „הונדערט־פּראָצענטיקע" אין יאַפּאַן, איז קאַגאַוואַ... אַ משומד. ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון בודיזם און זינט ער איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש, האָט ער קיינמאָל נישט געמאַכט קיין סוד פון זיין כפירה אין „שינטאָ", אין דער יאַפּאַנישער נאַציאָנאַליסטישער מלוכה־רעליגיע. זיין אָפּשטאַם פון דער יאַפּאַנישער אַלטער אַריסטאָקראַטיע האָט אים נישט געשטערט אָנצונעמען אין זיין פריִער יוגנט אַ פרעמדע רעליגיע. שוין העכער דרייסיק יאָר ווי קאַגאַוואַ איז אַ פּראָטעסטאַנטישער קריסט, וואָס קען בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט דער אָרטאָדאָקסישער אמונה פון זיין לאַנד, אַז דער אימפּעראַטאָר שטאַמט נישט פון אַ בשר־ודם, נאָר פון דער זון־געטין, און אַז אַ גאַנצע צאָל יאַפּאַנישע מיוחסים ציִען זייער יחוס פון אַנדערע, צווייט־קלאַסיקע און דריט־קלאַסיקע געטער. זיין פילאָזאָפישע בילדונג איז אַ גאַנץ אָרעמע (די פּרינצטאָן־אוניווערסיטעט אין ניו־דזשוירזי, וווּ ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר, האָט אים אויף דעם געביט ווייניק געהאָלפן), און ער איז אויך זייער אַ שוואַכער טעאָלאָג, אָבער פאַר אים איז שוין לאַנג געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַן איינפאַכער אמת, וואָס איז אַזוי קלאָר, אַז ער דאַרף גאָר נישט אָנקומען נאָך באַווייזן, דהיינו, אַז אַלע מענטשלעכע ברואים זענען גאָטס קינדער און אין גאָר־גאָר לעצטן אַנאַליז, קינדער פון גלייכן ווערט אין דעם „פאָטערס" אויגן. איך ווייס נישט, צי צוליב דער דאָזיקער פאַרשטעלונג אָדער אמונה האָט זיך „געלוינט" צו ווערן אַ מיטגליד פון דער קריסטלעכער קירך. פאַר דער יאַפּאַנישער אינטעליגענץ איז ווייט נישט פרעמד דער קלאַסישער בודיזם אין זיין ריינער פאָרם, וואָס, כאָטש ער אָנערקענט נישט קיין פּערזענלעכן גאָט, קאָן ער דינען ווי אַ יסוד — האָט עס דען נישט באַוויזן שאָפּענהויער, כאָטש ער איז אויסגעוואַקסן אין שויס פון קריסטלעכער טראַדיציע? — פאַר אַ רעליגיע פון רחמנות און מענטשנליבע. קאָנפוציוס און לאַאָטסע זענען אויך גאַנץ פּאָפּולער צווישן געבילדעטע יאַפּאַנער און, אָביעקטיוו גערעדט, איז אַ מענטש פון ווייטן אָריענט

גאָר נישט געצווונגען צו זוכן מיסטישע אָדער עטישע אַנטפּלעקונגען אין קריסטנטום. יענער טייל אַזיע (אינדיע, כינע און אַפילו די „יונגערע" יאַפּאַן, וואָס איז אין אַזאַ גרויסער מאָס באַפרוכפּערט געוואָרן פון אינדישן און כינעזיש־רעליגיעזן געניוס) פאַרמאָגט אַן עלטערע און אַ מער איינגעוואָרצלטע גייסטיקע ציוויליזאַציע, איידער דער קריסטלעכער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער וועלט־סעקטאָר. עס זענען דאָרט פאַראַן טיפע און רייכע אייגענע מקורות, פון וועלכע עס לאָזט זיך נאָך אַ סך שעפּן. גאַנדי, למשל, טראָץ זיין גרויסן און אויפריכטיקן רעספּעקט פאַרן תנ"ך און פאַרן נייעם טעסטאַמענט, איז געבליבן דורך און דורך אַ הינדו און ער האָט קיינמאָל נישט געפילט, אַז אין קריסטנטום זאָלן זיין אַזעלכע פּאָזיטיווע עלעמענטן, וואָס ער זאָל אין דער אינדישער רעליגיעזער קולטור נישט קאָנען געפינען. ער איז שוין צענדליקער יאָרן שאָקירט און צעווייטיקט פון דעם אינדישן קאַסטן־סיסטעם, אָבער אין אייגענע און היימישע רעליגיעזע מקורות האָט ער געפונען זיינעם אָן אָנשפּאָר אין קאַמף קעגן דער חרפּה פון הינדויִזם, קעגן סאָציאַלער דיסקרימינאַציע און דערנידעריקונג פון די „אונטערשטע" קאַסטן. אַזאַ וועג פון „רייך ווערן פון די אייגענע קעשענעס" איז אויך פאַר קאַגאַוואַן אָביעקטיוו נישט געווען פאַרחתמעט. אָבער ווער קאָן וויסן דעם דרך־הרוח? עס קאָן זיין, אַז אין קריסטנטום איז פאַראַן אַ ניואַנס, עפּעס אַן אייגנאַרטיקע אַקצענטירונג, עפּעס פראַזשעקטאָרמעסיקס, וואָס וואַרפט אַ קאָנצענטרירטן שטראַל ליכט אויף אַ געוויסער ספערע פון לעבן, און דאָס האָט אויף קאַגאַוואַן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. מאַרגאַרעט באַומאַן דערציילט אין איר קאַגאַוואַ־ביאָגראַפיע, וועגן אַן אַמעריקאַנער לערער, ד"ר הענרי מאַיערס, וואָס זאָל האָבן משפּיע געווען אויף אים, אין זיינע צאַרטע יוגנט־יאָרן. אונטער דעם איינדרוק פון לאַנגע שפּאַציר־שמועסן מיט אים זאָל ער האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום. ווייס איך נישט, ווער הענרי מאַיערס איז און וואָס זיין כוח איז באַשטאַנען, אָבער וואָס איז דער אונטערשייד? מ'מוז נישט זיין אַליין קיין באַדייטנדיקער מענטש, כדי אַרויסצורופן אין אַ גרויסער נשמה אַ קריזיס און דערנאָך אַ פייער פון עקזאַלטאַציע. פאַר אַ גרויסער גייסטיקער געשעעניש, ווי פאַר אַ שרפה אין אַ גיגאַנטישן מאַסשטאַב (ניטשע האָט עס אַמאָל געזאָגט וועגן דער אַנטשטייונג און פאַרשפּרייטונג פונעם גאַנצן קריסטנטום) איז אַמאָל גענוג אַ קליין שוועבעלע, אַ פונק וואָס איז פון ערגעץ־ווו צופעליק פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און וואָס זיין ווירקונגס־פּעריאָד אויף אַ באַשטימטן, אויפנעם־פעיִקן באָדן האָט געדויערט נישט מער ווי אַ סעקונדע. הענרי מאַיערס, קאָן זיין, איז אין קאַגאַוואַס לעבן געווען אַזאַ שוועבעלע אָדער פונק.

***

אַ פרומער קריסט ווי קאַגאַוואַ איז, האָט ער שוין לאַנג צוריק זיך אומ־געקערט מיטן רוקן צום פאַרמעלן קריסטנטום, און ער פאַרמאָגט געגנוג שאַרפע ווערטער קעגן דער גייסטלאָזיקייט און צביעות פון די מייסטע קירך־אינסטיטוציעס. ער האָט אַ שטיק צייט שטודירט אין אַ יאַפּאַנישער מיסיאָנערן־שול, און זיינע אויסלענדישע פּאַטראָנען האָבן דערוואַרט, ער זאָל מיט דער צייט ווערן אַן אָפיציעלער גייסטלעכער — אַ גלח, אפשר גאָר אַ בישאָף. ער האָט זיי ביטער אַנטוישט. ער האָט אויך אין פּרינצטאָן שטודירט טעאָלאָגיע און אין זיין קעשענע ליגט אַ פּראָטעסטאַנטישע „סמיכה". אָבער פון אַמעריקע האָט ער צוריקגעבראַכט אַהיים מער אינטערעס פאַר סאָציאַלער הילף, פאַר קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, פאַר פּעדאַגאָגיק און פאַר די מעטאָדן צו פאַרבעסערן די וווינונגס־באַדינגונגען פון די מאַסן, איידער פאַר טעאָלאָגישע הקירות. ער טראָגט אין זיך, רעדנדיק וועגן דעם ריין־רעליגיעזן אַספּעקט, צופּיל נביאישס, ער זאָל זיך אַנטשליסן אָנטאָן די בגדים פון אַ כהן און אָוועקגעבן זיין צייט פאַר כהונה־פליכטן. זיין קריסטנטום זוכט ער צו פאַרווירקלעכן אינעם שאַפן פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן און פון פאַרמער־קאָאָפּעראַטיוון; אין שטרייקן פון פאַרט־אַרבעטער, אין וועלכע עס איז קיין־מאָל נישט פאַראַן די מינדסטע שפור פון פיזישער געוואַלט; אין דער פאַרשפּרייטונג פון אַ געזונטערע דיעטע צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג; אין אַזאַ „פּראָזאַישן" ענין, ווי פּראָפּאַגאַנדירן דאָס פאַרזייען פון סאָיאַ־בעבלעך, אַלס אַ געזונטע שפּייז און אָפּוועקסלונג פון רייז־מאכלים; און אין זיין פּלאָנמעסיקער פּרעדיקונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם און אַבסאָלוטן פּאַסיפיזם. אַ מערקווירדיקע אינסטיטוציע איז יאָרנלאַנג געווען זיין אייגענע אָרעמע וווינונג אין קאָבע: אין איינער און דער זעלביקער צייט איז זי געווען אַ שפּיטאָל, אַ שולע, אַ קירך, אַ בית־יתומים און אַ האָטעל פאַר היימלאָזע. איך דערמאָן זיך איצטער, ווי אויף זיין לעצטן באַזוך אין ניו־יאָרק, איז קאַגאַוואַ „נכשל" געוואָרן מיט אַן אויסדרוק. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער לערנט מיט זיינע תלמידים — גאַסן־קינדער, גאַסן־פרויען, געוועזענע קרימינעלע פאַרברעכער, בעטלער, געשטראָנדעטע פּילגרימען, טובערקולאָזע זעלבסטמאָרד־קאַנדידאַטן — האָט ער געוואָלט נוצן אַן אַמעריקאַניש־פאָלקסטימלעכן אויסדרוק: „איך לערן זיי דער עיקר די דריי רישן" (די דריי רישן אין אַמעריקע זענען, כידוע, רידינג ראַיטינג און ריטמעטיק). פונעם ווייטערדיקן שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. קיין „ריטמע־טיק" לערנט ער זיי נישט, ווייל ער האַלט אַז דער יאַפּאַנישער פאָלקס־מענטש קען פון זיך אַליין געגנוג חשבון פאַר זיין עקאָנאָמישער אַרבעט; די דריטע „ריש" איז פאַר אים געווען — רעספּעקט: רעספּעקט פאַרן לעבן, פאַר

דער נאַטור, פאַר מיטמענטשן, פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער נשמה, ווי צעבראָכן און זינדיק זי זאָל נישט זיין. הונדערטער און אפשר טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן שוין יאָרנלאַנג געלעבט מיט אַ געפיל פון טיפער פאַראַכ־טונג צו זיך אַליין, זענען פון אים אַוועקגעגאַנגען אויסגעהיילטע, ווידער־אויפגעריכטע, „ווידער־געבוירענע", מיט אַ באַוווסטזיין אַז יעדער פון זיי, מיט זיינע חטאים, מיט זיין „טמאדיקן" גוף און מיט זיינע שמאַטעס אויפן גוף, איז אַ שטיק משכן, אַ רעזידענץ־פּלאַץ פון גאָט אַליין. עס איז נישט געווען סתם קיין מליצה, ווען אַ באַקאַנטער יאַפּאַנישער געלערנטער, וועמען איך האָב פאַר צוויי־יאָרן באַגעגנט אין ענגלאַנד, האָט מיר געגעבן די פאַל־גנדיקע כאַראַקטעריסטיק פון יאַפּאַנישן קריסטנטום: „ביי אונדז זענען פאַראַן צוויי מינים קריסטן: רייז־קריסטן (דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס גייען איבער צוליב די פעקלעך רייז וואָס די אויסלענדישע מיסיאָנערן טיילן־אויס) און קאַגאַוואַ־קריסטן — אמתע, עכטע, אַזעלכע, וואָס, איך האָב די העזה צו זאָגן, זענען נישט פאַראַן נישט אין ענגלאַנד און נישט אין אַמעריקע".

***

קאַגאַוואַ, מעג מען זאָגן, איז פון שורש־נשמה מיט טאָלסטאָיען און גאַנדין. ער איז אָבער אַ סך פשוטער אין זיין נאַטור, סיי פונעם רוסישן קינסטלער און גאָט־זוכער און סיי פונעם אינדישן בעל־מוסר און פּאָליטיקער. ער איז פּסיכאָלאָגיש ווייניקער קאָמפּליצירט, גאַנצער, כמעט אַן אינעווייניקסטע ראַנגלענישן. אפשר צוליב זיין פשטנות איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין יענע פּסעוודאָ־רעליגיעזע און פּסעוודאָ־עטישע עקסטרעמען, מיט וועלכע יענע האָבן זיך אויסגעצייכנט. ער איז אַ גרויסער פאַרערער פון וויסנשאַפט און טעכניק, און אין היפּוך צו זיי גלייבט ער, אַז די מאַשין איז אין תוך אַ באַפרייונג, נישט קיין פאַרשקלאַפונג פון דער מענטשהייט. אַזיוי, גלויבט ער. האָט נאָך נישט געענדיגט געלערנט פון אייראָפּע און אַמעריקע, אויפן געביט פון טעכניק, מעדיצין און סאָציאַלער היגיענע. דער לאָקאָמאָטיוו, וועגן וועלכן גאַנדי האָט עטלעכע מאָל זיך אויסגעדריקט, אַז זיין רויך האָט פאַרטריבן די געטער פון די וועלדער, איז פאַר קאַגאַוואַן נישט קיין חילול־השם, נאָר אַ ברכה. ער גלויבט אין אַ רעליגיעז־עסטעטישער וועלט, וואָס אין איר קאָן די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע ווערן אַ גרויסער אַרויסהעלפער, נישט קיין שטערער. ער פּרעדיקט נישט קיין תעניתים און ער טרוימט וועגן אַזאַ עולם־הזהדיקער זאַך ווי חזיר־פלייש אויפן טיש פון יעדער יאַפּאַנישער פאַמיליע. ער איז אויף זיין אופן אַ קאָנסעקווענטער רעפאָרם־סאָציאַליסט און ער געפינט אין

רעליגיע, ספּעציעל אין קריסטנטום, אָן אַנרעג פֿאַר ווירטשאַפֿטלעכן פּראָגרעס און סאָציאַלער באַנייונג, פֿאַרשר׳עז פון פֿאַרשידענע זייטן ווי אַ שונא פונעם פֿאָטערלאַנד, גלויבט ער אין דער צוקונפֿט פון יאַפּאַן, כאָטש ער קאַרגט ניט קיין ווערטער פון שאַרפֿער קריטיק ווען ער רעדט און שרייבט וועגן איצטיקן מצב פון לאַנד: „דער דורכשניטלעכער יאַפּאַנער איז לעצטנס געוואָרן אַ ראַ־באָט; מיין פֿאָטערלאַנד איז איצט פֿאַרפֿעסטעט מיט מעכאַנישקייט און קנעכ־טישער דיסציפּלין; יאַפּאַן איז איצטער גייסטלאָז און זינדיק; אַלץ וואָס איז גרויס און דערהויבנדיק, רעליגיע, פילאָזאָפיע, קונסט, ליטעראַטור, דער אלף־בית, איז צו אונדז אַמאָל געקומען פון כינע — באַצאָלן מיר איצטער דעם כינעזישן פֿאָלק מיט באָמבעס, מיט פרויען־פֿאַרניכטונג און קינדער־מאָרד”. ער איז אָבער ווייט פון יאוש. צוויי סכנות, טענהט ער, לויערן איצט אויף יאַפּאַן: דער מאַטעריאַליסטישער קאָמוניזם, מיט וועלכן רוסלאַנד קאָן אין אַ געוויסער סיטואַציע פֿאַרפלייצן דאָס לאַנד, און דער גאַסטפריינטלעכער היימישער מי־ליטאַריזם. ער וויל אָבער גלויבן, אַז אין זיין פֿאָלק זענען נאָך פֿאַראַן גענוג לעבנס־אויפבויענדיקע כוחות, אונטערדריקטע, דרימלענדיקע, וואָס וועלן מיט דער צייט אַרויפקומען אויף דער אויבערפלאַך פון דער ווירקלעכקייט און גובר זייןביידע סכנות. די דאָזיקע כוחות אַרויסצורופן און צו מאָביליזירן, באַטראַכט ער פֿאַר זיין לעבנס־אויפגאַבע, און צוליב דער אויפגאַבע קלאַמערט ער זיך מיט אַלע כוחות אָן יעדן שטרויעלע, וואָס קאָן אים דינען ווי אַ שטיקל אחיזה. ער ווינטשט זיך אריכות־ימים. ער איז כמעט בלינד און מוז דיקטירן זיינע ביכער און אַרטיקלען, זיינע אויגן זענען אויפגעפרעסן פון אַ טראַכאָמע־ענלעכער קראַנקייט (ער האָט זיך אָנגעשטעקט צוריק מיט יאָרן פון אַ קראַנקן „ברעמפּ”, מיט וועמען ער האָט אַ פֿאַר ווינטער־נעכט געטײלט זיין בעט), אין משך פון איין יאָר האָט ער געליטן פון ניין בלוט־שטורצן. ער האָט זיין טו־בערקולאָז ביז היינט נישט געקאָנט אויסהיילן, אָבער ווען מען פרעגט אים, ווי עס גייט אים אין געזונט, האָט ער בלויז איין ענטפער: שלעכט, אָבער איך האָב נישט קיין צייט צו שטאַרבן. ווער עס וויל מעג לאַכן דערפון — דאָק־טוירים פון אַ געוויסער שול לאַכן שוין נ י ש ט פון אַזעלכע דערקלערונגען — אָבער אַ מענטש קאָן אַמאָל איבערכיטרעווען די מעדיצינישע וויסנשאַפט און לעבן אַ סך לענגער, וויפיל זי „דערלויבט” אים, אויב ער איז טאַקע זי־כער אין זיך, אַז ער איז צו פאַרנומען און ער „האָט נישט קיין צייט צו שטאַרבן”.

די יאַפּאַנישע רעגירונג נעמט איצטער צו זיין צייט אויף איר אופן: זי האָט אים פֿאַרשפּאַרט אין תפיסה, געמאַכט אים „אומשעדלעך”. אָבער ווער ווייס? עס קאָן זיין, אַז אַן אַרעסטירטער קאַגאַוואַ זאָל מיט דער צייט ווערן

געפערלעכער פאר דער מיליטערישער אָליגאַרכיע פון יאַפּאַן איידער אַ פריי־ער. אַזעלכע „משונהדיקע" זאַכן האָבן שוין נישט איינמאָל פּאַסירט...

*
**

איך ווייס נישט, וויפיל אָנהענגער און תלמידים קאַגאַוואַ פאַרמאָגט אין יאַפּאַן. אָבער אויב יאַפּאַן זאָל אַפילו זיין איצטער סדום, איז גענוג דער פאַקט, וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט איין קאַגאַוואַ, אַז די השגחה זאָל עס נישט וועלן אומברענגען.

1940

דער כוח פון אַ תענית

“It seems as if God has been dethroned. Let us reinstate Him in our hearts.”
—GANDHI.

איז דער תפיסה פון אַ פּראָווינציעל אינדיש שטעטל, האָט גאַנדי גוזר תענית געווען אויף זיך אַליין, כדי אויסצוקעמפן דורך תפילה און סיגופים אַן אָנהייב פון מענטשלעכע רעכט פאַר זעכציק מיליאָן היסטאָריש פאַרפייניקטע, פון דור צו דור פון ווערדע באַרויבטע, מיטמענטשן און ברידער.

פאַר גאַנדין איז נישט אינגאַנצן ניי זיך צוצעבונטעווען אין תפילה, צו רעוואָלטירן דורך סיגופים, דורכצופירן אַ געוואַגטן עקספּערימענט פון ד י ק ט אַ ט ו ר דורך אַ ס ק ע ט י ז ם. אַזוי האָט דער מאַהאַטמאַ אַרויפגעצווונגען זיין „מאַכט“ צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען הינדוסן און מוסולמענער האָבן געזוכט אויסצוגלייכן זייערע מחלוקתן דורך פייער און שווערד. ווען גאַנדי האָט דערזען, אַז ביידע צדדים ווערן אַלץ מער און מער ברוטאַליזירט, אַז מענטשלעך בלוט ווערט ווערטלאָז און זיין וואָרט צו זיי האָט מער שוין קיין השפעה נישט, האָט ער אָנגעווענדעט זיין לעצט מיטל, געריכטעט ז יי ן וו אָ ר ט צ ו א י ם. צו זיין פאָטער אין הימל. ניינצן טעג תפילה און תענית זענען געווען דאָס דיקטאַטאָרישע „געווער“, מיט וועלכן גאַנדי האָט דענסטמאָל געצווונגען ביידע צדדים אָפּצושטעלן דעם ברודער־קאַמף און מאַכן שלום. אויך דענסטמאָל, ווי איצט, זענען געווען תלמידים און פריינט, נאָכפאָלגער און בלוט־אייגענע, וואָס האָבן זיך ביי אים געבעטן מפסיק צו זיין דעם תענית, נישט צו זיין אַזוי „גרויזאַם“ מיט די, וואָס ער האָט ליב, און אויך דענסטמאָל האָט ביי אים נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן „זיך אונטערגעבן“, וועגן אַרונטערפאַלן אונטער דער השפעה פון באַווייזן, אַז ער טאָר נישט ריזיקירן מיטן לעבן, ווייל זיין לעבן געהערט דעם פאָלק, דעם כלל. גאַנדי האָט שטענדיק געוווסט און געדענקט, אַז ווען אַ מאַן וויל אויסגלייכן די חשבונות מיט זיין באַשעפער, איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין דריטער צד, מיט וועמען ער זאָל זיך קאָנען אַן עצה האַלטן, אַז מענטש און גאָט מוזן דענסטמאָל שטיין אַ ל יי ן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן — „פּנים אל פּנים“. זיין רעליגיע האָט אים געלערנט, אַז שטענדיק, ווען מען שטייט פאַר אַן אומגליק, וואָס קאָן נישט באַזייטיקט ווערן דורך „שכלדיקע“ מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, מוז מען פאַסטן און דאַווענען, און די דאָזיקע לערע איז פאַר

אים נישט סתם אַ נוסח אָדער אַ דאָגמע; זי איז פֿאַר אים אַ „תורת חיים״, אַ טייל פֿון זײַן איך.

יאָ, ז ײ ן רעליגיע האָט עס אים געלערנט. אָבער קאָן ער עס געבן אויך א ו נ ד ז צו פֿאַרשטיין, אונדז, נישט־גלויביקע, אַנדערש־גלויביקע, מענטשן פֿון אַן אַנדער קולטור, פֿון אַן אַנדער נשמה־געבוי? האָט ער עס געקאָנט ראַציאָנאַליזירן פֿאַר זײַנע מיטמענטשן אין אינדיע גופֿא? ער איז ווייט פֿון צו זײַן אַן ערשטקלאַסיקער דיאַלעקטיקער (נישט אין דעם באַשטייט זײַן גרויס־קייט), און אָפֿטמאָל „שטאַמלט״ ער, ווען עס קומט אים אויס אַנצורירן טעאָ־לאָגישע ענינים. זײַן באַציִונג צום הינדויִזם, צו דער רעליגיעזער ירושה פֿון זײַן פֿאָלק, איז „אומסיסטעמאַטיש״, פֿון אויבן אויף פֿול מיט ווידערשפּרוכן — אַן ערך די זעלביקע באַציִונג, וואָס לאָזט זיך אַרויסלייענען פֿון דער פֿאַר־גאַנגענהייט מצד ישו הנוצרי צו דער יִידישער רעליגיעזער ירושה: רעוואָלו־ציאָנער אין דענקען, קאָנסערוואַטיוו אין דער אויפֿפּאַסונג פֿון „מצוות מע־שיות״, אַגרעסיוו און איבערקערעריש, און אין דער זעלביקער צײַט גורלדיק צוגעבונדן צו אַן אַלטער ראַם, צו אַ פֿאַרצײַטיקן מנהג. אָבער דערנאָך, ווען מיר הערן זיך נענטער צו צו דעם, וואָס ער האָט אַזוי „נישט־סיסטעמאַטיש״, אַזוי „נישט תלמיד־חכמדיק״ געשריבן, הייבן מיר אָן ביסלעכווײַז צו באַ־גרײַפֿן דעם אינעווייניקסטן זין פֿון גאַנדיס תעניתים.

גוזר־תענית זײַן איז פֿאַר אים, קודם כל, אַ מין אײַנפֿירן פֿאַר זיך אַן אייגענעם, אַ פּערזענלעכן, ימים נוראים־פּעריאָד, אַ פּעריאָד פֿון ת ש ו ב ה ט אָ ן. פֿאַר וועלכע זינד? פֿאַר זײַן על־חטא־שלאָגן זיך איז נישט פֿאַראַן קיין באַשטימטע רשימה פֿון ק אָ נ ק ר ע ט ע ח ט א י ם, וואָס ער זאָל האָבן באַגאַנגען. אויב ער זאָל אָפֿילו נישט געדענקען קיין איין באַשטימטע עבירה אין זײַן לעבן, איז ער סיי ווי סיי, ערגעץ־ווו, אין לעצטן סך־הכל, שולדיק, עבריניש, זינדיק. ער ווייסט אַ גאַנץ לעבן אַז אַלע הייליקע זענען זינדיק, אַלע דאַרפֿן זיי אַ תיקון און אַ תשובה, יעדער דאַרף בײַ אַלעמען בעטן מחילה — אַזוי ווי עס האָט געטאָן (אין דאָסטאָיעווסקיס „קאַראַמאַ־זאָווס״) דעם זקן זאָסימאָס אינגערער ברודער: אויפֿגעפֿרעסן פֿון טובערקולאָז־באַצילן, קיין פֿליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט, און גרייט צו קני׳ען ווי אַ זינדיקער פֿאַר די מערעשקעס אויפֿן פֿעלד, פֿאַר די פֿייגל אין דער לופֿט.

גאַנדיס תענית איז, פֿאַר אַלעמען, אַ תשובה טאָן — נישט פֿאַר זײַנע ז י נ ד, נאָר פֿאַר זײַן ז י נ ד י ק ײ ט. אויב די העכערע קאַסטן אין אינ־דיע קוקן נאָך אַלץ פֿון אויבן אַראָפּ, מיט רעליגיעזער פֿאַראַכטונג און פֿיזישן עקל, אויף זעכציק מיליאָן באַשעפֿענישן, וואָס טראָגן אויף זיך דעם צלם־אלהים, אויף די „אומבאַרירבאַרע״; אויב די „אומבאַרירבאַרע״ אַליין טראַכטן

נאָך אַלץ װעגן אויסנוצן די האַנט פונעם בשותפותדיקן אונטערדריקער, כדי צו פאַרלײַכטערן זײער לאַגע און טראָגן אין זיך קנאה־שנאה און נקמה־געפילן; אויב די צװײ צדדים פון קריװדער און געקריװדעטע קאָנען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן און געפינען אַ װירקזאַם מיטל קעגן אַ היסטאָרישן הויקער — איז אין דעם מיטשולדיק אויך ער אַלײן, שולדיק אפשר פאַר אַלעמען און מער פון אַלעמען. אמת, ער האָט יאָרנלאַנג געקעמפט מיט װאָרט און טאָט פאַר זײער רעכט און מענטשלעכער װערדע; ער האָט אַדאָפּטירט אַ קינד פון די פאַרשטױסענע און „אומבאַרירבאַרע" און עס געמאַכט פאַר אַ גלײַכבאַרעכטיקטן און גלײַך־געליבטן מיטגליד פון זײַן פאַמיליע; ער האָט נישט אײן מאָל תפילה געטאָן, אַז אויב עס איז אים באַשערט נאָכאַמאָל געבוירן צו װערן, קומען אין ד ע ר װעלט אין אַ נײַעם גילגול, זאָל ער געבוירן װערן אַ „טשאַנדאַלאַ", פון און צװישן די אומבאַרירבאַרע; ער איז געגאַנגען אַזױ װײַט װי צו דערקלערן, אַז ענגלאַנדס שװערער יאָך איז אפשר אַ פאַרדינטער עונש, אַ גערעכטע אָפּקומעניש פאַר אינדיעס היסטאָרישער חרפה, פאַר אײַנפירן דעם באַגריף פון „אומבאַרירבאַרקײט", פאַר דעגראַדירן אײגן בלוט און פלײש ביז דער נידעריקסטער מדרגה און נאָכדעם זײ פאַראַכטן װ ײ ל זײ זענען דעגראַדירט. דוכט זיך, װאָס ער האָט נאָך געדאַרפט און געקאָנט טאָן, כדי צו האָבן אַ רײן געװיסן? און דאָך איז ער זינדיק — זינדיק דערפאַר, װאָס װען ער װאָלט דאָס אַלץ געמײנט מיט דעם לעצטן ערנסט און מיט דער אַבסאָלוטער אויפריכטיקײט, װען אין אים װאָלט טאַקע נישט געבליבן קײן שמץ פון ד ע ר באַציִונג צו די „טשאַנדאַלאַס", מיט װעלכער עס צײכנט זיך אויס זײַן העכערע קאַסטע, װען דאָס פײַער פון פּראָטעסט װאָלט אין אים געברענט העלער, צאָרנדיקער, װען זײַן פּנים װאָלט טאַקע באמת געפלאַמט פון חרפה פאַר דער באַלײדיקונג פונעם געטראָטענעם און פאַרשפּיגענעם מענטשן אין אינדיע — װאָלט זײַן װאָרט שױן לאַנג געמוזט אויסאיבן השפעה און זײַן טאַט שױן לאַנג ברענגען פּרוכט. אויב דאָס איז נישט געשען, איז עס דערפאַר, װאָס ער איז נישט געװען גענוג עכט, גענוג מיטלײַדנדיק, גענוג ליבנדיק, דערװאַקסן ביז צום אידעאַלן איך אין זיך אַלײן — און דערפאַר שולדיק, זינדיק. אָט די זינדיקײט האָט גאַנדי אויך דאָס מאָל געװאָלט אויסקויפן, מכפּר זײַן מיט זײַן נײַעם תענית. און זאָל עס אויסזען װי פּאַראַדאָקסאַל (רעליגיעז לעבן איז פול מיט אַזעלכע פּאַראַדאָקסן) איז זײַן תענית, אין אײנער און דער זעלביקער צײַט אי אַ „אָשמנו־בגדנו"־קניִען פאַר זײַן גאָט, אי אַן אַרױספאָדערונג צו אים, אַ מין רבי־יצחק־לוי־בערדיטשעװערס „גוזר־זײַן" אויף דעם אויבערשטן: דו מוזט העלפן װײַל דו קאָנסט און איך קאָן נישט, מיט תפילה און מיט פאַסטן װעל איך דיך „צװינגען" צו העלפן...

אַלע אין אינדיע האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין תענית איז אַ „דיקטאַטאָ־ריש" מיטל אָנגעווענדט אויף יענע אין אינדיע, וואָס האָבן אים ליב, וואָס זעען אין אים די פאַרקערפּערונג פון אַ מאָראַלישער וועלט־קראַפט, אַ הייליקן, דעם „מאַהאַטמאַ". ווי אַזוי האָט ער עס אַמאָל פאָרמולירט אין זיין „יאַנג אינדיע? מיט פאַסטן האָט אַ זין זיך צו באַנוצן נאָר קעגן אַ ליבהאָבער, נישט כדי אָרויסצורייסן ביי אים הנחות, נאָר כדי אים אויסצובעסערן. אַזוי פאַסט אַמאָל אַ זון וואָס וויל, אַז זיין פאָטער זאָל אויפהערן שיכורן. „איך האָב גע־פאַסט נאָר צוליב דעם, איך זאָל אויסבעסערן יענע וואָס האָבן מיך ליב. פון דעם שטאַנדפּונקט איז זיין תענית אויך דאָס מאָל געווען אַ מין „ספּעקולאַציע" אויף ליבע צו אים, אַ געוואַגטער פּסיכאָלאָגישער און מאָראַלישער עקספּע־רימענט: אויב מען וועט מיך לאָזן שטאַרבן פון הונגער, וועט עס זיין אַ סימן, אַז איך האָב זייער ליבע נישט געקענט געווינען, אויב מיינע סיגופים וועלן נישט אויפוועקן אין זיי די דרימלענדיקע מאָראַלישע קרעפטן, וועט עס זיין אַ סימן, אַז איך בין נישט דער ריכטיקער וועקער, נישט דער אמתער שליח צום פאָלק, נישט דער, אויף וועמען דאָס פאָלק האָט געוואַרט. דאָס איז נאָך אַמאָל געווען אַן עקספּערימענט, אין וועלכן די טיפסטע ענוות און זעלבסט־דערנידערונג האָט זיך צוזאַמענגעפּאַרט מיט אַ הויכער אָפּשאַצונג פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט.

דער עקספּערימענט איז געלונגען, דאָס אייגנאַרטיקע „דיקטאַטאָרישע" מיטל האָט אויך דאָס מאָל געווירקט, און מיטן כוח פון זיין תענית האָט ער געבראַכט דערצו, אַז די שטרייטנדיקע צדדים האָבן צווישן זיך שלום געמאַכט, און די „אומבאַרירבאַרע" האָבן געוווּנען אַ סך מער, ווי די „פּראָטעקציע" פון דער ענגלישער רעגירונג האָט זיי געקאָנט געבן. ווי אַ צייכן פון דער קו־מענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן זיך אין אינדיע צ ו ם ע ר ש ט ן מ אָ ל א י ן ט ו י ז נ ט ע ר י אָ ר ן געעפנט טירן פון טעמפּלען פאַר די טמאים און „אומבאַרירבאַרע".

מיטן כוח פון זיין תענית האָט גאַנדי דורכגעבראָכן אַן אייזערנע היס־טאָרישע וואַנט, געמאַכט אַ התחלה פון אַ מין „יציאת־מצרים" פאַר זעכציק מיליאָן אינדישע שקלאַפן. אָן ביקסן און קאַנאָנען, נישט האָבנדיק געקרימט אַ האָר אויף עמעצנס קאָפּ, האָט גאַנדי מיט זיין תענית אָרויסגערופן אַ התחלה פאַר איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציעס פון אונדזער צייט.

וואָס זשע איז פאָרגעקומען אויף דעם הויף פון דער יעראַוודאַ־תפיסה, אונטערן געדיכטן שאָטן פון אַ מאַנגאָ־בוים? אַן עפּיזאָד אָדער אַ נס? אָדער גאָר אַן אָנזאָג פאַר אַ נייער עפּאָכע אין דער ליידנס־געשיכטע פון דער וועלט, אַ „פריילעכע בשורה" פון אַ רעוואָלוציע אין גייסט, אַ נשמה־אויפבליץ פונעם

צוקונפטס־מענטשן? קען מען טאַקע באַוועגן די געשיכטע אָן האַרמאַטן און אָן בלוט? קען טאַקע געמאָלט זיין אַ „תענית־דיקטאַטאָר"? איז גאַנדי בלויז אַ שטיק עקזאָטיק אָדער עס קענען געבוירן ווערן נביאים אין פּאָליטיק — אויך ביי אַנדערע פעלקער? זענען לענדער און ראַסן גרייט מקבל פּנים צו זיין זייערע גאַנדיס, אויב זיי זאָלן קומען, אויב זיי זאָלן נתגלה ווערן, אָדער, ווי אַמאָל, ווי אין אוראַלטע צייטן, זענען אויפסניי אָנגעגרייט פאַר זיי קללות, שטיינער, מלקות, תליות?...

1932

גאַנדי — אַ בן שבעים

אין אַ געווישן זין, איז גאַנדי היינט די מעכטיקסטע פיגור פון אונדזער דור. עס זענען פאַראַן הערשער, וואָס פאַרמאָגן מאַכט־מיטלען און אינסטרומענטן, כדי צו צווינגען מיליאָנען מענטשן צו האַנדלען לויט זייערע באַפעלן. עס זענען פאַראַן דיקטאַטאָרן, וואָס זענען אפשר בכוח צו ברענגען אין משך פון קורצע עטלעכע שעה גרויסע, מיליאָנקעפּיקע מאַסן אין מיליטערישער באַוועגונג. גאַנדי איז אָבער דער איינציקער „דיקטאַטאָר", וואָס אַ גרויסער טייל פון זיין פאָלק איז גרייט צו האַנדלען לויט זיין ווילן — נישט מחמת מורא, נאָר מחמת ליבע. ער פאַרמאָגט נישט אין זיין רשות קיין איינציקע ביקס, און אין גאַנץ אינדיע איז נישט פאַראַן קיין איין סאָלדאַט אָדער פּאָליציסט, וואָס זאָל זיין מחויב דורכצופירן זיינעם אַ באַפעל. גאַנדיס ווילן איז אָבער נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַר מיליאָנען הינדוסן און מאַכמעדאַנער אַן אומגעהייער גרויסע, באַוועגנדיקע און צוריקהאַלטנדיקע קראַפט, און אין די לעצטע צוואַנציק יאָר איז ער געווען די אימפּאַזאַנטסטע פיגור אין סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן פון אינדיע. אויף דער אָפיציעלער טריבונע קען מען דאָרט זען פון צייט צו צייט נייע און יינגערע פירער, אָבער אַזוי לאַנג ווי גאַנדי לעבט, בלייבט ער דער אורים־ותומים, דער אָראַקל, פאַרן רוב מנין און רוב בנין פון דער פּאָליטיש־וואַכער באַפעלקערונג פון זיין לאַנד.

אין וואָס באַשטייט זיין כוח? ווו ליגט דער סוד פון זיין היפּנאָטישער ווירקונג אַפילו אויף די וואָס באַרימען זיך, אַז זיי האָבן זיך שוין לאַנג באַפרייט פון זיין השפעה? פאַרוואָס גלייבן טאַקע אַזויפיל מיליאָנען מענטשן ביזן היינטיקן טאָג, אַז אין דער פּערזאָן פון גאַנדי האָט זיי די השגחה מזכה געווען נישט סתם מיט אַ פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן פירער, נאָר מיט אַ „מאַהאַטמאַ" — אַ גרויסן גייסט, אָדער גאָר אַ חלק פון דער גאָטהייט, פאַרקערפּערט אין אַ ביינציק־פּונטיקן קנויל פון פלייש און בלוט? פאַרוואָס האַלט מען, טראָץ זיינע אומצייטיקע און אויפריכטיקסטע פּראָטעסטן, זיין בילד אין אַזויפיל הייזער און פויערשע שטיבלעך כמעט ווי אַ איקאָנע?

ער האָט זיך באַרימט געמאַכט פריִער אין דרום־אַפריקע און נאָכדעם אין אינדיע ווי אַ גרויסער פּאַטריאָט, ווי אַ קעמפער פאַר אינדישער נאַציאָנאַלער באַפרייונג. אָבער איז ער דען אין אינדיע דער ערשטער לערער פון פּאַטריאָטיזם? זענען דען דאָרט נישט געווען פ אַ ר אים נישט־ווייניקער פייערדיקע נאַציאָנאַליסטן פאַרוואָס איז דאָרט אַזוי שנעל פאַרגעסן געוואָרן דער

נאָמען פון טילאַק, וואָס האָט אין זיין צייט געהאַט אַזאַ גרויסע השפּעה אויף דער אינטעליגענציע און יוגנט, און וואָס אין אים האָבן אַ טייל געוואָלט זען אַן אינדישן גאַריבאַלדי און אַנדערע — אַן אינדישן לעניו?

און אַנאַליזירט מען דעם כאַראַקטער פון גאַנדיס נאַציאָנאַליזם, זעט מען, אַז ער וואָלט גאָר געדאַרפט משפּיע זיין די סאַמע קאָנסערוואַטיווע, גייסטיק־אָפּגעשלאָסענע און צוריקגעשטאַנענע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג. זיין פּאַטריאָטיזם איז אין אַ גרויסער מאָס פאַרשפּעטיקטע רעאַקציאָנערע ראָ־מאַנטיק, און די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געפירט פאַר „אינדי־עס אייגענעם וועג“, האַרמאָנירט נישט אינגאַנצן מיט זיינע רעליגיעזע און עטי־שע אָנשויונגען.

אַרום גאַנדיס נאָמען איז געשאַפן געוואָרן אַ לעגענדע: ד ע ר ג א ַ נ־צ ע ר מ ע נ ט ש, דער מענטש אָן קאָנפליקטן און פּשרות, איינער פון די וויניקע, ווי מ׳האָט אונדז געוואָלט איינרעדן, וואָס פאַרמאָגט דעם נייטיקן מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן כוח צו בלייבן שטענדיק געטריי זיינע גרונט־פּרינציפּן. אַ טייל פון זיינע אייראָפּעישע חסידים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַדערפעניש אים צו אידעאַליזירן אין אַ באַשטימטער ריכטונג, האָבן אין אים געוואָלט זען כמעט אַן אַבסאָלוט־האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט. אין דער אמתן איז אָבער גאַנדי אויך איצטער, ווען ער איז שוין אַ בן־שבעים, נאָך אַלץ אַ טראַגיש־צעריסענער מענטש, ווייט פון שלמות און האַרמאָניע, אָפּט־מאָל אין אַ שווערן קאַמף מיט זיך אַליין. באַזונדערס קלאָר קען מען זען זיין נישט־האַרמאָנישקייט, ווען מען שטעלט צום עקזאַמען זיין נאַציאָנאַליזם און באַזונדערס די פּועל־יוצאס, וואָס ער האָט פון אים געמאַכט.

צוליב אינדישן נאַציאָנאַליזם, וועלכן ער האָט באַשלאָסן צו דערפירן ביז צום עקסטרעם, האָט ער נישט איינמאָל אין זיין לעבן פאַרראַטן זיך אַליין. אין זיינע פריִע, יונגלשע יאָרן האָט ער אינאיינעם מיט אַ גרופּע חברים גע־טרוימט וועגן אינדיעס פּאָליטישער באַפרייונג דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. אין יענעם פּעריאָד האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן, אַז כדי צו זיין בכוח אַרויס־צווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן ענגלאַנדס ממשלה, באַזונדערס אַ מיליטערישן ווידערשטאַנד, מוז מען אין אינדיע אָנהייבן עסן פליייש, און וואָס מער פליייש. די ענגלענדער זענען מעכטיק און זיי איז געלונגען אויפצובויען אַ וועלט־אימפּעריע, ווייל זיי זענען משנים קדמוניות גרויסע פליייש־עסער; אינדיע איז פאַרשקלאַפט געוואָרן דערפאַר, אָדער צום טייל דערפאַר, וואָס מחמת רעליגיעזע מאָטיוון האָבן דאָרט צענדליקער מיליאָנען מענטשן שוין דורות־לאַנג נישט פאַרזוכט דעם טעם פון בשר ודגים. איז עס אַ פּאַטריאָטישע מצוה צו ווערן אויס וועגעטאַריער, און אויב אַ מצוה, דאַרף ער זי דער ערש־

טער מקיים זיין. האָט ער זיך איינגעשאָפּט מיט דער הילף פון חברים אַ שטיקל ציגן־פלייש און מקיים געווען די נייע מצוה. וואָכן־לאַנג, ווי ער האָט אַמאָל דערציילט אין זיינער אַן אויטאָביאָגראַפישער סקיצע, האָט ער אָבער נאָכדעם נישט געקענט שלאָפן. ביינאַכט פלעגט אים נאָכגיין אַ שטראָפנדיקע שטים: „מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס האָסטו מיך געגעסן? איך בין דאָך געווען פונקט אַזאַ לעבעדיק באַשעפעניש ווי דו, מיט אַ נשמה, מיט פרייד און טרויער, מיט אַ ווילן צום לעבן און מיט פחד פאַרן טויט״. דאָס האָט דאָס ציגעלע אַרויסגערעדט פון זיין מאָגן און אים דערמאָנט אָן דעם ערשטן גרויסן חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען מחמת פאַטריאָטישער התלהבות.

איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן טשיקאַווען פאַקט פון זייער פריִער יוגנט ווי אַן אילוסטראַציע פאַר דעם געראַנגל אין זיין נשמה צווישן רעליגיע און נאַציאָנאַליזם. בודאָ זאָגט: „דו זאָלסט נישט טויטן נישט קיין מענטשן, נישט קיין חיה און נישט קיין פיש״, און דער נאַציאָנאַליסטישער רעוואָלוציאָנער טילאַק לאָכט זיך אויס דערפון און הייסט מאָרדן מענטשן, וואַרפן באָמבעס, פאַרגיפטן גענעראַלן, און אויב מ׳דאַרף צוליב דעם עסן פלייש, איז עס אַ מצוה, נישט קיין עבירה. און עס איז כלל נישט קיין צופאַל, וואָס אין א גע־וויסן פעריאָד פון זיין לעבן ווירקט אויף אים טילאַק שטאַרקער פון בודאָ.

אמת, גאַנדי האָט אין זיינע רייפע יאָרן זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּ־געזאָגט פון דער אידייע, אַז אינדיע קען און מעג באַפרייט ווערן אויף דעם וועג פון „כל הגויים״, דורך פיזישער קראַפט און באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז זיין אינדישער נאַציאָנאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אים אַ מקור פון קאָמפּראָמיסן, שווערע אומקאָנסעקווענטקייטן און געפערלעכע אַוועקבלאָנדזשעניש.

ווייל דער עיקר דורך עקסטרעמען און קראַנקהאַפטיקן נאַציאָנאַליזם קען מען דערקלערן זיין רעאַקציאָנערע פילאָזאָפיע פון קולטור. זינט דעם סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט האָט אייראָפּע געהאַט גענוג קריטיקער און „אָראָפּ־רייסער״ פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. זשאַן זשאַק רוסאָ און שאַטאָ־בריאַן האָבן געשטעלט דעם טאָן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און נאָך זיי האָבן כמעט אין אַלע אייראָפּעיִשע לענדער זיך באַוויזן פאַרביסענע קעג־נער פון טעכנישער ציוויליזאַציע, פון שטאָטישן לעבנס־נוסח, פון פּראַקטי־שער וויסנשאַפט און מאָדערנער קונסט. אין לעצטן דור האָט דעם גרעסטן אַנטי־ציוויליזאַטאָר אַרויסגעגעבן רוסלאַנד: יאָרנלאַנג האָט טאָלסטאָי גע־פירט אַ מין צו־להכעיס־פּראָפּאַגאַנדע קעגן שטאָט און פאַבריקאַציע, קעגן שעקספּיר און בעטהאָווען, קעגן וויסנשאַפטן, וואָס „קיינער דאַרף זיי נישט האָבן״, און, דער עיקר, קעגן מעדיצין. דעם דאָזיקן מאָטיוו פון „צוריק צו

פראַסטקייט״ האָט גאַנדי אַמאָל אויפגעכאַפּט ביי טאָלסטאָיען, און ער האָט זיך געפרייט, ווען ער האָט זיך אַנגעשלאָגן אָן ענלעכע געדאַנקען ביי וויליאַם מאָריס און ביי דעם ניו־ענגלענדער טאָראָ. גאַנדי האָט אָבער מיט דער צייט דערפירט דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג אַ סך ווייטער פון זיינע פאָרגייער, און קיינער פון זיי קען זיך מיט אים נישט פאַרגלייכן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן ליידנשאַפטלעכער שנאה צו דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע. אין זיין קאַמף קעגן ציוויליזאַציע איז רוסאָ געווען דער עיקר אַ ראָמאַנטישער אינדיווידואַליסט: ווער עס וויל פּראָווען צופיל יחידות און התבודדות, פּאַסט זיך נישט אַריין אין דעם ריטם פון מאָדערנעם אינדוסטריאַליזירטן לעבן. טאָלסטאָי האָט אידעאַליזירט דעם „פּראָסטאַק״ און דאָס „פּראָסטאַצקע״ לעבן מחמת אייגנאַרטיקע רעליגיעזע מאָטיוון: „בזעת אפיך תאכל לחם״, דאָס לעבן טאָר גאָרנישט אָנקומען לייכט; אָרעמקייט איז נישט נאָר נישט קיין שאַנד, נאָר אַפילו אַ יחוס, און אויב עמעצער אין אונדזער זינדיקער וועלט איז בכוח צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און צווישן שיינקייט און העסלעכקייט, איז דאָס קודם־כל דער פּ ו י ע ר. ווען טאָלסטאָי האָט אַזוי מקנא געווען צוליב זיין שורשדיקייט, צוליב זיין אינעווייניקסטער איינגעפונדעוועטקייט אין דער וועלט.

נישט רוסאָ, נישט טאָלסטאָי און נישט דער אַמעריקאַנער טאָראָ האָבן געהאַט וועלכע נישט איז נאַציאָנאַלע אָדער ראַסן־מאָטיוון פאַר זייער קאַמף קעגן דער קולטור פון אונדזער טעכנאָלאָגישער עפּאָכע. גאַנדיס אַנטי־ציוויליזאַטאָרישקייט ווערט אָבער געשפּייזט אין זייער אַ גרויסער מאָס (אויב נישט דער עיקר) פון זיין נאַציאָנאַליזם. וויסנשאַפט, מעדיצין, טעכנאָלאָגיע, מאָדערנע קונסט — דאָס אַלץ, אויב מ׳זאָל עס דאַרפן האָבן, מוז אינדיע באָרגן ביי ענגלאַנד, ביים פאָלק פון די אונטערדריקער, ביי די מערב־פעלקער בכלל. אינדיע האָט אַזאַ ציוויליזאַציע מיט אירע אייגענע מיטלען נישט געשאַפן, טראָץ דעם וואָס זי איז עלטער פון אייראָפּעיִשע פעלקער און האָט אָנגעפאַנגען איר פאַרטיפט קולטור־לעבן, ווען יענע זענען נאָך געווען באַרבאַרן. און אָט דעם דאָזיקן שפלות־געפיל לגבי ענגלאַנד, לגבי דעם מערב בכלל, קאָן גאַנדי נישט פאַרטראָגן. באָרגן ביי אייראָפּייער, גיין צו זיי אין חדר אַריין, קוקן אויף זיי פון אונטן אַרויף? דאָס וואָלט אפשר געהייסן באַשטעטיקן די באַרימטע באַהויפּטונג, אַז די אימפּעריאַליסטישע פעלקער האָבן אַ פּאָזיטיווע גייסטיקע מיסיע אין די קאָלאָניאַלע לענדער, אַז אויך אינדיע דאַרף נאָך לעבן אַ געוויסע צייט אונטער פרעמדער השגחה און קולטורעלער אַפּוטרופּסות. האָט טאַקע גאַנדי דערפאַר, נאָך מיט יאָרן צוריק, צום גרויסן פאַרדראָס פון זיין פריינט און קעגנער, ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, אָנגעהויבן

פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פון בייסנדיקער קריטיק און האַס קעגן דער גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע. וואָס אינדיע האָט נישט געשאַפן מיט אירע אָריגינעלע כוחות, פון זיך אַליין, אָן פרעמדע השפעות, האָט אָדער קיין ווערט נישט, אָדער עס האָט גאָר, פאַרקערט, אַ נעגאַטיוון ווערט. אינדוסטריע? ווער דאַרף זי האָבן? די פאַבריק מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ גיריקן און היימלאָזן גולם. מאַשינען? מענטשן ווערן צוליב זיי אַליין מאַשינאַווע, פאַרשקלאַפט, בהלה־דיק, אויסגעליידיקט פון זייערע בעסטע אינהאַלטן. אינדוסטריאַליזירן אַ לאַנד הייסט שאַפן דאָרט אַ גרויסן לוין־פּראָלעטאַריאַט — אויף וואָס דאַרף אינדיע האָבן אַזאַ אומגליקלעכן קלאַס, ווען עס איז אַ סך נאָרמאַלער, אַז דאָס פאָלק זאָל באַשטיין פון פּויערים און אינדיווידועלע בעלי־מלאכות, וואָס אַר־בעטן אין זייערע היימען? אייזנבאַנען? וווהין דאַרף מען זיך אַזוי איילן? וואָס האָבן מענטשן אַזוי קיין צייט נישט? „פון זינט ענגלענדער האָבן איינ־געפירט אין אינדיע אייזנבאַנען, זענען די גוטער אַנטלאָפן פון די פעלדער, ווייל זיי קאָנען נישט פאַרליידן דעם רויך און דאָס ווולגאַרע פייפן פון די לאָקאָמאָטיוון". מעדיצין? אויב אַ מענטש זאָל לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, נישט זיין קיין זולל וסובא און נישט באַגיין קיין סעקסועלע עבירות, וועט ער בכלל נישט קראַנק ווערן. די מאָדערנע מעדיצין מיט אַלע אירע דערגרייכונגען מאַכט די מענטשהייט קראַנקער, נישט געזונטער: מענטשן ווייסן, אַז מ'מעג זינדיקן און קראַנק ווערן, ווייל די שפּיטאָלן וועלן מסתמא נאָכדעם אויסקו־רירן. קונסט? ער האָט נאָך נישט געזען אַזאַ אייראָפּעיִש שטיק מאָלעריי, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן אין שיינקייט און דערהויבנקייט מיט אָן אויסגע־שטערנטן הימל אין אָן אינדישער נאַכט, און עס זענען נישטאָ אַזעלכע סימ־פאָניעס, וואָס זאָלן דערהויבן די נשמה מער ווי די אינדישע רעליגיעזע ניגו־נים. רעדנדיק וועגן קונסט, פלעגט ער אין אַ געוויסן פעריאָד אָפט אָנווייזן אויף אָסקאַר וואַילד ווי אויף אַ סימטפּאָם פון אומפאַרמיידלעכער מאָראַלישער געזונקנקייט. ער האָט נאָך איצט ליב צו ציטירן פון צייט צו צייט דעם באמת שאָקירנדיקן פאַקט פון אָסקאַר וואַילדס ביאָגראַפיע: ווען ער האָט באַגעגנט אין גאַס אַ בעטלער, האָט ער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן זיינע אומעסטעטישע שמאַטעס (שמאַטעס, האָט דער טעאַטראַלער וואַילד געגלויבט, דאַרפן אויך האָבן אַ באַשטימטן „סטיל"), און ער האָט אים דערפאַר געגומען צו אָן אַריסטאָקראַטישן שניידער און באַשטעלט פאַרן בעטלער פונעם בעסטן שטאָף נישט קיין נייעם בגד, נאָר... נייע שמאַטעס.

עסטעטיק, טענהט גאַנדי, אָפּגעשיידט פון מאָראַל, איז אין איר תוך פערווערז, נידערטרעכטיק, און דער פועל־יוצא? אייראָפּעיִשע קונסט פירט, אָדער קאָן פירן, אין דער שאול תחתיה אַריין — אינדיע דאַרף זי נישט האָבן.

אינדיע, האָט ער דערפֿאַר יאָרנלאַנג געפּרעדיקט, דאַרף זיך באַפֿרייען גישט נאָר פֿון ענגלאַנדס פּאָליטישער ממשלה, נאָר אויך פֿון יענער מערב־קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס די ענגלישע הערשער ברענגען אַריין אין לאַנד. זאָל דאָס ענגלישע מיליטער אַוועקגיין אַהיים און מיטנעמען מיט זיך אַלע אינדישע פֿאַבריקן און שפּיטאָלן, אייזנבאַנען און מוזייומס — נישט אינדיע האָט דאָס אַלץ געשאַפֿן און נישט זי דאַרף עס האָבן אין דער צוקונפֿט. אַ געוויסע צייט פֿלעגט ער אפֿילו אונטערשטרייכן דעם ענג־נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק, אַז בכלל דאַרפֿן פֿעלקער זיך נישט לאָזן באַפֿרוכפּערן איינס פֿונעם אַנדערן. זאָל יעדעס פֿאָלק לעבן בלויז מיט דעם וואָס עס קאָן אַליין פּראָדוצירן, אָן אויסטויש מיט אַנדערע פֿעלקער. עקספּאָרט און אימפּאָרט זענען בכלל אַ שעדלעכע און אוממאָראַלישע זאַך, צי עס האַנדלט זיך וועגן מאַטעריעלע סחורות, צי עס האַנדלט זיך וועגן גייסטיקע ווערטן. ווען איך וואָלט וויסן, וויפֿל מאָל מ'דאַרף דאָ זאָגן „להבדיל אלף הבדלות", וואָלט איך, אין שייכות דערמיט אָנגעוויזן, אַז פֿופֿצן אָדער צוואַנציק יאָר פֿאַר היטלערן האָט שוין גאַנדי געפּרוּווט פֿאַרשפּרייטן אַ טעאָריע פֿון נאַציאָנאַלער „אויטאַרקיע"...

עס האַנדלט זיך דאָ, נאַטירלעך, נישט וועגן באַשולדיקן גאַנדין אין זיין לחלוטין אומגערעכט צו דער מאָדערנער מערב־ציוויליזאַציע. אַוודאי און אַוודאי זענען אַ סך פֿון זיינע קריטישע באַמערקונגען און אויסזעצונגען באַגרינדעט און אויסגעהאַלטן. ווער קאָן דען לייקענען, אַז די מערב־קולטור טראָגט אין זיך געפֿאַרן פֿון ירידה און דעגענעראַציע? גאַנדי האָט אָבער גע־דאַרפֿט וויסן אָדער נעמען אין אַכט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ געבילדעטער אייראָפּייער אָדער אַמעריקאַנער, וואָס אַן ערנסטע קריטיק פֿון זיין קולטור אָדער ציוויליזאַציע זאָל אים זיין פֿרעמד. קיין חידושים האָט דאָ גאַנדי נישט מחדש געווען; ער האָט נאָר גענומען עטלעכע ערנסטע אויסזעצונגען און זיי דערפֿירט ביז צו דער מדרגה פֿון אַבסורד. און געטאָן האָט ער עס נישט סתם ווי אַן אָביעקטיוועך פֿאָרשער אָדער אַנאַליטיקער, נאָר מיטן כּעס און האַס פֿון אַ געקריוודעטן נאַציאָנאַליסט, וואָס קאָן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ מערב־פֿאָלק זאָל אין וועלכער נישט איז וויכטיקער אָנגעלעגנהייט שטיין העכער פֿונעם אינדישן פֿאָלק. קראַנקהאַפֿטיקער פּאַטריאָטיזם האָט פֿאַרפֿירט אַ נביא, אַ רעליגיעזן אוניווערסאַליסט, אויף די געפֿערלעכע וועגן פֿון אתה־בחרתנו־באַגרענעצטקייט און פֿון ענגהאַרציקן און צו־להכעיסדיקן נאַציאָנאַליזם.

ווען גאַנדי וואָלט גאָרנישט פֿאַרמאָגט אַחוץ אַזאַ נאַציאָנאַליסטישן פּאַטאָס; ווען עס וואָלט פֿון זיין פּערזענלעכקייט נישט אַרויסגעשטראַלט אויך עפּעס העכערס און מענטשלעך־טיפֿערס, וואָלט ער אפֿשר געוואָרן אין אינדיע

דער פירער פון אַ רעאַקציאָנער־נאַציאָנאַליסטישער קולטור־באַוועגונג. ער וואָלט אָבער נישט געקאָנט שפּילן דאָרט יענע ראָלע פון אַ רעוואָלוציאָנערן לעבנס־באַנייער, וואָס גרויסע צאָלן מענטשן פון זיין פאָלק און פון זיין פאָלקס אינטעליגענציע זענען גרייט אים צו פאָלגן און צו גיין אויף זיין רוף על קידוש השם.

וואָס־זשע איז זיין אַנדערער, זיין רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס? אין וואָס באַשטייט דער סוד פון זיין אומגעוויינלעכער השפעה?

איז דער כוח פון זיין איינפלוס אַ רעליגיעזער? אָבער אין אַ לאַנד ווי אינדיע, ווו אַלע ווייסן, אַז אין די הימאַלאַיען־בערג גייען אַרום אין יאָרן־לאַנגער התבודדות הונדערטער „סאַדהוס" (צדיקים) און אַסקעטישע מיסטי־קער, איז אינדיווידועלע פרומקייט, מיט אירע שטילע און טיפע דבקותן, נישט קיין נייס און שוין לאַנג נישט קיין ווונדער. נישט דערמיט האָט גאַנדי גע־קאָנט אימפּאָנירן זיין פאָלק און פאַראייניקן אַרום זיין פּערזענלעכקייט סיי הינדוסן און סיי מאַכמעדאַנער, טראָץ דער דורות־לאַנגער קנאה־שנאה, וואָס הערשט צווישן זיי.

גאַנדיס „אויפטו" — אויב מען מעג נוצן אַזאַ וואָרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן די פּאַראַדאָקסאַל־טראַגישע ראַנגלענישן, מיט וועלכע זיין לעבן איז אַזוי רייך — באַשטייט אין עפּעס אַנדערש: אין זיין דרייסטן פּרווו אויפצו־בויען אַ סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונג — אַ באַוועגונג, וואָס שטרעבט צו אַ היסטאָרישן תכלית — אויף אַ רעליגיעזן פּרינציפּ.

רעוועראַנד האָמס, אַ לאַנגיאָריקער פריינט און שטיצער פון דער אינ־דישער באַוועגונג, האָט אַ פּאָר מאָל פאַרגליכן גאַנדין צו ישו הנוצרי. ער האָט דערביי פאַרגעסן, ווי לפי ערך לייכט און איינפאַך עס איז געווען ישוס לעבנס־אויפגאַבע און ווי שווערער, ווי מאַראַליש־קאָמפּליצירטער און רעלי־גיעז־געפערלעכער עס זענען די אויפגאַבן וואָס גאַנדי האָט זיך געשטעלט. ישו האָט ביי זיך געפּועלט צו לעבן מחוץ די גרענעצן פון געשיכטע. ער האָט נישט געזוכט צו דערגרייכן וועלכע נישט איז סאָציאַלע אָדער היסטאָרישע צילן. „גאָטס קיניגרייך" איז פאַר אים געווען אַן אינדיווידועלער גייסט־צו־שטאַנד, אַן „אימפּעריע" וואָס קאָן, ווי ער האָט געגלויבט, אויפגעבויט ווערן אין יעדער אינדיווידועלער נשמה, און אפשר גאָר בלויז אין אַן אינדיווידוע־לער נשמה. קיין קאָלעקטיווע „תכליתים" אויף דער־וועלט האָט ער נישט געזוכט. פּאָליטיק איז אים געווען, לויט זיין עצם, פרעמד און דערווידער. און אויפן גרונט פון זיין רעליגיעזן אינדיווידואַליזם האָט ער געקאָנט ראָטן זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן זיך בכלל נישט דאגהן וועגן אַזעלכע „נישטי־קייטן" ווי שטאַט און אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט. „גיב דעם קיסר דאָס וואָס

עס קומט אים (ריכטיקער, דאָס וואָס דער קיסר האַלט אַז עס קומט אים), כדי דו זאָלסט קאָנען פריי אַלץ איבעריקע אַוועקגעבן גאָט".

פאַר גאַנדין שטייט אָבער דאָס פּראָבלעם נישט נאָר פון דינען גאָט, נאָר אויך פון באַזייטיקן דעם „קיסר", פון אויפהערן צאָלן אים צינזן. זיין וועג איז דערפאַר גאָר נישט אַזאַ איינפאַכער, ווי דער וועג פון דעם רעליגיעזן אַנאַרכיסט, וואָס איגנאָרירט די מלוכה און זוכט גאָר נישט צו ענדערן דאָס פּנים פון דער סאָציאַלער וועלט.

ישו האָט נישט געפילט קיין סאָציאַלע התחייבותן צו קיין באַשטימטן פאָלק, קלאַס אָדער קאַסטע, און אויף זיין געוויסן האָט קיינמאָל נישט געלאַסטעט די אחריות פאַרן כלל, פאַר וועלכן נישט איז קאָלעקטיוו. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ דערלייזונג־מאָטיוו בלויז פאַר דעם יחיד, פאַר יעדן יחיד, וואָס איז אַליין גרייט צו ווערן אַ ישו בזעיר אנפּין, בשעת גאַנדי האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרקערפּערן אַ טייל פון דער מעטאַפיזישער וועלט אין דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, אין דער סאָציאַלער סביבה פון זיין לאַנד. ער איז דערפאַר שטענדיק אויסגעזעצט צו אַזעלכע קאָנפליקטן, וואָס וועגן זיי האָט ישו, אין זיין קינדיש־גענіאַלער רעליגיעזער פּשטות, אפילו קיין אַנונג נישט געהאַט. ווי האָט עס אַמאָל טאָלסטאָי פאָרמולירט? „צוליב זיך אַליין וועל איך קיינמאָל נישט גנבענען, אפילו כדי זיך צו ראַטעווען פון הונגער־טויט; איך האָב אָבער מורא, אַז ווען מיין פאַמיליע זאָל אָנהויבן הונגערן, וועט עס לאַנג נישט דויערן און איך וועל זיך נעמען גנבענען. צוליב מיין פאַמיליע וועל איך קיינעם נישט מאָרדן, אפילו ווען עס זאָל אויף איר לויערן אַ גרויסע סכנה; איך האָב אָבער מורא, אַז אויב מיין פאָלק זאָל שטיין פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, וועל איך זיין גרייט אויך צו מאָרדן".

וואָס ברייטער עס איז דער שטח פון סאָציאַלע שייכותן און פאַראַנט־וואָרטלעכקייטן, אַלץ גרעסער איז די געפאַר זיך אָפּצורייסן פון רעליגיעזע און מאָראַלע ווערטן און באַגיין גרויסע עבירות צוליב... אַ סאָציאַלער מצוה.

גאַנדי האָט שטענדיק געוווּסט פון די דאָזיקע געפאַרן און דאָך האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו אַנטלויפן פון דער געזעלשאַפט און, ווי אַ סך רעליגיעזע נאַטורן אין אינדיע און אין דער אַמאָליקער קריסט־לעכער וועלט האָבן עס געטאָן, זיך איינצושליסן אין דער ווייניקער ריזיקאַ־לישער וועלט פון רעליגיעזן אינדיווידואַליזם. ער איז אַמאָל געשטאַנען פאַר אַן אַלטערנאַטיווע — רעליגיע אָדער פּאָליטיק — און זיין ענערגישער ענט־פער צו זיך אַליין איז געווען: פּאָליטיק אָנגעטרונקען מיט רעליגיעזן פּאַטאָס, סאָציאַלער קאַמף וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון העכערע מאָראַלישע ווערטן. ער האָט גענומען נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צילן, וואָס זענען נאָך פאַר אים

געשטאַנען, פֿאַרגעשוועבט פֿאַרן באַוווסטזיין און פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע פֿון זיינע פֿאָלקס־ברידער. און האָט דערקלערט: אַט די צילן זענען הייליק, אָבער דערגרייכט ווערן קאָנען זיי, מעגן זיי, בלויז דורך געהייליקטע מיטלען; און אויב מען זאָל מוזן אָנווענדן מיטלען און מעטאָדן, וואָס זענען לויט זייער נאַטור אַנטי־רעליגיעז אָדער אַנטי־מאָראַליש, זענען יענע צילן נישט ווערט מען זאָל פֿאַר זיי קעמפֿן.

מיכאַילאָווסקי האָט צוריק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף די צוויי טייטשן פֿון דעם וואָרט „פּראַוודאַ". „פּראַוודאַ" הייסט אין איין און דערזעלביקער צייט אי אמת אי ג ע ר ע כ ט י ק י י ט. דאָס פֿאָלק, וואָס האָט דאָס וואָרט געשאַפֿן, האָט, הייסט עס, געפֿילט, אַז ערגעץ־ווו זענען אמת און גערעכטיקייט איין און דערזעלביקער באַגריף, איינע און די זעלביקע קראַפֿט: דאָס אינטעלעקטועלע און דאָס עטישע זענען בלויז צוויי אַנטפּלעקונגען פֿון איין און דעם זעלביקן וועזן.

גאַנדי, פֿון זיין זייט, סימבאָליזירט זיין גאַנצע פֿילאָזאָפֿיע מיט איין סאַנסקריט־וואָרט — סאַטיאַגראַהאַ" — וואָס דריקט אויס מיט זיך אי אמת, אי גערעכטיקייט, אי ק ר אַ פֿ ט. אמת און גערעכטיקייט (אַמאָל ניצט ער אָנשטאָט גערעכטיקייט ל י ב ע) טראָגן אין זיך זייערע אייגענע פֿאַרווירקלעכונג־מעגלעכקייטן, אויב מען דינט צו זיי ערלעך, אויב מען פֿאַר־שוועכט זיי נישט מיט נישט־אמתע און אומגערעכטע מיטלען.

די עטישע פֿאָדערונג, וואָס ער שטעלט אַוועק ווי אַ יסוד פֿאַרן פּאָלי־טישן און סאָציאַלן קאַמף, איז נאַטירלעך נישט קיין נייע. אינדיע האָט נישט געדאַרפֿט וואַרטן אויף תורת משה, כדי זי זאָל פֿון דאָרט זיך דערוויסן וועגן „לא תרצח", און פֿינף יאָרהונדערטער פֿאַר דער אַנטשטייונג פֿון קריסטנטום האָט שוין בודאַ געלערנט זיינע תלמידים קיינמאָל נישט צו טאָן קיין שלעכטס קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש. אויך בודאַ איז אין דעם פּרט נישט געווען קיין מחדש. נאָך פֿאַר אים האָט אינדיע געהערט מאַהאַווירא פּרעדיקן פֿאַר זיינע נאָכפֿאָלגער דעם פּרינציפּ פֿון „אַהימסאַ" — פֿון זיך נישט באַנוצן מיט פֿי־זישן כוח, פֿון נישט באַצאָלן מיט בייזן פֿאַר בייזן. גאַנדי האָט נישט קיין פּרעטענזיעס אויף אַן אייגענער רעליגיעזער שיטה; זיין „אויפֿטו" באַשטייט אין דער גרייטקייט צו נעמען אַן אוראַלטן רעליגיעזן פּרינציפּ און מאַכן אים פֿאַר דער טרייב־קראַפֿט פֿון אַ גרויסער פּאָליטישער פֿאָלקס־באַוועגונג. אויף אַזעלכע גייסטיקע אַוואַנטורעס האָבן זיך אַמאָל אַוועקגעלאָזן די קוועיקערס אין פּענסילווייניע, און צוריק מיט אַ פּאָר דורות די דוכאָבאָרן אין רוסלאַנד. ביידע באַוועגונגען זענען אָבער געווען עקספּערימענטן אויף אַ שמאָלן טע־ריטאָריעלן שטח, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. די גאַנדי־באַוועגונג איז אפֿשר

די ערשטע רעוואָלוציאָנער־פּאַסיפיסטישע קראַפט, וואָס עקספּערימענטירט אויפן שטח פון אַ ריזיק לאַנד, מיט הונדערטער מיליאָנען נפשות. דער ערש־טער גרויסער פּרווו פון אַ בלוטלאָזער און גוואַלטיקער רעוואָלוציע.

יאָרן פון לעבן און קאַמף האָבן גאַנדין געצווּנגען זיך מודה צו זיין, אַז אין אונדזער וועלט איז נישטאָ און וועט קיינמאָל נישט זיין קיין מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון גוואַלטלאָזיקייט אין זיין אַבסאָלוטער און ריינער פאָרם. מיר זענען, האָט ער די לעצטע יאָרן געמוזט דערקלערן מיט אַ געפיל פון רעזיגנאַציע, פאַרמשפּט צו באַגיין געוויסע פאַרברעכנס. אַ באַ־שטימטער עלעמענט פון זינדיקייט קאָן בכלל, ווי ער מיינט, פון אונדזער קאָסמאָס נישט באַזייטיקט ווערן. אַבסאָלוטע קדושה איז אַ באַגריף פון אַן „אַנדער וועלט". פאַר געוויסע פאַלן האָט ער מיט דער צייט געמוזט מתיר זיין אַפילו מאָרד.

אַנגעהויבן האָט זיך עס, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, צוליב אַ מעשה מיט הינט. אין אַ שטעטל האָבן אַ געוויסע צייט געבושעוועט זעכציק משוגענע הינט. אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג זענען שוין דאָרט ארומגעגאַנגען צע־ביסענע און געפערלעך קראַנקע. איז געקומען פון דאָרט אַ דעלעגאַציע צו גאַנדין מיט אַ שאלה: וואָס זאָל מען טאָן מיט דער דאָזיקער צעווילדעוועטער חיהשער אַרמיי? און גאַנדי האָט געפּסקנט, אַז זיי זאָלן אַהיימפאָרן, אָפּזינגען געוויסע רעליגיעזע ניגונים, אויסשיסן אַלע משוגענע הינט און נאָכדעם... גיין אין קירך און טאָן דאָרט תשובה פאַר דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס זיי זענען באַגאַנגען.

אויפגערעגטע תלמידים האָבן אים נאָכדעם געפרעגט, אויף וואָס פאַראַ סמך ער האָט מתיר געווען צו מאָרדן זעכציק לעבעדיקע נפשות, און פון ווען אָן האַלט ער עס, אַז אַ מענטש האָט דאָס רעכט אַוועקצונעמען דאָס לעבן ביי קראַנקע חיות, כדי צו באַשיצן דאָס לעבן פון געזונטע מענטשן? גאַנדי האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז ער האָט געהייסן מאָרדן די הינט נישט נאָר צוליב די מענטשן, וואָס האָבן פון זיי אַזויפיל געליטן, נאָר אויך צוליב די הינט גופא: אויסהיילן די הינט, האָט ער געוווּסט, קאָן מען שוין נישט, און צוליב רחמנות מיט זייערע ליידן איז גלייכער צוצונעמען ביי זיי דאָס לעבן. שיסן די הינט איז בכן, אין אַ געוויסן זין, גאָר געווען אַ מצוה, און דאָך איז עס פון יענע מצוות, וואָס מ'דאַרף נאָך זיי תשובה טאָן: תשובה טאָן אין אַזאַ פאַל איז אַ מין אויסדרוק פון צער אויף אַן אומבאַגרייפלעכער, טראַגיש־פאַרפּלאָנ־טערטער וועלט, אין וועלכער מ'מוז אַמאָל פאַרגיסן בלוט מחמת רחמנות. מיט דער דאָזיקער דערקלערונג האָט גאַנדי געשטעלט אַ געוויסע צאָל פון זיינע נאָכפאָלגער אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער פאַרלעגנהייט. הייסט עס,

האָבן זיי געטענהט, אַז מ׳טאָר נישט מאָרדן מחמת שנאה, נאָר מ׳מעג עובר זיין אויפן „לא תרצח" מחמת ליבע — יעדנפאַלס ווען עס האַנדלט זיך וועגן חיות. זיי אָנערקענען אָבער נישט (אַן אַלטער שטריך פון פּאַנטעיִסטי־שער רעליגיאָזיטעט), אַז דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז פּרינציפּיעל ווערט־פולער פונעם לעבן פון אַ חיה, און אַז רחמנות איז אַ היתר אויף בלוטפאַרגי־סונג. פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן אָנווענדן דעם זעלביקן פּרינציפּ אויף באַציִונגען מיט מענטשן? אַט האָט נישט לאַנג צוריק, האָבן זיי אָנגעוויזן גאַנדין, אַ פּאַריזער שוישפּילערין דערשאָסן אויף טויט איר געליבטן, און גע־טאָן האָט זי עס, ווי עס האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעשטעלט, דערפאַר וואָס ער האָט געליטן פון אַ שווערער, אומקורירבאַרער קראַנקייט, און זי האָט אים געוואָלט באַפרייען פון האָפענונגסלאָזעליידן. האָט גאַנדי אויך אין דעם פאַל געגעבן דעם זעלביקן מעלאַנכאָלישן ענטפער: ער קאָן נישט פאַרמשפּטן די שוישפּילערין פאַר איר רחמנות־מאָרד, כאָטש... אויך זי דאַרף תשובה טאָן, זוכן אַ תיקון פאַר דעם מאָרד וואָס זי איז באַגאַנגען. אָבער אויב די זינד ליגט נישט אין דעם אַ ק ט פון טויטן אַ לעבעדיק באַשעפעניש, נאָר אין דעם מ אָ ט י ו : אויב קין איז אַ רוצח נישט דערפאַר וואָס ער האָט פאַרגאָסן הבלס בלוט, נאָר ווייל ער האָט עס געטאָן מחמת האַס און קנאה, אפשר מעג מען נאָך ווייטער? אפשר מעג מען הרגענען איין מענטשן מחמת ליבע צו אַן אַנדערן? אַט זע איך, למשל, אין אַ וואַלד ווי אַ מענטש קלייבט זיך פאַרגוואַל־טיקן אַ פרוי — מעג איך שיסן יענעם מאַן, כדי צו ראַטעווען דעם כבוד און די ריינקייט פון דער פרוי? אַזעלכע פראַגן פלעגט מען אַמאָל שטעלן טאָל־סטאָיען, און דער אַלטער אַפּאָסטאָל פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ פלעגט געוויינ־לעך ענטפערן אויף זיי מיט אומבאַרעכטיקטן כעס: וואָס פרעגט מען אים, פלעגט ער שרייען, קלאָץ־קשיות? פאַרוואָס מוטשעט מען אים מיט „אויסגע־טראַכטע סיטואַציעס"? גאַנדי איז אין אַזעלכע פאַלן ערלעכער און מוטיקער פון טאָלסטאָיען. ער איז קיינמאָל נישט אין כעס, ער גיט צו, אַז אַזעלכע סיטואַציעס זענען בפירוש פאַראַן, און ער איז גרייט צו עצהן, אַז אויב אַלע מאָראַלישע מיטלען פון ווירקן אויף דעם מענטשן מיט דער פאַרברעכערישער כוונה זענען שוין אויסגעשעפּט געוואָרן, און אויב עס איז דיר אַבסאָלוט קלאָר געוואָרן, אַז דו קאָנסט נישט פאַרמיידן זיין פאַרברעך אויך דורך מפקיר זיין דאָס אייגענע לעבן, און דו האָסט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט — שיס און... טו תשובה. גאַנדי האָט אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט מסכים זיין מיט זיינע אָפּאָנענטן (אָדער מיט תלמידים, וואָס האָבן זיך בכיוון פאַרשטעלט פאַר אָפּאָ־נענטן), אַז מ׳מעג, למשל, דערמאָרדן צען ענגלישע גענעראַלן מחמת ליבע צו 350 מיליאָן אינדיער. היסטאָרישע פּראָבלעמען, סאָציאַלע פראַגן, ענינים

וואָס האָבן אַ שייכות צו פּאָליטישן „תכלית", טאָרן נישט פּאַרענטפערט ווערן דורך ברוטאַליטעט און שפיכת־דמים. אין פּאָליטיק קאָן מען קיינמאָל נישט זאָגן, אַז אַלע מאָראַלישע מיטלען זענען שוין אויסגעשעפּט, אַז אַלע מעטאָדן פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָבן שוין באַנקראָטירט און שפיכת־דמים איז געבליבן דאָס איינציקע מיטל צו דערגרייכן דעם ציל. וואָס ס'איז נישט געלונגען היינט, וועט געלינגען מאָרגן, און דער דורכפאַל פון מאָרגן איז נאָך כלל נישט קיין באַווייז, אַז איבערמאָרגן וועט די זעלביקע מעטאָדע פון געוואַלטלאָזן קאַמף נישט געקרוינט ווערן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג.

ווען גאַנדי האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר געמאַכט אַ פּרווו ענדגילטיק צו פאָרמולירן זיין טעאָריע פון געוואַלטלאָזיקייט, האָט ער געמוזט מודה זיין, ווי איך האָב שוין פריִער אָנגעוויזן, אַז די מעגלעכקייט זי דורכצופירן אין לעבן איז אַ רעלאַטיווע, נישט קיין אַבסאָלוטע. קיין איין־און־איינציקער מענטש קאָן נישט אָוועקגיין פון דער וועלט אַן אַבסאָלוט ריינער, נישט קיין זינדיקער. פון דער דאָזיקער פּאַטאַלער זינדהאַפטיקייט האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן נישט ישו הנוצרי און נישט בודאַ, נישט מאַהאַווירא און נישט פראַנ־ציסקוס פון אַסיזי. מעגן מיר זיין די שטרענגסטע וועגעטאַריער — עסן מיר דאָך פלאַנצן, און פלאַנצן זענען דאָך אויך לעבעדיקע נפשות, כאָטש באַשאַנ־קען מיט אַ וויטאַליטעט פון אַן אַנדערן און „נידעריקערן" כאַראַקטער. און וויפל ביליאָנען באַשעפענישן שלינגט איין אין זיך יעדער מענטש מיט אַ טראָפּן וואַסער און דורך אָטעמען לופט? און מיט וואָס, האָט גאַנדי געמוזט צוגעבן אין אַ ביטערער מינוט פון מוטיקער אויפריכטיקייט, איז דער באָיקאָט פון ענגלישע סחורות ניט קיין געוואַלט־טאַט, ניט קיין אַרויסרייסן דעם ביסן ברויט פון טויזנטער ענגלישער אַרבעטער־מיילער? די וועלט — פאַרוואָס, קאָנען מיר נישט וויסן — איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר דער שטרענגער דורכפירונג פון קאַטעגאָרישע אימפּעראַטיוון. די פּרינציפּן פון רעליגיע און פון אַבסאָלוטער מאָראַל מוז דערפאַר באַטראַכט ווערן, אויב מ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן, ווי מאַטעמאַטישע פיגורן און סימנים. קיינער האָט נאָך אין דער פיזיקאַלישערווירקלעכקייט נישט געזען אַ געאָמעטרישע ליניע אָדער אַ געאָ־מעטרישן פּונקט. ווי דין מיר זאָלן נישט דורכפירן אַ ליניע אויפן פּאַפּיר, איז זי שוין אַ פיזישע, נישט קיין מאַטעמאַטישע. אויף וואָס־זשע דאַרפן מיר בכלל האָבן די געאָמעטרישע ליניע ווי אַ באַגריף, ווי אַ פּאַרשטעלונג? ווייל זי איז רעאַל אין אַן אַנדער וועלט און ווייל זי קאָן דינען אין דער וועלט ווי אַ רעגולאַטיווער פּרינציפּ, ווי עפּעס צו וואָס מיר קאָנען אייביק שטרעבן זיך צו דערנענטערן און קיינמאָל עס נישט דערגרייכן. די רעליגיעזע ווערטן און אַבסאָלוט־מאָראַלישע פּרינציפּן זענען די שטערן אין

הימל: מען קאָן צו זײ קײנמאָל נישט צוקומען, מ׳קאָן אָבער זיך לאָזן פון זײ פירן, לויט זײ זיך אָריענטירן אין דער חשכות פון לעבן און פונעם לעבנס לאַבירינט. זײער פּראַקטישע באַדײַטונג באַשטײט אין דער דינאַמישקײט, וואָס זײ רופן אין אונדז אַרויס, אין די נשמה־שפּאַנונגען וואָס זײ לאָזן אין אונדז אויפציטערן, אין דעם באַוווּסטזײַן פון זינדיקײט וואָס זײ פאַרשאַרפן אין אונדז.

דערמיט האָט גאַנדי אַרויסגעוויזן זײַן חוש פאַר דעם טראַגישן, פאַטאַלן, אומפאַרמײדלעכן. זײַן רעליגיעזע לײדנשאַפט האָט אים נישט געמאַכט פאַר קײן בלינדן דאָגמאַטיקער, און די גרויסע מאָס סקעפּטיציזם וואָס ער האָט אויסגעדריקט בנוגע דער דורכפירבאַרקײט פון זײַן אײגענער לערע, איז אַ באַווײז פון זײַן ערלעכן געפיל פאַר רעאַליטעטן. מיסטיק און רעאַליזם — אָט דער דאָזיקן זיווג פון צווײ „קעגנזאַצן" — איז דער מקור פון גאַנדיס סטימולירנדיקער ווירקונג אויף דער אינטעליגענציע, אויף יוגנט, אויף די מאַסן און אומגעבילדעטע אין אינדיע, וואָס זוכן אַ רעליגיעזן וועג פאַר סאָציאַלע דערגרײכונגען און לעבנס־באַנײַונג. דאָס איז, אין אַ גרויסער מאָס, דער סוד פון זײַן „דיקטאַטאָרישער" מאַכט אין אינדיע אין משך פון אַ רײ יאָרן.

ער האָט געשאַפן אַ סינטעז פון רעליגיעזער עבודה און סאָציאַלן קאַמף. אַ סינטעז פאַר מאַסן, נישט בלויז פאַר יחידי סגולה. ער איז דערמיט געוואָרן אַ וועגווײַזער פאַר די אונטערדריקטע פון זײַן פאָלק, און דער בײַשפּיל פון אינדיע קאָן נאָך מיט דער צײַט ווערן אַ קאַמף־פאָלקלאָר פאַר די אונטערדריקטע פון דער גאַנצער וועלט.

אָבער אין וואָס באַשטײט פּראַקטיש דער בײַשפּיל פון אינדיע? וואָס זענען די קאָנקרעטע דערגרײכונגען פון גאַנדין און זײַנע מעטאָדן? וואָס איז דער מוסר־השכל פון דער אינדישער פרײַהײט־באַוועגונג פאַר אונדז — אײראָפּײער, אַמעריקאַנער?

צו זיבעציק יאָר קוקט גאַנדי צוריק אויף זײַן פאַרגאַנגענהײט און דאָס געוויסן פאָדערט פון אים אַ חשבון־הנפש: צי האָט זיך געלוינט צו גײן אויפן וועג וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן? צי איז ער נישט באַגאַנגען קײן חטא דערמיט, וואָס ער האָט אַזוי פיל טויזנטער מיט טויזנטער פון זײַנע מיטמענטשן און פאָלקס־ברידער, גערופן צו גײן מיט אים אויף דעם שווערן און דאָרנדיקן וועג פון בלוטלאָזן קאַמף? צוויי און דרײַסיק יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער עקספּערימענטירט מיטן פּרינציפּ פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד — פריער אין דרום־אַפריקע און נאָכדעם אין אינדיע — וואָס־זשע זענען די פּועל־יוצאס פון דער פּראַקטישער אָנווענדונג פון יענעם פּרינציפּ? רעליגיעזע דאָן־קיכאָטישקײט אָדער פּראַקטישער זיג?

דער זיג, ווייסט ער, איז נאָך ווייט. אינדיע איז נאָך אַלץ נישט פריי, און דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האַלט דאָרט נאָך אָן זיינע וויכטיקסטע פּאָזיציעס. צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון די „נידעריקע" קאַסטן ווערן נאָך אַלץ באַטראַכט ווי „טמאים"; דאָס אינדישע דאָרף, און דאָס הייסט דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם פאָלק, איז נאָך אַלץ אָרעם, אויסגעהונגערט, סאָציאַל פאַרשקלאַפּט און מאָראַליש דערשלאָגן. דער תהום צווישן מאָכמע־דאַנער און הינדוסן איז נאָך ווייט נישט פאַרשאָטן, און אין געוויסע געגנטן פון לאַנד קאָנען נאָך אויך איצט יעדן טאָג אויסברעכן בלוטיקע צונויפשטויסן צווישן פאַנאַטישע אַנהענגער פון די צוויי אמונות. זיין זון הויבט שוין אָן אונטערצוגיין; אין גיכן, ווייסט ער, וועט גאָט צוריק־פאַרלאַנגען פון אים דעם פקדון, וואָס ער האָט אַריינגעהויכט אין זיין קערפּער, און ווען די אומ־פאַרמיידלעכע שעה וועט קומען — מיט וואָס וועט ער אַוועקגיין פון דער וועלט? מיטן באַוווסטזיין פון זיג אָדער מיט אַ ביטערן געפיל פון אַנטוישונג און פון אויסגעלאָשענע האָפענונגען? האָט ער דאָך העכער דרייסיק יאָר גע־זוכט נישט בלויז אויסדרוק פאַר זיינע רעליגיעזע געפילן און נישט סתם קאָפּ־פאַרשטענדעניש פאַר זיין לערע, נאָר אויך פּאָליטישן „תכלית". האָט ער דאָך צוגעזאָגט זיינע תלמידים, אַז וואָס ריינער די מעטאָדן פון קאַמף, וואָס ווייטער פון האַס און געוואַלט — אַלץ נענטער צו זיג און צו תכלית. איז דען זיין וואָרט מקויים געוואָרן?

ווען גאַנדי זאָל היינט פּרווון מאַכן זיין חשבון־הנפש און אונטערציִען אַ סך־הכל פון זייןליידנשאַפטלעכן און ליידנספולן לעבן, וועט ער זיכער קומען צום אויספיר, אַז ווען ער וואָלט נאָכאַמאָל געבוירן געוואָרן און אין זכרון וואָלטן געבליבן אַלע זיינע דערפאַרונגען, אַלע פּרטים פון זיינע קאַמפן און דורכפאַלן, וואָלט ער אין זיין נייעם גילגול אויפסניי אָנגעהויבן גיין אויף דעם זעלביקן וועג וואָס ער איז געגאַנגען אין זיין איצטיקן „גילגול".

זיינע נאָכפאָלגער — ווער זענען זיי? ער איז צו־רעאַליסטיש, אַז ער זאָל זיך דערלויבן צו איבערטרייבן זייער צאָל. ער האָט שטענדיק געוווּסט, אַז צווישן די מיליאָנען פון זיינע פאָלקס־ברידער, וואָס האָבן מיט אים מיט־געזונגען זיינע תפילות און האָבן מיט די ליפּן נאָכגעזאָגט זיין נדר קיינמאָל זיך נישט צו באַרויקן ביז זיי וועלן באַפרייען אינדיע פון פרעמדער הערשאַפט און דעם אינדישן פאָלקס־מענטשן פון זיין היימישער שקלאַפעריי, און קיינ־מאָל נישט צו נוצן אין זייער קאַמף קיין ביקס און קיין שווערד, קיין שטעקן און קיין שטיין, איז פאַראַן בלויז אַ קליינע מינדערהייט, וואָס האָט עס נאָכ־געזונגען און נאָכגעזאָגט מיט כוונה; וואָס האָט אין דעם געגלויבט מיטן כוח און מיט אַ שעפערישן אויפציטער פון דער נשמה. וויפל מאָל האָבן אים זיינע

אייגענע נאָכפאָלגער פאַרראַטן, נישט ווילסנדיק אַפילו, אַזוי זיי באַגייען אַ פאַרראַט וויפל מאָל האָבן זיי, טראַגנדיק זיין פאָן און זינגענדיק זיינע ניגונים, געשלאָגן ענגלישע פּאָליציסטן, דערמאָרדעט ענגלישן סאָלדאַטן, פאַרברענט באַאַמטע לעבעדיקערהייט, פאַגראַמירט הינדוסן, פאַרמוטשעט צום טויט מאָכ־מעדאַנער, פאַרשוועכט הייליקטימער; וויפל מאָל האָבן זיי אים דערבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך שלאָגן אין זיין האַרצן „אשמתי, בגדתי״; אַז ער פאַר־זענלעך זאָל זיך פּילן פאַר גאָט און פאַר לייטן שולדיק אין מאָרד, אין רציחה, אין פּאָגראָמען — ווייל ער האָט אין יענע אַנאָנימע מאַסן אויפגעוועקט היס־טאָריש אונטערדריקטע הונגערס און דורשטן, איינגעהויכט אין זיי דעם גייסט פון רעוואָלט און קאָמפּסלוסטיקייט, און ווייל אים איז נישט געלונגען צו באַוואָפענען זיי מיט יענע כשרע כדי־זיך, אין וועלכע ער גלויבט; וויפל מאָל איז ער געוועזן גרייט צו פאַלן כורעים פאַר זיין באַשעפער, באַשיטן זיין קאָפּ מיט אַש און שטויב און אויסשרייען פון זיין פאַרוווּנדעט און, ווי ער האָט געמיינט, אויך זינדיק האַרץ: „נעם צו, רבונו של עולם, מיין שליחות פון מיר; שיק מיך מער נישט צום פאָלק; איך בין נישט דער באַרופענער; דו האָסט, כביכול, געמאַכט אַ טעות אין דיין אויסוואַל״.

און דאָך: די מינדערהייטן פון צווישן יענע מיליאָנען האָבן אים נישט אָפּגעגאַרט. און יענע מינדערהייטן זענען נישט באַשטאַנען פון „יחידי סגולה״, פון גייסטיקע אָדער מאָראַלישע אַריסטאָקראַטן. „עמך״ זענען זיי געווען, גע־וויינלעכע, טאָג־טעגלעכע מענטשן — אָרעמע, אומגעבילדעטע, פון אָבער־גלויבנס צעפרעסענע, מיט פאַנאַטיזם פאַרגיפטעטע, מיט אומבויטיקע אָדער שעדלעכע ירושות באַשווערטע. און אין אָט די אַנאָנימע פאָלקס־מענטשן האָט דאָך אויפגעפלאַקערט אַ פייער פון רעוואָלט, אַ גרייטקייט אויף קידוש־השם, און אַ שטילער, נישט דעמאָנסטרירנדיקער יאָגי־ווילן אויסצושטיין די גרעסטע נסיונות, איבערצוטראָגן דעם שאַרפסטן פּיין און זיך נישט אַראָפּ־לאָזן צו דער היהשער קאַמף־מעטאָדע, צו שפיכת־דמים און צו קערפּער־גע־וואַלט. מינדערהייטן זענען זיי געווען, מינדערהייטן זענען זיי נאָך היינט. אָבער זייערע צאָלן האָבן דאָך דערגרייכט ביז אין די צענדליקער טויזנטער, כמעט דערגאַנגען צו דער סטאַטיסטישער מדרגה פון אַן אַרמיי. גאַנדי האָט עקספּערימענטירט מיט מענטשן, מיט מענטשלעכע נשמות: קאָן מען זיי מאַכן קאַמף־פעיִק, קאַמף־לוסטיק, אין אַ געוויסן זין אַגרעסיוו, אויסשליסנדיק דער־ביי געוואַלט און סאָלדאַטישע מעטאָדן? צי קאָן מען זיי דערציִען צו מ י־ל י ט אַ נ ט י ש ק י י ט אָ ן מ י ל י ט ע ר י ש ק י י ט. דער עקספּערימענט, מעג גאַנדי זאָגן, איז אים געלונגען. ווייל וואָס עס איז געלונגען נעכטן און היינט מיט טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן אָן אַ ספּעציעלן מאָ־

ראַלישן יחוס־בריוו, מיט מענטשן וואָס וואָרצלען אין די טיפענישן פון פאָלקס־לעבן, קען, דאַרף, מוז געלינגען מאַרגן מיט מיליאָנען און מיט צענ־דליקער מיליאָנען פון זיינע פאָלקס־ברידער, אויב עס זאָלן נאָר זיין די ריכ־טיקע „גענעראַלן", די לערער, די דערציִער, די וואָס זענען גרייט איבערצו־פורעמען זייער אייגן לעבן, כדי צו דינען דעם פאָלק ווי אַ לעבעדיקער מוס־טער. אין פּ ר י נ צ י פּ איז דאָך נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן יענע צענ־דליקער טויזנטער און די הונדערטער מיליאָנען פון זיין מאַרטירער־פאָלק.

ווער זענען זיי דען געווען, די קרוב צו דרייצן טויזנט הינדוסן, וואָס האָבן אין 1906, אונטער גאַנדיס פירערשאַפט, אָנגעהויבן אַ קאַמף פון פּאַ־סיוון ווידערשטאַנד אין טראַנסוואַאַל — קעגן די דאָרטיקע פּאָליציי־פּאַראָר־דענונגען, וואָס האָבן געצילט צו שאַפן פאַר די „קאָלירטע" אימיגראַנטן אַ סטאַטוס פון „אונטער־מענטשן"? מינען־גרעבער, טרעגערס, „מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר", וואָס האָבן געפונען אין זיך דעם כוח סיסטעמאַטיש, יאָרן־לאַנג, נישט אויסצופאָלגן די באַפעלן, אויסצושטיין קלעפּ, באַליידיקונגען, תפיסה, פאַרוואָגלטקייט פון זייערע פרויען און קינדער, אַבי זיך נישט אונטערצוואַרפן געזעצן, וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר אומענטשלעכע. גאַנדי קוקט היינט צוריק אויף זיינע דרום־אַפריקאַנער יאָרן מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ. אין יענע יאָרן פון רעוואָלט האָט זיך כמעט קיינער פון דער אינדישער קאָלאָניע נישט באַפלעקט מיט מעשים, וואָס זאָלן אַנטהאַלטן אין זיך אַפילו אַ שמץ פון גע־וואַלט. און דער רעזולטאַט? גענעראַל סמאַטס, דער דעמאָלטיקער פּרעמיער פון דער דרום־אַפריקאַנער רעגירונג, האָט זיך סוף־כל־סוף געמוזט אונטער־געבן, און אַ גרויסער טייל פון די באַליידיקנדיקע און עקאָנאָמיש־דערדריקנ־דיקע פאַראָרדענונגען זענען מיט דער צייט אָפּגעשאַפט געוואָרן. דער רעוואָל־טירנדיקער גייסט און די מאָראַלישע דיסציפּלין פון אַ רעלאַטיוו קליינער צאָל אימיגראַנטן, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זייער נדר, זיך אַפילו מיט קיין שטעקן נישט צו באַנוצן און קיין שטיין קיינמאָל נישט צו וואַרפן, האָט סוף־כל סוף געזיגט איבער דער האַלענדיש־ענגלישער אַרמיי, איבער דער פּאָליציי, אי־בערן העכסטן געריכט פון לאַנד. אַזאַ זיג קעגן דער רעגירונג, קאָן זיך גאַנדי דערמאָנען, האָבן אָפּגעהאַלטן שפּעטער, אין 1913, פינף טויזנט הינדוסן, וואָס האָבן אַריינמאַרשירט באָרוועס, האַלב־נאַקעט און אויסגעהונגערט פון נאַטאַל קיין טראַנסוואַאַל, און געפאָדערט דאָרט דאָס רעכט צו וווינען און צו אַרבעטן און נישט צו צאָלן קיין קאָפּ־שטייער, וואָס מען האָט דאָרט איינ־געפירט נאָר פאַר „קאָלירטע", פאַר צוגערייזטע אַרעמעלייט. אויך אין דעם פאַל זענען די הענט פון די אינדישע „רעוואָלוציאָנערן" געבליבן ריין, כאָטש די פּאָליציי האָט זיי דאָרט גענוג פּראָוואָצירט צו ענטפערן מיט געוואַלט אויף

איר ברוטאַליטעט און אויף אירע אָפטע שטראָף־עקספּעדיציעס. אויך אין דעם פאַל איז דער פרידלעכער בונט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג.

און אין אינדיע גופא?

די ברייטע עפנטלעכקייט ווייסט בלויז אָדער הויפּטזעכלעך וועגן די ווייטגייענדיקע, מאַקסימאַליסטישע פאָדערונגען פון דער אינדישער קאָנגרעס־באַוועגונג, וועגן גאַנדיסטישע קאַמפן פאַר זעלבסטשטענדיקייט אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. יענע פאָדערונגען זענען נאָך נישט דערפילט געוואָרן, און אין יענעם נאַציאָנאַלן קאַמף האָט גאַנדי, און צוזאַמען מיט אים אינדיע, נאָך נישט געזיגט. אָבער אין די צוואַנציק יאָר פון זיין נאָך־מלחמה טעטיקייט אין אינדיע, זענען פאָרגעקומען צענדליקער לאָקאַלע קאַמפן, אין באַשטימטע געגנטן אָדער פּראָווינצן, פאַר געוויסע רעפאָרמען און לעבנס־פאַרלייכטערונגען. אין יענע קאַמפן האָבן זיך באַטייליקט צענדליקער טויזנטער פּויערים, אַרבעטער, אינטעליגענציע און יוגנטלעכע, און כאָטש זיי האָבן נישט גענוצט קיין געווער קעגן היימישער פּאָליציי און דער ענגלישער אַרמיי, און די רעגירונג האָט נישט געקאָנט פאַררעגיסטרירן קיין איין ערנסטן פאַל פון געוואַלט־ווידערשטאַנד, האָט זי זיך פריער־שפּעטער געפונען געצוווּנגען נאָכצוקומען אַ גרויסן טייל פון די פאָדערונגען: פאַרקלענערן שטייערן, באַפרייען די באַפעלקערונג פון דער פליכט צו באַדינען קעגן זייער ווילן איירָאָפּעיִשע אייננווינער און טוריסטן, דערלויבן די פּויערים נישט צו פאַרזייען אויף זייערע פעלדער די פלאַנצן, אין וועלכע די רעגירונג האָט זיך געהאַלטן פאַראינטערעסירט צוליב אויסלענדישע מאַרק־באַדינגונגען, נאָר שפּייז־פּראָדוקטן פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס.

מיט אַ באַזונדערן געפיל פון צופרידנקייט און שטאָלץ דערמאָנט זיך איצט גאַנדי אָן די ס י ק ס , אָן די מענער און פרויען פון יענעם העראָישן אינדישן שבט, וואָס האָט אים אין 1930 אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפן אין זיין „ניט־קאָאָפּעראַציע״־קאַמפּאַניע קעגן דער ענגלישער רעגירונג. וועגן די סיקס קאָן דאָך קיינער נישט זאָגן, אַז זיי זענען פּחדנים אָדער אַז זיי זענען נישט צוגעווויינט צו פיזישן קאַמף און צו געוואַלט. זענען זיי דאָך אַן אַלטער מלחמה־שבט, אַ סעקטע, וואָס האָט היסטאָריש קולטיווירט דעם פּרינציפּ פון „ועל חרבך תחיה״, און אַפילו יענע פון די סיקס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דער גאַנדיסטישער קאָנגרעס־באַוועגונג, האָבן זייערע שווערדן נישט אַוועקגעוואָרפן. די שווערד ווערט ביי זיי ביז הייניקן טאָג באַטראַכט ווי אַ טייל פון בכבודיקער „הלבשה״, און מען קאָן כמעט נישט געפינען קיין מיטגליד פון יענעם סעקטאַנטישן שבט, וואָס זאָל זיך וועגן עס איז מיט איר וועלן שיידן. אָבער באַוואָפנט מיט שווערדן זענען די סיקס געגאַנגען מאַרשירן

קעגן דער רעגירונג, טאָג איין און טאָג אויס, אין משך פון וואָכן, אייבער נאָכן צווייטן פאַרוואונדעט געוואָרן, אַוועקגעטראָגן געוואָרן אין חלשות־צושטאַנד אויף טראָג־בעטלעך פון די קאָנגרעס־סאַניטאַרן, און קיינמאָל נישט אַרויס־גענומען די שווערד פון איר שייטל, קיינמאָל אפילו נישט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים, אויף וועלכן עס האָבן געשמיסן די לעדערנע נאַגאַיקעס אָדער די גומי־בייטשן פון דער פּאָליציי. דערנידעריקונג? מאַנגל אין רעספּעקט צו זיך אַליין? קיין איין ענגלענדער, וואָס האָט געהאַט מיט זיי צו טאָן, וואָגט עס נישט צו זאָגן. די פּאָליציסטן האָבן געמוזט נאָכדעם מודה זיין, אַז שלאָגן די סיקס איז געווען די גרעסטע דערנידעריקונג פאַר זיי: זיי האָבן געפילט די גאַנצע צייט, ווי אַן ענגלישער קאַפּיטאַן האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט, אַז זיי שלאָגן העכערע און בעסערע פון זיך. צוזאַמען מיט אונדזער הללן וואָלטן יענע שטומע און שטיל־עקזאַלטירטע העלדן געקענט זאָגן וועגן זיך: „השפלתי היא הגבהתי“ (מיין דערנידעריקונג איז מיין דערהויבונג).

אמת, אויך זייער פּאַסיפיסטישער העראָיזם, ווי די העלדישקייט פון טויזנטער און טויזנטער אַנדערע הינדוסן, האָט נאָך די פּאָליטישע גאולה דעם לאַנד נישט געבראַכט. אָבער אויב עס זענען שוין איצט פאַראַן אין אינ־דיע זיבן פּראָווינצן, ווו די קאָנגרעס־באַוועגונג האָט דורכגעפירט איר מאַיאָ־ריטעט אין די לאָקאַלע פּאַרלאַמענטן, ווו איר איז שוין געלונגען אַוועקצו־שטעלן ביים רודער אירע רעגירונגען, און לאָנדאָן האָט אויך געמוזט מסכים זיין אויף אַ מין „דזשענטעלמענס אַגרימענט“, אַז די ענגלישע גובערנאַטאָרן זאָלן דאָרט נישט שטערן די היימישע רעגירונגען דורכצופירן זייערע סאָציאַ־לע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען, דאַרף דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַן אתחלתא דגאולה, ווי אַן אָנהויב פון אינדיעס באַפרייונג. יענער אָנהויב איז אַ פועל־יוצא פון שטרייקן, נישט־קאָאָפּעראַציע און באָיקאָט — אָט פון יענע פּאַצי־פיסטישע רעוואָלטן, וואָס זענען די לעצטע 20 יאָר פאָרגעקומען אונטער גאַנ־דיס השפעה. און אויב אין איין פּראָווינץ (אין טראַוואַנקאָר) זענען צוריק מיט צוויי יאָר עמאַנסיפּירט געוואָרן צוויי מיליאָן „אומבאַרירלעכע“, וואָס ווערן שוין מער נישט באַטראַכט ווי טמאים און הויבן זיך אָן צו פילן ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — צי איז דען דאָס נישט אַ רעזולטאַט פון גאַנדיס פּאַסיפיציסטישע אויפשטאַנדן אין יענער פּראָווינץ, פון די טמאים־פּראָצעסיעס, וואָס ער האָט אָרגאַניזירט אויף די פאַרבאָטענע שאָסייען, אַרום די טעמפּלען, אין די גאַסן פון די העכערע קאַס־טעס? צי איז דען דער אָנהויב פון דער רעליגיעזער און סאָציאַלער עמאַנסיפּאַ־ציע פון די 60 מיליאָן אינדישע „אומבאַרירלעכע“ נישט די פרוכט פון יענער זריעה, וואָס גאַנדי האָט פאַרזייט סיי אין די הערצער פון די נידעריקע קאַס־

טעס און סיי אין די הערצער פון די אַריסטאָקראַטישע בראַמאַנען, פון וועלכע מיר האָבן נאָך אין 1925 דערהערט אַ געבראָכענע, חוזר־בתשובהדיקע שטימע: „מיר קאָנען מער זיך נישט אַנטקעגנשטעלן די תפילות און די פּראַצעסיעס פון די אומבאַרירלעכע און מיר זענען גרייט זיי אַריינצונעמען אין שויס פון אונדזער געזעלשאַפט?“.

גאַנדי, דער בן־שבעים, האָט גענוג גרונט צו דערקלערן: מיין עקספּערימענט איז געווען דערפאָלגרייך. איך האָב באַוויזן, אַז מען קאָן זיין מיליטאַנטיש, נישט זייענדיק מיליטעריש. איך האָב באַוויזן, אַז פאַר יענער „פּאַסיפיסטישער אַרמיי“, וואָס שוועבט פאַר מיין געדאַנק, קאָן מען מאָביליזירן איינפאַכע פאָלקס־מענטשן, אַפילו מענטשן מיט מיליטערישע טראַדיציעס. איך האָב באַוויזן ,אַז אַזעלכע מענטשן קאָנען דערצויגן ווערן, אונטער געוויסע אומשטענדן, פאַר געוואַלטלאָזע, בלוטלאָזע „מלחמות“. פון דער פאַרגאַנגענהייט קאָן מען לערנען, אַז דורך אַזעלכע „מלחמות“, דורך דרויסנדיקער פּאַסיוויטעט, וואָס פאָדערט אָנגעשטרענגטע אינערלעכע אַקטיוויקייט, קאָן מען אַנטוואָפענען אכזריותדיקע מיליטערישע כוחות. איך האָב נאָך מיין ציל נישט דערגרייכט? אָבער מיין אַרמיי איז געווען אַ נייע און אַ קליינע. אַ סך מיליאָנען האָבן געשוווירן געטריישאַפט צו מיינע אידעאַלן, בלויז אַ קליינער טייל פון זיי האָט פאַרמאָגט די גייסטיקע קראַפט און אמונה יענער געטריישאַפט צו בלייבן געטריי. אַ גייסטיקער אויפשוווּנג פון די מיליאָנען־מאַסן מוז ברענגען גרעסערן פּאָליטישן דערפאָלג, ענדגילטיקן נצחון, און יענע מיליאָנען קאָנען אויך דערוואַכן צו אַ ניי לעבן און אַ נייעם קאַמף. אין שורש זענען זיי נישט ערגער פון יענע צענדליקער טויזנטער, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זייער עקזאַמען. איך האָב באַוויזן, אַז עס לוינט צו עקספּערימענטירן אין דער ריכטונג, אין וועלכער גאָטס גייסט האָט מיר געהייסן גיין. זאָלן מיט מיר און נאָך מיר קומען אַנדערע עקספּערימענטאַטאָרן — זיי וועלן פאַרענדיקן וואָס איך האָב אָנגעהויבן.

אַזוי קאָן היינט רעדן צו אונדז גאַנדי דער בן־שבעים.

און מעג איך צוגעבן?

פאַר איין מענטשלעך לעבן זענען די דערגרייכונגען פון גאַנדיס עקספּערימענט מער ווי גענוג. צי עס וועלן אין אינדיע זיך באַווייזן אין די נאָענטע יאָרן נייע און נאָך מער עקספּערימענטירער פון גאַנדיס שורש־נשמה, ווייס איך נישט, אָבער די גייסטיקע ענערגיע, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון גאַנדיס פערזענלעכקייט אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר, וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. זי בלייבט אין חלל העולם. זי בלייבט אין זכרון פון דער מענטשהייט. זי וועט מאָנען און וועקן, דערמאָנען און סטימולירן. קיין שום בלוט־וואַקכאַ־

נאַליעס, וואָס זענען אפשר פאַר אונדז אָנגעגרייט, וועלן שוין נישט קאָנען פאַרטרייבן פון אונדזערע נשמות דעם צויבער פון גאַנדיס דראַמאַטישן געראַנגל. און וויפל מיר זאָלן זיך יענעם צויבער נישט אַנטקעגנשטעלן מיט אונדזער „שכל התחתון", וועט דאָס טיפערע און עכטערע, וואָס מיר פאַרמאָגן, אַלץ מער וועקן אין אונדז אַ בענקשאַפט נאָך גאַנדיס קרעפטיקן גייסט, נאָך זיינע העלדישע וועגן.

1939

ג אַ נ ד י ס ט וי ט

מיר האָבן דאָ געהערט אַ צאָל תפילות אויף איינער פון די עלטסטע און נאָבלסטע קולטור־שפּראַכן, און איך גלויב, אַז אַ סך פון די דאָ פאַרזאַמלטע וואָס האָבן נישט די זכיה צו פאַרשטיין סאַנסקריט, זענען באַקאַנט מיטן אינהאַלט פון יענע שטילע און דערהויבענע תפילות דורך איבערזעצונגען אין די מערב־שפּראַכן. מיר האָבן דאָ געהערט עטלעכע אינהאַלטסרייכע און טיף־דורכגעפילטע רעדעס פונעם הויכגעשעצטן הויפּט פון אייער קירך, פון מיטגלידער פון דער אינדישער דעלעגאַציע צו די פאַראייניקטע פעלקער און פון גאַנדיס אַ נאָענטן פריינט, רעווערענד דזשאָן האָלמס. נאָך אַזעלכע רעדעס, און באַזונדערס נאָך די תפילות, איז נישט לייכט פאַר אַ מענטשן ווי איך עפּעס בייצוטראָגן צו דער אַטמאָספערע פון היינטיקן אָוונט.

עס איז אומגעהייער שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז גאַנדי האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם פון זיין בשר־ודם־עקזיסטענץ. נאָך שווערער איז איבערצוטראָגן דעם געפיל, אַז די געשיכטע — וואָס נאָר אין די שעהן פון אמתער עניוות זענען מיר גרייט צוצוגעבן, אַז מיר קענען נאָך נישט משיג זיין אירע וועגן — האָט איירנעכטן דורכגעפירט אין אינדיע אַ ספּעקטאַקל פון אכזריותדיקער איראָניע. דער מאַן וואָס האָט אַוועקגעגעבן כמעט זיין גאַנץ לעבן אויף איינצופלאַנצן דעם „לא תרצח" אין מענטשלעכע הערצער, איז געפאַלן פון דער האַנט פון אַ רוצח. נאָך מאָוימדיקער איז דער פאַקט, וואָס דער רוצח איז נישט קיין פרעמדער, נאָר אַן אייגענער — בלוט פון גאַנדיס בלוט, פלייש פון גאַנדיס פלייש, איינער וואָס איז אויסגעכאָוועט געוואָרן אין דער זעלביקער רעליגיע, וואָס האָט גאַנדין געפירט צו זיינע גייסטיקע טריומפן. אויב נאָך טויזנטער יאָרן פון זינלאָזער שפיכות־דמים האָבן מיר זיך געגייטיקט אין נ אָ ד א יי ן ב אַ וו יי ז, ווי געפערלעך עס זענען עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם און רעליגיעזער פאַנאַטיזם פאַר די שיקזאַלן פון דער דוועלט, איז אַזאַ באַווייז אונדז געגעבן געוואָרן דורך דעם מאָרד אין ניו דעלהי.

מיליאָנען מענטשן אין אינדיע גלייבן אין גילגולים. עס איז נישט פאַר מיר אַרויסצוגעבן אַן אורטייל, ווי גרויס ס'איז די מאָס פון אמת וואָס אַזאַ

דער טעקסט, מיט עטלעכע ענדערונגען, פון אַ רעדע, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן ביי דער גאַנדי־אזכרה אין דער ראַמאַקרישנא־וויוועקאַנאַדאַ־קירך פון דער ניו־יאָרקער הינדו־קאָלאָניע, זונטיק, דעם ערשטן פעברואַר.

גלויבן אַנטהאַלט אין זיך. דאָס איז אַן אמונה וואָס כאַראַקטעריזירט מער ווי־אײן רעליגיע און זי איז נישט אינגאַנצן פרעמד אויך יענער רעליגיעזער ציוויליזאַציע, אין וועלכער איך אַלס ייִד בין אויסגעוואַקסן. גאַנדי, ווייס איך, האָט געגלייבט אין „רעאינקאַרנאַציע", און נישט אײנמאָל האָבן זײנע פאַרערער זיך געפרעגט: ווועמענס „גילגול" איז ער געווען? ווער האָט זיך אין אים, אַזוי צו זאָגן, ווידער־פאַרקערפּערט? אייניקע האָבן אין אים געוואָלט זען די ציקלישע רעאינקאַרנאַציע פון בודאַן; אַנדערע — אין דער מערב־וועלט — זענען געווען גענייגט אָנצונעמען, אַז אין זיין פיגור האָט זיך „ווידער־פאַרקערפּערט" דער לערער פון נצרת. איך מיין, אַז ביידע זענען געווען אומגערעכט. אויב שוין זוכן פאַר גאַנדין אַ פּראָטאָטיפּ אין דער ווייטער פאַרגאַנגנהייט, וואָלט איך גיכער געזען אין אים די „רעאינקאַרנאַציע" פונעם אינדישן אימפּעראַטאָר אַסאָקאַ.

איך פּרעטענדיר נישט צו זיין אַ קענער פון אינדיע, און דאָך בין איך זיכער, אַז אין איער גרויסן לאַנד זענען געווען און עס זענען פאַראַן אויך אין אונדזערע טעג מענער, וואָס, אין אַ געוויסן זינען, פאַרדינען זיי מער דעם טיטל „הייליקע" אײדער גאַנדי. גאַנדי איז נישט געווען קיין „סאַדהו", קיין אַסקעט וואָס שיידט זיך אָפּ פונעם טומל פון סאָציאַלן לעבן און לעבט אין שווייגנדיקער התבודדות, אין תפילה און אין ריינער, אומגעשטערטער „קאָנטעמפּלאַציע" ערגעץ־ווו אין די הימאַלאַיען־בערג. ער איז נישט געגאַנגען אין די וועגן פון בודאָס איינזאַמען אינדיווידואַליזם, און כאָטש דער נייער טעסטאַמענט האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק, איז זיין לעבן נישט געווען קיין „אימיטאַציאָ קריסטי". פון אַ געוויסן שטאַנדפּונקט איז ער מיט דער דינאַמיק פון זיין גייסט געווען נענטער צו די ייִדישע נביאים, איידער צו דער דערלייזער־געשטאַלט פון בודיזם אָדער קריסטנטום. זיין געוויסן האָט רעוואָלטירט קעגן יענעם „קאָסמישן סנאָביזם", וואָס שטעלט זיך מחוץ און איבער דער געשיכטע, איבער דעם שטראָם פון היסטאָרישן געשעען. ווייל אויך הייליקייט קען זיין עגאָיסטיש, זינדיק, פליכטלאָז. דער הייליקער וואָס וויל לעבן מחוץ דער געזעלשאַפט, אין אַ וועלט פון ריינער „אַנשויונג", אין שטענדיקער דבקות מיט טראַנסצענדענטאַלע אמתן, און פועלט ביי זיך אַז קאָנקרעטע ליידן פון קאָנקרעטע מענטשן, שיקזאַלן פון ביליאָנען יחידים, פון פעלקער, פון ראַסן, קערן זיך מיט אים נישט אָן, נעמט זיך אַ פּריווילעגיע, דערלויבט זיך אַ לוקסוס וואָס האָט אין זיך דעם עלעמענט פון זינד. מעג ער זיין כראָניש הונגעריק ווי אַ בודיסטישער מאָנאַך, מעג ער זיין נאַקעט און באָרוועס און דאַכלאָז ווי אַן אַמאָליקער פראַנציסקאַנער — ער איז זינדיק שוין דערמיט, וואָס ער האָט זיך אויפגעבויט אַ ריזיקע פּיראַמידע און זיך

איינער אַליין אַוועקגעשטעלט מיט מיסטיש־גדלנישער זאָרגלאָזיקייט. אויפן דינעם שפּיץ פון דער פּיראַמידע. גלייכגילטיקייט צו ליידן — אויך צו די סאַמע „נידעריקע", „פיזיאָלאָגישע", ליידן פון מיט־מענטשן און מיט־באַשעפענישן — איז אין תוך אַ שווערער חטא. אַט יענעם חטא פון „זאָרגלאָזיקייט" און פון פאַראַכטונג צו היסטאָרישן „תכלית" האָט גאַנדי גע־זוכט אויסצומיידן, און, אויב איך מעג זיך דאָ אַזוי אויסדריקן, האָט ער באַ־שלאָסן צו זיין „ווייניקער הייליק", ווי אים האָט זיך געוואָלט זיין, ווי ער האָט געקענט זיין. אים האָט געצויגן צו התבודדות, צו איינזאַמער תפילה, צו איינזאַמען דענקען, פילן און שווייגן, צו „מצוות שבין אדם לעצמו". אויב דאָס זאָל זיין אַ יצר־טוב, האָט ער אַזאַ יצר־טוב גובר געווען אין זיך צוליב אַנדערע התחייבותן — צוליב מצוות שבין אדם לחברו. בודאַ האָט פאַרמאָגט אַצילות אָן חסד — ווי קען איך פאַרגלייכן צו אים גאַנדי, וואָס חסד איז געווען דער הויפּט־פּאַטאָס פון זיין נשמה? ישו פון נצרת (אויב מיר קע־נען אים, אָדער אויף וויפל מיר קענען אים) איז באַהערשט געווען פון אַ שטראָם פון הייליקער לייכטזיניקייט, וואָס וויל זיך אַראָפּנעמען אַ משל פון דעם פויגל אין דער לופט און פון די ליליען אין פעלד — ווי קען איך פאַר־גלייכן צו אים גאַנדין, דעם שטענדיקן זאָרגער און פאַרזאָרגער, דעם שטענ־דיקן מיט־ליידער, מיט־געררודפטן, מיט־מאַרטירער? פאַר בודאַן האָט „דער צע־זאַר" נישט עקזיסטירט. ער איז פאַרגאַנגען אַזוי ווייט אויף די איינזאַמע שטעגן פון זיינע הויכע הימאַלאַיען, אַז ער האָט אָן אים אינגאַנצן פאַרגעסן, פאַר דעם לערער פון נצרת איז „דער צעזאַר" געווען אַ גרויסע און געהאַסטע רעאַליטעט; האָט ער באַשלאָסן אים צו איגנאָרירן: גיב דעם צעזאַר וואָס דעם צעזאַר קומט (אָדער וואָס ער האָט זיך איינגערעדט אַז ס'קומט אים) און זאָל ער דיך צורו לאָזן, כדי דו זאָלסט קענען „פריי" לעבן ווי אַ תפילה־באַהעמיען. גאַנדי האָט „דעם צעזאַר" נישט איגנאָרירט. ער האָט נישט גע־זוכט אים „אונטערצוקויפן" אָדער זיך פון אים „אויסצוקויפן". זיין ליידנ־שאַפטלעכער באַגער איז געווען „דעם צעזאַר" צו פאַרניכטן, אים אַראָפּצוזעצן פון טראָן — אָבער מיט זיינעם אָן אייגענעם, נישט קיין „צעזאַרישן" געווער. אַנשטאָט צו זיין אַ סאַדהו איז ער געוואָרן אַ פּאָליטיקער, אַ שטאַטסמאַן.

איך האָב פריִער באַמערקט, אַז אויב עס זענען טאַקע פאַראַן גילגולים, איז גאַנדי גיכער געווען אַ גילגול פון אַסאָקאַ, פון יענעם אינדישן אימפּעראַ־טאָר, וואָס האָט גאַנצע דריי יאָרהונדערטער פאַר דער קריסטלעכער ציילונג געפּרוּווט צו פאַרווירקלעכן זיין בילד פון מלכות שמים אין היסטאָרישער ווירקלעכקייט, אין סאָציאַלן לעבן, אין געזעצגעבונג. אין דעם ראַ־מען פון אַ שטאַט. יענע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אינדיע

איז — פֿאַר מיר יעדנפֿאַלס — אַ זייער פֿאַרנעפּלט קאַפּיטל, און איך ווייס נישט אויף וויפֿל יענעם געניאַלן הערשער איז געלונגען אָנצוקליידן זיין טרוים אין פֿלייש און ביינער. איך ווייס אָבער וווהין אַסאָקאַ האָט געצילט: אויפֿצובויען אַ שטאַט, אין וועלכן עס זאָל נישט זיין קיין סתירה צווישן מידת הדין און מידת הרחמים, ווו דער דין אַליין זאָל זיין אָנגעטרונקען מיט רחמים. אויף אַהימסאַ — אויף דעם דריי־טויזנט־יעריקן אידעאַל, וואָס איז אין אַן אייגנטימלעכער פֿאָרם געבוירן געוואָרן אין אינדיע, אויף דעם פּרינציפּ פֿון נישט־טויטן, נישט־שעדיקן, נישט וויי־טאָן, אויף דעם פּרינציפּ פֿין אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקן חסד, האָט ער געפּרוווט אויפֿצובויען די קאָנסטיטוציע און דעם מעכאַניזם פֿונעם שטאַט. און אָט אויף דעם „פּאַראַדאָקסאַלן״ וועג האָט זיך גאַנדי געלאָזן גיין אין אונדזער דור. אינדיע דאַרף זיך באַפֿרייען פֿון ענגלישן יאָך? זי וועט זיגן דורך אַהימסאַ, דורך בלויז ווידער־שטאַנד. עס זענען פֿאַראַן אין אינדיע אונטערדריקטע קלאַסן און נאָך מער אונטערדריקטע קאַסטן? זיי קאָנען זיך באַפֿרייען דורך אַקטיווער, מיליטאַנ־טישער אַהימסאַ.

די טראַגעדיע פֿון אונדזער צייט — און פֿון אַ סך צייטן פֿאַר אונדז — איז די שווערע מחיצה וואָס מיר האָבן אַליין אויפֿגעשטעלט צווישן דער טראַנסצענדענטאַלער וועלט און דעם פּראָצעס פֿון געשיכטע, צווישן צילן און מיטלען, צווישן דעם אייביקן און טאָג־טעגלעכן, צווישן רעליגיע, מאָראַל, עס־טעטיק, פֿון איין זייט, און פּאָליטיק (אין דעם ברייטסטן זינען פֿון וואָרט), פֿון דער אַנדערער זייט. אָט די מחיצה האָט גאַנדי געפּרוווט אָפּצווישן. ער האָט געוווסט, אפֿשר פֿיינלעכער ווי אַנדערע אין אונדזער דור, אַז אינגאַנצן קען יענע מחיצה נישט באַזייטיקט ווערן. דאָס אַבסאָלוטע און דאָס רעלאַ־טיווע וועלן קיינמאָל זיך נישט קענען צונויפֿגיסן און ווערן איינס. ער האָט אָבער געגלייבט, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע טאָן און וואַנדלען קען אָנגעהויכט ווערן מיט עלעמענטן פֿונעם אַבסאָלוטן, און אַז ס׳איז אוממעגלעך צו לעבן און געדייען אין אַ וועלט, ווו קדושה איז אַ מין ווייטע און איזאָלירטע „רע־זערוואַציע״, וואָס האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיט די ברייטע שליאַכן פֿון לעבן.

אַזאַ לעבנסבליק איז נישט פֿרעמד דער ייִדישער רעליגיעזער טראַדיציע. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, אַז, ווי מאַרטירעריש די ייִדישע געשיכטע זאָל נישט זיין, האָבן מיר ביז אַהער טריומפֿירט מיט אונדזער מאַרטירער־טום. צוויי טויזנט יאָר האָבן ייִדן פּראַקטיצירט „אַהימסאַ״, דאָס וואָס אייני־קע באַצייכענען ווי פּאַסיווע רעזיסטענץ, און וואָס האָט אין גרונט קיין שייכות נישט מיט פּאַסיווקייט. די ייִדישע פּאַסיווע רעזיסטענץ קעגן שונאים און פֿאַר־פֿאָלגער וואָס זענען געווען פֿיזיש הונדערטער מאָל שטאַרקער פֿון אונדז, איז

געווען אַקטיוקייט פון דער העכסטער מדרגה: די קאָנצענטרירונג אויפן אמת; די איינגעשפּאַרטקייט דעם אמת נישט צו פאַרלאָזן, אים נישט צו פאַרראַטן, צו דעם נישט־אמת (אָדער צו דעם וואָס מיר האָבן באַטראַכט פאַר נישט־אמת) נישט צו קאַפּיטולירן; מאַרטירעריש שטיין פאַר פיזישן אונטערגאַנג, פאַר דער תליה, פאַרן שייטערהויפן, איז אַ סך אַ העכערע און אינטענסיווערע מדרגה פון וויטאַלקייט פון טאָן, קעמפן און באַקעמפן, ווי באַנוצן זיך מיט געווער און פיזישער קראַפט.

דער ייִדישער באַגריף פון קידוש־השם איז אָבער נישט בלויז גרייטקייט אויף קרבן, אויף טריומפירנדיקן טויט. ער איז אויך — אַ באַגער דאָס לעבן צו הייליקן, נישט צו האַלטן קדושה איינגעשלאָסן אין אַ באַזונדער ארון און יענעם ארון עפענען פון צייט צו צייט, כדי זיך אין דער קדושה אַ שפּיגל צו טאָן און ווייטער זי צו פאַרחתמענען, נאָר צו האַלטן דעם מקור פון קדושה שטענדיק אָפן, און צו לאָזן זי אַריינשטראָלן אין דעם טאָג־טעגלעכן, אינעם וואָכעדיקן, אינעם היסטאָרישן. דאָס וואָס איז אין דער הינדו־רעליגיאָזיטעט און אין דער גאַנדי־רעליגיאָזיטעט „דאַרמאַ", איז אין דער ייִדישער רעליגיאָזיטעט „שולחן ערוך".

מיר ווילן דאָ היינט נישט אָפּשאַצן, אויף וויפל גאַנדי האָט מיט זיין עקספּערימענט מצליח געווען. ער האָט פאַרמאָגט אַ ווייטע וויזיע און אַ לאַנגן אָטעם, און ער האָט איינגעפּלאַנצט אין באָדן זוימען, וואָס זייער פולע פרוכט וועט אפשר אָרויסקומען מיט דורות שפּעטער. ער האָט אָבער דער וועלט — נישט נאָר אינדיע — געגעבן אַ ביישפּיל, וויאַזוי צו שאַפן אַ מין „רערן־ליניע" צווישן דעם טראַנסצענדענטאַלן און דעם היסטאָרישן, וויאַזוי צו קעמפן פאַר הייליקע צילן מיט מיטלען וואָס זענען נישט אין סתירה צום אינהאַלט פון די צילן. זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער געהערן אפשר מער צו דער צוקונפט ווי צו דער קעגנוואַרט, און די וואָס האָבן געהאַט דאָס געהעריקע אויג פאַר אָבסערוואַציע פון זיין געשטאַלט, האָבן אין איר געזען אַן אָנזאָג אויף מאָרגן, אויף עפּעס וואָס קאָרטשעט זיך אין זיינע אייגענע חבלי־לידה, וואָס וויל געבוירן ווערן אין אונדז אַלעמען.

פון דער פּראָצעסיע, וואָס האָט נעכטן באַגלייט זיין טויטן קערפּער צום ברעג פונעם געהייליקטן טייך, האָבן זיך געהערט אויסגעשריייען: „זיג פאַר גאַנדי". די מענטשן פון דער מיליאָנקעפּיקער מאַסע, וואָס האָבן אַזעלכע אויסגעשריייען געמאַכט, האָבן געוווּסט, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט פון גאַנדיס קערפּער ווערן אַ מאָגער בערגל אַש. מיט זייער פּראָצע האָבן זיי, אַזוי צו זאָגן, באַזיגט דעם טויט, באַזיגט דורך לייקענען זיין ווירקלעכקייט. „זיג פאַר גאַנדי" — זיי זענען זיכער, אַז „ערגעץ־וווּ" לעבט ער ווייטער, אַז זיין

גייסט קען נישט צעשטערט ווערן, און אַז דער דאָזיקער גייסט וועט נאָך אָפּ־
האַלטן גרויסע נצחונות — אין אונדז, דורך אונדז, פאַר אונדז.

וואָס קען איך צוגעבן צו אַזאַ מאַניפעסטאַציע פון גלויבן?

איך ווייס, אַז איר גיט מיר רשות צו פאַרענדיקן מיט די דריי ווערטער, מיט וועלכע ייִדן ערן דעם אָנדענק פון זייערע גדולים:

„זכר צדיק לברכה".

1947

דער מקור פון מאָראַלישע געפילן

(פרוידס אויסטייטשונג פון געוויסן)

איינע פון די הויפּט־באַשולדיקונגען, וואָס זענען פון פאַרשידענע זייטן געמאַכט געוואָרן קעגן דער פּסיכאָאַנאַליטישער שול איז — איר עטישער פּעסימיזם. לויט פרוידס לערע, האָט מען אָנגעוויזן, איז די עצם נאַטור פונעם מענטשן אַן אַ־מאָראַלישע, אָדער גאָר אַן אַנטי־מאָראַלישע, און דערפאַר לאָזט זי נישט איבער אַפילו קיין האָפענונג, אַז ווען ס׳איז זאָלן מענטשלעכע ברואים דערגרייכן די מדרגה פון האַנדלען און לעבן אין גייסט פון עכטע עטישע ווערטן.

פרויד גופא האָט געגעבן גענוג געלעגנהייטן פאַר אַזאַ באַשולדיקונג. אין אַ ריי פון זיינע ווערק האָט ער געשילדערט אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע, באַזונדערס אירע עטישע עלעמענטן בלויז, אָדער דער עיקר, ווי אַ פּראָדוקט פון סאָציאַלן צוואַנג, אָנגעווענדט אויף דער תוהו־ובוהודיקער, ווילדער, רוב־און־מאָרד־גלוסטיקער נאַטור פונעם אינדיווידיום. דער גרינדער פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער שול האָט אָבער נישט שטענדיק געוואָלט מסכים זיין מיט זיינע קריטיקער, אַז זי מוז פירן צו פאַרצווייפלונג, אַז די אויספירן וואָס מ׳קען פון איר מאַכן זענען ראַדיקאַל־פּעסימיסטישע. אַזוי קלאָגט ער זיך אין זיין „אַלגעמיינע איינלייטונג אין די פּסיכאָאַנאַליזע״, אַז אַ סך האָבן זיין לערע שלעכט פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויסגעהויבן, טענהט ער דאָרט, דאָס בייזע אין דער מענטשלעכער נאַטור נאָר דערפאַר, וואָס אַנדערע, סענטימענטאַלע דענקער און שרייבער, האָבן עס געזוכט צו פאַרלייקענען, און דערמיט האָבן זיי נאַטירלעך דאָס מענטשלעכע נשמה־לעבן געמאַכט נישט בעסער, נאָר אומפאַרשטענדלעכער. זיינע קריטיקער האָבן, לויט זיין מיינונג, אויך נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די צענזור־פּראָצעסן, וואָס ער האָט אַנטדעקט אין אונדזער פּסיכישן לעבן: זייער אַ סך שלעכטס אין אונדז ווערט אונטערדריקט, צענזורירט אָדער פאַרמאַסקירט, אָבער דער פאַקט וואָס מיר פאַרמאָגן אַ כוח וואָס צענזורירט, אַן אינעווייניקסטן פּראָקוראָר, איז גראָד, מיינט ער, אַ געוויסע באַשטעטיקונג, אַז מיר פאַרמאָגן מער אָדער ווייניקער עכטע אָדער אָרגאַנישע נייגונגען צום „גוטן״. אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „מלחמה און טויט״ האָט פרויד אויך געהאַלטן פאַר נייטיק אָנצווייזן אויף דעם פאַקט, אַז די פרע־עקזיסטענץ פון שטאַרקע „בייזע״ פאַרלאַנגען אין קינדער איז גאָר אָפּטמאָל די באַדינגונג פאַר אַן אויסדריקלעכער ווענדונג פונעם דערוואַקסע־

בעם צום „גוטן”: אומדערטרעגלעכע עגאָיסטן אין זייערע קינדער־יאָרן אַנט־וויקלען זיך אָפט צו באַזונדערס הילפס־גרייטע און אויף קרבנות־פעיִקע ביר־גער, און די מערסטע „רחמנות־טרוימער”, מענטשן־פריינט און צער־בעלי־חיימניקעס, האָבן, גלייבט פרויד, אין זייערע קינדער־יאָרן געשעפּט זייער הויפּט־הנאה פון מוטשען לעבעדיקע באַשעפעניש. אַז פסיכאָאַנאַליזע איז נישט אַזוי פעסימיסטיש ווי מען מאָלט זי, האָט פרויד געהאַלטן פאַר נייטיק באַ־זונדערס שטאַרק צו באַטאָנען אין זיין זייער אינטריגירנדיקער אַרבעט „דאָס איך און דאָס עס”:

„די פסיכאָאַנאַליזע האָט מען אומצייליקע מאָל באַשולדיקט, אַז זי איג־נאָרירט די העכערע, די גייסטיקע און מאָראַלישע זייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. די דאָזיקע תרעומה איז טאָפּלט אומבאַרעכטיקט: סיי היסטאָריש און סיי מעטאָדאָלאָגיש. די פונקציע פון אַרויסרופן אונטערדריקונגען (פון געווי־סע, אָפטמאָל „בייזע” באַגערן) האָבן מיר פון אָנפאַנג אָן צוגעשריבן צו די מאָראַלישע און עסטעטישע טענדענצן אין דעם איך. צווייטנס: געוויסע קריטיקער האָבן בדרך־כלל נישט געוואָלט פאַר־שטיין, אַז די פסיכאָאַנאַליטישע פאָרשונג האָט נישט געקענט אַרויסקומען מיטאַמאָל מיט אַ פולשטענדיק־פאַרענדיקטער און אָפּגערונדעטער לערע, וואָס מ׳זאָל זי קענען פאַרגלייכן צו אַ פילאָזאָפישער סיסטעם; אַז זי האָט גע־דאַרפט געפינען איר וועג שריט ביי שריט, עקזאַמענירנדיק די דעליקאַטע פאַרקניפּונגען אין מענטשלעכן גייסט און אָפּערירנדיק מיטן אַנאַליטישן מע־סער סיי אין פסיכיש־נאָרמאַלע און סיי אין אַבנאָרמאַלע דערשיינונגען...

אָבער איצטער קענען מיר ענטפערן אַלע די, וואָס זייער מאָראַלישער געפיל איז געוועזן שאָקירט און וואָס האָבן געטענהט (קעגן אונדז), אַז אין מענטשן מוז זיכער זיין אַ העכערע נאַטור: זייער ריכטיק. און יענע העכערע נאַטור קען מען זען אין דעם איך־אידעאַל אָדער אין דעם איי־בער־איך”...

מיר זענען אָבער נישט מחויב אָנצונעמען פרוידס „מבינות” אויף זיין אייגענער לערע. צי פסיכאָאַנאַליטישע טעאָריעס פירן צו עטישן פעסימיזם אָדער נישט, הענגט דאָך אָפּ נישט פון די אָדער אַנדערע דערקלערונ־גען, וואָס פרויד האָט געמאַכט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פאַלעמיזירנ־דיק מיט זיינע קריטיקער און קעגנער, נאָר פונעם אינהאַלט פון זייערע גרונט־הנחות. ווען פרויד פאַררופט זיך אויף זיין באַגריף פון איך־אידעאַל אָדער איי־בער־איך ווי אַ ראיה, אַז זיין לערע נעמט נישט אַראָפּ פונעם מענטשן זיין „מאָראַלישע קרוין”, דאַרפן מיר קודם־כל אַנאַליזירן דעם כאַראַקטער און די פונקציעס פונעם איבער־איך, ווי פרויד פאַסט אים אויף, און זען צי איז אין אים טאַקע דאָ דער מקור פון עכטער מאָראַלישקייט.

וואָס־זשע פאַרשטייט פרויד אונטער זיין טערמין „איבער־איך"?

לויט פרוידס „פּסיכישער אַנאַטאָמיע" באַשטייט דער יחיד פון דריי חלקים: פונעם „עס", פונעם „איך" און פונעם „איבער־איך". די גרענעצן צווישן איין חלק און דעם אַנדערן קענען, נאַטירלעך, נישט זיין אַזוי קלאָר און עקזאַקט, ווי די גרענעצן צווישן פאַרשיידענע אברים און געוויינלעכער אַנאַטאָמיע. אין דער „פּסיכישער אַנאַטאָמיע" זענען די חלקים אויסגעלייגט נישט, אַזוי צו זאָגן, אין „טאָפּאָגראַפישער" אָרדענונג. די גרענעצן צווישן זיי זענען אָפּטמאָל גאַנץ פאַרווישט און דערפאַר קאָן איין חלק צום טייל אַריינדרינגען מיט זיין וועזן אין אַן אַנדער חלק.

דעם טערמין „עס" (אָדער דאָס לאַטיינישע "Id") האָט פרויד אויסגעליִען ביי ניטשען. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דאָס אומפּערזענלעכע אין דער פּערזאָן, דער בראשיתדיקער נישט־אָרגאַניזירטער, בלינד־ווילדער, נישט־דענקנדיקער און חשבונלאָזער דראַנג פון אינסטינקטן און אימפּולסן. דאָס „עס" איז אומראַציאָנאַל, אומעטיש, קען זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן, ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פון קיין מניעות אויף זיין וועג און האָט נישט קיין פאָרשטעלונג פון שטראָף פאַר באַגאַנגענע מעשים. ער איז דער אומגעצוימטער בעל־תאווה אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — דער פרעסער און זויפער, דער סעקסועל־גיריקער, דער הערשאַפט־און־אייגנטום־באַגערער, דער פאַרגוואַלטיקער און מערדער. בלויז אויבנאויפיקע אַנאַלאָגיע־זוכעריי האָט געקענט אויסגעפינען אַן ענלעכקייט צווישן זיגמונד פרוידס „עס" און אַנרי בערגסאָנס élan vital אָדער לעבנס־אימפּעט. בערגסאָנס „עלאַן" איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח, וואָס טראָגט אין זיך מיסטעריעזע חכמה און דעם סוד פון קיינמאָל זיך נישט אָפּשטעלנדיקער שעפערישער עוואָלוציע, בשעת פרוידס „עס" איז אַן אייביקער נאָר און פּרינציפּיעלער פּוסט־און־פּאַסניק. דאָס „עס" באַטראַכט זיך פאַר דער איינציק לעבעדיקער עקזיסטענץ, און אַלע אַנדערע עקזיסטענצן — בלויז ווי זאַכן, אָביעקטן פאַר זיין הנאה, פאַר זיין האָב־און־הערשאַפט־תאווה, פאַר זיין מאָרד־און־פאַרניכטונג־לוסט. פרוידס „עס" איז נישט נאָר אַבסאָלוט אַ־מאָראַליש און הפקרותדיק, נאָר אויך סקאַנדאַליעז אומפּראַקטיש. „עס" ווייסט קיינמאָל נישט און קען גאָרנישט וויסן, ווי געפערלעך זיין תאווה־דראַנג איז פאַר זיין אייגענעם קיום: פאַר אים עקזיסטירט לחלוטין נישט די שייכות צווישן האַנדלונגען און קאָנסעקווענצן. ווען דאָס „עס" וואָלט געווען דער איינציקער אָדער אַפילו דער הויפּט־באַלעבאָס אין מענטשלעכע עקזיסטענצן, וואָלט די וועלט, אָדער ריכטיקער, די געזעלשאַפט, גאָר קיין קיום נישט געקענט האָבן. זי וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדן גערანגל פון בלינדע כוחות, אין אַ כאַאָס פון זיך קעגנזייטיק

פאַרניכטנדיקע און זיך אַליין פאַרדאַרבנדיקע קנוילן פון אימפולסן. יענע איינצלנע מענטשלעכע עקזעמפּלאַרן, אין וועלכע דאָס „עס" ווערט דער אַליין־הערשער, אָדער דער הויפּט־הערשער, ווערן אַן אמתע סכנה פאַר דער געזעלשאַפט און זיי מוזן באַזייטיקט ווערן אָדער דורך פיזישער פאַרניכטונג (עקזעקוציע), אָדער דורך סאָציאַלער פאַרניכטונג (איזאָלאַציע).

גאָר אַן אַנדערע פונקציע דערפילט אין אונדזער נשמה־לעבן דער א י ך. ווי פרויד שילדערט אים אונדז, איז ער אויך נישט קיין גוואַלטיקער „בעל־מידות" און עס וואָלט געווען זייער ריזיקאַליש צו דערוואַרטן פון אים, ער זאָל זיין דער טרעגער פון עכטע מאָראַלישע ווערטן. דער עיקר איז ער, דער „בעל־הנסיון" אין אונדז, און זיין ווערט באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס אין זיין זכרון און אין די דערפאַרונגען וואָס ער איז פעיִק אין זיך צו אַקומולירן. ער איז מסוגל צו לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט און דערפאַר פאַרמאָגט ער אויך אַ באַשטימטע פעיִקייט פאָרויסצוזאָגן די אומפאַרמיידלעכע, די וואָרשיינלעכע אָדער די מעגלעכע צוקונפט. עס וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג צו אידענטיפיצירן פרוידס „איך" מיטן אינטעלעקט. דער „איך" ווייסט, אַז דאָס „עס" איז כאַאָטיש און איז נישט מסוגל זיך צו רעכענען מיט דער אַרומיקערווירקלעכקייט. נעמט ער אויף זיך די ראָלע פון אַ משגיח, פון אַן אַפּוטרופּוס און צענזאָר איבער אַלץ וואָס קומט פאָר און ברויזט אין דעם אומדיסציפּלינירטן „עס". דער „איך" ווייזט אַן גרענעצן, ביז ווו דער דראַנג פון „עס'ס" תאוות מעגן אָדער זאָלן גיין, כדי צו פאַרמיידן קראַנקייטן, געפערלעכע צונויפשטויסן מיט אַנדערע טרעגער פון דיזעלבע תאוות אָדער מיט די אָביעקטן פון די תאוות גופא (דאָס „עס" וויל דאָך נישט וויסן, אַז דער אָביעקט פון זיין תאווה איז אויך אָפטמאָל בלויז פאַר א י ם אַן אָביעקט, אָבער אַליין פאַר זיך אויך אַ סוביעקט, וואָס קאָן אַמאָל שטרענג באַשטראָפן דעם וואָס אַטאַקירט אים). דער „איך" פאַרמאָגט די עמפּירישע „חכמה" פונעם בעל־הנסיון און ער צווינגט דאָס „עס" מיטן כוח פון דערפאַרונג צו מאַכן געוויסע קאָנצעסיעס, מוותר צו זיין פון צייט צו צייט אויף באַגערן וואָס קענען אַרויסרופן אַ מלחמה מצד דער אַרומיקער ווירקלעכקייט, אין געוויסע סיטואַציעס גוזר צו זיין אויף זיך אַפילו אַ באַשטימטע מאָס פון אַסקעטיזם. אויב מיר זאָלן זיך אויסמאָלן, אַז דער „איך" ווירקט אויפן „עס" מיט איבערצייגונג, איז זיין אַרגומענטאַציע — לויט דעם ווי פרויד שילדערט אים — גישט קיין עטישע, נאָר אַן אוטיליטאַר־לעגאַליסטישע: נעם נישט די זאַך, צו וועלכער דו גאַרסט, ווייל הינטער דער זאַך שטייט אַן עמעצער, וועלכן דו, אייביקער נאַר און בלינד־באַגערער, ווילסט קיינמאָל נישט זען, און יענער עמעצער וועט דיר געבן איבערן קאָפּ, און דערצו האָט ער נאָך

אפגערעדט מיט נאך אזעלכע ווי ער, אז זיי זאלן זיך מיט זייער פאראייניק־טער קראפט נוקם זיין אן יעדן וואס נעמט ניט־זיינס; דערשטיק אין זיך די תאווה צו דער און יענער פרוי, ווייל זי האט אויף איר זייט א פאטער, א ברודער, א מאן אדער א געליבטן, און אחוץ דעם — די אנאנימע געזעל־שאפט. דאס „עס" פאלגט אפט אויס די קוואזי־מאראלישע געבאטן, נישט „מאהבה", נאר „מיראה"; בלויז מיט אנווארפן א מורא פועלט דער „איך" ביים „עס", עס זאל זיך אין א געוויסער מאס „האלטן אין דער מעלה". אין דער באציִונג צום „עס" איז דער „איך", בכן, אן עצה־געבער, א ווארענער, און, אויב מען מעג זיך דא אזוי אויסדריקן, א יורידישער קאנסולטאנט. ער איז דעם „עס"' האר, אבער — ווי פאראדאקסאל דאס זאל נישט קלינגען — אויך זיין משרת.

ווען דאס „עס" וויל נישט אננעמען דעם „איך'ס" עצה אדער ווארענונג, ווייל די טעמפעראטור פון זיין באגער איז א צו הויכע, איז דער „איך" גאר נישט זעלטן גרייט נאכצוגעבן דעם „עס" די שמד: דער „איך" שעמט זיך דעמאלט נישט צו נעמען אויף זיך די ראלע פון א „שאיסטער לאיער" און רעקאמענדירן דעם „עס" אזעלכע כיטרע מעטאדן פון באפרידיקן זיין באַ־גער, אז דיווירקלעכקייט־פאקטארן זאלן אדער דערפון זיך אינגאנצן נישט דערוויסן, אדער נישט זיין אימשטאנד צו באשטראפן פארן באגאנגענעם פאר־ברעך. בנוגע צו געוויסע עקסצעסן פונעם „עס" שפילט דער „איך" אי די ראלע פונעם זיטן־פאליציי־באאמטן, אי די ראלע פונעם „אלפאנס", וואס איז גאר א „מסייע לדבר עבירה". אויב עס איז אמת וואס מיר האבן אויבן געזאגט, אז ווען אין אלע מענטשלעכע ברואים וואלט געהערשט בלויז דאס „עס", וואלט די וועלט קיין קיום נישט געהאט, מעג מען זאגן אין שייכות צום „איך", אז ווען ער וואלט געווען דער דיקטאטאר אין אונדזער גאנצן פסיכישן לעבן, וואלט די געזעלשאפט געקאנט ווערן נאך א לאנגער אנט־וויקלונג נישט מער ווי א „חברה עגאִסטן פאר קעגנזייטיקער פארזיכערונג", און דער יסוד פון אזא געזעלשאפט וואלט געקאנט זיין בלויז א יורידישער קאנטראקט. די צענזור פונעם „איך" לגבי דעם „עס" איז דער עיקר א פראק־טיש־יורידישע, נישט קיין עטישע, און די האנדלונגען וואס דער „איך" איז מסוגל צו דיקטירן זענען לויט זייער נאטור, אין בעסטן פאל, לעגיטימע, אבער נישט קיין מאראלישע (נאטירלעך, אויב מיר נעמען אן דעם שוין באַ־נאל־געווארענעם אמת, אז די מאראלישקייט אפילו פון א סאציאל־נוצלעכער האנדלונג ווערט געמאסטן לויט דעם, צי זי איז א רעזולטאט פון א דירעק־טער אדער ספאנטאנער כוונה צו טאן דאס גוטע). אויך דער „איך", ווי פרויד כאראקטעריזירט אים, קאן, בכן, נישט באטראכט ווערן פאר א מעגלעכן מקור

פון עכטער און דירעקטער מאָראַלישקייט. מאָראַלישע ווערטן קאָנען נישט אַרויסשטראַלן נישט פונעם אומבאַוווסטזיין אָדער אונטערבאַוווסטזיין פונעם „עס" און נישט פון דער ספּערע פונעם מאָראַליש־גלייכגילטיקן און בלויז אוטיליטאַר־„סאָציאָלאָגיש" אָריענטירן „איך".

מוזן מיר זוכן דעם מקור פון עכט־מאָראַלישע מאָטיוון, אויב זיי זענען אין אונדז בכלל פאַראַן, אין דריטן טייל פון אונדזער פּערזענלעכקייט: אין „איך־אידעאַל" אָדער אין „איבער־איך" (פרויד נוצט אָפּט די דאָזיקע צוויי טערמינען פאַר איינעם און דעמזעלבן באַגריף). אויב דאָס „עס" איז בלינדע ליידנשאַפט און דער „איך" איז אַדמיניסטרירנדיקער אינטעלעקט, איז דער „איבער־איך", לויט פרוידס „אַנאַטאָמישער" סכעמע, דער זיץ פון ג ע וו י ס ן. דאָס קריטעריום פונעם „איבער־איך" איז נישט דאָס מעגלעכע אָדער דאָס אוממעגלעכע, דאָס סאָציאַל־טאָלערירטע אָדער דאָס סאָציאַל־באַשטראָפטע, דאָס לויט נאַטור־געזעצן געזונטע אָדער דאָס פיזיאָלאָגיש שעדלעכע און דעס־טרוקטיווע, נאָר דאָס ד ע ר ל ו י ב ט ע אָדער דאָס פ אַ ר ב אָ ט ע נ ע, דאָס ש יי נ ע אָדער דאָס ע ק ל ה אַ פ ט ע, דאָס ו ו ע ר ד י ק ע אָדער דאָס א ו מ ו ו ע ר ד י ק ע. דער „איבער־איך" איז אי אַן אידעאַל פון אַ באַשטימטן סטאַנדאַרט, לויט וועלכן אַלע האַנדלונגען זאָלן זיך אָריענטירן, אי דער טריבונאַל וואָס משפט די טאָטאַלע פּערזענלעכקייט פאַר אָפּנויגן פון יענעם סטאַנדאַרט, אי דער וואָס ווייטיקט (און טיילט מיט זיין וויטיק צו די איבעריקע „חלקים" פון דער פּערזענלעכקייט), ווען אַ פאַרברעכערישע אָדער אומווערדיקע האַנדלונג ווערט באַגאַנגען. חרטה, געוויסן־ביסן, תשובה זענען צושטאַנדן, וואָס וואָלטן גאָר נישט געווען אויסצודענקען, ווען אונדזער פּער־זענלעכקייט וואָלט באַשטאַנען בלויז פון „עס" און „איך". נאָך אַן אוממאָ־ראַלישער האַנדלונג קאָן דער „איך" זיך לייכט באַרויקן, אויב ער איז זיכער, אַז מען וועט פון איר זיך נישט דערוויסן, אָדער אַז צוליב די אָדער אַנדערע סיבות וועט זי נישט באַשטראָפט אָדער געטאַדלט ווערן. פאַרן „איבער־איך" עקזיסטירן אָבער נישט קיין נישט באַשטראָפטע עבירות; ער פאַרטרעט דעם ר י כ ט ע ר פ ו ן א י נ ע ו וי נ י ק, פון וועלכן מען קאָן זיך נישט אויס־באַהאַלטן. דעפּרעסיע, מרה־שחורה, נערוועזע קראַנקייטן, געפיל פון חרפה, פאַרצווייפלונג און — אין באַזונדערס שאַרפע פאַלן — וואַנזין זענען די קאָנ־סעקווענצן פון „זינד" אָדער פון אומווערדיקע מעשים.

מיט דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק פונעם „איבער־איך" וואָלטן מיר זיך געקאָנט צופרידנשטעלן און זען אין אים דעם נאַטירלעכן, בראשיתדיקן מקור פון עכטער מאָראַלישקייט. די פונקציעס פונעם „איבער־איך", ווי פרויד שילדערט זיי אונדז, וואָלטן אונדז געדאַרפט קאָמפּענסירן פאַר דער הפקר־

נאַטור פונעם „עס“ און מאָראַלישער צביעות פונעם „איך“, און מען וואָלט געקאָנט מסכים זיין מיט פרוידס דערקלערונגען, אַז זיין לערע צעשטערט גאָר נישט די באַזע פון אונדזערע מאָראַלישע ווערטן און אַז זי איז לויט איר אינהאַלט נישט פעסימיסטיש. האָט אָבער דער גרינדער פון דער פסיכאָאַנאַליזע אונדז געגעבן נישט נאָר אַ באַשרייבונג פונעם „איבער־איך“, נאָר אויך זיין געשיכטע, און אויב די מעטריקע וואָס פרויד האָט אַרויסגעגעבן דעם „איבער־איך“, זאָל זיין אַ ריכטיקע, איז ער נישט קיין ביאָ־פסיכאָלאָגישער אורוועזן מיט אייגענער קראַפט און מיט אייגענע אַנטוויקלונגס־געזעצן, נאָר — אין לעצטן חשבון — אַ פועל־יוצא פון סאָציאַלער עוואָלוציע, מער פּראָדוקט פון „ציוויליזאַציע“ ווי פון דער נאַטור, עפּעס וואָס איז אויפן אינדיווידואום אַרויפגעצוווּנגען, אָדער ריכטיקער, אין אים אַריינגעצוווּנגען געוואָרן. בשעת דאָס „עס“ איז אַ טייל פון מעשה־בראשית, איז דער „איבער־איך“, לויט פרוידס שלשלת היוחסין, געבוירן געוואָרן גאַנץ שפּעט, און זיין מהות איז, אין אַ געוויסן זינען, נישט מער ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון אַן אַנדער וועזן: פון דערציונג און סאָציאַלן צוואַנג. ווייל דאָס וואָס מיר רופן אָן מיטן נאָמען געוויסן איז, לויט פרוידס אינטערפּרעטאַציע, אַ פאַראינערלעכטער המשך פון דרויסנדיקער קריטיק און שטראָף־וואָרענונג. די עשה׳ס און די לא־תעשה׳ס, וואָס ווערן אויפן יחיד אַרויפגעצוווּנגען פריער פון עלטערן און דערנאָך פון דער געזעלשאַפט בכלל („ציוויליזאַציע“), האָבן אויף אים אַ מין היפּנאָטיזירנדיקע השפּעה; די דעטעקטיוו־און־באַשטראָפונג־פונקציעס פונעם כלל ווערן טראַנספּערירט אין זיין אינעווייניקסטן לעבן, און דער דרויסנדיקער צוואַנג ווערט פאַרוואַנדלט אין אינעווייניקסטן. גייסטיק־קראַנקע פון אַ געוויסן מין באַקלאָגן זיך אָפט, אַז אַנדערע מענטשן ווייסן אַלע זייערע געדאַנקען, אַז זייערע האַנדלונגען ווערן שטענדיק נאָכגעקוקט און דעטעקטירט. וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פּראָקוראָר־אינסטאַנץ ווערן זיי אינפאָרמירט דורך שטימען, און עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז יענע שטימען, רעדן צו זיי אין דער דריטער פּערזאָן: „אָט טראַכט ער נאָכאַמאָל וועגן דער זעלבער זאַך“, „אָט הויבט ער זיך אויף אַוועקצוגיין אין יענעם פּלאַץ“. פרויד דערלויבט זיך צו באַהויפּטן, אַז נישט נאָר איז עס טאַקע אמת, אַז דער פּאַציענט הערט אַזעלכע שטימען, נאָר אַז די שטימען גופא זענען, אין אַ געוויסן זינען, „רעאַלע“. דאָס זענען די שטימען פון עלטערן, דערציער, רעליגיע־וואָרטזאָגער, און פון דער געזעלשאַפט בכלל, וואָס דער חולה האָט נישט איינמאָל געהערט און וואָס האָבן אין אים „פאַראינערלעכט“, זיך באַזעצט אין זיין אייגענעם „איך“ אָדער „איבער־איך“. אין זיין “Origin and development of moral ideas” דערציילט אונדז וועסטערמאַרק וועגן אַ

שמועס צווישן אַ יונגן מיטגליד פון אַן אויסטראַלישן שבט און דעם באַקאַנטן רייזנדן לאָועל, וואָס האָט אַ לענגערע צייט געפאָרשט די מנהגים פון פרימיטיווע ראַסן. זיי האָבן געשמועסט וועגן די מאכלים וואָס מען טאָר נישט עסן אין אויסטראַליע אין דעם פעריאָד פון די צערעמאָניעס וואָס ווערן דאָרט דורכגעפירט פאַר יונגעלייט, וועלכע דאַרפן שוין אַריינגענומען ווערן אין דער געזעלשאַפט פון דערוואַקסענע. לאָועל האָט אים אַ פרעג געטאָן: שטעל דיר פאָר אַז דו ביסט זייער הונגעריק און דו האָסט אַ לייכטע געלעגנהייט צו פאַנגען אַ חיה, וואָס מען טאָר אין יענע טעג נישט עסן; אָבער אויב די אויגן פון די זקנים פון דיין שבט זעען דאָס נישט, פאַרוואָס זאָלסטו נישט עסן? „דאָס קאָן איך גאָר נישט טאָן" האָט דער אויסטראַליער געענטפערט, „ווייל דאָס איז נישט גוט צו טאָן". פרויד וואָלט אויף דעם פאַל געזאָגט, אַז די אויגן פונעם שבטס זקנים קוקן שוין אויף דעם אויסטראַליער פון אינעווייניק, אַז אַן אָפּשפּיגלונג פון זיי איז טראַנספּערירט געוואָרן אין זיין אייגענעם וועזן, און דרויסנדיקער צוואַנג ווירקט אין אים ווי אינעווייניקסטער געוויסן. אין דער לאַנגער קייט פון סיבות און אַנטוויקלונגען, אין לעצטן אַנאַליז, איז, בכן, פרוידס „געוויסן" אָדער „איבער־איך" — פאַרמאַסקירטער צוואַנג און סאָציאַלער „כישוף", און אויף וויפיל דאָס איז זיין מהות, איז ער נישט אָריגינעל, נישט עכט, אַריינגעצוווּנגען פון דרויסן. קיין פרייע און ספּאָנטאַנע מאָראַלישקייט קאָן מען, בכן, אויך אין „איבער־איך" נישט געפינען, און ביים יחיד מוז שטענדיק בלייבן דער פאַרלאַנג צו צעררייסן די, אין דעם פאַל, שוין גייסטיקע קייטן, אין וועלכע די „ציוויליזאַציע" האָט אים געשמידט; זיך באַפרייען פונעם „דיבוק", וואָס קהל האָט אין אים אַריינגעזעצט. אויב געוויסן איז נישט קיין אור־עלעמענטאַרער וועזן, נאָר אַ פּראָדוקטיווער פאַקט, קאָן ער, לויט דעם שטרענגען זין פון פרוידס אַלגעמיינע הנחות, קיין ענדגילטיקע ממשות נישט האָבן. אַ רעוואָלט קעגן דעם „אומנאַטירלעכן" געוויסן איז שטענדיק מעגלעך, און ביאָלאָגיש איז אַזאַ רעוואָלט פולקאָם „באַרעכטיקט". פרוידס פּסיכישע „אַנאַטאָמיע" לאָזט דערפאַר איבער גענוג פלאַץ פאַר עטישן פּעסימיזם, פאַר דער אויפאָסונג פון עטישע ווערטן ווי „קינסטלעכע": דער אורשפּרונג פונעם „עס" איז דאָ ביי אים אַ קאָסמישער, בשעת דער אורשפּרונג פונעם „איבער־איך" איז בלויז אַ היסטאָרישער.

טראַכטן מיר זיך אָבער אַריין אין פרוידס ווייטערע און דעטאַלירטערע שילדערונגען פון געוויסן און, דער עיקר, פונעם געוויסנס אינטענסיווקייט, מוז ביים אויפמערקזאַמען לעזער אַרויפשווימען אַ פאַרדאַכט, אַז דער גענציאַלער שאַפער פון דער פּסיכאָאַנאַליזע האָט זיך אפשר אַליין נישט אָפּגעגעבן גענוג

חשבון וועגן די פילאָסאָפישע אימפּליקאַציעס פון זיינע שילדערונגען. זעלטן ווען ווער פון די מאָדערנע פּסיכאָלאָגן האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל שאַרפע אָבסערוואַציע־קראַפט און אינטערעס פאַר אַזאַ וויכטיקן עלעמענט פון געוויסן, ווי ש ו ל ד ־ ג ע פ י ל. פרויד איז געווען דער, וואָס האָט אונדז ווי אַן עקספּערימענטאַלער פאָרשער באַזונדערס אויפמערקזאַם געמאַכט אויפן טיפּ פון „פאַרברעכער מחמת שולד־באַוווסטזיין“ (אין זיינע "Psychoanalitische Studien an Werken der Dichtung und Kunst"). ער האָט אונדז געגעבן דעם שליסל צו די משונהדיקע קאַפּריזן פון אַ געוויסן טיפּ קינדער, וואָס ווערן פון דער העלער הויט „שלים“, מיט דער באַשטימטער, כאָטש אומבאַוווסטזיניקער, כוונה באַשטראָפט צו ווערן פאַר זייער „שלים־זיין“. זיי פילן זיך שולדיק גאָר פאַר עפּעס אַנדערש (וואָס אָפטמאָל געדענקען זיי עס גאָר נישט) אָדער „סתם“ שולדיק, אָן אַ פאַרוואָס, און זיי באַרויִקן זיך ערשט נאָך דעם, ווי זיי זענען באַשטראָפט געוואָרן. רמזים אויף אַזעלכע פאַראַדאָקסאַלע מאָטיוון פאַר האַנדלונגען וואָס ווערן באַשטראָפט האָט פרויד אפשר באַמערקט ביי ניטשען, אין זאַראַטוסטראַס רעדעס, אָבער זיין אייגענע לאַבאָראַטאָריע האָט אים געגעבן פאַר זיינע פאָרשונגען גענוג קאָנקרעטן שטאָף און אומגעהייערע אינטריגירנדיקע אילוסטראַציעס. אָט דערציילט ער אונדז, למשל, וועגן זיינער אַן אייגנאַרטיקער פאַציענטין ("Die am Erfolge Scheitern"). זי איז ווי אַ יונג, אַוואַנטוריסטיש מיידל אַנטלאָפן פון דער היים. אויף אירע וואַנדערונגען און וואַנדלונגען האָט זי באַגעגנט אַ קינסטלער און יענער האָט זיך אין איר פאַרליבט. אַ לאַנגע צייט האָט דעם קינסטלערס פאַמיליע נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די צוויי יונגע מענטשן זאָלן חתונה האָבן. ווען דער אומווילן פון דער פאַמיליע איז שוין ענדגילטיק געבראָכן געוואָרן און דאָס מיידל האָט שוין געקאָנט טריִומפירן איבער איר דערפאָלג, איז זי גייסטיק קראַנק געוואָרן: דאָס גליק איז געוואָרן איר רעכטער אומגליק, ווייל ערגעץ־ווו האָט זי געטראָגן אין זיך אַ געפיל פון שולד און זי האָט זיך נישט געהאַלטן ראוי פאַר איר דערפאָלג. אומפאַרדינט גליק איז אַן אומגערעכטיקייט, און אין דעם פאַל האָט די גערעכטיקייט געפונען איר „תיקון“ אין דער מיידלס משוגעת. און אָט לייענען מיר ביי פרוידן אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג וועגן אַן אוניווערסיטעט־לערער, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געטרוימט צו פאַרנעמען דעם אַמט פון זיינעם אַן עלטערן קאָלעגע, אַן אָנגעזעענעם פראָפעסאָר. פלוצים איז דער פראָפעסאָר געשטאָרבן און דער יונגער לערער איז באַשטימט געוואָרן אויף זיין פלאַץ. אנשטאָט זיך צו פרייען מיט זיין דערפאָלג, איז ער גאָר אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מעלאַנכאָליע און האָט יאָרן־לאַנג בכל שוין גאָרנישט געקאָנט טאָן: עמעצער אָדער עפּעס

האָט „אין אים״ געוווּסט, אַז אין זיינע באַהאַלטענע טרוימען האָט ער דעם עלטערן פּראָפעסאָר געווונטשן דעם טויט. מיר שטעלן זיך אויך אָפּ אויף די דאָזיקע פאַקטן, אויף וועלכע פּרויד האָט געצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט, מיט אַ באַשטימטער כּוונה: אין זיי ווערט דעמאָנסטרירט אַ מאָראַלישע פונקציע, וואָס איז צו־אינטענסיוו, צו ווייט־פירנדיק און וואָס פיקסירט צו פיל אויף איין פונקט די טאָטאַלע פּערזענלעכקייט, כדי צו קאָנען לייכט אָננעמען פּרוידס הנחה, אַז די קראַפט פון דער דאָזיקער מאָראַלישער פונקציע איז אַ געליִענע, אַ טראַנספּערירטע „פון דרויסן״, נישט קיין פולקאָם אָרגאַנישע. ווי אין דער מעכאַניק, אַזוי קאָן אויך אין פּסיכישן לעבן אַ באַוועגונג נישט פאַרמאָגן מער קראַפט, ווי דער שטויס וואָס האָט זי אַרויסגערופן. ווען געוויסן וואָלט געווען בלויז „פּאַראַינערלעכטער צוואַנג״, וואָלט עס נישט פאַרמאָגט יענע שטוינענדיקע כּוחות, וואָס ווירקן זיך אויס — ווי אין די פאַקטן וואָס פּרויד גופא האָט געבראַכט — אין „קראַנקן געוויסן״. דערציִונג און צוואַנג פון דער געזעלשאַפט, פאַראינערלעכטע גזירות פון „ציוויליזאַציע״ וואָלטן געדאַרפט פירן גיכער צו „לעגיטימער״ ווי צו מאַזאָכיסטישער מאָראַלישקייט. אין זיין לעצטן ווערק וועגן די צוויי מקורות פון מאָראַל און רעליגיע האָט אונדז בערגסאָן דערמאָנט (ער האָט בלויז פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז ער ווייסט עס דער עיקר פון דאָסטאָיעווסקין) וועגן דעם קרימינעלן פאַרברעכער, וואָס קאָן זיך נישט קאָנטראָלירן און קערט זיך אום, גלייך ווי אויספאָלגנדיק אַ פאַטאַלן באַפעל, צום אָרט, וווּ ער איז באַגאַנגען זיין מאָרד. ער גייט אַזוי לאַנג און אַזוי אָפט צו יענעם פלאַץ ביז ער ווערט אַנטדעקט. פּרוידן זענען אַזעלכע דערשיינונגען ווייט נישט אומבאַקאַנט, און אויך לויט זיין אָפּשאַצונג זוכט יענער טיף פאַרברעכער אַ געלעגנהייט אויסגעפינען צו ווערן, באַשטראָפט צו ווערן און אַזוי צו שטילן זיין שולד־באַוווּסטזיין: ווי אַזוי וואָלטן די „זקנים פונעם שבט״, אינסטיטוציאָנעלע רעליגיע, „ציוויליזאַציע״ בכלל, געקאָנט, מיט זייער „היפּנאָז״ דערגרייכן אַזעלכע רעזולטאַטן (און אין פּרינציפּ איז דאָך כּלל נישט וויכטיק, אין וויפל עקזעמפּלאַרן פונעם מין מענטש די דאָזיקע רעזולטאַטן ווערן דערגרייכט), ווען געוויסן וואָלט געווען בלויז אַ גראַמאָפאָן מיט רעקאָרדן, אַריינגעשטעלט פון דרויסן אין די פּסיכישע געדערים פון דער פּערזענלעכקייט, ווען דער „איבער־איך״ אָדער די טאָטאַלע פּערזענלעכקייט וואָלט נישט פאַרמאָגט דעם עיבור פון אייגענער, עכטער, אור־מאָראַלישקייט?

פראַגן פון אַן ערך דעם זעלבן כאַראַקטער מוזן אַרויפשווימען אויך אין שייכות מיט פּרוידס באַגריף פון ס ו ב ל י מ אַ צ י ע, דאָס, וואָס מיר באַצייכענען ווי אַ מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, ווערט, לויט פּרוידן, אויפגעבויט

דורך צוויי פּראָצעסן. אַ דאַנק דעם „איך״, וואָס וואָרנט און סטראַשעט, ווערן אַ צאָל אינסטינקטיווע באַגערן אונטערדריקט אָדער דערשטיקט, און אַ דאַנק דעם „איבער־איך״ ווערן געוויסע ענערגיעס פונעם אוממאָראַלישן „עס״ סוב־לימירט, נתעלה צו אַ העכערער מדרגה פון סאָציאַל־נוצלעכע פונקציעס אָדער פון עסטעטיש־רעליגיעזער שעפערישקייט. אַ ייִנגל, למשל, וואָס האָט גע־שעפּט הנאה פון מוטשען אַ חיה און פון שניידן אירע גלידער, כדי צו זען „וואָס עס טוט זיך אין איר״, וואַקסט אויס, און אונטער גינסטיקע דערציִונגס־באַדינגונגען ווערט ער גאָר אַ כירורג אָדער אַ פאָרשער אין אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע. אַן אינטערעסאַנטן פאַל פון סובלימאַציע געפינען מיר אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביי שלום־עליכמען. יאָרן־לאַנג גנבעט משהקע גנב פערד ביי אַרומיקע פּויערים און פּריצים, נאָר ווען אין שטעטל טרעפט זיך אַן אומ־גליק — מען כאַפּט אַוועק אַ ייִדיש מיידל אין מאָנאַסטיר און מען שמדט זי דאָרט אָפּ, און מ׳זוכט עמעצן וואָס זאָל זי פון מאָנאַסטיר אַרויסגנבענען און אַריבערשטעלן די גרענעץ, כדי זי זאָל קאָנען „אויסקומען״ — געפינט אין זיך די נויטיקע מאָראַלישע ענערגיע גראָד משהקע. די קרימינעלע ענערגיע האָט זיך סובלימירט צו דער מדרגה פון ,לאָמיר זאָגן אין דעם פאַל, אַ רעלי־גיעזער, יעדנפאַלס אַ „סאָציאַל־נוצלעכער״ פונקציע. פרויד לייגט אומגעהייער גרויסן טעראַפּעווטישן ווערט אויף דעם פּראָצעס פון סובלימאַציע: סתם „פאַרדרענגונג״ אָדער דערשטיקונג פון באַגערן און גלוסטענישן דעזאָרגאַ־ניזירט די פּערזענלעכקייט, פירט צו נערוואָזיטעטן און היסטערישע צושטאַנדן, בשעת סובלימאַציע בויט די פּערזענלעכקייט ווידער אויף, מאַכט זי אויף איר אופן ווידער געזונט, גאַנץ און פּראָדוקטיוו.

אָבער פון וואַנען נעמען מיר די נויטיקע קראַפט פאַר סובלימאַציע? זי איז, נאַטירלעך, פאַר אַלעמען קאָמפּענסאַציע: דורך סובלימירן אונדזערע געפילן, בייגונגען און ענערגיעס, באַלוינען מיר זיך אַליין פאַרן פאַרלוסט וואָס מיר האָבן געליטן, פאָלגנדיק דעם „איך״ אָדער דעם „איבער־איך״ און זיך אָפּזאָגנדיק פון הנאות. נאָך וועלכע מיר (אָדער דאָס „עס״ אין אונדז) האָבן אַזוי שטאַרק געגאַרט. לויט פּרוידן ווירקט דאָ אַ באַשטימטער „עקאָ־נאָמישער״ פּרינציפּ: איך האָב צוליב דעם „איך״ אָדער דעם „איבער־איך״ זיך אָפּגעזאָגט פון איין הנאה. ק ו מ ט מ י ר פ ו ן א י ם ד ע ר פ אַ ר אַ ן אַ נ ד ע ר ה נ אַ ה. אָבער דאָ איז אויפן אָרט אַ פראַגע, צי די נייע הנאות, וואָס מיר קריגן דורך סובלימאַציע, זענען בלויז במקום־ווערטן, „ער־זאַץ״־הנאות, אָדער זיי זענען פאַר אונדזער דירעקטער איבערלעבעניש — זעלבסטשטענדיקע, אָריגינעלע הנאות, הנאות אַן־און־פאַר זיך, בלויז פון אַן אַנדער ספערע אָדער פון אַן אַנדער שטאַפּל אויפן לייטער פון עקזיסטענץ?

אַ קאַטויליש דערצויגן מיידל, לאָמיר אָננעמען, מוז זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ אינ־טענסיווער און עלעמענטאַר־נאַטירלעכער הנאה ווי סעקסועל לעבן און מער־טער־פונקציעס. זי איז פיזיש נישט צוציִענדיק אָדער איר געליבטער, וואָס זי איז פיקסירט אויף אים, האָט זי „פאַרראַטן". מיר דערוויסן זיך מיט אַ צייט שפּעטער, אַז זי איז געוואָרן אַ נאָנע, האָט זיך נאָכדעם אָוועקגעלאָזן מיט אירע חברטעס אויף איינעם פון די מאָלאָקאַי־אינדזלען און זי פאַרברענגט דאָרט אירע טעג און נעכט אין אַ סאַנאַטאָריע, באַדינענדיק און היילנדיק אַ גרופּע איזאָלירטע לעפּראַ־קראַנקע. זאָגן מיר אין אַזאַ פאַל, אַז זי קאָמפּענ־סירט זיך אויפן מאָלאָקאַי־אינדזל פאַרן הפסד אין סעקסועלן אויסלעבן זיך און אַז איר געפּענטעטע מוטער־צאַרטקייט גיסט זיך אויס אין דער צאַרט־קייט, וואָס זי ווייזט יעדן טאָג אַרויס יענע אומגליקלעכע און מערסטנס אפשר נישט צו היילנדיקע פּאַציענטן. מיר האָבן דאָ צו טאָן, וועט מען זאָגן, מיט אַ פאַל פון קאָמפּענסאַטאָרישער סובלימאַציע. אָבער איז טאַקע יענע אייגנ־אַרטיקע „הנאה", וואָס די נאָנע קריגט אין לעפּראָזאַריום, בלויז אַן „ערזאַץ" פון סעקסועלן לעבן? אויב אין אַן „ערזאַץ" ווערט מאַניפעסטירט מער פּסי־כישע ענערגיע, ווי אינעם „אָריגינאַל", און אויב די קאָמפּענסאַטאָרישע „הנאה" איז, ווי זי קען זיין אין דעם געגעבענעם פאַל, אינטענסיווער איידער עס וואָלט געווען די אָריגינאַל־הנאה (דאָס סעקסועלע לעבן), מעג מען שטעלן אַ זייער באַרעכטיקטן פראַגע־צייכן וועגן דעם, צי האָבן מיר טאַקע צו טאָן אין סובלימאַציעס מיט „במקום"־באַפרידיקונגען. פון שאָפּענהויער ביאָגראַ־פיע ווייסן מיר, אַז זיינע שעפערישסטע טעג זענען געווען גראָד יענע, ווען ער איז געווען סעקסועל אויפגעברויזט און האָט אונטערדריקט אין זיך זיינע עראָטישע באַגערן. אָבער צי קענען מיר דען אויפן גרונט פון דעם פאַקט זאָגן, אַז זיין „וועלט אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג" איז געווען בלויז אַן ערזאַץ־הנאה פאַרן אַ נ וו ע ר פון זיינע סעקסועלע באַפרידיקונגען? אויב אַ בלינדער אַנטוויקלט אין זיך אין אַ שטאַרקערער מאָס ווי נישט־בלינדע זיין געהער און זיינע מוזיקאַלישע פעיִקייטן, וועט עס זיין אַן אַבסורד אויף דעם גרונט צו זאָגן, אַז דאָס אויער איז אַ „במקום" פון אַן אויג; אָדער אויב אַ טויבער זאָל זיך קאָמפּענסירן מיט אַ שאַרפערער אַנטוויקלונג פון זיין חוש פאַר פאַרבן און ליניעס, קאָן מען דערפון נישט מאַכן דעם אויספיר, אַז אַן אויג איז ב ט ב ע אַן „ערזאַץ" פון אַן אויער. מיר זענען גיכער באַרעכטיקט אָנצונעמען אין דעם ערשטן פאַל, אַז דאָס אויער איז געווען צום טייל אַטראָ־פירט צוליב דעם אויגס תביעות אויף זיין חלק ענערגיע אין דער פערזענלעכ־קייט, און ווען ס'איז געקומען אַ צייט און דאָס אויג האָט שוין פאַר זיך מער קיין ענערגיע נישט געדאַרפט האָבן, איז דאָס אויער באַרייכערט געוואָרן. די־

זעלבע אויסטייטשונג קאָן מען אָנווענדן אויך אויפן צווייטן פאַל. ווען דאָס „סובלימע״ וואָלט פּאָטענציעל סײ־ווי־סײ נישט געלעבט אין אונדז ווי אַ זעלבסטשטענדיקע ספערע, וואָלטן מיר קיינמאָל צו אים נישט געקאָנט דערגרייכן, און ווען עס וואָלט נישט געווען עכט, דאָס הייסט, ווערטפול אין זיך, וואָלט עס נישט געקאָנט זיין אַזוי שעפעריש און אַזוי עפעקטיוו, ווי עס ווייזט זיך אָפטמאָל אַרויס אויף אַזעלכע געביטן ווי רעליגיע, וויסנשאַפט, קונסט און פּאָליטיק. פרוידס שילדערונגען פון סובלימאַציע־פּראָצעסן און פון זייערע פּירות וואָלטן אים געדאַרפט צווינגען צו רעווידירן זיין אויפפאָסונג פונעם „איבער־איך״ און ערנסט צו שטעלן די פראַגע, צי איז טאַקע דאָס „סובלימע״ בלויז אַ נויט־פּראָדוקט פון געוויסע אַנטוויקלונגען, אָדער אַן אור־פאַקט און פונקט אַזוי אורשפּרינגלעך ווי דאָס „עראָטישע״ אין אונדז.

אין איינער פון זיינע אָפּהאַנדלונגען אין דעם קורצן אָבער זייער סטימולירנדיקן עסיי “Zeitgemasses ueber Krieg und Tod”, האָט זיגמונד פרויד טאַקע געמאַכט אַ פּרווו אַוועקצושטעלן דעם מאָראַלישן עלעמענט אויף איין מדרגה פון אור־ממשותדיקייט מיטן עראָטישן מאָמענט, אָדער גאָר צו באַטראַכטן דאָס מאָראַלישע ווי אַ טייל פונעם עראָטישן. אין יענער אַרבעט האָט אונדז פרויד געגעבן אַ רמז אויף אַן אַנדער אָפּשטאַם אָדער אַרויסוויקלונג פון מאָראַלישע געפילן און עטישע געבאָטן, און דער דאָזיקער רמז, ווי אונדז דוכט זיך, איז אין פּרינציפּ סותר זיין אויסטייטשונג פון געוויסן ווי אַ „פאַראינערלעכטן צוואַנג״.

1940

סאָציאַלע נירוואַנאַ

די געשיכטע איז אַ לאַנגע קייט פון עקאָנאָמישע מלחמות — דאָס איז איינע פון קאַרל מאַרקס׳ פונדאַמענטאַלע הנחות. דאָס וואָס דאַרווין האָט איינגעטייטשט אין דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע, האָט מאַרקס אַריינגעטייטשט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער ערודיציע, שאַרפזין און וויסנשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג קעמפן צווישן זיך נישט אידייען אַן און פאַר זיך, נישט פּרינציפּן אין דער בחינה פון נשמות ערטילאות, נישט ליידנשאַפטן, געשמאַקן און סטילן — נאָר אינטערעסן, אַמאָל נאַקעטע און אַמאָל פאַרמאַסקירטע עקאָנאָמישע קרעפטן. מוז מען נישט זיין קיין געשווירענער מאַרקסיסט, כדי אָנצונעמען דעם עלעמענטאַרן אמת, אַז עלנבויגנס פון קלאַסן און עקאָנאָמישע גרופּן האָבן טויזנטער יאָרן זיך געריבן און געשאַפן די נויטיקע טעמפּעראַטור, כדי די רעדער פון דער געשיכטע זאָלן זיך דרייען אין דער אָדער אַן אַנדערער ריכטונג. נאָר פאַרבבא־מעשהטע אויגן קענען דאָס נישט זען און נאָר איינמאַריגירטע טעאָלאָגן פון אַ באַשטימטן שניט ווילן דאָס נישט זען. עס בלייבט איבער איין קשיא, וואָס ווערט אין דער אָרטאָדאָקסיש־מאַרקסיסטישער ליטעראַטור נישט פאַרענטפערט: אַט די עקאָנאָמישע מלחמה, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, פונעם פריסטן פעאָדאַליזם ביזן שפּעטסטן קאַפּיטאַליזם, דריקט דאָך אויס אַ געוויסע סומע מענטשלעכע ענערגיע און שפּאַנונג — וואָס־זשע וועט ווערן מיט אַט דער ענערגיע און מיט אַט די שפּאַנונגס־כוחות „באחרית הימים״, אין אַ רייפער, פולשטענדיק קאָנסאָלידירטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט? וועלן זיי איינשלאָפן אָדער זיי וועלן זיך מוזן זוכן נייע קאַנאַלן, נייע ריכטונגען און אַנטפּלעקונגס־פאָרמען, און דערמיט אַליין זיך אויסדריקן אין... נייע „מלחמות״? זענען זיי פאַרמשפּט איינצושלאָפן — איז אַ סוף צו היסטאָריע, מוז אַנטשטיין די דעגענעראַציע פון טעמפּער צופרידנקייט; וועלן זיי זיין וואַכעדיק, וועלן מוזן זיין סתירות, וואָס זאָלן זיי שפּייזן. וואָס־זשע פאַראַ סתירות טראָגט אין זיין נאָך נישט פאַרטיקן שויס דער „עולם־שכולו־טוב״, וואָס הייסט „די סאָציאַלע אָרדענונג״? מאַרקס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט צולאָזן די מעגלעכקייט פון אַזעלכע סתירות. די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט איז פאַר אים געווען דאָס לעצטע וואָרט

פון אַנטוויקלונג, דער גליקלעכער עפּילאָג פונעם ספּעקטאַקל, וואָס הייסט מענטשלעכע געשיכטע. אָבער וואָס קומט נאָך אַן עפּילאָג? אויב דער פאַר־האַנג לאָזט זיך אַראָפּ, איז אויס סצענע. הויבט ער זיך אויף, איז עס אַ סימן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע דראַמע, מיט נייע ליידנשאַפטן און סתירות, מיט נייע זיגער און באַזיגטע. דעם רמב"מס בילד פון צדיקים, וואָס זיצן אין גן־עדן מיט עטרות אויף זייערע קעפּ און זענען נהנה מזיו השכינה, איז אונדז פסיכאָלאָגיש אומפאַרשטענדלעך. כדי הנאה צו האָבן, דאַרף מען וו ע ל ן, זיין געשפּאַנט, ליידן, באַגערן, זיין אומצופרידן, שווימען צו נייע ברעגעס. סאָציאַלע נירוואַנאַ איז נישט מער פאַרשטענדלעך, ווי אינטעלעקטועלע אָדער עמאָציאָנעלע נירוואַנאַ...

מאַרקס און הערצל

הערצל האָט געהאַט מוט צו באַהויפּטן, אַז ער שטעלט זיך פאַר נישט קיין קאָנטער־רעוואָלוציע, נאָר אַן עכטע רעוואָלוציע קעגן דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אין אַ פאָר הונדערט יאָר נאָך דעם ווי זי וועט פולשטענדיק עטאַ־בלירט ווערן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ רעוואָלוציאָנערע מינדערהייט, וואָס פון איר ברוסט וועט זיך מיטאַמאָל אַרויסרייסן אַ פאַרביטערטער „גע־נוג", אַ ליידנשאַפטלעכער פּראָטעסט קעגן דער פאַרגליווערטקייט, קעגן דער פאַרקנעכטונג, קעגן דער „באַלעבעסלדיקער" לאַנגווייליקייט פון אַ רעאַקציאָ־נער געוואָרענעם סאָציאַליזם. ער האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס פאַרא לאָ־זונגען אַזאַ מינאָריטעט וועט קומען, וואָס וועט זיין איר קאָנקרעטער סאָציאַ־לער אידעאַל (אַנאַרכיזם?), אָבער ער האָט נישט געגלויבט אַז מיט סאָציאַ־ליזם ענדיקט זיך די סאָציאַלע אַנטוויקלונג. אַ ליידנשאַפטלעכער רעוואָלו־ציאָנער און אין גרונט אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, האָט ער נישט גע־וואָלט זיין קיין ג ע צ נ ד י נ ע ר פון סאָציאַליזם. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַן אידייע, וואָס איז דערהויבן, יושרדיק, שיין פ אַ ר א ו נ ד ז ע ר צ יי ט, ווערט נאָך דערמיט נישט דאָס אַ ב ס אָ ל ו ט ע, און ער האָט זיך געהיט פון אַ פעטישיסטישער באַציִונג צום סאָציאַליזם. מאַרקס איז אין דעם פרט געווען מער אַ ו ט אָ פּ י ס ט, ווי אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטישע דענ־קער. אין תוך איז ער געווען דער גרעסטער פאַנטאַסט אין דער אָפּשאַצונג פונעם תוך און דעם סוף־ווערט פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג. אַ סאָ־ציאַלער רעזשים, וואָס באַפרידיקט אַלע מענטשלעכע באַגערן, וואָס באַזיי־טיקט אויף אייביק אַלע סתירות און קאָנפליקטן, איז נישט קיין וויסנשאַפט־לעכער באַגריף, נאָר אַ משיחישער טרוים, — אַ „ווונטש־דערפילונג". מאַרקס האָט, דוכט זיך, אויסגעוואָרצלט פון זיין האַרץ אַלע חלומות, אַלע שיירים פון תמימותדיקייטן, נאָר פון דעם סינדערעלאַ־מאָטיוו האָט ער זיך נישט געקאָנט

באַפרייען. אייז־קאַלטע לאָגיק, וואַגנדיקע אָביעקטיוויטעט, אייזערנע דיאַלעק־טיק, האָבן אים נישט געשטערט צו זיין אַ מאמין אין סאָציאַלע נסים, אין היסטאָרישן כּישוף.

דער וויסנשאַפטלער און דער נביא

אין זיין סאָציאַלער פילאָסאָפיע האָט מאַרקס אַנגעווענדעט דעם אַלגע־מיינעם פּרינציפּ פון העגעלס דיאַלעקטיק. לויט דער דאָזיקער דיאַלעקטיק קומט אויס, אַז „אַלץ וואָס עס עקזיסטירט איז פאַרנינפטיק״, איז על־פּי־שכלדיק־נויטווענדיק, האָט נישט געקאָנט און נישט געטאָרט נישט־עקזיסטירן, טראָגט זיין באַרעכטיקונג אין זיך אַליין און אין דער קייט פון סיבות, וואָס האָבן גורם געווען אַז עס זאָל עקזיסטירן. אַלץ אויף דער וועלט איז, אַזוי צו זאָגן, „כּשר״. אָבער לויט דער זעלביקער דיאַלעקטיק איז אויך גערעכט דער דיכטער, ווען ער זאָגט אַז

> "Alles, was entsteht,
> Ist wert, dass es zugrunde geht."

אַלץ איז אי כּשר אי טריף, אי געזעצלעך אי אומגעזעצלעך, אי שכלדיק אי נאַריש, אי קאָנסטרוקטיוו אי דעסטרוקטיוו — עס ווענדט זיך נאָר אין דעם ו ו ע ן, אין דער צייט, אין דער אַנטוויקלונגס־מדרגה. הערואַקליט, ספּי־נאָזאַ און העגעל — דאָס זענען די קוואַלן, פון וועלכע מאַרקס האָט, ביודעים ובלא יודעים, גענומען די פילאָסאָפישע סכעמע פון ר ע ל אַ ט י ו ו י ט ע ט פאַר זיין סאָציאַלן געדאַנק. לויט דער דאָזיקער סכעמע וואָלט געדאַרפט אויס־קומען, אַז פּונקט ווי פעאָדאַליזם און קאַפּיטאַליזם זענען באַרעכטיקט אין זייער עקזיסטענץ פאַר זייערע צייטן (דאָס האָט מאַרקס נישט נאָר צוגעגעבן, נאָר זייער אויסדריקלעך אונטערגעשטראָכן) אַזוי איז סאָציאַליזם אומבאַרעכ־טיקט פאַר אַן אַנדערער צייט, ווען ער וועט אַנטשטיין, העגעליאַניש גערעדט, אַ נייע „נעגאַציע פון דער נעגאַציע״. אָבער וועגן אַ נעגאַציע פון סאָציאַליזם האָט מאַרקס אַפילו אַ טראַכט טאָן נישט געוואָלט. ביים סאָציאַליזם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווייל... ער האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט זיין „בלויז״ אַ וו י ס נ ש אַ פ ט ל ע ר. ער האָט נאָך געוואָלט זיין אַ נ ב י א אויך, און יעדער נביא מוז האָבן זיין „אחרית הימים״, זיין אַפּאָקאַליפּטיק, זיינס אַן אייגן „טויזנט־יעריק רייך״.

פּלאַן און וועלט־אַנשויונג

זענען דאָס אַלץ „אַקאַדעמישע״ פראַגן? דער פּראַקטיקער פון סאָציאַ־ליזם קאָן זאָגן, אַז די אַלע „פילאָזאָפערייען״ אַרום סאָציאַליזם קערן זיך מיט

אים נישט אָן, אַז ער איז גאָרנישט מחויב צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס׳וועט ווערן פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג און קולטור שפּעטער מיט אַ טויזנט יאָר, אַז דערווייל האָט ער אַ וויכטיקע און ממשותדיקע אויפגאַבע פאַר זיין צייט — די פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם, וואָס איז איצטער און פאַר יעדער צוקונפט, וואָס אונדזער אויג נעמט אַרום, אי שכלדיק, אי יושרדיק, אי אַבסאָלוט נויטווענדיק. דער, וואָס טענהט אַזוי, ווייזט אַרויס אַ געזונטן לעבנס־אינסטינקט, און אים איז לחלוטין נישטאָ וואָס צו ענטפערן: מ׳דאַרף נאָר שטאַרקן זיין מוט, קרעפטיקן זיינע הענט. אָבער ווען עס רעדט זיך נישט סתם וועגן פאַרווירקלעכן סאָציאַליזם, נאָר וועגן סאָציאַליזם ווי אַ ת ו ר ה, מוז מען געדענקען אַז מאַרקסיזם איז ניט נאָר אַ פּלאַן, אַן אונטערנעמונג און אַ סאָציאַל־סטראַטעגישע פּראָגראַם, נאָר אַ וו ע ל ט ־ אַ נ ש ו י ו נ ג. און האָבן מיר צו טאָן מיט אַ וועלט־אַנשויונג, איז פּ ר אַ ק ט י ש זייער וויכטיק, זיך אָפּצוגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן איר „פון־וואַנען" און „וווהין" — וואָס זענען אירע קוואַלן און וואָרצלען, און וואָס זענען די לעצטע האָריזאָנטן, וואָס זי אַנטפּלעקט, די לעצטע ברעגעס, אויף וועלכע זי ווייזט אָן...

שאָפּענהויער און מאַרקס

ווען שאָפּענהויער וואָלט געקאָנט מאַרקסן, וואָלט ער זיכער געזען אין אים די בולסטע מאָדערנע פאַרקערפּערונג פון דעם, וואָס ער פלעגט אָנרופן „ווולגאַרער אָפּטימיזם". זיין פילאָזאָפישער אַנטיסעמיטיזם וואָלט געזען אין מאַרקסן דאָס טיפּיש „אַלט־טעסטאַמענטלעכע", דאָס פאַר־וואָגעלישע און דאָס אַנטי־בודיסטישע, יענע פאַר אים אָפּשטויסנדיקע טענדענץ זיך איינצוראָרדענען אויף דער ערד, אין דעם נישט צו הײלענדיקן „טרערן־טאָל", ווי אין אַן אמתער און באַקוועמער היים. פאַר שאָפּענהויערן איז דער מענטש געווען פּרינציפּיעל ה י מ ל אַ ז, בשעת מאַרקס האָט געוואָלט קוקן אויף אונדזער פּלאַנעט ווי אויף אַ רעאַלער היים, וואָס פאָדערט נאָר אַ גרינטלעכן רעמאָנט. צוליב דעם קאָסמאָלאָגישן האָט שאָפּענהויער נישט געוואָלט, זיך געפוילט (אָדער עס איז אים „נישט אָנגעשטאַנען") צו קוקן אויף דעם סאָציאָלאָגישן — פאַר מאַרקסן האָט דאָס סאָציאָלאָגישע פאַרדעקט דעם קאָסמאָס. מאַרקס האָט געוואָלט שאַפן אַ גן־עדן פאַר דעם מענטשן, שאָפּענהויער איז געווען זיכער אַז ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ גן־עדן, פון וואַנען דער מענטש זאָל נישט וועלן אַנטלויפן, כאָטש — כאָטש אַלע ווייסן, אַז ס׳איז נישטאָ וווהין צו לויפן...

ווען מ׳וואָלט זיי ביידע אָנגעזעצט לייענען איוב, וואָלט מאַרקס גע־

בומען פאַר זיך דעם אָפּטימיסטישן עפּילאָג, שאָפּענהויער — די נישט־פאַר־ענטפערטע תהומותדיקע פראַגע־צייכנס פונעם דיאַלאָג.

מאַרקס האָט זיך אונטערגענומען נישט נאָר איינצופירן סאָציאַליזם, נאָר אויך אָפּצושאַפן — טראַגעדיע. דער „טראַגיזם" פון מאַרקסיזם איז זיין ניט־טראַגישקייט, זיין אַנטי־טראַגישקייט.

ניטשע און מאַרקס

ערשט נאָך מאַרקס' טויט האָט אָנגעהויבן אויפצוגיין אין דייטשלאַנד ניטשעס מעלאַנכאָלישע זון. ניטשע האָט זיך גענומען שאָפּענהויערס נישט־אויסגעטענהטע קעגנערשאַפט קעגן אויבנאויפיקן אָפּטימיזם: דאָס לאָזן זיך פאַרפלייצן און באַרוישן פון וואַגנערס טראַגישע טאָן־כוואַליעס איז געווען זיין „אַנטי־מאַרקסיזם". ער האָט געוווסט, אַז גאָט איז געשטאָרבן, אַז „מיר האָבן אים שוין לאַנג דערמאָרדעט", אָבער אַנשטאָט גאָט אַוועקצוזעצן אויפן טראָן דעם מענטש, האָט פאַר ניטשען געהייסן דאָס זעלבע וואָס זינגען הללויה צו אַ נבלה. נישט פון דעם מענטשן האָט ניטשען געעקלט, נאָר פון דעם, וואָס דעם מענטשן עקלט נישט פון זיך אַליין, פון זיין נישט־טראַגישקייט. וואָס האָט ניטשע געטאָן? וווהין האָט ער זיך געראַטעוועט פון „מאַרקסיס־טער" און אָגיוסט־קאָנטישער לופט? ער איז אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד אין אַן אויסגעטראַכטער פּערסיע, אויפגעוועקט פון שלאָף זאַראַטוסטראַן און האָט „אַנטדעקט"... דעם איבערמענטש. פאַר מאַרקסן איז געווען גענוג — מענטש, פאַר ניטשען איז דער מענטש געווען אַ נייער סאָרט מאַלפּע, פון וועלכער ער האָט מיט אַ מין נעאָ־דאַרוויניסטישער וויזיע געזען אַרויסקומען דעם איבער־מענטש, אָבער וואָס הייסט „איבערמענטש"? ער אונטערשיידט זיך פון „מענטש" בלויז אין גראַד, נישט אין ווערן, אין מדרגה, נישט אין תוך. אי־מענטש הייסט „גרעסער פון אַ מענטשן", אָבער וואָס הייסט גרעסער און קלענער אין פאַרגלייך מיט — אַבסאָלוט?

ס'קען זיין, אַז מאַרקס האָט אינטויטיוו פאַרויסגעזען ניטשעס דערגנער־וועג און האָט זיך פאַר אים געהיט און אַנדערע געוואָלט פאַרהיטן. ס'קען זיין, אַז מאַרקס האָט גוזר געווען אויף זיך, ווי קדמונים פלעגן זאָגן, ניט אַריינצוגיין אין „פּרדס". מעשה־מרכבה איז געפערלעך. דאָס אָפּלייקענען פון „נסתר", דאָס זיך פאַרפעסטיקן אין „נגלה" טראָגט אין זיך אַ שיין ביסל פאַרמאַס־קירטע פאַרצווייפלונג, איז אַ פּרעווענטיוו מיטל נישט צו דערזען פאַר זיך דעם אָפּגרונט.

ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ „פּראָפילאַקטישן" סוד מאַרקס האָט מיט זיך אוועקגעטראָגן אין קבר אַריין...

ח״ים גרינבערג

די העכערע ליידנס־ספערע

דוכט זיך, בערנארד שאָו האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: אַ מענטש, וואָס ליידט שטאַרק פון ציין־ווייטיק, באַטראַכט יעדן מיט געזונטע ציין פאַר אַ ג ל י ק ל ע כ ן. דער עסקימאָ איז זיכער, אַז יענע וועלט באַשטייט פון שטילע וואַסערן, אין וועלכע עס פּרוכפּערן זיך און שווימען אַרום אויף דער אויבערפלאַך פעטע פיש אָן אַ שיעור (אַ „ציוויליזירטער״ עסקימאָ האָט זיך נישט וואָס צו שעמען דערמיט, ווען ער דערוויסט זיך וועגן יידישן שור־הבור און לויתן...). מיר האָבן דאָ אַלץ צו טאָן מיט דער נאַיווער אויפפאַסונג פון ליידן און דערלייזונג.

מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע איז אַ מאָדערנער און וויסנשאַפטלעכער צו־ריקשפּרונג צו יענער נאַיוויטעט. ווען סאָציאַליזם וואָלט זיך באמת אונטער־גענומען אין אונדזער צייט (נאָך ניטשען, נאָך דאָסטאָיעווסקין, נאָך האַרט־מאַנען, נאָך דער פּסיכאָלאָגיע, אַפילו ווען מיר זאָלן פון איר אָראָפּרעכענען אַלע אירע גוזמות און עקסטרעמקייטן) אַ פּ צ ו ש א פ ן ליידן פון דער וועלט, לייזן די פּראָבלעם פון מענטשנס ש י ק ז אַ ל — וואָלט מען אים גע־דאַרפט באַטראַכטן ווי איינע פון יענע פּאַטענט־מעדיצינען, וואָס זענען גוט פאַר אַלע קראַנקייטן און מיחושן. פון אַ פּאַרקילונג ביז פּראָגרעסיווער פּאַ־ראַליזע. נישט אָפּשאַפן ליידן איז די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם, נאָר באַפרייען דעם מענטשן פון באַליידיקנדיקע ליידן, פון ליידן וואָס דעגראַדירן אים און לאָזן אים בלייבן אויף אַ זאָאָלאָגישער מדרגה פון ליידן.

איז דאָס ווייניק, איז דאָס אַ צו קליינע אויפגאַבע פאַרן סאָציאַליזם? אפשר. אָבער מער פון דעם קאָן ער נישט ברענגען, און ווי הויך עס זאָלן נישט גרייכן די שפּיצן פון אַ סאָציאַליסטישן בבל־טורעם, וועט נאָך פון אים ביז צום בלויען הימל אַלץ בלייבן אַ מהלך פון אומענדלעכקייט.

פילאָזאָפישער מאַרקסיזם איז אַ פּרווו צו „אַרעסטירן״ דעם מענטשנס ליידנס־פּאַטענצן. אָבער גראָד קעגן דעם וועט דער מ י ן מענטש זיך שטענ־דיק בונטעווען. אין גרונט וויל ער גאָר נישט, שטייט אים גאָר נישט אָן, זיך צו באַפרייען פון ליידן. ער וויל נאָר איבערגיין אין אַ העכערער ליידנס־ספערע...

דער בונטאַר קעגן ליידנסלאָזיקייט קאָן נאָך אַמאָל שאַפן זיין פּאַראַדאָק־סאַלע ברכה —

„ברוך מתיר יסורים״...

עקאָנאָמיק און משיחיזם

איך וויל גאָרנישט, מ'זאָל מיך פֿרעגן, צי איז אַזאַ אויפֿפֿאַסונג פֿון סאָציאַליזם „גוט“, דאָס הייסט ניצלעך און סטראַטעגיש־גינסטיק פֿאַר סאָציאַליסטישער פּראַקטיק. עס איז מיר אַלץ איינס. ווייל פֿאַר אַלעמען וויל איך נישט זיין אָפּגענאַרט און וויל נישט, אַז אַנדערע זאָלן זיך נאַרן. אַן אוטאָפּיע, מעג זי זיין פֿאָרמולירט אין די שטרענגסטע וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען, בלייבט אַן אוטאָפּיע. נישט־גלויבן אין גאָט, אויב עס גלייבט זיך נישט, איז נישט קיין פֿאַרברעך קעגן גאָט, אָבער גלויבן אין אַן אָפּגאָט איז אַ פֿאַרברעך קעגן זיך אַליין.

מאַרקס איז געווען און בלייבט אַ וועגווייזער פֿאַר דורות, וואָס וועלן קעמפֿן און אויסקעמפֿן פֿאַר מענטשן אַ נייעם און ווערדיקן היסטאָרישן שיקזאַל. פֿאַר דעם יחידים שיקזאַל אין דעם מחוץ פֿון היסטאָריע, אין דעם איבערהיסטאָרישן. פֿאַר זיינע קאָסמישע שפּאַנונגען האָט מאַרקס נישט פֿאַרמאָגט דעם נייטיקן חוש. דערצו איז ער געווען צו ווייניק, ווי ניטשע וואָלט געזאָגט, „מוזיקאַליש“, דערצו איז ער געווען צופֿיל אַנטי־טראַגיקער.

דער סאָציאַליזם וועט זיך אַלץ מער דורכדרינגען מיט די גרונט־באַגריפֿן פֿון מאַרקס עקאָנאָמישער לערע, מיט זיין טיפֿן עטישן פּראָטעסט קעגן סאָציאַלער אונטערדריקונג, וועלכן ער האָט אַזוי „שעמעוודיק“ געוואָלט פֿאַרמאַסקירן אונטער שלייער פֿון היסטאָרישער און כמעט מעכאַנישער „נויטווענדיקייט“. דער סאָציאַליזם מוז זיך אָבער ענערגיש באַפֿרייען פֿון די אייגנאַרטיקע „משיחישע“ עלעמענטן אין מאַרקס פֿילאָזאָפֿישן בנין. מאַרקס בלייבט גענוג מאָנומענטאַל און עס איז פֿאַראַן גענוג, פֿאַר וואָס די וועלט זאָל אים דאַנקען, אויב מ'זאָל אַפֿילו נישט גלייבן, אַז ער האָט געבראַכט די בשורה פֿון דער „גאולה אחרונה“.

1938

ל ע נ י ן

מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל וועגן אים געשריבן ווי וועגן דעם צדיק־הדור: „אין דעם דאָזיקן האַרטן פּאָליטיקער באַווייזט זיך מאָמענטנווייז די שיין פון אַ כמעט ווייבלעכער צערטלעכקייט, דער טרויִם פון קומענדיקן גליק פאַר אַלעמען... זיין פּריוואַט־לעבן איז אַזאַ, אַז אין אַ רעליגיעזן דור וואָלטן אים מענטשן דערקלערט פאַר אַ הייליקן".

פון גאָרקיס צד איז דאָס נישט געווען סתם אַ קאָמפּלימענט, און מ'קען נישט זאָגן, אַז ער האָט פאַר זיין כאַראַקטעריסטיק איינגאַנצן קיין גרונט נישט געהאַט. נישט איין מענטש, וואָס האָט לענינען נאָענט געקענט, האָט געקראָגן התפעלות, צוזעענדיק זיין אַסקעטיש לעבן, זיין פעיִקייט אויף יאָרנלאַנגער „נזירות" און „פּרישות". פ אַ ר ז י ך — אין ענגן און פּסיכאָלאָגיש־קאָנ־צענטרירטן זינען פון וואָרט — האָט ער גאָרנישט געזוכט און גאָרנישט גע־פאָדערט, און מ'קען זאָגן אויף אים, אַז פון דער גרופּע קלאַסישע באָלשעווי־קעס, וואָס האָבן אין 1917 געקראָגן כמעט אומבאַגרעניצטע מאַכט איבער אַ זעקסטחלק פון דער וועלט, איז לענין געווען דער איינציקער, וואָס דער קאָפּ האָט זיך ביי אים נישט פאַרדרייט, וואָס די מאַכט האָט אים נישט דעמאָראַליזירט. ער האָט אויך אויף זיך גופא געקענט קוקן ווי אויף אַן אינסטרומענט פון דער רעוואָלוציע, און ער האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל דעם דאָזיקן כלי־זין, וואָס הייסט לענין, ווי געהעריק אויסנוצן. דער טריומף פון זיין פּאַרטיי האָט אים נישט געבראַכט (ד"ה, ער האָט זיך נישט גענומען, ווייל נעמען האָט ער געקענט וואָס און וויפל ער האָט געוואָלט) אַפילו נישט קיין נייעם אַנצוג. אין די וואָכן, וואָס ער איז געזעסן אין דעם קסעשינסקאַ־פּאַלאַץ אין פּעטערבורג, האָט ער געשפּאַנט איבער די גלאַנצנדיקע פּאַרקעטן אין זיינע אַלטע, מיט טשוועקעס אַרומגעשלאָגענע שטיוול און אין אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע הויזן, וואָס ער האָט זיך איינגעשאַפט נאָך אין די עני־ואביון־טעג פון זיין ציריכער גלות. דער פּיקאַנטער אַריענטאַלישער לוקסוס פון די קרעמל־זאַלן און קאָרידאָרן האָבן אין אים נישט דערוועקט קיין ברעקל יצר־הרע פאַר אַ לייכטן, געמיט־לעכן לעבן פון אַ בשר־ודם, אָדער פאַר אַביסעלע עלעגאַנץ אין זיין אייגענעם אורח־חיים. אין די הונגער־יאָרן פונעם מיליטערישן קאָמוניזם, ווען הונדער־טער פון סובאָרדינירטע סאָוועטישע „שרים ורוזנים" האָבן פון דעסטוועגן גע־קראָגן פאַר זיך און פאַר זייערע נאָענטע „פון פויגלמילך" און זיך געבאָדן אין שאַקירנדיקן ווילטאָג, האָט ער מיט זיין פאַמיליע געלעבט אין דער זעל־

בער דחקות, וואָס איז דעמאָלט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיליאָנען ווו־סישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

לויט זיינע אָנשויונגען איז ער געווען ווייט פון אַ פראַנציסקאַנער. קיין פרייוויליקן אַסקעטיזם האָט ער קיינמאָל נישט געפּרעדיקט און אויף קיינעם נישט געזוכט אַרויפצוצווינגען („מאַכט נישט", פלעגט ער זאָגן, „קיין עוואַנגעליום פון צעריסענע אָדער פאַרלאַטעטע הויזן"). און טאָלסטאָיס לערע פון מוזשיצקער „איינפאַכקייט" אין באַדערפעגישן און לעבנס־שטייגער האָט ער באַטראַכט ווי „די תורה פון אַ לעקיש". אָבער פאַר זיך האָט ער באַדאַרפט זייער ווייניק, אָדער ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער דאַרף ווייניק, און אויב ער האָט געהאַט ליידנשאַפטן, וועגן וועלכע ער איז נישט געווען מחויב אונדז צו דערציילן, האָט ער זיי אַלע געצווימט, פּאַראַליזירט, דערשטיקט — צוליב איין גרויסער ליידנשאַפט, וואָס האָט אין אים געגליט פון זיינע פריִעסטע יונגע יאָרן: צוליב דער ליידנשאַפט פון רעוואָלוציע און צוליב זיין ראָלע אין דער רעוואָלוציע. זיין אַסקעטיש לעבן איז אים דערפאַר טאַקע מסתמא נישט אָנגעקומען שווער: אַן אמתן מקובל איז גאָרנישט שווער יאָרנלאַנג צו פּראַווען תעניתים און סיגופים, באַזונדערס אויב ער איז טאַקע זיכער אַז זיי העלפן אים אויפשליסן די סודות פון מעשה־רכבה, אָדער זוכה צו זיין צו אַ שעה פון דבקות.

לעניז איז אָבער געווען אַן אַסקעט נישט נאָר אינעם געוויינלעכן זינען פון וואָרט. כמעט אַ גאַנץ לעבן פלעגט ער אין זיך דערשטיקן נישט נאָר „גשמיות", נאָר אויך די ליידנשאַפטן פון „רוחניות". זיין מגושמדיקער, אָפּט־מאָל דער וועלט און זיך אַליין אויף צו־להכעיס וווּלגאַרער מאַטעריאַליזם, איז געווען פאַר אים אַ מין פּאַנצער, מיט וועלכן ער האָט זיך געשיצט קעגן אינ־טעלעקטועלע אָדער קינסטלערישע תאוות און יצר־הרעס, וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי קענען אים „פּאַרפירן", אָפּציִען פונעם „עיקר", אָפּקערן זיין ענערגיע וואָס מ'דאַרף זיי האָבן פאַרן „עיקר".

ווען אין די סטאַגנאַציע־יאָרן פון נאָך 1905 האָבן זיך באָגדאַנאָוו, לו־נאַטשאַרסקי און אַנדערע פילאָזאָפיש געשטימטע באָלשעוויקעס אַריינגעלאָזן אין „גאָטזוכעריי"; ווען לונאַטשאַרסקי האָט גערעדט וועגן „אויפבויען גאָט" (אַלץ איינס, וואָס דאָס האָט געמיינט און צי האָט דאָס בכלל עפּעס געמיינט), און באָגדאַנאָוו האָט אָנגעהויבן טענהן אַז „אויב איר דערגרייכט אַ פּונקט ווו איר זייט נישט מסוגל עפּעס צו זען, איז דאָס נישט קיין סימן אַז דאָרט הייבט זיך אָן נאַכט" — האָט לעניז (שוין דענסטמאָל!) אין אַזעלכע אינטעליגענ־טישע „חפצי'ם" דערזען... קאָנטררעוואָלוציע, אַפּיקורסות, דעם סם־המות פאַר דער באַוועגונג. ווען ער האָט דערהערט באָגדאַנאָוון טענהן, אַז „אמת איז

דערפאַרונג און קאָן נישט זיין אָביעקטיוו״, אַז „געפילן זענען דאָס בראשית־דיקע אין דער וועלט״ און אַז „פון געפילן און נישט סתם פון חומר ווערן פאַרמירט פיזיקאַלישע קערפּערס״, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ פּאַנישע אימה. ווער ווייס, האָט ער געשריגן אויף באָגדאַנאָוון, וווהין דאָס קען פאַרפירן, ווייל אויב אמת איז סוביעקטיוו, „קען דאָך אַפילו רוים זיין גערעכט; עס איז דאָך נישטאָ קיין ספק, אַז אַפילו קאַטאָליציזם איז אַן אָרגאַניזירטע פאָרם פון מענטשלעכער דערפאַרונג״. ער האָט אַ לעבן־לאַנג מורא געהאַט אָנצונעמען וועלכע נישט איז מעגלעכקייט, אַז אין אונדזער עמפּירישער וועלט שטראַלט עפּעס אַריין פון אַן אַנדערער, מעטאַפיזישער וועלט. מ׳מעג זאָגן, אַז ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן „אַפּיטראָפּוס״ אויף דעם סכום ענערגיע וואָס ער האָט פאַרמאָגט — און ער דאַרף היטן, אַז מ׳זאָל זי נישט פאַרשווענדן „אָן אַ תכלית״, מ׳זאָל זי נישט צעטרענצלען אויף „פּוסטע זאַכן״. ווען לונאַטשאַרסקי האָט זיך איינמאָל געפּרוווט פאַרענטפערן פאַר אים — „וואָס טוען מיר דען״? „מיר ז ו כ ן דאָך דעם אמת, און דאָס איז לכל הדעות קיין חטא נישט״ — האָט אים שוין דענסטמאָל לענין געענטפערט אין סטיל פון אַ אינקוויזיטאָרישן בוחן־לבבות: „וואָס דערציילט איר מיר מעשיות, אַז א י ר זוכט דעם אמת? נישט איר זוכט, נאָר די בורזשואַזיע זוכט; זי זוכט אייך צו פאַנגען אין איר נעץ דורך פילאָסאָפיע, קונסט, רעליגיע״.

אָבער וואָס דאַרף מען זיך חידושן? גרעסערע פון לונאַטשאַרסקין און באָגדאַנאָוון האָבן געקראָגן פון אים דעם זעלבן „אָפּשניט״. ווען הערמאַן כהן איז אַמאָל אַרויסגעקומען אין דער פּעדאַגאָגישער פּרעסע מיט אַן אַרטיקל, ווו ער האָט געפאָדערט, מ׳זאָל אין די דייטשע גימנאַזיעס געבן די שילער אַ קורס אין העכערער מאַטעמאַטיק, כדי זיי זאָלן זיך צוגעוווינען צו אַבסטראַקטערן דענקען איידער זיי קומען אָן אין אוניווערסיטעט, האָט לענין גלייך „דערשפּירט״, אַז דורך דעם מאַרבורגער פילאָזאָף רעדט די דייטשע בורזשואַזיע: בחורים און מיידלעך וואָס האַלטן ביי ענדיקן גימנאַזיע זענען אין דעם געפערלעכן עלטער ווען זיי קענען ווערן רעוואָלוציאָנערן — פאָדערט ד ע ר פ אָ ר הערמאַן כהן, מ׳זאָל זיי פאַרטומלען די מוחות מיט העכערער מאַטעמאַטיק, כדי זיי אָפּצורייסן פון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט און אָפּצוטעמפּן אין זיי דעם רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט. לענין האָט זיך אַפילו איינמאָל דערלויבט צו געבן אַ פּיפּיק־גראַביאַנסקע אינטערפּרעטאַציע פון קאַנטס באַגריף וועגן דעם „דינג אַן זיך״ (די „זאַך״ ווי זי איז פאַר זיך אַליין, אָביעקטיוו, אַזוי צו זאָגן, און נישט ווי זי דערשיינט, דורך חושים, דורכן מענטשלעכן באַוווסטזיין): אויך דורך קאַנטס מויל האָט גערעדט די יונגע איראָפּעישע בורזשואַזיע, וואָס האָט געזוכט צו פאַרסמען דעם פּראָלעטאַריאַט מיט

אידעאַליזם: אויב דער אַרבעטער, האָט לענין פאַרטייטשט, זעט זיין באַלעבאָס עסן פּרישן שינקען און ער אַליין דאַרף זיך צופרידנשטעלן מיט פּאַרעיפּושטער און פאַרדאַרטער וווּרשט, קאָן ער נאָך אין כעס ווערן און רעוואָלטירן; אָבער ווערט ער אַ קאַנטיאַנער און הייבט אָן צו „פאַרשטיין" אַז סיי דער שינקען און סיי די וווּרשט זענען בלויז „דערשיינונגען" און נישט די „דינגע אָן זיך" — קען ער נאָך ביי זיך פּועלן אַז עס לוינט זיך נישט צו גיין אויף באַריקאַדן צוליב „דערשיינונגען", צוליב עפּעס וואָס האָט נישט אין זיך קיין אמתע ממשותדיקייט...

אין זיין שורש־נשמה איז גאָר לענין נישט געווען אַזאַ „אומקינסטלערישע" נאַטור, ווי מען האָט מערסטנטיילס געהאַלטן און ווי ער אַליין אפשר האָט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק. אָבער אויך פאַר קונסט און קינסטלערישער הנאה האָט ער מורא געהאַט ווי פאַר אַ פאַרפירער און רויבער פון ענערגיע. אמת, בנוגע צו קונסט־ווערטן האָבן מיר כמעט קיינמאָל נישט געהערט פון אים קיין ווילגעריש־ווולגאַרע, פּסעוודאָ־סאָציאַליסטישע מיינונגען און אָפּשאַצונגען. פאַרקערט, אים איז אָפטמאָל געווען שווער צו באַהאַלטן דעם גרויסן דרך־ארץ פאַר קלאַסישע ווערק און זיין פעיקייט פון זיי געריירט און אָנגעשטעקט צו ווערן. אָבער ווייל קונסט — ספּעציעל פּאָעזיע און מוזיק — האָבן צו אים אַזוי שטאַרק אַפּעלירט, האָט ער אַלץ מער און מער גוזר געווען אויף זיך, ער זאָל מיט איר וואָס ווייניקער קומען אין באַרירונג. ווייסט מען דאָך, אַז די אַזוי גערופענע פּראָלעטאַרישע קונסט האָט ביי אים מערסטנטייל אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערווילן, וועלכן אים איז נישט שטענדיק געלונגען צו פאַרמאַסקירן (ער האָט זי געהאַלטן פאַר נישט עכט, פאַר אַ קאַזיאָנע אָנשטעל, און האָט זי בלויז טאָלערירט לויטן אַלטן רוסיש־פּויערישן כלל, אַז „אין אַ ווירטשאַפט קומט אַמאָל יעדע חזיריי צונוץ"), און אין יענע זעלטענע שעהן, ווען ער פלעגט זיך, טראָץ זיין אַרויפגעצוווּנגענער „מתנגדות", אַביסל לאָזן „ווילגיין" און צוזינדיקן מיט קינסטלערישער הנאה, איז זיין ליבלינג־פּאָעט געווען פּ ו ש ק י ן. אָבער „זינדיקן" פלעגט ער ווייניק און זעלטן. איז ער דאָך געווען אין זיינע אייגענע אויגן אַ „שכיר יום" פון דער רעוואָלוציע, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז ער דאָך געווען דער, וואָס האָט געשאַפן דעם כאַראַקטעריסטישן טערמין „פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער". זיין „פּראָפעסיאָנעלע עטיק" האָט געפאָדערט, ווי ער האָט געמיינט און געפילט, קאָנצענטראַציע פון זיין גאַנצן וועזן אויף איין פּונקט, אַ ביטול־באַציִונג צו אַלץ וואָס קען נישט אויסגענוצט ווערן ווי ברען־שטאָף פאַרן רעוואָלוציאָנערן פייער אָדער ווי ציגל פאַרן רעוואָלוציאָנערן בנין. פאַרן פרומען רעוואָלוציאָנער איז געלעגן אַ לאַנגער און

שווערער וועג, און ווי אַ פּרוש פון אַלטע צייטן, האָט ער געהאַלטן, אַז ער טאָר נישט מפסיק זיין זיין רעוואָלוציאָנערע „משנה”, כדי צו געניסן די פּראַכט פון אַ „אילן נאה” אָדער אַ „ניר נאה”. פון צייט צו צייט פלעגט דאָס אייביק־מענטשלעכע, דאָס אַנטי־אַסקעטישע און „אויסער־פּראָפעסיאָנעלע” פּרוּוון זיך צו צעבונטעוועז אין אים. אין יענע מאָמענטן האָט אים געצויגן צו פּושקינען, צו אַנדערע „זינגערס ווי דער פויגל זינגט”. אין אַזאַ מאָמענט האָבן זיך ביי אים איינמאָל געשטעלט טרערן אין די אויגן, הערנדיק בעט־האָווענס סימפאָניע, און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו קלאַראַ צעטקין: „וואָס פאַרא דערהויבענע וועלט דאָס איז, וואָס פאַרא כוואַליעס עס רופט אַרויס אין די טיפענישן;” אין אַזאַ מאָמענט האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט פאַר מאַקסים גאָרקין:

„אָפטמאָל קאָן איך נישט הערן קיין מוזיק. עס אַפעקטירט מיינע נערוון מיט צו פיל פיין. אונטערן איינדרוק פון מוזיק ווילט זיך רעדן זינלאָזיקייטן און גלעטן דערביי מענטשן... די קעפּ, אָבער היינטיקע צייטן טאָר מען קיי־נעם דעם קאָפּ נישט גלעטן, ווייל יענער קאָן נאָך אָפּבייסן ביי דיר די האַנט. היינט מוז מען שלאָגן האַרט און אָן רחמנות די דאָזיקע מיזעראַבלע קליינע קעפּ, כאָטש על פּי אידעאַל וואָלטן מיר גאָרנישט געדאַרפט האָבן צו טאָן מיט געוואַלט”.

ווייטער אַמאָל — דער אַסקעט, דער פּראַגמאַטיק מיט די האַרטע פליכטן, וואָס טאָר זיך נישט נאָכגעבן קיין תאוות און הנאות, וואָס האָט מורא טאָמער וועט ער פאַרוויכט און פאַרצערטלט ווערן. מוזיק איז געפערלעך טאָקע דער־פאַר וואָס זי איז אַזוי פול מיט זין. לעגין פילט אַז די „זינלאָזיקייטן”, וואָס קאָנען אינספּירירט ווערן פון מוזיק, זענען נישט קיין אַבסורדן; אַז די כוואַ־ליעס פון אירע קלאַנגען טראָגן מיט זיך איבער־היסטאָרישע ווערטן, ווערטן פון מחוץ פון צייט און רוים, וועקן דעם חוש פאַרן מעטאַפיזישן, און זאָל מען זיך נאָכגעבן די מוזיקאַלישע תאווה, וועט ווערן שווער צו דערפילן די „פליכט” פון דערלאַנגען האַרט און אָן רחמנות איבער מענטשלעכע קעפּ. זאָגט ער זיך אָפּ פון דער הנאה פון יענעם „צו פיל פיין”, מיט וועלכן מוזיק אַפעקטירט זיינע נערוון: האָט דאָך די רעוואָלוציע אַ לעבנס־לענגלעכן „מאַרטגעדוש” אויפן גאַנצן סכום פון זיין פּסיכישער ענערגיע. אין עוואַנגעלישע צייטן איז געווען פּאָפּולער דער באַגריף פון „סריסים צוליב גאָטס קעניגרייך”; לעניו האָט זיך גייסטיק און עמאָציאָנעל ק אַ ס ט ר י ר ט צוליב דעם „קעניגרייך” פון דער רעוואָלוציע.

עס איז דערפאַר אפשר זינלאָז צו פרעגן, אויף וויפל לעניו האָט אין זיך געטראָגן דירעקטע, וואַרעמע ליבע צו מענטשן, מיטלייד מיט זייער פיין און

זייערע שיקזאַלן. נאַטירלעך, אַן מיטלייד, אַן ווייטיק פאַר הונגעריקע און נאַקעטע, פאַר אונטערדריקטע און באַליידיקטע, א י ן ה י נ ט ע ר ג ר ו נ ט — קאָן מען לעניגען נישט אויסטייטשן, קאָן מען נישט באַגרייפן בכלל קיין אמתן, ליידנשאַפט־אַנגעזאַפּטן רעוואָלוציאָנער. אין זיין גאָר פריִער יוגנט האָט לעניגן זיכער געהאַט זיינע טיפע, ברענענדיקע איבערלעבענישן פון בונט קעגן אומפאַרדינטע מענטשלעכע ליידן, פון ברענענדיקן מיטלייד וואָס זוכט פאַר זיך אַ תיקון אין האַס צו די וואָס זענען שולדיק אין די עינויים פון מיליאָנען. בלאַסע אָפּגעצערטע קינדער פון שטאָטישע אַרבעטער; דרייסיקיאָריקע זקנים און זקנות אין די רוסישע שטעט; דערפאַר ווו גאַנץ „קהל״ פאַרט זונטיק צום „זעמסקי נאַטשאַלניק״ צענדליקער ווי‏אָרסט, כדי זיך צו לאָזן אָפּשמייסן פאַר אויסהאַקן עטלעכעביימער אין אַ פּריצישן וואַלד, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס דערוואַרעמען זייערע חורבות; פּויערים וואָס שעמען זיך וואָס אין זייערע ווינונגען זענען נישט פאַראַן קיין וואַנצן (וואַנצן פּלאָדיען זיך, ווי זיי זאָגן, נאָר אין וואַרעמע און זאַטע היימען) — אודאי און אודאי האָבן אַזוינע און אַנדערע איינדרוקן פון זיינע יוגנטלעכע יאָרן אַרויסגערופן אין אים נישט נאָר סימפּאַטיע, נאָר אויך אַ מין דבקות מיט די עינויים פון איינצלנע, קאָנקרעטע מענטשן, און וואָס איז דען ליבע, און וואָס איז דען מיטלייד, אויב נישט אַזאַ דבקות? אָבער דאָס אַלץ האָט לעניגן שפּעטער געלאָזט ליגן אין אַ פאַרחתמעט קעסטעלע פון דער נשמה, ווי אַ מין „קרז״ צו וועלכן מ׳דאַרף זיך נישט צורירן. ליבע צו מענטשן און דער בונט קעגן זייערע ליידן האָבן אין אים אַרויסגערופן דאָס בילד פון אַ נייער סאָציאַלער ווירקלעכקייט. און זי, יענע נאָך־נישט־פאַראַנענע ווירקלעכקייט, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן מיט לעניגען ווי איינעם פון די אַקושערן, אפשר דער וויכטיקסטער אַקושער, פאָדערט אינגאַנצן זיין וועזן. אמת, די דאָזיקע אויסגעחלומטע ווירקלעכקייט, וואָס מוזן אַרויסקומען פון בלוט־אָפּצאַפּנדיקע געבורט־ווייען, שפּייזט זיך אין אים — ווען מ׳קוקט אויף צוריק — אָט פון יענע האַרץ־קלעמענישן און פון יענעם ווייטיק פאַר מענטשן, אָבער דער ציל האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אָפּגעזונדערט אין אים פון די סיבות וואָס האָבן אים אַרויסגערופן. ער איז געוואָרן אויטאָנאָם, אַ ציל, אויב מ׳מעג זיך אַזוי אויסדריקן, „אַן און פאַר זיך״. ווי האָט עס לעניגן אַליין אַמאָל אויסגעדריקט? „דער באָלשעוויק איז ווי אַ מאַן, וואָס האָט אַמאָל בייגאַכט דערזען אין חלום אַ וויזיע פונעם אוניווערסום און איז נאָכדעם אַ גאַנץ לעבן פאַרליבט אין דער דאָזיקער שאַפונג פון זיין פאַנטאַזיע״. אַנשטאָט ליבע האָט נאָכדעם יאָרנלאַנג לעניגן געלעבט אין אַ וועלט פון „פאַרליבט־זיין״, פון כמעט מאַניאַקאַלישער פיקסירטקייט אויף דער „שאַפונג פון זיין פאַנטאַזיע״, אויף יענער „וויזיע

פונעם אוניווערסום״ וואָס ער האָט אַמאָל בייַנאַכט דערזען אין חלום. נישט צו מ ע נ ט ש ן האָט ער שוין נאָכדעם געדינט, נאָר צו זיין חלום, דעם „בילד אין זיך״ — מ׳מעג זאָגן ז י ך אַ ל י י ן. ליבע צו מענטשן, דער באַגער זיי אויפצוריכטן, האָט אים געמאַכט פאַר אַ וואַגנדיקן אַ ר כ י ט ע ק ט, אָבער דאָס בילד פונעם נייעם בנין, וואָס ער האָט זיך פירגענומען אויפצובויען און וואָס ס׳האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן, האָט אים אַזוי פאַרכישופט, אַז ער איז מסוגל געוואָרן מקריב צו זיין צוליב דעם און לעבעדיק איינמויערן צווישן זיינע ווענט (אויב קיין אַנדער אויסוועג זאָל ניט זיין) די מערהייט פון יענע מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל אין אים אַרויסגערופן ליבע.

מיט דער דאָזיקער גרייטקייט אַנצוווענדן, אויב און ווען ס׳איז נויטיק, פרעה־מיטלען צוליב אַ משה־רבינו־ציל, איז ער לכתחילה אַריינגעקומען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט פון אָנפאַנג אָן גענומען דאָס מ אָ ר אַ ל י ש ע רעכט צו טאָן טויזנטער אומגערעכטיקייטן, אָפּצו־שאַפן פאַר זיך די עשרת הדיברות אין נאָמען פון זיין איין־און־איינציקער „דיברה״, די סאָציאַלע רעוואָלוציע און איר דערפאָלג. עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז ווער ס׳איז איז מסוגל זיך אַזאַ רעכט צו נעמען, צוליב גרויסע הומאַניטאַרע כוונות, אָן אַ אינעווייניקסטער זיכערקייט, אַז ער איז געקומען אויף דער וועלט מיט אַ מיסיע, אַז ער פּערזענלעך האָט אַ שליחות פון דער געשיכטע, פאַר וועלכער ער טראָגט די אחריות און צו וועלכער ער דאַרף סובאָרדינירן זיין גאַנץ לעבן, אויך זיין געוויסן און געשמאַק. אַזאַ מיסיע־געפיל האָט אין לענינען שטענדיק געלעבט, כאָטש ער האָט וועגן דעם קיינ־מאָל נישט גערעדט (דאָס וואָלט זיך אויך נישט געקאָנט אַריינפּאַסן אין זיין מאַרקסיסטישער טערמינאָלאָגיע און אין די טיף־דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג), און ער האָט אין זיך נישט געהאַט קיין שמץ נישט פון מוסאָלינים טעאַטראַלישקייט און נישט פון היט־לערס „משיחישן״ עקסהיביציאָניזם. זיין אינדיווידועלע מיסיע איז געווען זיין סוד, אַ סוד וואָס ער האָט קלאָר און נאַקעט מסתמא אויך זיין אייגענעם באַ־וווסטזיין נישט אַנטפּלעקט.

אָבער די נייגונג צו פערזענלעכער דיקטאַטור האָט ער פאַר אַנדערע קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרמאַסקירן. זיין פּ ו י ס ט (אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט) האָט ער שוין וואָרענענדיק געוויזן דער קליינער צאָל מיט־גלידער פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי, בשעת זיי זענען נאָך אַלע געזעסן אין גלות. וועגן אָט דער פויסט האָט אונדז דערציילט טראָצקי נאָך אין יענע יאָרן, ווען ער איז נישט פאַרשריבן געוואָרן אין מאָסקווע פאַר אַ באַנדיט און פאַררעטער. אָבער שוין דענסטמאָל

האָט דאָס פּערזענלעך־דיקטאַטאָרישע אין אים אי שאָקירט, אי... אימפּאָנירט: עס האָט אימפּאָנירט זיין אַנטשלאָסנקייט, זיין קרעפּטיקער חוט־השדרה, זיין „זיכער" וויסן אין יעדן מאָמענט וואָס „מ'דאַרף" טאָן. ווי דערציילט וועגן לענינס יוגנט דער מענשעוויק מאַרטאָוו? „פּלעכאַנאָוו און איך האָב פּראָפּאַגאַנדירט אונדזערע מאַרקסיסטישע אידייען אַ לאַנגע צייט אָן דערפאָלג. די נאָכפאָלגער וואָס מיר האָבן ביסלעכווייז צוגעקראָגן, אָט יענע יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וואָס זענען געקומען קיין אייראָפּע פון רוסלאַנד און האָבן אונדז באַזוכט, זענען געווען פאַר אונדז אַ שטענדיקע אַנטוישונג צוליב זייער פּאָליטישער ה י ל פ ל אָ ז י ק יי ט. אָבער ווען מיר האָבן באַגעגנט אוליאַנאָוון (לענינען), האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט. סוף־כל־סוף, האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן געזאָגט, קאָנען מיר זיך באַרויקן: די זאַך פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אין גוטע הענט. זי האָט געפונען אַ פּאָליטישן פירער, וואָס האָט די ווערט דאָס צו זיין". אין אַן ערך דעמזעלביקן טאָן דערציילט וועגן אים אַן אַנדער פאַרטרעטער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענציע, אַקסעלראָד: „איך האָב געפילט, אַז פאַר מיר שטייט אַ מאַן, וואָס וועט זיין דער פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז געווען נישט נאָר אַ קולטורעלער מאַרקסיסט — אַזעלכע האָבן מיר פאַרמאָגט נישט וויניק — נאָר ער האָט אויך געוווסט וואָס ער האָט בדעה צו טאָן און ווי אַזוי דאָס דאַרף געטאָן ווערן... ווען כ'האָב איבערגעלייענט זיין ערשטן פּאַמפלעט, האָב איך זיך גלייך איבערצייגט, אַז ער איז פון יענעם ש ט אָ ף, וואָס פון אים ווערן געמאַכט פירער". אַקסעלראָד האָט פאַרמאָגט אַ סך מאַרקסיסטישע לומדות; מאַרטאָוו — אַן אויסגעצייכנטן קאָפּ און אַ נאָבעלן כאַראַקטער, פאַר וועלכן לענין האָט נישט פאַרלוירן דעם רעספּעקט אַפילו אין זיינע ברוטאַלסטע און צינישסטע טעג; פּלעכאַנאָוו איז געווען אין דער גרופּע אי דער שאַרפער דענקער מיט אַלזייטיקער קולטור, אי דער בעסטער און עלעגאַנטסטער שריפטשטעלער. אַלע האָבן זיי אָבער געליטן פון אַ טיפּיש־רוסישן אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס, פון אַ קראַנקהאַפטיקער ביטול־באַציִונג צו אינטעליגענציע און צו זיך אַליין ווי אַ פאַרטרעטער פון אַ לאַ־יוצלחדיקן טיפּ. ווען לענין האָט זיי עטלעכע מאָל געמאַכט דעם פאָרוואורף אַז זיי זענען רודינס (רודין איז דער נישט־העלדישער „העלד" אין איינעם פון טורגעניעווס ראָמאַנען און ער איז שפּעטער געוואָרן דער סינאָנים פון אינטעליגענטישער כאַראַקטערלאָזיקייט און לאַ־יוצלחדיקייט), האָבן די דאָזיקע האַמלעטיזירנדיקע רעוואָלוציאָנערן כמעט נישט געפונען, וואָס צו ענטפערן. אויב מ'מעג דאָ נוצן דעם זשאַרגאָן פון דער יידישער אונטערוועלט, האָבן „יאָלדן" געקראָגן התבטלות פאַר דער רעוואָלוציאָנערער חברה־„בלאַט", וואָס לענינס דערשיינונג איז געווען איר

סימבאָל און אָנזאָג. אין דעם דאָזיקן יונגן און בכיוונדיק־מאַנירלאָזן יונגן מאַן, מיט „קלייען" אויפן פּנים, מיט תּנועות און רייד פון אַ כיטרען וואַלגאַ־סוחר, מיט אַ פּייערל פון בייסנדיקער איראָניע און קריגערישקייט אין זיינע קאָסע טאָטערישע אויגן, האָבן זיי געזען דעם רעוואָלוציאָנער פון האַנדלונג און מע־שים, פריי פון מאָראַלישע און עסטעטישע „אינהיביציעס", גרייט צו ריזיקירן, צו שטעלן די געשיכטע פאַר נסיונות, נישט צו דאגהן וועגן ווילזיין, שיקזאַל און עצם לעבן פון דיזעלבע מיליאָנען מענטשלעכע באַשעפענישן, וואָס אין זייער „דינסט" האָט ער זיך געשטעלט. זענען זיי געווען שאָקירט פונעם „כשינגיז כאַן" וואָס זיי האָבן אין אים דערפילט, אָבער אויך בטל געוואָרן פאַר דער אַנטשלאָסענער האַנט פונעם קומענדיק רעוואָלוציאָנערן „כירורג", וואָס איז גרייט צו היילן אַזאַ פּאַציענט ווי די מענטשהייט דורך „שניידן" — איינמאָל און צען מאָל, און וויפל מאָל מ'זאָל נישט דאַרפן אָפּערירן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווי אַן איינמאָליקן אַקט, וואָלט מען מסתמא געקאָנט דורכפירן אויך אָן אַזאַ מענטאַליטעט. אָבער כּדי נישט אַרויסצולאָזן די מאַכט פון די הענט; כּדי דורכצוגיין „בשלום" דעם בלוטיקן לאַבירינט פון דריי יאָר בירגער־קריג; כּדי צו שאַפן אַ נייעם שטאַט און אים קאָנסאָ־לידירן; פריער אַרויסרופן אַנאַרכיע, בכיוון צו לאָזן זי בושעווען און נאָכדעם אַליין זי צוימען און צווינגען צו שקלאַפישער געהאָרכזאַמקייט מיליאָנען בונ־טאָרן — האָט די רעוואָלוציע געדאַרפט האָבן אַ פירער פונעם לענין־וווקס און לענין־נוסח. נאָר דער, וואָס האָט געקאָנט געפינען אין זיך דעם אייגנאַר־טיקן מאָראַלישן קוראַזש צו קוקן נישט בלויז אויף די צענדליקער מיל־יאָנען מענטשן פון רוסלאַנד גופא, נאָר אויך אויף דער גאַנצער מענטשהייט פון זיין צייט, ווי אויף אַ דור־המדבר, וואָס פון זיינע גסיסה־קאָנווולס־עס דאַרף אַרויסקומען אַ נייע וועלט, האָט געקאָנט געפינען אויך די נויטיקע ענער־גיע פאַר אַזאַ עקספּערימענטירן מיטן שיקזאַל פון מיטמענטשן, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דעם לענין־פּעריאָד פון דער סאָוועטישער גע־שיכטע.

II

אַ פאַרהאַרטעוועטער, אַ געפּאַנצערטער קעגן מאָראַלישע ספקות און אינעווייניקסטע עיכובים, מיט דער שטרענגער זעלבסט־דיסציפּלין פון אַ פאַ־נאַטישן מיטלאַלטערלעכן מאַנאַך און, אין דער זעלבער צייט, מיט יענעם אומ־באַגרענעצטן ציניזם, וואָס אָן אים קאָן קיינער נישט נעמען אויף זיך די ראָלע פון אַ וועלט־דעראָבערער, איז לענין אַריינגעקומען אין דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג. דער טאָרקוועמאַדאַ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע האָט זיך לאַנג צוגעגרייט צו זיין מיסיע און זיך באַפרייט כמעט פון אַלץ,

וואָס וואָלט געקאָנט אָפּווענדן אַפילו אַ טייל פון זיין קאָלאָסאַלער ענערגיע פאַר „זייטיקע" זאַכן. אין אירע טרוקענע, כמעט פּאָליציייִש־פּראָטאָקאָליס־טישע זכרונות האָט אונדז מאַדאַם קרופּסקאַיאַ (לענינס פרוי) דערציילט, ווי אַזוי נאָך יאָרן און יאָרן פאַר דער רעוואָלוציע האָט דער יונגער לענין גוזר געווען אויף זיך... מער נישט צו שטודירן קיין לאַטיין, ווייל אויך אין דעם שטודיום האָט ער דערזען פאַר זיך אַ געפאַר. לאַטיין איז געווען איינע פון זיינע שוואַכקייטן; לאַטייניִשע גראַמאַטיק מיט איר גראַניט־שטאַרקער לאָ־גיק, דער קלאַסיש־לאַטיינישער זאַץ, וואָס איז אין אַזוי פיל פּרטים ענלעך צו אַ שטיק אַרכיטעקטור, איז פאַר לענינען געווען אַן אַלטער קינסטלערי־שער יצר־הרע. האָט ער אויך דאָס שטיקל עסטעטישע סיטרא־אחרא פון זיך אויסגעריסן מיטן וואָרצל. און אויב פון זיינע פריִע קינדער־יאָרן איז ער גע־ווען אַ ליידנשאַפטלעכער און באַגאַבטער שאַך־שפּילער, האָט ער זיך אויך פאַר דער „מוזע" דערשראָקן און זיך אַ נדר געגעבן מער נישט צו שפּילן. האָט דאָך אויף אים געוואָרט, ווי ער האָט אין זיך געוווסט, אַן אַנדער שאַך־ברעט — די אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע, וואָס אויף איר האָט ער גע־דאַרפט אויסלעבן זיין „שפּיל"־אינסטינקט און זיין קאַלטבלוטיקן אַזאַרט.

קאַלטבלוטיקן אַזאַרט און די פעיִקייט צו באַטראַכטן לעבעדיקע און לייד־נדיקע מענטשן ווי „שטאָף" אין זיין לאַבאָראַטאָריע, האָט לענין אַרויסגע־וויזן אַ גוטע פאָר צענדליק יאָר איידער ער איז נתפרסם געוואָרן אין דער ברייטערער וועלט. כאַראַקטעריסטיש איז אַ פאַל אין זיין לעבן נאָך אין 1889: די וואָלגאַ־גובערניעס האָבן דענסמאָל געליטן פון אַ קאַטאַסטראָפאַלן הונגער, וואָס איז אויך באַגלייט געווען פון שרעקלעכע עפּידעמיעס. אין סאַמאַרא, ווי אין אַנדערע וואָלגאַ־שטעט, איז געגרינדעט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט מיטן צוועק צו העלפן די הונגעריקע. האָט לענין איינמאָל געמאַכט אויף אַ זיצונג פון יענעם קאָמיטעט אַ גאַנץ פשוטן פאָרשלאָג: נ י ש ט צו העלפן. די גאַנצע הילף־אַקציע, האָט ער מסביר געווען, איז ניט נייטיק און אַפי־לו שעדלעך, ווייל זי וועט באַרויִקן די געמיטער פון דעם פאָלק. זאָל, הייסט עס, דער הונגער בושעווען נאָך שטאַרקער, און זאָלן יעדן טאָג אומקומען נאָך מע־רערע לעבנס — וועט זיך דאָס פאָלק צעבונטעווען קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און די דונערן פון דער רעוואָלוציע וועלן זיך אָנהויבן טראָגן אי־בערן גאַנצן לאַנד. ווער עס וויל קאָן דאָ געפינען פאַר לענינען אַ שטיקל אַנט־שולדיקונג: ער איז דענסמאָל אַלט געווען נישט מער ווי ניינצן יאָר. אָבער ווער עס איז נענטער באַקאַנט מיט לענינס ביאָגראַפיע און מיט דעם טעמפּאָ פון זיין אינטעלעקטועלן וווּקס, וועט די זאַך אַנדערש פאָרמולירן: אין 1889, וועט ער זאָגן, איז לענין ש ו י ן אַלט געווען ניינצן יאָר, און אין קאָנטעקסט

פון זיין ביאָגראַפיע וועט עס הייסן, אַז ער איז שוין געווען אַ פּאַרמירטער רייפער מאַן. איז עס דאָך כלל נישט קיין צופאַל, וואָס מאַקסים גאָרקי, זיין לאַנגיאָריקער פריינט און פאַרערער, האָט אין אַ סך שפּעטערע יאָרן פאַרצייכנט וועגן אים אין זיינע זכרונות־נאָטיצן: „מיר דוכט זיך, אַז פאַר לענינען איז כמעט לחלוטין נישט אינטערעסאַנט דאָס אינדיווידועל־מענטשלעכע; ער טראַכט נאָר וועגן פּאַרטייען, מאַסן, מלוכות״. גאָרקי האָט זיך דערפאַר שוין נישט געוווּנדערט, וואָס ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווען ער פלעגט קומען צו לענינען ווי צו דעם הויפּט פון דער סאָוועטישער רעגירונג זיך משתדל צו זיין פאַר פאַרמשפּטע צו טויט־שטראָף, פלעגט אים יענער ענטפערן:

„טראַכט איר נישט, אַז איר פאַרנעמט זיך מיט נאַרישקייטן, מיט פּוסטע זאַכן?״.

דאָס מוז נישט הייסן, אַז לענין איז בטבע געווען אַ סאַדיסט. קיין הנאה פון מוטשען יענעם, פון אַרעסטן און עקזעקוציעס האָט ער נישט געהאַט, און צוליב ר ײ ן פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע חשבונות וואָלט ער מסתמא ביי קיינעם קיין האָר נישט געלאָזט קרומען. אכזריות איז פאַר אים געווען נישט קיין געניוס, נאָר אַ חוב, אפשר דער סאַמע טרויעריקסטער חוב, וואָס מען מוז מקיים זיין. ווי דערציילט דער זעלביקער גאָרקי וועגן זייערן אַ שפּאַציר שוין אין די בלוטיקע טעג פונעם בירגער־קריג? לענין האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ גרופּע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט און געשטיפּט אין גאַס, און האָט דערביי באַמערקט: „דאָס לעבן פון די דאָזיקע קינדער וועט זיין גליקלעכער פון אונדזערן; זיי וועלן שוין נישט האָבן קיין פּערזענלעכע דערפאַרונג מיט אַ סך זאַכן, וואָס אונדז איז באַשערט דורכצולעבן; זייער שיקזאַל וועט זיין ווייניקער אכזריותדיק; אָבער איך בין זיי פונדעסטוועגן נישט מקנא. איז דאָך אויפן חלק פון אונדזער דור אויסגעפאַלן צו האָבן דערפאָלג אין אַ ווערק פון אומגעהייערער היסטאָרישער באַדייטונג. א ו מ ש ט ע נ ד ן ה א ב ן א ו נ ד ז ג ע צ וו ו נ ג ע ן צ ו ז י י ן ב ר ו ט א ל, אָבער שפּעטערדיקע דורות וועלן אונדז רעכטפאַרטיקן: דענסמאָל וועט אַלצדינג זיין פאַרשטענדלעך, אַלצדינג״.

אים איז געווען גענוג צו פילן ביי זיך, אַז רעוואָלוציאָנערע אכזריות איז אַן אומפאַרמיידלעכער פּראָדוקט פון „אומשטענדן״, כדי ער זאָל זי קאָנען פּראַקטיצירן. און דאָס האָט ער ביי זיך געפּועלט אַ לאַנגע צייט פאַר דער רעוואָלוציע. שוין אין זיין פּאָלעמיק מיט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פריינט אויף דער „עמיגראַציע״ פלעגט ער אַלעמאָל פאַרגלייכן די רעוואָלוציע מיטן „אַקט פון געבן געבורט צו אַ קינד״: „דאָס געבוירן פאַרוואַנדלט די געווינערין אין אַן אויסגעמוטשעט, צעריסן, פון ווייטיק קאַנוווּלסירנדיק, פאַרבלוטיקט,

האַלב־טויט שטיק פלייש־ (וועגן דער געווינערינס געפיל פון לעבנס־מיסטעריע, וועגן איר גליק אין דעם עצם פּיין, וועגן דער טראַנספיגוראַציע פון איר גאַנצן וועזן האָבן מיר פון לעונינען כמעט קיינמאָל נישט געהערט. אַזאַ „משל״ האָט אים נישט געלוינט פאַר זיין „נמשל״). און אויב אָן מיליאָנען „פּאַרבלוטיקטע, האַלב־טויטע שטיקער פלייש״ קאָן די גאולה פון דער מענטשהייט נישט קומען, האָט ער זיך שוין געמעגט דערלויבן רעדן מיט פאַראַכטונג וועגן זיינע רעפאָרמיסטישע אָפּאָנענטן ווי וועגן „זיסינקע סאָציאַליסטן״; געמעגט זיך דערלויבן באַצייכענען קעגנערשאַפט צו טויט־שטראָף ווי „סעקולערע גלחעריי״; און דאָס נישט קאָנען פאַרטראָגן דעם טעראָר פון אויבן — ווי דאָס „כליפּען פון פּאַסקודנעקע בשמהלעך״. דעם דאָזיקן טאָן האָט לענין אָפּט געניצט שוין אין יענע יאָרן, ווען קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן, ווען און ווי אַזוי ער וועט קריגן אין זיינע הענט דיקטאַטאָרישע מלוכה־מאַכט און צי וועט ער זי בכלל ווען עס איז קריגן. נאָך אין 1907, דערציילט אונדז דער אַלטער פּוילישער רעוואָלוציאָנער קראַיעווסקי, איז ער אין לאָנדאָן געווען צו מיטאָג מיט לענינען און מיט אַ גאַנצער גרופּע באָלשעוויסטישע טוער, האָט מען זיך צערעדט וועגן דעם, וואָס צו טאָן, כדי אויסצוגלייכן די מחלוקת, וואָס האָט שוין עטלעכע יאָר געהערשט צווישן די צוויי סעקטעלעך פון דער דעמאָלטדיקער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. לענין האָט לאַנג געשוויגן און נאָכדעם זיך אַריינגעמישט אין דער דיסקוסיע: „פאַרוואָס דאַרפן מיר עס גיין אין די (פּאַרלאַמענטאַרישע) דרכים פון מערב־אייראָפּע? איך אָנערקען בלויז איין פאָרם פון שלום־מאַכן מיט פּאָליטישע קעגנער: דערקוועטשן זיי״.

און מיט דער גרייטקייט אויסצוגלייכן חילוקי־דעות דורך דערקוועטשן און צעקוועטשן אַלץ און יעדן איינעם, וואָס וועט זיך אים שטעלן אין וועג; מיטן איינזייטיק־פיזיאָלאָגישן משל פון דער געווינערין ווי דער סטאַנדאַרד פון רעוואָלוציאָנערער עטיק; און מיט אַ מאָראַטאָריום אויף ליבע און רחמנות, וואָס טאָרן נישט „אויסגעצאָלט״ ווערן אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד (אַלץ איינס, ווי לאַנג יענער פּעריאָד זאָל נישט געדויערן), איז לענין צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד אין פרילינג פון 1917.

וואָס פאַראַ וואָפן האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַהיים, כדי צו דערגאָבערן די מאַכט און זי נאָכדעם נישט אַרויסצולאָזן פון די הענט? זיין פּאַרטיי, האָט ער געוווסט, איז אין זיבעצן פון צאָלן געווען אַ קליינינקע און שוואַכע, אויך אַן וועלכער נישט איז רעפּוטאַציע ביים פאָלק. קיין געלט אין זיין רשות האָט ער אויך נישט פאַרמאָגט. די גאַנצע מעשה וועגן זעכציק מיליאָן גאָלדמאַרק, וואָס ער זאָל האָבן געקראָגן פונעם דייטשן גענעראַל־שטאַב, איז נישט

מער ווי אַ לעגענדע, טראַצדעם וואָס אַזאַ ערלעכער און ניכטערער קאָפּ ווי עדוואַרד בערנשטיין האָט זיך איינגערעדט אַז מ׳האָט אים „באַוויזן מיט עכ־טע דאָקומענטן״ אַז לענין האָט זיך געלאָזט אונטערקויפן פון גענעראַל לו־דענדאָרפן, און טראָצדעם וואָס ביז היינטיקן טאָג זענען נאָך פאַראַן פּראָפּע־סיאָנעלע אַנטי־באָלשעוויקעס וואָס ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון אַזאַ גאָלדן שטיקל לשון־הרע. לענין האָט אַ פּאָר מאָל האַלב־שפּאַסנדיק און האַלב־ערנסט באַמערקט, אַז ער וואָלט זיך בשום אופן נישט אָפּגעזאָגט פון אַזאַ סומע אַפילו פונעם דייטשן גענעראַל־שטאַב און זי וואָלט בפירוש שטאַרק צונוץ געקומען דער רעוואָלוציע, אָבער, צום באַדויערן, האָט מען אים קיינמאָל קיין געלט פון דייטשלאַנד נישט אָנגעבאָטן. אויב לענין האָט זיך נישט איבערגעגעבן אין די הענט פון געריכט, ווען קערענסקי האָט געהייסן אים אַרעסטירן אויף דער באַשולדיקונג פון זיין אַ „באַצאָלטער אַגענט״ פונעם שונא, איז דאָס געווען דערפאַר, ווי מאַדאַם קרופּסקאַיאַ דערציילט אונדז, וואָס סטאַלין און אַ פּאָר אַנדערע חברים האָבן אויף אים געווירקט, ער זאָל נישט ריזיקירן אין אַזאַ אחריותדיקן מאָמענט מיט זיין פרייהייט צוליב אַ „ריינער רעפּוטאַציע״ אין די אויגן פון „פּריצים און קאַפּיטאַליסטן״. לענין גופא האָט זיך נאָכדעם וועגן דעם געוויצלט: ער האָט זיך נישט געלאָזט אַרעסטירן און האָט זיך בעסער אַ שטיק צייט אויסבאַהאַלטן אין פינלאַנד, ווייל ער איז נישט קיין „באַרישניאַ״, וואָס דאַרף האָבן אַן אַטעסטאַט פון ערלעכער אויפפירונג („אַ בתולה מיט אַ כתב״). לענין האָט נישט פאַרמאָגט, קיין גרויסע אָדער שטאַר־קע אָרגאַניזאַציע, נישט קיין פאַרבינדונגען מיט דער אַרמיי, נישט קיין פּאָ־פּולערן נאָמען, נישט קיין געלט, אַפילו נישט קיין אויסגעאַרבעטע באַשטימטע פּלענער און קיין שום קאָנקרעטע סטראַטעגישע סכעמע. לענינס גאַנצע אַמו־ניציע איז באַשטאַנען: פון אַ זיכערן געפיל, אַז ער איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד אויסצופילן אַ גרויסע היסטאָרישע מיסיע (אַז די „השגחה״ האָט אים צוריקגעבראַכט אַהיים); פון דער גרייטקייט אַרויסצוגעבן וועקסלען, אַפילו ווען ער ווייס אַז ער וועט זיי נישט קאָנען באַצאָלן; פון דער פעיקייט צו זאָגן מאָרגן, אויב מ׳וועט נאָר דאַרפן, דעם היפוך פון דעם, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטן; פון לײַדנשאַפטלעכער נייגעריקייט פאַר עקספּערימענטן מיט דער געשיכטע; און אַ „טאַלאַנט״ פאַר קאַלטבלוטיקער אכזריות, ווען און ווו „אומשטענדן״ וועלן עס פאָדערן.

אָבער די אַלע מידות וואָלטן געווען ווייט נישט גענוג, ווען ער וואָלט אין איינעם מיט דעם נישט פאַרמאָגט נאָך עפּעס: אינטויטיוו פאַרשטענדעניש פון דער רוסישער ווירקלעכקייט און פון די כוחות, וואָס האָבן זיך אין איר צונויפגעפלאָכטן אָדער צונויפגעשטויסן. אַזאַ אינטו„ציע, אַזאַ, מעג מען זאָגן,

„העלזועריִשע קראַפט", האָט אין יענער צייט קיינער נישט פאַרמאָגט, אויסער לענינען. ער איז נישט געווען קיין פרעמדער אין מערב־אייראָפּע, ווו ער האָט געלעבט אַזוי פיל יאָרן ווי אַ שאַרפער אָבסערווירער און ערנסטער פאָרשער. ער האָט גוט געקאָנט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַ פּאָר קלענערע לענדער. אָבער כדי תופס צו זיין די פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך פאַר זיינע אויגן פאַנאַנדערגעוויקלט אין מערב־אייראָפּע, און כדי צו זיין מסוגל פאָראויסצוזען די דאָרטיקע אַנטוויקלונגען, האָט אים געפעלט דאָס „אינסטינקטיווע" וויסן, דאָס וואָס ער האָט אַליין אַ פּאָר מאָל באַצייכנט פאַר „אַ שאַרפן הוש־הריח". דאָס פרעמדע האָט ער שטודירט, בשעת דאָס אייגענע — רוסלאַנד — האָט ער געקאָנט „פון זיך אַליין". ער האָט נישט איבערגעשאַצט די קראַפט פון זיין אייגענער גרופּע און האָט אין דערזעלביקער צייט מיטן אינסטינקט פון אַ יאַגד־חיה אין איר אייגענעם דזשאָנגל אויסגעצייכנט אָפּגעשאַצט און אָפּגעוויגן די שוין פאַראַנענע און פּאָטענציעלע קעגן־כוחות און, אויב מ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן, די שוואַכקייטן פון יענע כוחות. ער האָט געמאַכט אַ סך פאַטאַלע טעותן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פרעמדע לענדער, אויך וועגן לענדער וואָס ער האָט גוט געקאָנט פון שטודירן. אַלע זיינע פּראָגנאָזן וועגן מערב־אייראָפּע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נישט געקומען נישט אין דייטשלאַנד און נישט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, און דאָרט ווו ער האָט דורך זיינע אַסיסטענטן און אונטער־אַסיסטענטן געזוכט אַרויסצורופן רעוואָלוציעס מיט דער הילף פון ספּעציעלער „טעכניק" (ווי אין בייערן און אונגאַרן), זענען דאָס געווען נישט מער ווי מפּיל־„קינדער", וואָס זענען באַלד אויסגעגאַנגען. דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גרויסער פאַרשטייער פון דער „רוסישער נשמה", פון די שטומע, אונטערערדישע כוחות אונטער די טיפסטע שיכטן פון רוסלאַנדס באָדן. ווען מ'האָט אים פון אַלע זייטן אויסגעלאַכט נאָך זיין ערשטער רעדע אין פּעטערבורגער סאָוועט, באַלד נאָך זיין אָנקומען פון אויסלאַנד, פאַר זיין פּראָגראַם פון אַרויסרייסן די מאַכט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג און „איינפירן סאָציאַליזם", און ווען זיינע אייגענע מענטשן האָבן נישט געקאָנט פאַרמאַסקירן די פאַרלעגנהייט, אין וועלכער ער האָט זיי געשטעלט מיט זיינע „משונהדיק־ווילדע" לאָזונגען, איז ער ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן: זאָלן זיי לאַכן — וויכטיק איז, ווער עס וועט לאַכן דער לעצטער. און ווען איינער פון זיינע מקורבים האָט אים נאָכדעם אַ פרעג געטאָן, אויף וועלכע כוחות ער קאָן זיך שטיצן ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ גראַנדיעז־וואָגנדיקער אונטערנעמונג, האָט ער קלאָר געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ער וועט זיך שטיצן, האָט ער דענסמאָל מסביר געווען, אויף דריי פאַקטאָרן:

דער ערשטער פאַקטאָר איז פאַר אים געווען די „נאַרישע", קינדערשע פאָלקס־אמונה אינעם „טויזנטיעריקן רייך", די רוסישע רעליגיעזע פרומקייט, וואָס האָט אויסגעבאָוועט אין געוויסע טיילן פון פאָלק אַ דערוואַרטונג פון אַפּאָקאַליפּטישע געשעענישן, וואָס דאַרפן ברענגען די גאולה. וועט ער יענע סטרונע אויסנוצן. עס איז נישט וויכטיק, וואָס ער וועט רעדן און שרייבן קעגן גאָט און אַלץ וואָס ס'האָט צו טאָן מיט רעליגיע. דאָס „פאָלק" וועט עס אויסטייטשן בלויז ווי אַ מלחמה קעגן די „פעטע גלחים" און וועט אַרייַנטייטשן אין זיינע רייד אַ פרומען אינהאַלט, אַן אָנזאָג אויף „מלכות שמים", נאָך וועלכן עס האָט אַזוי לאַנג געלעכצט. דער צווייטער פאַקטאָר, ווי ער האָט זיך דערנסמאָל ציניש אויסגעדריקט, זענען די „נידערטרעכטיקע נקמה־גלוסטעניש פון שקלאַפן", וואָס האָבן לאַנגע דורות געבאָוועט אין זיך די ליידנשאַפט צו אכזריות, דעם חלום זיך אָפּצורעכענען מיט זייערע אונטערדריקער. וועט ער אויך אויף דער סטרונע קאָנען שפּילן. יענע גלוסטענישן וועלן אין דער רעוואָלוציע געפינען זייער תיקון. ער איז געווען זיכער אַז אייבערן לאַנד גייען אַרום הונדערטער טויזנטער סטענקאַ ראַזינס. און דער דריטער פאַקטאָר? אַ יאָ, דער דריטער פאַקטאָר איז אפשר דער וויכטיקסטער: די צעפוילטקייט פונעם הערשנדיקן קלאַס אין רוסלאַנד, די דעגענעראַציע פונעם פריצישן עלעמענט, די ווילנלאָזיקייט פון דער דינער שיכט פון דער בורזשואַזיע, און די „אינטעליגענטישע צעקראָכנקייט" פון דער דעמאָקראַטישער פירערשאַפט.

האָט ער טאַקע די אַלע דריי פאַקטאָרן ברייט אויסגענוצט. צו די מיליאָנען אָרעמע איז ער געקומען מיט אַן עוואַנגעליום פון צוויי ווערטער: „גראַב נאַגראַבליענאָיע" (רויב דאָס גערויבטע). זייער רויבן איז נישט קיין עבירה — „הגונב מן הגנב פטור". וואַרט נישט, האָט ער געזאָגט צו די פּויערים, ביז די רעגירונג וועט אַמאָל דורכפירן אַן אַגראַר־רעפאָרם, ווייל זי וועט עס קיינמאָל נישט טאָן און זי פאַרפירט אייך מיט סתם הבטחות; נעמט צו ביי די פריצים די ערד, זייערע הייזער, מאַשינען, בהמות, און צעטיילט דאָס אַלץ צווישן זיך, צווישן אייגענע מענטשן. פרעגט נישט ביי קיינעם — עס איז אייערס. לעניו האָט גוט געוווּסט, אַז דורך בלויז אַן אַגראַרישער רעוואָלוציע קאָן מען נישט לייזן די לעבנס־פּראָבלעמען פון צענדליקער מיליאָנען פּויערים אין רוסלאַנד. אין 1917 האָבן די פריצים שוין גאָר נישט פאַרמאָגט אַזוי פיל לאַנד, ווי נישט־אינפאָרמירטע האָבן געגלויבט. לעניו האָט זיך גוט געקאָנט אָריענטירן אין סטאַטיסטישן מאַטעריאַל און פאַר אים איז נישט געווען קיין סוד, אַז גאָר גרויסע שטחים ערד זענען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע איבערגעגאַנגען פון רשות פונעם דעגענערירטן אַדל אין די הענט פון פאַרמעגלעכערע פּויערים, און אַז

אויב דורך אַן אַגראַרישן בונט וועט, אין דורכשניט, אַ פּויערישע פאַמיליע צוקריגן אַנדערהאַלבן אָדער צוויי דעסיאַטינעס ערד, וועט נאָך דערפון די ישועה נישט קומען. ער האָט געקאַנט פאָרויסזען, אַז אין כאַאָס פון אַן אַגראַרישער רעוואָלוציע וועט די פאַנאַנדערטיילונג פונעם באָדן זיין אַן אומיושרדיקע. האָבן דאָך טאַקע אַ גוטע פּאָר מיליאָן לאַנדלאָזע פּויערים און אַגריקולטורעלע לוין־אַרבעטער קיין ערד נישט באַקומען, ווייל די „תקיפים" אין דאָרף האָבן דאָס נישט צוגעלאָזן. די טענה איז געווען, אַז ווער עס האָט נישט קיין אייגענעם פלוג און באָראָנע, קיין פערד און קיין קו, וועט סיי־ווי־סיי נישט האָבן וואָס צו טאָן מיטן שטיקל ערד, וואָס קאָן אויספאַלן אויף זיין חלק. כדי אויפצוהייבן דעם עקאָנאָמישן סטאַנדאַרד פונעם דאָרף, האָט לעניןן געוווסט בעסער ווי אַ סך פון זיינע קעגנער, איז וויכטיק נישט נאָר אַ פאַרגרעסערטער שטח לאַנד צום באַאַרבעטן, נאָר אויך און פ אָ ר אַ ל ע מ ע ן, טעכנאָלאָגיש העכערע מעטאָדן אין דערווירטשאַפט און באַדייטנדיקע נייע אינוועסטירונגען. לענין האָט אָבער געלייגט דעם טראָפּ נישט אויף די אומיטלבאַרע עקאָנאָמישע רעזולטאַטן, צו וועלכע די אַגראַר־רעוואָלוציע איז מסוגל צו ברענגען, נאָר אויך איר פּסיכאָלאָגישן עפעקט — דאָס איבעררייסן מיט דער פעאָדאַלער פאַרגאַנגענהייט, דאָס פּויערישע „קילן־זיך־דאָס הארץ" אין די פּריצים, וואָס וועלן אַוועקגעטריבן ווערן אין שטאָט אריין אין היילן העמד, דאָס באַוווסטזיין אַז מ'קען „נעמען", ענדערן זאַכן און ביי קיינעם נישט פרעגן, ברעכן די געזעצן פון דער אַלטער מלוכה און דערנענטערן דעם מאָמענט פון איר פולשטענדיקן צוזאַמענברוך. עס איז אפשר גאָר נישט שווער צו באַווייזן, אַז די אַגראַר־רעפאָרם אין רוסלאַנד וואָלט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ געזעצלעך־רעגולירטן אופן פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אָדער ריכטיקער, פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער פאַרזאַמלונג, ווען עס וואָלט נישט פאַרגעקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און די אַגראַרישע רעוואָלטן פון פאַר אָקטאָבער. עס איז נישטאָ קיין ברעקל גרונט צו צווייפלען, אַז יענע כוונות וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן קערענסקי־רעזשים און, דער עיקר, די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וואָס איז דענסמאָל געווען די פּאָפּולערסטע פּאָליטישע גרופּירונג אין לאַנד מיט ברייטע פאַרבינדונגען אין דאָרף — וואָלטן, ווען מען וואָלט זיי נישט דערשטיקט מיט געוואַלט, פאַר אַלעמען דורכגעפירט, אויף אַ פּלאַנמעסיק־יורידישן אופן, אַ ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם, מיט ווייניקער קרבנות און הפקרות, מיט מער יושר און אָרדענונג. לענין גופא האָט אין דעם נישט געצווייפלט, אָבער אים האָט אינטערעסירט נישט די רעפאָרם אַן און פאַר זיך, נאָר דער אופן פון איר דורכפירונג. און גראָד דער לעגאַלער, פאַרלאַמענטאַרישער וועג איז אים (אין יענעם מאָ־

מענט) געווען פאַרהאַסט. ער האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט מצליח זיין אין זיינע רעוואָלוציאָנערע פּלענער, וועט ער נישט ליקווידירן דעם שטאַט (אַ ליקווידאַציע וואָס מאַרקס האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט ווי דעם נאַטירלעכן פּועל־יוצא פון פולשטענדיקן און רייפן סאָציאַליזם), נאָר, פאַרקערט, „דער־ווייל" אויפבויען אַ פּאָליטישע מאַשין מיט אַ סך מער מלוכה־מאַכט ווי די בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. אויף דעם וועג צום כאַטאַליטאַרן סאָציאַליסטישן שטאַט האָט ער אָבער געזען פאַר זיך ווי אַן אומפאַרמיידלעכן עטאַפּ אַ פעריאָד פון הפקרות און אַנאַרכיע, און אין זומער 1917 איז זיין הויפּט־ציל געווען — יענע הפקרות צו סטימולירן, מתיר־אסי־רים־זיין די געפּענטעטע אַנאַרכישע סטיכיע אין פאָלק בכלל, אין דער פּויע־רימשאַפט ספּעציעל. פריִער צעשטערונג פון דעם איצטיקן שטאַט מיט אַלע זיינע סאָציאַל־יורידישע יסודות, נאָכדעם — בנין פונעם נייעם שטאַט; פריִער צעבונטעווען דעם „שקלאַף" און אים לאָזן זיך אַנזעטיקן מיט „אני־ואפסי־עוד"־האַנדלונגען און נקמה־תענוגים, און נאָכדעם אים נעמען אויפסניי אין די הענט אַריין, צוימען זיין אַנאַרכיע, רעגימענטירן אים אויף אַ נייעם נוסח, אַרויסרופן אין אים פאַנישן פּחד פאַר זיין אייגענער צעבושעוועטער ענערגיע און אַריפּצווינגען אויף אים אַ נייע דיסציפּלין ווי די איינציקע רע־טונג פון סאָציאַלן תוהו־ובוהו. מיליאָנען פּויערים, האָט לענין ספּעקולירט, וואָס וועלן קריגן פון אים אַ היתר און אַן אָנרעג צו דער פרייהייט פון אומגע־זעצלעכקייט, וועלן אים זיין אַזוי דאַנקבאַר פאַר אַזאַ „וואַקאַציע", אַז זיי וועלן דערנאָך פון דאַנקבאַרקייט זיך לאָזן איינשפּאַנען פון אים אין דעם כאָמוט פון באָלשעוויסטישער דיסציפּלין. און מען קאָן נישט זאָגן, קוקנדיק אויף צו־ריק, אַז זיין ספּעקולאַציע איז געווען נישט ריכטיק. שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן אין אַ זייער גרויסער מאָס באַשטעטיקט לענינס סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע, אָנגעווענדט אויף גרויסע מאַסן פונעם רוסישן פאָלק. אין דער אַגראַר־רעוואָ־לוציע האָט לענין סטימולירט אי די שקלאַפישע „רציחה פון גערעכטיקייט", אי יענע פרומע סלאַווישע דערוואַרטונג פונעם „טויזנטיעריקן קעניגרייך", וואָס אויף איר האָט ער אָנגעוויזן מיט צינישער איראָניע באַלד ביי זיין צו־ריקקומען פון אויסלאַנד.

ער האָט אויך אויסגענוצט אין דער פולער מאָס די מלחמה־סיטואַציע: לענין האָט געפילט מער ווי וועלכער נישט איז אַנדערער רוס אין עפנטלעכן לעבן, ווי אומפּאָפּולער די מלחמה איז ביים פאָלק. זיין „חוש־הריח" האָט אים אויך געזאָגט, אַז די אויסגעמאַטערטע אַרמיי וועט מאַכן אַ שהחיינו אויף יעדער וואַגנדיקער שטים, וואָס וועט אויסשרייען אין דער הויך: „אידיאָטן, וואָס שלאָגט איר זיך, אָדער וואָס ליגט איר נאָך אין די טראַנשייען"? ער

האָט געוווּסט, אַז די הונגעריקע, באָרוועסע און לייזיקע אַרמײ קאָן שוין סײ פיזיש און סײ פּסיכיש נישט אַנגײן ווײטער מיט דער מלחמה, און אַז דער צוזאַמענבראָך פון צאַריזם האָט ביים פאָלק צעריסן אַלע קאָנקרעט־היסטאָ־רישע אַסאָציאַציעס מיט פּאַטריאָטישן חוב און מיט סאָלדאַטישער דיסציפּלין; אויב פרייהייט — זאָל זײַן פרייהייט ביז צום סוף, אויך פרייהייט פונעם פראָנט, פון קאָמאַנדירן און אָפיצירן. לענין האָט אויך געוווּסט, אַז די פירער פון דער קערענסקי־מלוכה זענען פּאַטאַל פאַרמשפּט צו מאַכן אַלערלײ פּרוּוון די מלחמה ווײטער צו פירן, אַז זײ זענען פּסיכאָלאָגיש אומפעיִק זי אָפּצו־שטעלן און שליסן מיט דײַטשלאַנד אַ סעפּאַראַטן שלום. זײ זענען, ווי ער האָט פאַרשטאַנען, געפאַנגענע ביי זייער פּאַטריאָטיזם, ביי זייער גלויבן אין דעם כוח פון דער מערב־אייראָפּעיִשער און אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ביי זייער מורא פאַר ענגליש־פראַנצויזישער נקמה און רעפּרעסיעס נאָך דער מלחמה, אויב רוסלאַנד זאָל זײ אין אַ שווערן מאָמענט פאַרראַטן. איז גוט, האָט לענין אויסגעחשבונט, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג וויל ווײַטער פירן די מלחמה און איז פּסיכאָלאָגיש אַנטשלאָסן דאָס צו „ווען", און וואָס דאָס פאָלק נישט עס וויל און נישט עס קאָן בלײַבן מאָביליזירט און מילי־טעריש־אַקטיוו. די דאָזיקע סתירה צווישן רעגירונג און פאָלק וועט זײַן, האָט ער פאָרויסגעזען, אַ שפּע וואַסער אויף דער מיל פון דער רעוואָלוציע. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. לענין וואָלט עס באַטראַכט פאַרן גרעסטן אומגליק, ווען די קערענסקי־רעגירונג וואָלט זיך אַנטשלאָסן אויף אַ סעפּעראַטן שלום מיט דײַטשלאַנד. ער האָט אַ סעפּעראַטן שלום געפאָדערט יעדן טאָג, ווײַל ער האָט זיכער געוווּסט, אַז די קערענסקי־רעגירונג איז אַזאַ פאָדע־רונג נישט מסוגל אָנצונעמען. נישט זייענדיק קיין פּאַסיפיסט, אַפּלאַכנדיק אַ גאַנץ לעבן פון פּאַסיפיסטישער „אידיאָטסטווע", האָט ער — פאַרן מידן און צעשרויפטן פאָלק — געמאַכט פּאַסיפיזם פאַר אַ באָלשעוויסטישן לאָ־זונג. „פּאַסיפיזם" און אַגראַר־„גערעכטיקייט" האָבן אונטער זײַן אָנפירער־שאַפט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אָקטאָבער.

ווען מ'איז געקומען אָנזאָגן לענינען אַז די פּראָוויזאָרישע רעגירונג איז שוין אַנטלאָפן פון פּעטערבורג, און אַז ער איז שוין דער הויפּט פון דער נייער, סאָוועטישער רעגירונג, איז ער אויף אַ מינוט ווי צעמישט געוואָרן: איז דאָס אַ חלום אָדער וואָר? דאָס איז וואָר! „עס" הויבט אָן מקוים צו ווערן. „וואָס פאַר אַ שפּרונג", האָט ער אַ זאָג געטאָן, „פון וואַלגערן זיך אין רעוואָלוציאָ־נערער אונטערערדישקייט ביז איבערנעמען אין די הענט די לייצעס פון מלו־כה־מאַכט". גלײַך ווי ציטערנדיק אַ זאָץ, וואָס ער האָט פאַרגעסן פון וועמען ער האָט אים געהערט אָדער ווו ער האָט אים געלייענט, האָט ער אַ זאָג געטון

צו אַ פּאָר פּריינט אויף דייטש: „פון אַזאַ שפּרונג אין דער הויך הייבט אַן צו שווינדלען אין קאָפּ". נאָכדעם האָט ער זיך געכאַפּט, ווי משוגעדיק עס איז פאַר אים אין אַזאַ מאָמענט צו רעדן אויף אַ „אינאָסטראַנע" לשון, און ווי אַן עכטער פאָלקס־מענטש וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער בשורה פונעם גרויסן געווינס (אפשר האָט ער עס גאָר נישט די ווערט? און וואָס טוט מען, ער זאָל דאָס געווינס נישט פאַרלירן?), האָט ער זיך... איבערגעצלמט: זאָל זיין מיט מזל!

אָבער דאָס שווינדלען אין קאָפּ האָט געדויערט בלויז מינוטן. אויף אַ רגע איז אים מסתמא בלויז דורכגעלאָפן דער געדאַנק: מאַכט דעמאָראַליזירט, אַ ז אַ מאַכט אפשר נאָך מערער. באַלד האָט ער אָבער באַשלאָסן, אַז א ו י ף ז י ך יעדנפאַלס קאָן ער זיך פאַרלאָזן. און באמת: א י ם האָט מאַכט נישט דעמאָראַליזירט. אויפן הויכשפּיץ פון ממשלה האָט ער נאָכדעם נישט געטאָן כמעט גאָרנישט, וואָס ער האָט לכתחילה נישט אַריינקאַלקולירט ווי אַ מעג־לעכקייט אָדער נויטווענדיקייט, וואָס עס איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע פּרי־ערדיקע מאָראַלישע סטאַנדאַרטן. איינער מעג אָפּפרעגן דעם ווערט פון יענע סטאַנדאַרטן, ביי דעם אַנדערן מעגן זיי אַרויסרופן דעם טיפסטן עקל — אָבער אָפּשאַצן לעניגען דאַרף מען לויט דעם „שולחן־ערוך" וואָס ע ר האָט פאַר זיך אָנערקענט און נישט לויט עטישע פּרינציפּן, וואָס ער האָט פון זיי אַ גאַנץ לעבן אָפן און אויפריכטיק אָפּגעלאָכט...

III

כדי אָנצוהייבן דעם סאָציאַליסטישן עקספּערימענט, האָט לעניין געזוכט מיט אַלע מיטלען, פאַר אַלעמען, פּטור צו ווערן פון דער מלחמה.

דאָס איז געווען פּסיכאָלאָגיש נישט לייכט אויך נאָכדעם וואָס באַלשע־וויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט און לעניך איז געשטעלט געוואָרן אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג. אין די קאָמאַנדירנדיקע קרייזן פון דער אַלטער אַרמיי האָט נאָך געהערשט אין אַ געוויסער מאָס דער אַלטער פּאַטריאָטיזם און אַ גרייטקייט אָנצוגיין מיט דער מלחמה אונטער די שווערסטע אומ־שטענדן. די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן די ערשטע קאָאָפּערירט מיט די באָלשעוויקעס און האָבן זיך אַפילו באַטייליקט אין די נייע ממשלה־אָרגאַנען, זענען געווען קאַטעגאָרישע קעגנער פון אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד און אויך פון די שווערע קאָנצעסיעס וואָס דעם קאַי־זערס רעגירונג האָט געפאָדערט. שלעכט פאַרמאַסקירטער רוסישער פּאַטריאָ־טיזם, אינאיינעם מיטן אויפריכטיקן מאַקסימאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן האָס קעגן ווילהעלמס רעאַקציאָנערן רעזשים, האָבן זיי געמאַכט פאַר שטייפע קעג־

נער פון יעדער קאַפּיטולאַציע, אָבער אויך אין צענטער פון דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי גופא איז מען אַ לענגערע צייט נישט געווען גרייט אַנצונע־מען לעניניס לאָזונג פון „שלום פאַר יעדן פּרייז". טראָצקי איז געווען נישט דער איינציקער וואָס איז אים נישט „אָנגעשטאַנען" אָנצובויגן זיין רעוואָלו־ציאָנערן קאָפּ פאַר די ווילהעלמינישע קאַנאָנען. אַ רעוואָלוציאָנערע אַרמיי — האָבן געטענהט אַנגעזעענע באָלשעוויקעס אין אָנפירנדיקע פּאָזיציעס. — דאַרף קריגן אויך מיליטערישן פּרעסטיזש, און זי טאָר נישט אַרויסווייזן קיין פּחדנות, קיין שוואַכקייט, קיין גרייטקייט אויף פשרות. זייער דענקען איז אין אַ גרויסער מאָס געווען באַאיינפלוסט פון אַסאָציאַציעס פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און זיי האָבן ביי זיך נישט געקאָנט פועלן אַז אַ רעוואָלוציע וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי זיגע־ריש אין דער היים זאָל בזיונדיק קאַפּיטולירן אויפן מלחמה־פראָנט. אין די גאָר שווערע מינוטן פון די בריסקער פאַרהאַנדלונגען איז טראָצקי דערפאַר געווען גרייט אָנצווענדן זיין באַרימטע פאָרמולע פון „קיין מלחמה נישט פירן און קיין שלום נישט אונטערשרייבן", כאָטש ס'איז אים נישט געווען גאַנץ קלאָר, וואָס אַזאַ זשעסט וואָלט געמיינט אין דער פּראַקטיק.

לענין האָט זיך אָבער עקשנותדיק געהאַלטן ביי זיינעם: כּדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, מוז מען זי פאַר אַלעמען (צייטווייליק) „קאָמפּראָמיטירן" מיט אַ מיליטעריש־פּאָליטישער מפּלה. קיין אַנדער וועג, איז ער געווען זיכער, איז נישטאָ. דער דייטשער סאָלדאַט, אָדער לויט זיין דעמאָלסדיקן אויסדרוק, „אָט יענע בעסטיע וואָס שפּרינגט אַרויס אַזוי אומדערוואַרט", איז נאָך זייער שטאַרק, און די רוסישע אַרמיי איז אין אַ מיזעראַבלען צושטאַנד. „ווייסט איר דען נישט", האָט איינמאָל אין יענע טעג לענין אַ זאָג געטאָן בשעת אַ וויכּוח וועגן די בריסקער פאַרהאַנדלונגען, „אַז דער רוסישער מוזשיק האָט שוין אָפּגעגעבן זיין שטימע קעגן מלחמה?". די אַרומיקע האָבן נישט פאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט: ווען און ווו איז דען פאַרגעקומען אַן אָפּשטימונג? לענין איז אויף זיי אָנגעפאַלן ווי אויף „פאַרשטאָפּטע קעפּ": „אַ יאָ, איר מיינט דאָך אַז שטימען קאָן מען נאָר דורך הויבן די הענט... אָבער דער רוסי־שער מוזשיק האָט געשטימט דורך הויבן די פיס, דורך אַוועקגיין פונעם פראָנט, ביי קיינעם נישט פרעגנדיק... מיליאָנען דעזערטירן זענען שוין צוריק אין דאָרף אָדער בלאָנדזשען אַרום איבערן לאַנד... דאָס איז אַן אָפּשטימונג, וואָס איר ווילט נישט פאַרשטיין איר באַדייטונג".

עס איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז לענין וואָלט געווען קעגן ווייטער פירן די מלחמה, אַפילו ווען די דייטשע אַרמיי וואָלט נישט געווען אַזוי שטאַרק און די רוסישע אַרמיי וואָלט נאָך געווען מסוגל עפּעס צו טאָן אויפן שלאַכט־

פעלד. ער האָט געמוזט האָבן אַ מין דעמאָנסטראַטיוו־סימבאָלישן „להבדיל״ צווישן דעם אַלטן רוסלאַנד און דעם נייעם. ער האָט געוואָלט אַז די דרויסנ־דיקע וועלט זאָל דערזען, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז אַ ראַדיקאַלע אי־בערשאַצונג פון ווערטן, אַז זי האָט באַפרייט רוסלאַנד פון קאָנווענציאָנעלן פּאַטריאָטיזם און פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין אַן אַוואַנגאַרד פון אויסגעהאַל־טענעם אינטערנאַציאָנאַליזם. אים האָט אויך נישט געלוינט, אַז די ענערגיע פון יענע טיילן פון פאָלק, וואָס האָבן די רעוואָלוציע „אָנגענומען״, זאָל צע־טיילט ווערן אויף צוויי פאַרשידענע אויפגאַבן — אויף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פונעם דרויסנדיקן שונא און אויף פאַרטיידיקן די נייע מלוכה קעגן דעם „אי־נעווייניקסטן שונא״, וועמען לענין האָט נישט געוואָלט אונטערשאַצן. וואָס לענגער די מלחמה וועט זיך ציִען, האָט ער געהאַט זיין גרונט מורא צו האָבן, אַלץ לייכטער וועט זיין צו פאַרטונקלען דאָס אויפגעוואַכטע קלאַסן־באַוווסט־זיין און אַלץ מער בריקן פון נייער נאַציאָנאַליסטישער פאַרברידערונג וועלן געשאַפן ווערן צווישן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן און די קלאַסן־קעגנער פון דער רעוואָלוציע. ער איז בכלל נישט געווען זיכער, אַז אין דייטשלאַנד וועט אין גיכן אויסברעכן אַ רעוואָלוציע, און אַז דערפאַר (ווי ער האָט אין געוויסע טעג געפּרוווט איינרעדן אַנדערע) זאָל קיין גרויסע ממשות נישט האָבן אַ „שטיקל פּאַפּיר״, וואָס מען וועט היינט אונטערשרייבן אין בריסק. מיט דייטשלאַנד האָט ער זיך שוין איינמאָל „אָפּגעבריט״; נאָך אין אָנהויב פון דער מלחמה האָט ער דאָך געגלויבט, אין 1914, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועלן שטימען אין רייכסטאַג קעגן דעם מלחמה־בודזשעט, אַז זיי וועלן זיך בכלל אָפּזאָגן מיטצומאַכן מיט דער קייזערלעכער רעגירונג איר אימפּעריאַליסטישע בלוט־וואָקכאַנאַליע. דער מיליטאַריסטישער פּאַטריאָטיזם פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען פאַר אים אַ שווערע אַנטוישונג, און אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט ער דערפאַר אין יענע טעג באַטראַכט, אונ־טער געוויסע באַדינגונגען, פאַר אַ מעגלעכקייט, אָבער באַין אופן נישט פאַר קיין אומפאַרמיידלעכקייט. איז ער דאָך, אַחוץ דעם, דענסטמאָל בכלל נישט געווען איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרלירן די מלחמה אויפן מערב־פראָנט, און אַז אַ מיליטערישער מפּלה — פון וואַנען זאָל זיך דאָרט נעמען אַ רעוואָלוציע? ער האָט אָבער געוואָלט גלויבן אין דער אַנשטעקנדיקער קראַפט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — אויב זי זאָל האָבן ווייטערדיקן דערפאָלג אין דער היים און אָנהויבן רעאָרגאַניזירן דאָס גאַנצע לעבן אויף סאָציאַליס־טישע יסודות — סאַי פאַר די זיגער און סאַי פאַר די באַזיגטע אין מערב־אייראָפּע. רוסלאַנד, האָט ער געטרוימט, קאָן און דאַרף ווערן אי פאַר פראַנק־רייך און ענגלאַנד און אי פאַר דייטשלאַנד (און דורך זיי און נאָך זיי פאַר

אַנדערע פעלקער), אַ מין „אור לגויים", אַ לעבעדיקער מוסטער פון פאַרניכטנ־דיקער און אויפבויענדיקער רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק. אָבער גראָד צוליב דעם מוז רוסלאַנד האָבן אַ וואָס לענגערע „אָטעם־פּויזע", און לענין וואָס האָט נאָך נישט געפילט אַז ער קאָן פאַרוואַנדלען זיין פּאָזיציע אין פּערזענלעכער דיקטאַטור, האָט אַריינגעהאַמערט טאָג־איין טאָג־אויס אין די פירנדיקע קעפּ פינעם נייעם רעזשים די אַבסאָלוטע נויטיקייט צו פאַרענדיקן די מלחמה, אַפילו אונטער „חרפּהדיקע" באַדינגונגען. וואָס פרי'ער דאָס וועט געשען, האָט ער מיט זיי געטענהט, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר די שיקזאַלן פון דער רעוואָלוציע. „פאַרלירן אַ שטרייק", ווי ער האָט זיך דענסטמאָל אויסגעדריקט פאַר זיין קאַבינעט און פאַר די מיטגלידער פון די צענטראַלע פּאַרטיי־אָרגאַנען, „איז אַ ווייטיק, אָבער נישט קיין בזיון". אויב צוליב סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד מוז מען פאַרשפּילן די רעוואָלוציע אין לאַטוויע און עסטאָניע און לאָזן דאָרט בעל־הביתעווען ווילהעלמס מיליטער, איז דאָס אַ ווייטיק, אָבער מ'מוז אָזאַ קרבן ברענגען. אויב פינלאַנד וועט איבער דעם ווערן צוריק קאַפּיטאַליסטיש, איז דאָס נאַטירלעך אויך אַ גרויסער פאַרלוסט, אָבער אויך דער קרבן איז נישט צו טייער. אַ סך אַ גרעסערער אומגליק וועט זיין, אויב אוקראַינע מיט איר גרויסער באַפעלקערונג און מיט איר שפע פון נאַטיר־לעכע אוצרות וועט צייטווייליק זיך אָרויסגליטשן פון דער סאָוועטישער אָר־ביטע, אָבער אויך דאָס דאַרף מען קאָנען קאַלטבלוטיק איבערטראָגן. דער עיקר איז, אַז עס זאָל זיין אַ גרויס שטיק רוסלאַנד, דער וויכטיקסטער טייל פון לאַנד, אין פעסטע באָלשעוויסטישע הענט, און אַז מ'זאָל דאָרט קאָנען אָנהויבן מיט אַ שנעלן טעמפּאָ „בויען סאָציאַליזם". אָבער צוליב דעם דאַרף מען האָבן רו פון דרויסן, שלום. לעניס קוק אויף דער דעמאָלטדיקער לאַגע און אויפגאַבן וואָלט מען געקאָנט פאָרמולירן אין איין זאַץ: „דאָס פאָטער־לאַנד איז גאָרנישט, די סאָציאַליסטישע לאַבאָראַטאָריע איז אַלץ".

זיין איינציקע אולטימאַטיווע פאָדערונג פאַר די שלום־פאַרהאַנדלונגען איז דערפאַר געווען, אַז אויף יענער טעריטאָריע, וואָס וועט בלייבן פאַר רוסלאַנד, זאָל די „פּויערים־און־אַרבעטער־רעגירונג" זיין דער סוווערענער בעל־הבית, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך נישט טאָרן מישן, אַפילו אין דער קלענ־סטער מאָס, אין די אינעווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון דער נאָר וואָס גע־בוירענער סאָוועטישער מלוכה. די איבעריקע באַדינגונגען, ווי שווער און אַפילו באַליידיקנדיק זיי זאָלן נישט זיין, האָבן ניט, אין לעצטן היסטאָרישן חשבון, קיין גרויסע באַדייטונג. אויב אָבער די דייטשע רעגירונג זאָל אויך די באַדינגונג נישט אָננעמען, אויב זיי זאָל דווקא זיך וועלן מישן אין די אינע־ווייניקסטע אָנגעלעגנהייטן פון רוסלאַנד, האָט לענין פאַר דעם פאַל (יעדנ־

פּאַלס טעאָרעטיש) צוגעגרייט אַן אַנדער „סגולה״, ווי אַזוי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע. אויך אין אַזאַ סיטואַציע האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ ווייטער־פירונג פון דער מלחמה, וואָס וואָלט געמוזט, לויט זיינע קאַלקולאַציעס, ברענגען דאָס לאַנד צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער מפּלה. זיין „סגולה״ איז באַשטאַנען אין מאַכן „רוסלאַנד״, דאָס הייסט יענעם טעריטאָריעלן שטח ווו עס דאַרף אָנהויבן אַרבעטן די „עקספּערימענטאַלע סטאַנציע״ פון סאָציאַליזם — נאָך קלענער. „ווו שטייט עס געשריבן״, האָט ער אין טענ אַ זאָג געטאָן צו איינעם פון די געציילטע אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן. וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין רוסלאַנד, „אַז אַ גוטע לאַבאָראַטאָריע מוז באַשטיין פון צוואַנציק צימערן? בשעת הדחק קאָן מען זיך באַנוגענען אויך מיט צען, אַבי עס זאָלן אין איר זיין גוטע ספּעציאַליסטן, די נויטיקע אינסטרומענטן און שטאָפן״. און די „צען צימערן״ האָט ער געזען — אויף יענער זייט אוראַל. אויב עס וועט נישט געלינגען צו שליסן דעם שלום מיט דייטשלאַנד, איז ער גרייט, ווי ער האָט אָן צערעמאָניעס און קאַלטבלוטיק דערקלערט (דערווייל) מקריב צו זיין כמעט גאַנץ אייראָפּעיִש רוסלאַנד — זאָלן יענע צענדליקער מיליאָנען מענטשן, ווייטער אַמאָל „דערווייל״, לעבן אונטער דייטשער אָקופּאַציע — און דער „סאָציאַליסטישער רעזשים״ זאָל זיך עוואַקויִרן „אין דער מזרח־ריכטונג״, קיין אַזיע, אויב מען וועט דאַרפן. ער איז געווען זיכער, אַז אפילו נאָך אַ דייטשער אָקופּאַציע פון צענטראַל־רוסלאַנד מיט פּעטערבורג און מאָסקווע בראש, וועט דער שונא, צוליב ריין געאָגראַפישע טעמים, נישט קאָנען אויסשפּרייטן זיין הערשאַפט איבער די אוראַל־בערג. „וועלן מיר זיך פאַרפעסטיקן דאָרט און בויען וועלט־סאָציאַליזם פון אַ ווייטער געגנט״. ווי טראָצקי דערציילט אונדז, איז ביי לענינען שוין געווען אויסגעאַרבעט אין אַלגעמיינע ליניעס אַ פּלאַן פון דער אוראַל־קוזנעצער סאָוועטן־רעפּובליק. ער האָט געגלויבט אַז מ׳קאָן דאָרט אויפבויען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט מיט דער תבואה פון סיביר, מיט די אינדוסטריעלע פּאַטענצן פונעם אוראַל און מיט די קוילן און אַנדערע מינעראַלן פונעם קוזנעצער באַסיין. אַהין האָט ער געפּלאַנעוועט צו עוואַקויִרן די קוואַליפיצירטע אַרבעטער, ספּעציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע אַדמיניסטראַטאָרן. (וועגן דער באַפעלקערונג סתם זאָל זיך עמעצער אַנדערש זאָרגן). „אויב מ׳וועט דאַרפן, וועלן מיר גיין נאָך ווייטער — וועלן מיר גיין קיין קאַמטשאַטקאַ, אָבער מיר וועלן בלייבן אינאיינעם. די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע וועט זיך בייטן נישט איינמאָל, און מיר וועלן מיט דער צייט אויסברייטערן די גרענעצן פון דער אוראַלאַ־קוזנעצער רעפּובליק און סוף־כל־סוף זיך אומקערן קיין מאָסקווע און פּעטערבורג. אָבער אויב מיר זאָלן זיך איצטער לייכטזיניק

פאַרפּלאָנטערן אין אַ רעוואָלוציאָנערער מלחמה (קעגן דייטשלאַנד) און פאַר־לירן אין איר די סולת פון אונדזער פּאַרטיי און פון די אַרבעטער, וועלן מיר נאַטירלעך קיינמאָל נישט צוריקקומען. אויף אַ גרויסער צאָל פון די פאַר־אַנטוואָרטלעכע באָלשעוויקעס האָט אַזאַ פּלאַן פון אָנהייבן בויען סאָציאַליזם „הינטער די הרי־החושך" געמאַכט דעם איינדרוק פון האַלב־וויץ און האַלב־פאַנטאַזיע. אויף איינער פון די וויכטיקסטע קאָנפערענצן וועגן די בריסקער פאַרהאַנדלונגען האָבן דערפאַר פון 63 באַטייליקטע בלויז 15 געשטימט פאַר לענינס פּאָזיציע. דער גרעסטער טייל פון פירנדיקע באָלשעוויקעס האָט זיין פּאָזיציע באַטראַכט ווי אַ פאַראַט קעגן די אינטערעסן פון דער באַפעלקערונג און ווי אַ בזיון פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. האָט דאָס לענינען נישט אַנטמוטיקט און ער האָט ווייטער און ווייטער דערמאָנט דעם גענעראַל־שטאַב פון דער רעוואָלוציע דעם חוב זיך צו באַפרייען, און וואָס גיכער אַלץ בעסער, פון „פריציש־עסטעטישע" באַגריפן און פאַראורטיילן:

„אויב איר זייט אומפעיִק זיך צוצופּאַסן צו די אומשטענדן, אויב איר זייט נישט גרייט צו קריכן אויפן בויך אין שמוץ, זייט איר נישט קיין רעוואָלוציאָנערן, נאָר פּלאַפּלערס, פּוסטע מיילער. קיין אַנדער וועג איז פאַר אונדז נישט פאַראַן. די געשיכטע איז נישט געווען צו אונדז אַזוי פריינדלעך אַז זי זאָל לאָזן אויסרייפן די רעוואָלוציע גלייכצייטיק אין אַלע לענדער".

לענין האָט אַזוי לאַנג אַריינגעהאַמערט זיין „ברוטאַלע פּראָזע" אין די באָלשעוויסטישע קעפּ, ביז ער האָט ענדלעך געקראָגן די נויטיקע מערהייט פאַרן „פּאַכאַבני מיר" (חרפּהדיקן שלום). דער לאַבאַראַטאָריע־פּרינציפּ האָט גובר געווען דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם און עס איז אויך נישט געווען נויטיק זיך צו עוואַקוירן אין דער אוראַל־געגנט. נישט ווייניק האָט אין דעם פאַל אַרויסגעהאָלפן דער פּאַקט, וואָס לענין האָט אָנגעהויבן דראָען מיט רע־זיגנאַציע, אויב מען וועט זיך נישט אָנטשליסן אויף קיין סעפּאַראַטן שלום (אין יענע צייטן, ווי משונהדיק דאָס זאָל היינט נישט קלינגען, האָט דער סאָוועטישער דיקטאַטאָר נאָך געהאַלטן פון אַזעלכע „בורזשואַזע פּאַרלאַמענ־טאַריזמען"). אָבער נישט קיין קלענערע ווירקונג האָט געהאַט אויך דאָס, וואָס דער פראָנט איז וואָס אַ טאָג סיי־ווי־סיי געוואָרן אַלץ לויזער און פוילער, אַלץ פּאַרלאָזענער און אָפּגעשוואַכטער — די מוזשיקעס אין סאָלדאַטישע מונ־דירן האָבן נישט געוואָלט וויסן פון דיסקוסיעס צווישן די „פּני" און האָבן אַלץ ענערגישער... געשטימט מיט די פיס קעגן מלחמה.

ווען דער שלום מיט דייטשלאַנד און עסטרייך איז געשלאָסן געוואָרן, האָט לענין דערפילט, וואָס פאַר אַ גרויסער עול עס איז אים אַראָפּ פון די־

פּלייצעס. אמת, ער האָט געוווּסט, אַז אין לאַנד זענען פאַראַן געַנוּג אומצו־פרידענע מיט די שלום־באַדינגונגען; אַחוץ די רעכטע עלעמענטן, אויך די ליבעראַלע און אויך אַ גרויסער טייל פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענ־ציע. דאָס זענען אָבער פאַר אים געווען קרייזן, וועלכע מען דאַרף סיי־ווי־סיי מיט דער צייט דערשטיקן, עוקר מן השורש זיין. די איינציקע רעאַלע געפאַר פון מעגלעכע אַקטיווע בונטאָוושטשיקעס קעגן דעם „ברעסקער בזיון" זענען פאַר אים אין יענעם מאָמענט געווען די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס זענען נאָך דענסטמאָל געווען אַ לעגאַלע פּאַרטיי און אין אַ געוויסער מאָס אַ טייל פונעם רעגירונגס־אַפּאַראַט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין ספיקות, אַז אים וועט געלינגען זיך לייכט צו ספּראַווען מיט זיי. „זאָלן אַוועקגיין אַ פּאָר וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע פון דער מלחמה — וועלן מיר זען, ווער עס וועט וואַגן אַרויסצוקומען אין גאַס און פאָדערן מ'זאָל זיך אומקערן אויפן פראָנט. דער עולם וועט אַזעלכע פשוט לינטשן. מ'דאַרף היטן דעם אַלטן נאַר, קראָפּאָטקינען, ער זאָל נישט פּראָווען בפרהסיא זיינע מיליטאַריסטישע הע־וויות, ווייל אויך ער קאָן באַצאָלן מיט די ביינער, און נאָכדעם וועלן מיר זיך דאַרפן פאַרענטפערן פאַר דער וועלט, אַז מיר שעכטן נישט אויס קיין אַנאַר־כיסטישע טעאָרעטיקער און אַז מיר האָבן נישט געקאָנט קאָנטראָלירן דעם המון". און די באָלשעוויסטישע אָפּאָזיציע גופא? לענין האָט זיך אין יענע טעג אָלעמאָל דערמאָנט, ווי אַזוי מען האָט אים באַגעגנט אויף דער לעצטער זיצונג פונעם אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן. דער טאַורישער פּאַלאַץ האָט געשטורעמט קעגן אים. פאַרטרעטער פון פאַבריקן און פון די קראָנשטאַ־טער מאַטראָסן האָבן געפאָדערט, מ'זאָל באַנייען די שלאַכטן אויפן פראָנט; „נישט צוליב דעם", האָבן זיי געשריגן, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן די ראָמאַ־נאָווס, אַז מיר זאָלן זיך איצטער אונטערגעבן צו די האָהענצאָלערנס און די האַבסבורגס". אַנדערע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף „געבן אין דער מאָרדע" דער קייזערלעכער בעסטיע, און אַז היינט־מאָרגן וועט זיכער אויסברעכן אַ רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד: „דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט דער־לאָזן, מ'זאָל באַזיגן די ערשטע סאָציאַליסטישע רעגירונג". אַ גרופּע אַלטע פריינט, באָלשעוויקעס, האָבן אַפילו איבערגעריסן זייער רעדע מיט אויסגע־שרייען: „פאַררעטער". לענין האָט דאָס דאָזיקע בילד לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן, אָבער ער האָט זיך עס שטאַרק צום האַרצן נישט גענומען: „קינ־דער", האָט ער וועגן דעם פאָטערלעך געזאָגט, „וואָס ראַנגלען זיך קעגן טאַ־טע־מאַמע, ווען מ'וויל זיי איינגעבן אַ ביטערע רפואה". ער האָט אויף קיין איין מינוט נישט געטראַכט ווען עס איז זיך נוקם צו זיין אָן די וואָס האָבן אים געוואָרפן אין פּנים אַריין דאָס וואָרט פ אַ ר ר ע ט ע ר: „עס איז זיי

געווען שווער אויפן הארצן, און אויב דאס איז געווען פאר זיי א טרייסט, זאל זיי וויל באקומען". (אין יענעם פעריאד האט לענין נאך געהאלטן פון זיין כלל, אז „אייגענע מענטשן" דארפן נישט באשטראפט ווערן פאר אפאזיציע). דער עיקר איז פאר אים געווען, ווי אזוי וועט דעם „חרפהדיקן שלום" אויפנעמען דער פראסטער עולם, דער סתם־רוס, דער, וואס מ׳האט אים אין דער רוסישער ליטעראטור באצייכנט ווי דעם „גראען מענטשן". און דא האט ער געוווסט קלאר און זיכער: די זיבן מיליאן דעמאביליזירטע סאלדאטן וועלן אים ארויסווייזן אומבאגרענעצטע דאנקבארקייט און אנדערע מיליאנען פון זייערע קרובים אין דארף און שטאט וועלן אים האלטן פאר א דערלייזער.

אין דעם פרט האט ער זיך נישט אפגענארט. אין פאלק האט מען דעם „פארראט" אויפגענומען ווי די גאולה. אפילו אין די וויטסטע טיילן פון די ריזיקע סטעפעס האט מען זיך דענסטמאל דערמאנט אן לענינס ברייט פלאקאטירטן צוזאג פון פרילינג 1917: „שלום פאר די כאטקעס, מלחמה פאר די פאלאצן". דער צוזאג איז מקויים געווארן. פאר אויסגעמוטשעטע און צעטומלטע מיליאנען איז די „בריסקער חרפה" פארוואנדלט געווארן אין א פרומער טויב מיט אן איילבירט־בלעטל אין מויל. אויס מבול. ווער פון זיי האט זיך דענסטמאל געקאנט פארשטעלן דעם נייעם מבול פון בלוט און פארניכטונג, וואס האט ערשט געווארט אויף זיי?

לענין האט כיטרע־שמייכלענדיק אפגעשאצט זייער תמימות. קיינער האט פאר זיך נישט געוווסט אזוי פעסט ווי ער, אז די אידיליע איז נאך וויט. ער האט ליקווידירט די ראמאנאוו־מלחמה, כדי אנצוהויבן דעם סאציאלן גוג־ומגוג־געראנגל, כדי זיך אריינצוווארפן מיט זיין גאנצער ענערגיע אין דעם עקספערימענט, אין זיין אייגענער מלחמה. עס איז גוט, האט ער געזאגט, וואס די ארמיי איז צעשטערט געווארן. עטלעכע מיליאן מענטשן האבן זיך כתם געפלאנטערט צווישן די פיס. מ׳דארף זיך איצט נעמען שאפן א נייע ארמיי — פאר נייע פראנטן און נייע שלאכטן. דעם פראפאגאנדע־אפאראט האט ער געהייסן זינגען וואס מער תהילות ותשבחות דער שלום־פאליטיק פון דער ערשטער „פויערים־און־ארבעטער־רעגירונג". אבער אין זיינע בליישטיפטנאטיצן האט ער אין איינעם פון יענע טעג, ווי איינער פון זיינע מקורבים האט שפעטער דערציילט, אריינגעשריבן: „נישט קיין שלום ברענג איך אייך, נאר א שווערד". ווען ער האט איבערגעלייענט די דאזיקע ווערטער אין זיין אייגענער האנטשריפט, האט ער זיך פארוווּנדערט און נאכדעם זיך ברייט צעלאכט. ער האט זיך דערמאנט, אז דאס איז גאר א ציטאטע פונעם נייעם טעסטאמענט.

1940

די צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

(אַ בריוו צו די רעדאַקטאָרן פון „צוקונפט")

איך נעם זיך נישט אונטער פּאָרויסצוזאָגן, ווי אַזוי די וועלט וועט אויסזען „אויף מאָרגן נאָכן קריג" און וואָס פאַר אַ פּלאַץ עס וועט זיין אין דער דאָזיקער וועלט פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פאַרן סאָציאַליסטישן אויפבוי. אין דער איצטיקער מלחמה ווירקן קרעפטן און, אויב מ'מעג זיך אַזוי אויסדריקן, „אומקרעפטן", אויף וועלכע מיר זענען נאָך ווייט נישט קיין מבינים. איך זע דערפאַר דערווייל אין ערגעץ נישט יענעם נביא וואָס איז מסוגל פאָרויסצוזען, צו וועלכע אומדערוואַרטע און אַפּאָקאַליפּטישע ברעגעס די איראַציאָנעלע דינאַמיק פון די איצטיקע געשעענישן וועט אונדז ברענגען.

מיר קאָנען אָבער לחלוטין נישט מאַכן קיין פּראָגנאָזן, סיידן מיר נעמען אָן, ווי אַ דענק־היפּאָטעזע, אַ פּאָר הנחות. מיינע הנחות זענען בלויז צוויי:

1. אַז כאָטש נישט גלייך נאָך דער מלחמה, אָבער נאָך אַ צאָל יאָרן פון „באַוואָפנטן שלום", אין משך פון וועלכע די זיגער — דער עיקר, די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער — וועלן מוזן דערפילן פּאָליציי־פונקציעס אויף אַ ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, וועט איינגעשטעלט ווערן אַ מער אָדער ווייניקער סטאַבילע אָרדענונג אין די צווישן־פעלקערלעכע באַציִונגען — אַן אָרדענונג פון קעגנזייטיקער קאָנטראָל און פון עקאָנאָמישער קאָאָפּעראַציע, וואָס וועט באַזייטיקן די סכנות פון נייע מלחמה־אויסברוכן.

2. אַז אין די מייסטע לענדער וואָס קאָנטראָלירן די גרויסע רעזערוואַרן פון רוי־שטאָפן און צייכענען זיך אויס מיט אַ הויכן סטאַנדאַרט פון טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע, וועט נאָך דער מלחמה ווייטער עקזיסטירן (אָדער צוריק עטאַבלירט ווערן) אַ ליבעראַלער פּאָליטישער רעזשים — אַ רעזשים אונטער וועלכן די פאַרשידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און דער גאַנצער רעגנבויגן פון פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס וועלן קאָנען קומען צו זייער פולן און אומגעפּענטעטן אויסדרוק.

איר זעט, ליבע קאָלעגן, פון מיינע צוויי הנחות, וואָס פאַר אַ „מסתפק במועט" איך בין, ווי „מינימאַל" עס איז די פּראָגראַם פון מיינע מלחמה־צילן, און ווי ווייניק איך דערוואַרט, אַז גלייך נאָך די זיג־תקיעות פונעם דעמאָקראַטישן שופר וועלן מיר מיט טריומף אַריינמאַרשירן אין אַן „עולם שכולו טוב". האַבנדיק אין זינען דעם חורבן, פאַר וועלכן מיר וועלן שטיין אומע־

כום אין דער וועלט, אויך נאָך אַ דעמאָקראַטישן זיג, איז מיין „מינימום", דוכט זיך מיר, אַ גאַנץ פיינער „מאַקסימום". עס קאָן זיך נישט האַנדלען וועגן דעם, אַז נאָך אַזאַ בלוט־צאַפּעניש, וואָס די וועלט האָט שוין דורכגעלעבט אין די לעצטע צוויי יאָר און וואָס עס שטייט איר נאָך, צום אומגליק, פאַר דורכ־צולעבן ביזן סוף פון דער מלחמה, זאָל זי זיין בכוח גלייך צו פאַרווירקלעכן אויף אַ פעסטן פונדאַמענט אונדזער סאָציאַליסטישע האָפענונג. עס איז אָבער פאַראַן אַ מינימום, וואָס אויב ער ווערט נישט דערגרייכט אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, איז נישט כדאי געווען צו פאַרגיסן אפילו איין טראָפּן בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, און דער דאָזיקער מינימום איז — די באַזייטיקונג פון נייע קריגס־געפאַרן דורך דער שאַפונג פון אַ באַשטימטן גלייכגעוויכט אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען און די פאַרפעסטיקונג פון יענע גרונט־פרינציפן, וואָס זענען געווען דער פּאַטאָס (זאָל מען מיר אַנטשולדיקן מיין אַלטפרענקישקייט) פון דער אַמעריקאַנישער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע. בלויז די דאָזיקע צוויי באַדינגונגען זענען עלול אויפסניי צו שאַפן אַ ראַם, אין וועלכער דער סאָציאַליסטישער געדאַנק און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָלן קאָנען עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען. און נאָר וועגן אַ ראַם מעג מען היינט טראַכטן, נישט וועגן באַלדיקער, ספּאָנטאַנער פאַרווירקלעכונג.

אָבער אויך איצטער — אויב אָפילו מיינע הנחות און מיין „מינימאַ־ליזם" זאָל אָנגענומען ווערן — נעם איך זיך נישט אונטער אויסצומאָלן אַ פאָרטרעט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם קומענדיקן נאָך־מלחמה־פעריאָד. מיט וואָס פאַר אַ קאָנקרעטע פאָדערונגען זי וועט אָדער זי זאָל אַרויסקומען; וואָס זאָל זיין איר דעטאַלירטע פּראָגראַם אָדער סטראַ־טעגיק אין פאַרשידענע לענדער, מיט זייערע נאָך אַלץ נישט גלייכע לעבנס־באַדינגונגען און מיט די אייגנאַרטיקע מענטאַליטעטן פון זייערע באַפעלקע־רונגען. אויב ס'איז פאַראַן צווישן אונדז אַזאַ רואה את הנולד, וואָס קאָן שוין היינט געבן אויף דעם אַן ענטפער, וועט ער זיכער געפינען דאַנקבאַרע אויערן. איך, פון מיין זייט, קאָן איצטער בלויז ריזיקירן אַרויסצוברענגען אַן אַלגע־מיינע צייכענונג פון דער פיזיאָנאָמיע, וואָס דער סאָציאַליזם וועט אין דער נאָענטער צוקונפט אָננעמען. דערביי געדענק איך נאַטירלעך, אַז אַזאַ צייכע־נונג איז מסתמא אין נישט קיין קלענער מאָס דיקטירט פון סוביעקטיווע אָפּ־שאַצונגען און דערוואַרטונגען. פון די עטלעכע ריכטליניעס פאַר דער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, וואָס איך וועל מיר דאָ דערלויבן אָנצוצייכענען, וועט, גלויב איך, אויף אַן אומדירעקטן אופן קלאָר ווערן, אין וואָס איך זע די טי־פערע סיבות פונעם איצטיקן קריזיס אין סאָציאַליזם, סיבות וואָס האָבן צו טאָן נישט בלויז מיט סטראַטעגישע פעלערן, וואָס ער זאָל האָבן געמאַכט

אין דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט נאָר אויך, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ צאָל „אָרגאַנישע מאַנגלען".

מיין ערשטער טעזיס איז: דער סאָציאַליזם דאַרף זיך אָפּזאָגן פֿון זײַנע אַמאָליקע פּרעטענזיעס צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון רעליגיע. ווי אומרעליגיעז אָדער פּעריאָדנווייז אָפּילו אַנטי־רעליגיעז דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז נישט געווען, ספּעציעל אין די קאָנטינענטאַל־אייראָפּעיִשע לענדער, האָט ער אָבער יאָרנלאַנג, ביודעים אָדער בלא־יודעים, אַליין פּרעטענדירט צו זיין אַ מין רעליגיע. איינער פֿון די הויפּט־סימנים פֿון אַ היסטאָרישער רעליגיע זענען אירע „יעודים" — אירע עסכאַטאָלאָגישע פֿאָרויסזאָגן און צוזאָגן. די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און אויפֿקלערונג זענען יאָרנלאַנג געפֿירט געוואָרן אויף אַזאַ אופֿן און, דער עיקר, מיט אַזאַ באַטאָנונג, אַז די וואָס האָבן זיך געלאָזט „אויפֿקלערן" האָבן געקראָגן דאָס באַוווסטזיין, אָדער דעם געפֿיל, אַז סאָציאַליזם איז נישט נאָר אַ לייזונג פֿון דער עקאָנאָמישער פֿראַגע, נאָר אויך, רעדנדיק „עוואַנגעליש", דער וועג „צו אַ נייער ערד און אַ נייעם הימל". אין איינקלאַנג מיט דער משיחישער רעפּרעזענטאַציע פֿון סאָציאַליזם האָט אָפּילו אַזאַ איראָניש־סקעפּטישער דיכטער ווי הײַנע אַמאָל געזונגען:

“Ein neues Lied, ein besseres Lied,
O Freunde, will ich Euch dichten:
Wir wollen hier auf Erden schon
Das Himmelreich errichten.
Wir wollen auf Erden gluecklich sein
Und wollen nicht mehr darben;
Verschlemmen soll nicht der faule Bauch,
Was fleissige Haende erwarben.”

„גליקלעך זיין", די אויפֿריכטונג פֿון אַ מין „מלכות שמים" אויף דער ערד — דאָס זענען צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד געווען די „יעודים" פֿון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. זעענדיק פֿאַר זיך בלויז דעם „עקאָנאָמישן מענטשן", זייענדיק ווי פֿיקסירט אויפֿן סאָציאַלן האָריזאָנט, ווי אויף דעם איינציקרעאַלן, איגנאָרירנדיק, אַזוי צו זאָגן, דאָס קאָסמישע אין מענטשן, האָט דער סאָציאַליזם געגעבן זיינע אָנהענגער די אילוזיע, אַז ווײַבאַלד דער „פֿוילער בויך" וועט אויפֿהערן פֿאַרטאַכלעווען דאָס, וואָס פֿלייסיקע הענט האָבן דערוואָרבן, וועט די מענטשהייט זיך באַפֿרייען פֿון אַלע אירע שפּאַנונגען, אינעווייניקסטע סתירות, נישט באַפֿרידיקטע תשוקות און נישט געשטילטע דורשטן און — ווערן ג ל י ק ל ע ך. עס איז נישט קיין צופֿאַל וואָס פֿוריע האָט

ארויסגעגעבן אַ וועקסל, אַז אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן מענטשן זיין „צען פוס הויך״; וואָס אַפילו אַזאַ „פּראַזאַיקער״ אין סאָציאַליזם ווי קאַרל קאַוטסקי האָט אונדז צוגעזאָגט (אין זיין אָפּהאַנדלונג „נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע״) אַז יעדער דורכשניטלעכער בירגער פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה וועט זיין אַן איבערמענטש; וואָס אַנטאָניאָ לאַבריאָלאַ האָט זיינע איטאַליענישע נאָכפאָלגער געוואָלט מאַכן גלויבן, אַז אין סאָציאַליסטישן „לעתיד לבוא״ וועלן טאַלאַנטן שטיין אויף יעדן ראָג פון גאַס און פּלאַטאָנס, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָס און גאַליליייס וועלן „אַרומלויפן מחנותוויִיז״; וואָס טראָצקי האָט אונדז געמאָלן אַ בילד פון דער צוקונפט, ווען „דער מענטש וועט ווערן אומפאַרגלייכלעך שטאַרקער, קליגער, פריַיער, זיין קערפּער — האַרמאָנישער, זיינע באַוועגונגען — ריטמישער, זיין שטים — מוזיקאַלישער, און די פאָרמען פון זיין עקזיסטענץ וועלן געווינען אַ דינאַמיש טעאַטראַליק״, און נישט נאָר דאָס (וואָס לייגט זיך נאָך אפשר אויפן שכל), נאָר „דער מענטשלעכער דורכשניט וועט זיך דערהייבן צו דעם ניוואָ פון אַן אַריסטאָטעלעס, אַ גוטע, אַ מאַרקס״. דאָס זענען אַלץ, אויף פאַרשידענע אופנים, אויסדרוקן פון נאַיִוו־אָפּטימיסטישן גרונט־טאָן, מיט וועלכן דער מאָדערנער סאָציאַליזם איז געווען דורכגעדרונגען, פון דער אַלץ־לייזנדיקער און אַלץ־דערלייזנדיקער „מיסטישער״ קראַפט, וואָס מ׳האָט אַריינפּראָיעצירט אין דעם איבערגאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער קללה צו דער סאָציאַליסטישער שפע און ברכה. אַז עקאָנאָמיק פאַרמאָגט נישט אין זיך אַזאַ כישוף, אַז די האַרמאָניע וואָס סאָציאַליזם וועט מיט זיך ברענגען, איז פון אַ גאַנץ באַגרענעצטן, רעלאַטיוון כאַראַקטער, אַז עס קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין יענע סאָציאַלע ענדערונג, וואָס זאָל באַפרייען מענטשלעך לעבן פון קאָנפליקט און דראַמע, אַז דער עלעמענט פון ליידן איז פאַטאַל פאַרבונדן מיט מענטשלעכע שיקזאַלן און אַז די אויפגאַבע פון סאָציאַליזם איז בלויז צו באַזייטיקן אומווערדיקע, „זאָאָלאָגישע״ ליידן — ווען, ווו און ווי אָפט האָט מען אין דער סאָציאַליסטישער מאַסן־דערציִונג זיך דערלויבט דעם לוקסוס פון אַזעלכע „אפּיקורסותן״? בערנאַרד שאָו איז אפשר גאָרנישט אַזוי אומגערעכט, ווען ער האָט פאַרגליכן דאָס וועלט־געפיל פון אַ דורכשניטלעכן מאַסן־סאָציאַליסט מיט דער פאַרשטעלונג פון די עסקימאָסן וועגן אַ גן־עדן ווי וועגן אַ לאַנד מיט וואַרעמע וואַסערן, וואָס פעטע פיש שווימען אויף זייער אויבערפלאַך און מ׳דאַרף זיך גאָרנישט אָנשטרענגען זיי צו כאַפּן.

אָט דאָס האָב איך אין זינען געהאַט ווען איך האָב געזאָגט, אַז דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט אויף זיך גענומען די פונקציע פון אַ מין „סעקולערער רעליגיע״, אויף וועלכער ער האָט קיין רעכט נישט. וויפל עס איז

אין אזא רעפּרעזענטאַציע פונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק געווען באַוווסטזי־ניקע אָדער אומבאַוווסטזיניקע „דעמאַגאָגיק לשם שמים" און וויפל אויפריכ־טיקע, אָבער פּרימיטיווע אויפפאַסונג פונעם לעבנס־פּראָבלעם. נעם איך זיך נישט אונטער צו אורטיילן, אָבער קיין גוטס האָט דערפון נישט געקאָנט אַרויסקומען, און די מענטאַליטעט פון סאָציאַליסישן מאַסנמענטש איז דערפון היפּש געשעדיקט געוואָרן. מען קאָן גאָרנישט מעסטן און וועגן אַ שאָדן, וואָס איז דער רעזולטאַט פון אַ פאַלשער אַ ל ג ע מ ײ נ ע ר פּ ע ר ס פּ ע ק ט י װ. די פאַלשע לעבנס־אויפפאַסונג קלעפּט זיך צו, אונטער געוויסע אומשטענדן, צום אויבערשטן שטח פון באַוווסטזיין, אינעווייניק רופט זי אָבער אַרויס אַ שטילן, אָבער שטענדיק נאַגנדיקן, צווייפל. דער סאָציאַליזם האָט זיך אַליין שלעכטס געטאָן, וואָס ער האָט גאַנצע ספערן פון נשמה־לעבן — די ספערן וואָס פאַלן נישט צונויף מיט עקאָנאָמישע אינסטינקטן און מיט די סובלימאַ־ציעס פון יענע אינסטינקטן — געלאָזט פאַרהונגערן.

דער סאָציאַליזם וועט איצט דאַרפן אַרויסקומען מיט אַ נייעם לעגיטי־מאַציע־בילעט. ער וועט אין זיין נייער פאַזע נישט צוזאָגן נישט קיין „גליק" (אויב עמעצער וויים געגנוי, וואָס דאָס מיינט), נישט די אָפּשאַפונג פון ליידן און פון טראַגישע שפּאַנונגען, נאָר אַ סך ווייניקער דערפון. און אין דער זעל־ביקער צייט אַ סך מערער ווי עס ווערט אָנגעזאָגט, בדרך משל, אין דער פאָרמולע פון אַן ענגלישן סאָציאַליסטישן פירער (הערבערט מאָריסאָן): "Socialism is a good business proposition".

און ווען מ'וועט איצט פרעגן דעם סאָציאַליזם, וואָס ער וויל און וווהין ער צילט, וועט ער, גלויב איך, נישט זאָגן אַז זיין ציל איז נאַציאָנאַליזאַציע פון די פּראָדוקציע־אינסטרומענטן, ווייל מיר האָבן היינט נייע דערפאַרונגען און מיר ווייסן שוין, אַז אויך אין אַ נאַציאָנאַליזירטער ווירטשאַפט קאָן עק־זיסטירן אַן אייגנאַרטיקע קלאַסן־צעטיילונג און הימל־שרייענדיקע שקלאַ־פעריי. ער וועט נישט זאָגן, אַז זיין ענדציל איז עקאָנאָמישע גלייכקייט, ווייל סתם גלייכקייט לשם גלייכקייט, ווי מיר קאָנען זי זעען, למשל, ביי אַן עסקי־מאָ־שבט, אָדער אין אַ מאָנאַסטיר, אָדער אין אַ קאַזאַרמע, איז פאַר קיינעם פון אונדז קיין אידעאַל נישט. ער וועט אויך נישט זאָגן, אַז זיין מהות באַ־שטייט אין אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד, ווייל אַזעלכע הבטחות — יעדנפאַלס פאַר זייערע אייגענע פעלקער — ווערן געגעבן, און נישט אינגאַנצן אָן גרונט, אויך פון די פאַרשידענע פאַשיסטישע „אידעאַלן" פון אונדזער צייט. דאָס אייינציקע, וואָס ער וועט יאָ צוזאָגן, וועט זיין דאָס, וואָס ס'איז לכתחילה געווען דער נישט־געענוג־אונטערגעשטראָכענער אינהאַלט פון סאָציאַליזם: די שטרעבונג צו מענטשלעכער װ ע ר ד ע, צו סאָציאַלער ח ש י ב ו ת פאַר

יעדן איינצלנעם מענטש (איך שטרייך אונטער „סאָציאַלע חשיבות", ווייל אויב עמעצער זוכט פאַר זיך חשיבות אין דער קאָסמישער ראַם פון זיין עקזיסטענץ, וועט ער זי, ווי צוריק מיט טויזנטער יאָרן און ווי מיט טויזנטער יאָרן שפּעטער, מוזן ווייטער זוכן צו קריגן פון ריין רעליגיעזע מקורות). אין גרונט האָט גאָר דער סאָציאַליזם, וואָס איז ווי אַן אידייע אַ סך עלטער פון אַלע אונדזערע סאָציאַליסטישע טעאָריעס און באַוועגונגען, עפּעס אַנדערש, ווי חשיבות, קיינמאָל נישט געזוכט. „איש תחת גפנו ותחת תאנתו" — אַבסאָלוט אינדיווידועלע אייגנטום־ווירטשאַפט — איז אַ פאָרמולע וואָס א י ן ת ו ך אונטערשיידט זי זיך מיט גאָרנישט פון אונדזער היינטיקער פּראָגראַם פון טאָטאַלער קאָלעקטיוויזאַציע.ביידע פאָרמולעס האָבן אין זינען יענע גלייכווערטיקייט פון אַלע יחידים, אַן וועלכער עס קאָן נישט זיין קיין סאָציאַלע חשיבות, און קאָלעקטיוויזאַציע איז נישט מער ווי די פּראַקטישע אָנווענדונג פון דעם גלייכקייט־פּרינציפּ אין אַ טעכנאָלאָגיש־אינדוסטריעלער עפּאָכע. אין אַנדערע ווערטער: נאַציאָנאַליזאַציע (אָדער סאָציאַליזאַציע) פון דער ווירטשאַפט, הויכער לעבנס־סטאַנדאַרט, עקאָנאָמישע גלייכקייט — זענען נישט קיין צ י ל ן פון סאָציאַליזם, נאָר בלויז מ י ט ל ע ן — מיטלען צו דערגרייכן נישט דאָס „גליק" פון מענטשן, נאָר יענע מדרגה פון סאָציאַלער חשיבות, וואָס אויף איר האָט יעדער אַ נאַטירלעך רעכט און וואָס איז פּראַקטיש אוממעגלעך אָן געוויסע עקאָנאָמישע באַדינגונגען.

איך האָב אפשר איבער־אַקצענטירט דעם מאָמענט פון פּערזענלעכער חשיבות אין סאָציאַליזם, ווייל עפּעס אין דעם פּרט האָבן מיר געדאַרפט לערנען און, מיר דוכט זיך, נישט גענוג געלערנט פון די צוויי רעוואָלוציעס פון לעצטן פערטל־יאָרהונדערט. דער פּאַטאָס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון די שפּעטערדיקע יאָרן פון רוסישן בירגער־קריג איז געשפּייזט געוואָרן נישט אַזויפיל פון דירעקטע און ממשותדיקע עקאָנאָמישע אינטערעסן, ווי פונעם טיפן באַגער פונעם מאַסנמענטש אין אונדזער צייט נאָך סאָציאַלער חשיבות. פּאַקטיש האָט די רעוואָלוציע אויף יאָרן און יאָרן געמאַכט דעם עקאָנאָמישן לעבנס־סטאַנדאַרט, אין רוסלאַנד, נאָך נידעריקער ווי ער איז פריער געווען. מיליאָנען אָרעמע מענטשן האָט זי אָבער געבראַכט, אויף איר אופן, אַ נייעם געפיל פון סאָציאַלער (פּראָלעטאַרישער) ווערדע, צוליב וועלכער עס האָט זיך געלוינט אויסצושטיין האַלב־הונגער און דחקות. די געהעריקייט צום פּראָלעטאַריאַט ווי צו אַ נייעם הערשנדיקן קלאַס (אַריסטאָקראַטיע!) איז פאַר אַ סך מיליאָנען געוואָרן אַ סאָטיספאַקציע פאַר היסטאָרישער באַליידיקונג און דעגראַדאַציע, ספּעציעל נאָך ווען די אַמאָליקע הערשנדיקע קלאַסן זענען אין דער זעלביקער צייט באַרויבט געוואָרן פון זייערע עלעמענ־

טארע רעכט. „עליונים למטה ותחתונים למעלה״ איז, נאַטירלעך, נישט קיין גלייכקייט; פּסיכאָלאָגיש איז דאָס אָבער געווען אַ היסטאָרישער „אויסגלייך״ און האָט די מאַסן אין רוסלאַנד געגעבן אַ נייעם — כאָטש מאָראַליש און עס־טעטיש פאַרקריפּלטן — געפיל פון י ח ו ס. דער זעלביקער יחוס־מאָמענט, אַנדערש געשליפערט און פון אַנדערע מקורות געשפּייזט, האָט געשפּילט גאָר נישט קיין קליינע ראָלע אין דער נאַצישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. די אַנגעהעריקייט צו אַ הערשנדיקער און העכערער ראַסע האָט מיליאָנען דייטשן געגעבן אַ נייעם געפיל פון „יחוס־עצמו״, פון חשיבות וואָס ליגט נישט אין האָבן אָדער פאַרמאָגן, נאָר אין עצם זיין — אין זיין אַ דייטש, אין פאַרשטעלן מיט זיך עפּעס באַזונדערס ווערטפולס דורך דער מיסטעריע פון טעווטאָניש „בלוט״, וואָס פליסט אין זיינע אָדערן. סיי די קלאַסן־עבודה־זרה און סיי די ראַסן־עבודה־זרה זענען געווען, יעדע אויף איר אופן און יעדע אין די טערמינען פון איר פאָלקס־געמיינשאַפט, סוראָגאַטן, ערזאַצן פון עכ־טער חשיבות, וואָס יעדער יחיד טראָגט אין זיך פּאָטענציעל, אַלץ איינס צו וועלכן קלאַס אָדער ראַסע ער געהערט. אָבער דער פאַקט וואָס סוראָגאַטן זענען געווען בכח אַרויסצורופן אַזויפיל ענטוזיאַזם און פּאַטאָס, אַז זיי האָבן אַזש די מאַסן בלינד געמאַכט פאַר זייערע דירעקטע, קאָנקרעטע עקאָנאָמישע אינ־טערעסן, איז אַ באַווייז ווי אויסגעהונגערט דער מאָדערנער מאַסנמענטש איז נאָכן ביסל „יחוס־עצמו״, ווי נישט עקאָנאָמיסטיש דער מאַסנמענטש איז אַמאָל גרייט צו האַנדלען און ווי וויכטיק עס איז פאַר דער צוקונפט פון סאָציאַליזם, אַז ער זאָל ווערן אַן ענערגישער אויסדרוק פאַרן שטרעבן צו דעם וואָס מיר ווילט זיך אָנרופן — אוניווערסאַל־אַריסטאָקראַטיע.

איך האָב זיך צו לאַנג אָפּגעשטעלט אויף מיין ערשטן טעזיס, ווייל אויב ער איז ריכטיק, איז ער אויך פּראַגמאַטיש וויכטיק פאַר דער פּעדאַגאָגיק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פון דעם דאָזיקן ערשטן טעזיס מאַכן זיך שוין לייכט, כמעט פון זיך אַליין, אַ ריי אַנדערע אויספירן. נעמט מען אים אָן, ווערט שוין זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך אַ צווייטער טעזיס, אַז עס קאָן נישט געמאָלט זיין קיין עכט־סאָציאַליסטישער אויפבוי אָן אַ געוויסן מינימום פון פּערזענלעכער פרייהייט; אַז שאַפן עקאָנאָמישע כלים פאַר אַ קאָלעקטי־וויסטישן לעבנסשטייגער אויפן יסוד פון פּאָליטישער שקלאַפעריי איז דאָס זעלביקע וואָס טובלען זיך מיט אַ שרץ אין דער האַנט, פאַרהייליקן די מיטלען און פאַרשוועכן דעם ציל. נאָר אַן עבודה־זרה־באַציִונג פון „מיטלען און וועגן״, צו וועלכער דער מאָדערנעם סאָציאַליזם (אַפילו אין זיינע מחוץ־באָלשעוויס־טישע מאַניפעסטאַציעס) האָט שטענדיק געהאַט אַ געוויסע נטיה, האָט גע־קאָנט ברענגען דערצו, אַז, למשל, אַ סאָציאַליסטישער פירער ווי הענריק דע־

מאַן זאָל איצט האָבן דעם טרויעריקן מוט צו פּרעדיקן קאָלאַבאָראַציע מיט היטלערן, ווייל „סוף־כל־סוף פאַרניכטעט דאָך היטלער די יסודות פונעם קלאַסישן קאַפּיטאַליזם״ און „אָביעקטיוו״ פירט זיין נייע „וועלט־אָר־דענונג״ צום זיג פון סאָציאַליזם. די איינרעדעניש אַז מ׳מעג און מ׳קאָן גיין צום ציל (די דעראָבערונג פון גלייכווערטיקייט און חשיבות פאַר יעדן מענטשן) מיט מיטלען, וואָס זענען אין דער שרייענדיקסטער סתירה צום ציל (דעספּאָטיזם און פיקטיווע חשיבות), פון וועלכער עס זענען נישט אינגאַנצן פריי אויך נישט־באָלשעוויסטישע סאָציאַליסטן, מוז פריִער אויסגעוואָרצלט ווערן פון די מוחות און די הערצער, כדי דער סאָציאַליזם זאָל קאָנען אַרויף אויפן וועג פון געזונטער אַנטוויקלונג.

איך גלויב איצטער נישט, אַז נאָך די ערשטע צוויי טעזיסן דאַרף מען האָבן לאַנגע באַווייזן פאַר אַ דריטן — אַז פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, וואָס איז דאָס זעלביקע וואָס ס׳איז פריִער באַצייכנט געוואָרן ווי די „אוניווערסאַל־אַריסטאָקראַטיע״, איז אַ העכערער און מער אינקלוסיווער באַגריף איידער סאָציאַליזם, ווי מיר זענען אַ סך יאָרן געוווינט געוואָרן צו זאָגן אין אונדזער אויפקלערונגס־אַרבעט. אין גרונט איז דעמאָקראַטיע דער ציל און סאָציאַליזם איז בלויז אַ מיטל, ד אָ ס מיטל פאַר אַ מער עכטער, פולער און קאָנקרעטיזירטער דעמאָקראַטיע, אָדער, אין אַנדערע ווערטער, סאָציאַליזם איז, אין די היינטיקע טעכנאָלאָגיש־ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען, די פּראַקטישע אַנווענדונג פונעם דעמאָקראַטישן פּרינציפּ, פונעם פּרינציפּ פון גלייכווערטיקייט פון אַלע יחידים אין דער געזעלשאַפט און פון זייער פּערזענלעכער חשיבות. ווער עס באַטראַכט דעמאָקראַטיע בלויז ווי אַ מיטל פאַר סאָציאַליזם (און אויב, הייסט עס, מען זאָל זיך אָנשטויסן, אגב אורחא, אויף „בעסערע״ מיטלען, איז גלייכער זיך מיט זיי צו באַנוצן איידער מיטן דעמאָקראַטישן לעבנס־פּראָצעס), דער מוז טראַכטן, אַז אין אַ שוין פאַרווירקלעכטער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט פאַר דעמאָקראַטיע קיין פּלאַץ נישט זיין, בשעת פאַר יעדן בר־דעת דאַרף זיין קלאָר, אַז ערשט אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג קענען איצט געשאַפן ווערן באַדינגונגען פאַר פולער דעמאָקראַטיע, און אַז ווי קאָנסעקווענט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם זאָלן נישט דורכגעפירט ווערן אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, וועלן שטענדיק זיין סאָציאַלע שפּאַנונגען, סתירות, קאָנפליקטן און לעבנס־פּראָבלעמען, וואָס וועלן דאַרפן געלייזט ווערן דורך גלייכבאַרעכטיקטע און גלייכווערטיקע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט — לויט אַ געוויסער ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע ר פּ ר אָ צ ע ד ו ר.

דאָ קום איך צו אַ פערטן טעזיס, וואָס וועט, ווי איך וויל האָפן, פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיקן אָרט אין סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין: אִ י ן ד ע ר

ג ע ש י כ ט ע א י ז נ י ש ט אָ ק י י ן ד ו ר ־ ה מ ד ב ר. פונקט ווי איין מענטש טאָר נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ מיטל פאַר אַן אַנדער מענטשן, ווייל ער איז אַ ציל פאַר זיך און אין זיך, אַזוי טאָר אַ דור נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ מיטל, אָדער אינסטרומענט, אָדער „פערטיליזירער" פאַר אַן אַנדערן דור, ווייל ער איז אויך — אין דער אומענדלעכקייט פונעם היסטאָרישן מהלך — אַ ציל פאַר זיך און אין זיך. ווער עס גלייבט אין אַן אחרית־הימים, אין אַ באַשטימטן צייטפּונקט, אין וועלכן אַלע היסטאָרישע סתירות וועלן ענדגילטיק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פאַרענטפערט ווערן, דער קאָן נאָך פועלן ביי זיך, אַז ער האָט אַ רעכט מקריב צו זיין איין דור צוליב אַן אַנדערן, אָדער, ריכטיקער, צוליב אַלע יענע צוקונפטס־דורות וואָס וועלן געניסן אין דער פולער מאָס די „גאולה שלימה". דער סאָציאַליזם וועט אָבער אין דער צוקונפט וואַרשיינלעך זיין באַשיידענער, וויניקער „כיליאסטיש", מער סקעפּטיש און מער רעליגיעז־פּעסימיסטיש, אַז עס זאָל פאַר אים קענען עקזיסטירן דאָס בילד פון אַ „צוגעזאָגט לאַנד", צוליב וועלכן עס לוינט אָדער מ'מעג אַ גאַנצן דור לאָזן אויסשטאַרבן אין די זאַמדן פונעם מדבר — דאָס בילד פון אַן אידעאַלן „כנען", אין וועלכן עס וועלן שוין מער קיין מלחמות און קיין יסורים נישט זיין. נישטאָ, דאַרף זיך דער סאָציאַליזם זאָגן, אין דער צוקונפט אַזאַ דור, וואָס איז ווערט, אַז צוליב זיין „גליק" זאָל מען מקריב זיין וועלכן נישט איז זינדיקן, מיט מצרים־טומאה באַפלעקטן דור. עס טאָר נישט זיין פאַרן סאָציאַליזם אַזאַ בלינד עקזאַלטירטע ליבע פאַרן ווייטן און נאָך נישט געבוירענעם, וואָס זאָל באַרעכטיקן אָדער כשרן גלייכגילטיקייט צו די קאָנקרעטע ליידן פונעם נאָענטן און היינטיקן. איך ווייס, אַז אַזאַ טעזיס איז עלול אַרויסצורופן אַ סך ערגערניש און מיספאַרשטענדענישן. צוריק מיט זעקס יאָר, דערמאָן איך זיך, ווען איך האָב אַן ענלעכן געדאַנקענגאַנג אַנטוויקלט פאַר אַרבעטער־צוהערערס אין ארץ־ישראל, האָט מען מיר נאָכדעם פאָרגעוואָרפן, אַז איך בין אַ קעגנער פון חלוציזם. וואָלט איך זיכער געווען אַ קעגנער, אַ זייער פאַרביטערטער קעגנער פון חלוציזם, ווען דאָס וואָלט געהייסן, אַז עמעצער פון אויבן צווינגט אַרויף אויף דער יידישער יוגנט שווערע פּיאָנערן־אַרבעט און אַ לעבנס־שטייגער פול מיט געפאַרן — ק ע ג ן א י ר ו י ל ן , באַטראַכטנדיק זי ווי אַ מין מיסט וואָס דאַרף פעט מאַכן דעם באָדן, כדי עס זאָלן אויף אים קענען וואַקסן רויזן פאַר יידן פון אַ קומענדיקן דור. חלוציזם איז אָבער אַ פריייוויליקע „אַוואַנטורע", וואָס צו איר ווערט קיינער נישט געטריבן, און דער יחיד וואָס נעמט אויף זיך די חומרות און די סכנות פון חלוצישן לעבן טוט עס פון אייגענעם ווילן און אַנטשיידונג, ווייל... ווייל ער האָט פאַר דעם אַ „גוסט", ווייל ער האָט דערפון הנאה און געפינט אין דעם

אַ תיקון פאַר זיך, פאַר זיין אייגענעם איך. אויב עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער חלוץ אין ארץ־ישראל וועט מער נישט זען אין זיין לעבן קיין פרייען זעלבסט־אויסדרוק און קיין באַרייכערונג פון זיין אינדיווידועלן לעבן, וועט ער ווערן אויס חלוץ.

איך דאַרף נאַטירלעך איצטער קיינעם נישט „אַריינלייגן אין מויל”, אַז אויב דער סאָציאַליזם זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון דער דור־המדבר־קאָנצעפּציע און פון יעדער פאַרשטעלונג וועגן אַ „לעצטער אַנטשיידנדיקער שלאַכט”, נאָך וועלכער עס הייבט זיך אָן אין דער געשיכטע די אומענדלעכע אידיליע, מוז ער זיך אויך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּזאָגן פון דער אידייע פון ס אָ צ י אַ ל ע ר ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין יענעם קאָניוקטור־קאַטאַסטראָפישן זינען, אין וועלכן זי איז געווען פּאָפּולער אין סאָציאַליסטישע קרייזן. פאַר סאָציאַליסטן, ווי פאַר דעמאָקראַטן בכלל, קאָן זיין בלויז איין סיטואַציע, אין וועלכער זיי זאָלן זיך פילן מחויב אויפצובלאָזן רעוואָלוציאָנערע פייערן — ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַפרייען די געזעלשאַפט פון אַ פּ אָ ל י ט י־ שער ד ע ס פּ אָ ט י ע, פון פּאָליציי־טיראַניי, פון דיקטאַטור; ווען אַ רעוואָלוציע קאָן שאַפן באַדינגונגען פאַר דער אַנטשטייונג אָדער צוריק־אויפשטעלונג פון אַ געזעצלעכן שטאַט מיט יענעם מינימום פון דעמאָקראַטישער פּראָצעדור, אָן וועלכער עס איז אומעגלעך צו טראַכטן וועגן אַ געזעצלעכן שטאַט. ביי אַ געלעגנהייט האָב איך דאָס אַמאָל פאָרמולירט אין אַנדערע טערמינען: אַ רעוואָלוציע — צוליב וואָס? צוליב דער „דעה” (אַז יעדער מיטגליד זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו זיין אַ בעל־דעה אויף דער מלוכה־פירונג) — יאָ; צוליב דער „מאה” (צוליב קאָנקרעטע עקאָנאָמישע קנינים) — ניין. אין דעם מאָמענט וואָס דער שטאַט ווערט אָן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, וואָס איז אונטערגעוואָרפן נישט צו פערזאָנען, נאָר צו דער געזעצגעבונג פון פאָלק, און עס עקזיסטירן שוין גענוג גאַראַנטיעס פאַרן „דעה־זאָגן” פון יעדן איינצלנעם בירגער און פון יעדער גרופּע בירגער, האָט דער סאָציאַליזם נישט קיין גרונט זיך צו גרייטן צו רעוואָלוציעס. דאַרף ער זיין דער ערשטער צו פאַרפעסטיקן די יסודות פון ל ע ג אַ ל י ט ע ט און צו דערהויבן דורך דערציונג די מערהייט פון דער באַפעלקערונג צו דער מדרגה פון ציל־באַוווסטע דעה־זאָגערס.

מיינע עטלעכע טעזיסן, ווייס איך, קאָנען לייכט מאַכן דעם איינדרוק גיכער פון „אינהיביציעס”, פאַרן סאָציאַליזם איידער פון אַ פּאָזיטיווער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. אָבער קיין קאָנקרעטע פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט האָב איך זיך לכתחילה נישט אונטערגענומען פאָנאַנדערצוּוויקלען. איך האָב זיך געמוזט דאָס מאָל באַנוגענען מיט אָנצייכענען בלויז עטלעכע רעגולאַ־

טיווע פּרינציפּן, אַז וועלכע דער סאָציאַליזם וועט שטענדיק זײַן אויסגעזעצט צו די געפאַרן פון פּאָליטישע אימפּרעסיאָניזמען און קאָניוקטור יצר־הרעס, בשעת מ י ט די דאָזיקע רעגולאַטיווע פּרינציפּן קאָן ער אַמאָל אָפּהאַלטן זיגן און אַמאָל לײַדן שווערע מפּלות, אָבער קײנמאָל נישט פאַרלירן זײַן פיזיאָגנאָמיע, זײַן שיעור־קומה, זײַן מאָראַלישע קראַפט, זײַנע אויסזיכטן אויף פּעדאַגאָגישער השפּעה.

האָב איך עפּעס מיט מײַן בריוו מחדש געווען? מסתמא נישט. יעדן אײנציקן ברעקל געדאַנק, וואָס איך האָב דאָ אַרויסגעבראַכט, קאָן מען געפינען, אפשר אין אַנדערע נוסחאות, אין פאַרשידענע סאָציאַליסטישע שריפטן. בײַ אײַך, קאָלעגן, און בײַ די לײענער וועלן מסתמא אַרויפשווימען אַסאָציאַציעס צום רעוויזיאָניזם. זענען טאַקע מײַנע טעזיסן, אין גרונט, רעוויזיאָניסטישע. איך וויל מיר נאָך אײַנרעדן, אַז זײ זענען אַנדערש אַקצענטירט, און אַז אין זײ פילט זיך אויך עפּעס פון די נײַע און שווערע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן ווי סאָציאַליסטן אָנגעזאַמלט זינט דעם אָנהויב פונעם יאָרהונדערט. אַחוץ דעם האָט דעם אַמאָליקן, בערנשטײניאַנישן רעוויזיאָניזם, לויט מײַן איבערצײַגונג, געפעלט דער פּאַטאָס פון אַ מעטאַפיזיש־מאָראַלישן הינטערגרונט פאַרן סאָציאַליזם, אָן וועלכן ער קאָן נישט ווערן קײן סאָציאַל־פּעדאַגאָגישע קראַפט.

יעדנפאַלס וואָלט איך עס געהאַלטן פאַר אַן אומגליק, ווען נאָך דער איצטיקער מלחמה, אין אַן אַטמאָספערע פון מאַסן־נערוואָזיטעט, פאַרביטערונג און אַלגעמײנער גײַסטיקער אָפּשוואַכונג, זאָל די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זיך אויפסנײַ אָוועקלאָזן אויפן וועג פון קאָניוקטור־רעוואָלוציאָנערישקײט. אַ רײ בירגערקריגן נאָך דער איצטיקער צווישנפעלקערלעכער בלוטבאָד קאָנען פירן בלויז צו נײַעם תוהו־ובוהו, צו נײַע דעסטרוקטיווע מאַסנפּסיכאָזן און צו אַן אַ שיעור פיקטיווע „באַפרײַונגען". ווי אומראַמאַנטיש דאָס זאָל נישט קלינגען, מוזן די דאָזיקע ווערטער געזאָגט ווערן: נאָך דער איצטיקער מלחמה מוז דער סאָציאַליזם נעמען אויף זיך די אויפגאַבע אײַנצופירן אַ רעלאַטיווע סטאַביליזאַציע אין דער וועלט. יעדע סטאַביליזאַציע וועט אין אַזאַ פּעריאָד, ווי דער וואָס שטײט פאַר אונדז, זײַן פאַרבונדן מיט געוויסע קאָמפּראָמיסן. עס זענען אָבער פאַראַן קאָמפּראָמיסן, וואָס זענען מסוגל צו מאַכן די געזעלשאַפט געזונטער און פעיִקער אויף שפּעטערדיקע ענדערונגען — אויב זײ ווערן נאָר געמאַכט מוטיק, אָפן, מיטן באַוווסטזײַן פון אחריות, נישט פאַרווישנדיק די גרענעץ צווישן דער פשרה און דעם פּרינציפּ. אויך סטראַטעגיש (כאָטש איך האָב זיך דאָ מיט סטראַטעגיק נישט אָפּגעגעבן) איז וויכטיק פאַרן סאָציאַליזם נאָך דער איצטיקער מלחמה, אַז ער זאָל נישט אַרײַנגע־

טריבן ווערן אויפסנייע אין די דלת אמות פון אַ סעקטע מיט קאָנספּיראַציע־פּלענער, אַז ער זאָל וואָס גיכער שאַפן פאַר זיך אַ ברייטע מאַסנבאַזע פון אַרבעטער, פּויערים, קליינבירגער און זייערע וואַריאַנטן, אינטעליגענציע, באַאַמטנטום און אויך פון געוויסע שיכטן פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, פּאָלק, — „עולם"...

1941

קאָמוניזם און רעליגיע*)

אין די דריי מלחמה־יאָרן זענען אין סאָוועט־רוסלאַנד פאָרגעקומען באַדייטנדיקע ענדערונגען אויף דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן שטח און אויך אויף דעם אַזוי־גערופענעם אידעאָלאָגישן פראָנט. עס איז נאָך פרי פאַר אַן ערנסטן פּרווו אָנצוצייכענען דעם היקף און דעם כאַראַקטער פון די דאָזיקע ענדערונגען, און אין אַ געוויסער מאָס איז אויך ריזיקאַליש איצט אַרויסצוטראָגן אַן ענדגילטיקן אורטייל וועגן זייער דויערהאַפטיקייט. „פון אויבן" זענען געמאַכט געוואָרן אַ צאָל קאָנצעסיעס, וואָס ווערן אויסגעטייטשט אַמאָל ווי ערנסטע און מער אָדער ווייניקער פּערמאַנענטע רעפאָרמען און אַמאָל ווי בלויז צייטווייליקע פאַרלייכטערונגען, אַרויסגערופן פון ספּעציפישע מלחמה־נייטן. צווישן די ענדערונגען וואָס מיר האָבן דאָ אין זינען פאַרנעמט אַ באַזונדערס חשובן פּלאַץ די נייע סאָוועטישע באַהאַנדלונג פון רעליגיע און רעליגיעזע קערפּערשאַפטן בכלל, פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך ספּעציעל. אין דער מערב־וועלט האָבן עטלעכע שריט, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט לעצטנס געמאַכט בנוגע דעם סטאַטוס פון אָרגאַניזירטע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, אַרויסגערופן נישט נאָר אַ גרויסן אינטערעס, נאָר אויך נישט ווייניק ענטוזיאַזם. כראָנאָלאָגיש (און, אין אַ געוויסן זינען אויך לאָגיש) איז געוויסן־פרייהייט די מוטער פון אַלע ציווילע און אינדיווידועלע פרייהייטן, און עס איז דערפאַר נאַטירלעך די טענדענץ אויסצוטייטשן דעם ליבעראַלערן קורס אין שייכות צו רעליגיע ווי אַן התחלה פון אַן אַלגעמיינעם דעמאָקראַטיזאַציע־פּראָצעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען דאַרף זיך דערפאַר נישט וווּנדערן, וואָס אויך נישט־רעליגיעזע קרייזן אָדער אויף קרייזן וואָס האָבן נישט קיין ספּעציפישן אינטערעס אין רעליגיעזן לעבן, האָט די טאָלעראַנטערע קירכן־פּאָליטיק מצד דעם סאָוועטישן רעזשים געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם. אָבער כדי צו באַגרייפן די באַדייטונג פון די ענדערונגען אין דער דאָזיקער ספערע פון סאָוועטישער פּאָליטיק, איז נייטיק, פאַר אַלעמען, אַ בליק אויף צוריק: וואָס איז געווען לכתחילה די באַציִונג פונעם רוסישן קאָמוניזם צו רעליגיע, און ווי אַזוי האָט זיך, ביז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, יענע באַציִונג מאַניפעסטירט?

*) אַ רעפעראַט וואָס איז געהאַלטן געוואָרן דעם 17טן מאַי 1944 פאַר דעם סאָציאָלאָגיע־סעמינאַר פון דער „גרעדיועיט סקול אָף סאָשעל סאַיענסעס", ניו־יאָרק.

מענטשן און ווערטן

I

עס וואָלט געווען אַ גרויס אומרעכט (פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט — אַן אומפּאַרדינטער קאָמפּלימענט) צוצושרייבן דעם רוסישן באָלשעוויזם אַ ספּעציפיש נעגאַטיווע באַציִונג צו רעליגיע. מיליטאַנטישער אַטעיִזם — יעדנפאַלס אין דער ספערע פון טעאָריע און אידעאָלאָגיע — איז, כידוע, ניט קיין רוסישע און ניט קיין עקסקלוזיוו־באָלשעוויסטישע דערפינדונג. אין דעם פּרט איז דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד געווען דער עיקר אַ יורש פונעם מאָדערנעם סאָציאַליזם בכלל. און די פּאָר מאַרקסיסטישע יאָרן האָבן זיך נאָך אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און באַוועגונג געלאָזט פילן שטרעמונגען, וואָס האָבן געזוכט אַ מין האַרמאָנישע קאָאָפּעראַציע צווישן סאָציאַליזם און רעליגיע — אמת, ניט (אָדער זייער זעלטן) מיט די קאָנקרעטע רעליגיעזע אינסטיטוציעס, אָבער מיט עלעמענטן וואָס האַלטן זיך ביי דער „קווינטעסענץ" פון רעליגיעזער קולטור. עס איז ניט וויכטיק, ווי אַזוי מען דאַרף אָפּשאַצן, למשל, פוריען ווי אַ פילאָזאָפישן דענקער — קיין גרויסער חריף אין מעטאַפיזישע פּראָבלעמען איז ער זיכער ניט געווען — אָבער ער האָט געזוכט אַ וועג צוזאַמענצופּאָרן סאָציאַליזם מיט דעם דעיִזם, וואָס איז אין זיין צייט נאָך געווען פאַרשפּרייט אין פראַנצויזישע אינטעלעקטועלע קרייזן, און פאַר אַטעיִזם האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער באַצייכענונג ווי „די ממזר־וועלט־אַנשויונג". סען־סימאָן איז מסתמא געווען לויט טעמפּעראַמענט און אידעאָלאָגיע אַ ניט־רעליגיעזער, אויב ניט קיין אַנטי־רעליגיעזער מענטש, אָבער ער האָט ניט געגלייבט אַז צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם דאַרף מען פריִער באַקעמפן אָדער גאָר פאַרניכטן רעליגיע. פאַרקערט, אין זיין פאַראַכטונג צום „פּראָסטן פאָלק", וואָס אים איז געווען אַזוי שווער צו פאַרמאַסקירן, האָט ער אַ פּאָר מאָל אונטערגעשטראָכן דעם פּאָזיטיוון ווערט פון רעליגיעזן גלויבן, כדי צו האַלטן אין צוים די אַנטי־סאָציאַלע אינסטינקטן פון די מאַסן, און זיין לאָזונג איז געווען: „פ י ז י צ י ז ם פאַר די געבילדעטע און ד ע ִ י ז ם פאַרן עם־הארצישן קלאַס". אַפילו לוי בלאַן האָט נאָך געזוכט אויסצוטייטשן סאָציאַליזם ווי אַן אידייע מיט אַ בולט רעליגיעזן יחוס, ווי די פּאָליטישע פאַרווירקלעכונג פון עוואַנגעליום. פּרודאָן האָט זיך אַ געוויסע צייט באַמיט צושאַפן אַ בריק צווישן זיין אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם און באַשטימטע קאַטוילישע טראַדיציעס, און ביי וויטלינגן פילט זיך אַ נטיה צו אינדיווידועלע מיסטישע דערפאַרונגען אויפן יסוד פון אַ דאָגמען־פרייען קריסטנטום. דער גרויסער איבערברוך אין דער שטעלונג פונעם מאָדערנעם סאָציאַליזם צו רעליגיע איז — יעדנפאַלס אויף דער ליטעראַרישער אויבער־

פלאַך — פאַרבונדן מיט דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער מאַרק־סיסטישער לערע. קיינער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז נישט גע־ווען אַזוי קאַטעגאָריש, שאַרף, אידעאָלאָגיש־ברוטאַל אין זיין באַציִונג צו רע־ליגיע, און אויך אינסטרומענטאַל אין אַריינוועבן אַטעיִזם ווי אַן אומפאַרמייד־לעכן טייל פון אַ סאָציאַליסטישער אָדער „פּראָלעטאַרישער" וועלט־אַנשויִונג, ווי מאַרקס און ענגעלס. דער מאַרקסיסטישער מאַטעריאַליזם האָט נישט גע־האַט געגוג כוח צו באַאיינפלוסן דעם אידעאָלאָגישן קלימאַט פון דער ענגלי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געשעפּט איר יניקה פון אייגענע און אייגנטימלעכע גייסטיקע קוואַלן; ער האָט, פון דער אַנדערער זייט, נישט גע־האַט קיין פילאָזאָפישע השפעה אויף דעם אַזוי גערופענעם „פאָלקיסטישן" פליגל פונעם רוסישן סאָציאַליזם, וואָס האָט בכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין התבטלות קעגן די מערב־אייראָפּעיִשע גייסטיקע שטרעמונגען און האָט נאָך פאַרמאָגט אַ געוויסע וואַרצלהאַפטיקע אידייִשע פאַרבינדונג מיט די סלאַוואָ־פילישע נייגונגען פון אַ באַשטימטער שיכט אין דער רוסישער אינטעליגענ־צ־יע. די קאָנטינענטאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (און דורך איר, אין אַ שוואַ־כערער מאָס, אויך די איבערגעפלאַנצטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמע־ריקע) איז אָבער בדרך־כלל באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער מאַרקסיסטישער לערע און פּראָפּאַגאַנדע, נישט נאָר אין דער ריכטונג פון אַנטי־קלעריקאַליזם, נאָר אויך אין דער ריכטונג פון האַס און פאַראַכטונג צו רעליגיעזע ווערטן בכלל. „רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק" — דער זאַץ וואָס האָט אַ פערטל יאָרהונדערט געדינט ווי אַן אָפיציעלע אויפשריפט אויף איינעם פון די אַרייַנ־גאַנגען צום קרעמל, ביים אַמאָליקן טויער פון דער איווערער מאַדאָנאַ — איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרקסן (פרויד האָט אין אונדזערע יאָרן, אין זיין „צוקונפט פון אַן אילוזיע", פּאַ־ראַפראַזירט מאַרקס' באַהויפּטונג, נוצנדיק אַ דייטשן פאָלקס־שפּריכוואָרט: "Wer Sorgen hat, hat auch Likoer"). פאַר מאַרקסן איז געווען קלאָר, אַז „די אָפּשאַפונג פון רעליגיע ווי דאָס א י ל ו ז א ר י ש ע גליק פונעם פאָלק איז אַ פאָרויס־באַדינג פאַר זיין אמתן גליק. די פאָדערונג אָפּצושאַפן די אילוזיעס וועגן זיין צושטאַנד איז דאָס זעלבע וואָס די פאָדערונג אָפּצושאַפן אַ צושטאַנד, אין וועלכן מ׳ ד א ר ף א נ ק ו מ ע ן צ ו א י ל ו ז י ע ס. די קריטיק פון רעליגיע איז בכן אין גרונט די קריטיק פונעם ע מ ק ה ב כ א, וואָס רעליגיע איז זיין קדושה־שיין. עס קען זיין אַז דער פּאַטאָלאָגישער ייִדנהאַס, וואָס שאַקירט אונדז אַזוי שטאַרק אין עטלעכע פון זיינע שריפטן און בריוו, איז, אומבאַוווסטזיניק פאַר אים, געווען מאָטיווירט פון זיין פאַראַכ־טונג צו מעטאַפיזישע און רעליגיעזע ווערטן בכלל. ייִדן האָט ער, נישט אַן

גרונט, באַטראַכט פאַר אַ רעליגיעז פּאָלק „פאַר עקסעלאַנס״. מיט ווייניקער חריפות, אָבער מער עפעקטיוו אין פּראָפּאַגאַנדיסטישן זינען, האָט ענגעלס יאָרן לאַנג געזוכט צו פאַרשפּרייטן דעם אַנטי־רעליגיעזן געדאַנק: „מיר ווילן אַלץ, וואָס זאָגט אויף זיך אַז ס׳איז איבערנאַטירלעך אָדער איבערמענטשלעך, אָפּ־רוימען פון וועג. דערפאַר האָבן מיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערקלערט מלחמה אויף דער רעליגיע און די רעליגיעזע פאַרשטעלונגען. און אונדז אַרט ווייניק וואָס מען שטעמפּלט אונדז פאַר אַטעיִסטן״.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע היינט אויפצוקלערן פון דאָסניי דעם כאַ־ראַקטער און די היסטאָריש־פּסיכאָלאָגיש סיבות פונעם רעליגיע־האַס אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג בכלל און אין דער מאַרקסיסטישער לע־רע און פּראָפּאַגאַנדע בפרט. איך האָב בלויז געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערמאָ־נען, אַז דער מיליטאַנטישער אַטעיִזם, מיט וועלכן דער רוסישער קאָמוניזם האָט זיך אויסגעצייכנט כמעט די גאַנצע צייט פון עקזיסטענץ, איז נישט עפּעס וואָס באָלשעוויקעס האָבן געדאַרפט אויסגעפינען. אין דעם פּרט איז דער אַטעיִזם, אידעאָלאָגיש, אַ כשר קינד פון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם בכלל. דאָס וואָס ס׳האָבן, אַחוץ און נאָך מאַרקסן און ענגעלסן, געשריבן וועגן רע־ליגיע סאָרעל אין פראַנקרייך, קאַוטסקי און בעבעל אין דייטשלאַנד (אַ געווי־סע צייט אויך „אונדזער אייגענער״ משה העס), און פּלעכאַנאָוו אין רוסלאַנד, איז בלויז עלעגאַנטער אָדער ווייניקער ווולגאַר ווי דאָס, וואָס מיר האָבן שפּע־טער געהערט פון רוסישע קאָמוניסטן, אָדער אין תוך איז צווישן זיי נישט פאַראַן קיין אונטערשייד. אמת, אויף וויפל עס האַנדלט זיך וועגן דער פּראַק־טישער אָנווענדונג פונעם אַנטי־רעליגיעזן פּרינציפּ, האָט די מערב־אייראָפּעיִ־שע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קיינמאָל נישט רעקאָמענדירט קיין סיסטעם פון רדיפות אָדער רעפּרעסיעס. איר לאָזונג איז געווען (און געבליבן) „אָפּטיילן דעם שטאָט פון דער קירך״, אַ רעפאָרם וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַ פאַר לענדער דער עיקר אַדאַנק ליבעראַל־בירגערלעכע פאַרטייען און וואָס איז איינער פון די יסודות אין אַזאַ נישט־סאָציאַליסטישער פּאָליטישער ציוויליזאַציע ווי די אַמעריקאַנישע. „רעליגיע איז אַ פּריוואַט־זאַך״, און דער־פאַר דאַרף זי קיין אָפיציעלן סטאַטוס אין דער מלוכה נישט האָבן; זי טאָר נישט געניסן פון קיין שום פּריווילעגיעס און זי דאַרף נישט זיין אויסגעזעצט צו קיין שום ספּעציעלע דיסקרימינאַציעס. אויף וויפל די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע האָט געטראַכט אין קאָנסטיטוציאָנעלע אָדער יורידישע טערמינען, איז פאַר איר די מלוכה געווען נ יי ט ר אַ ל צו רעליגיע. די האָפענונגען אויף דער אָפּשאַפונג אָדער פאַרניכטונג פון רעליגיע האָט זי פאַרבונדן, פון איין זייט, מיט פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג, וואָס דאַרף געפירט ווערן דורך

דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דורך מער אָדער ווייניקער פּריוואַטע דערציִונגס־קערפּערשאַפטן, און, פון דער אַנדערער זייט, מיט יענע גרויסע ענדערונגען אין דער אַלגעמיינער מענטאַליטעט פון דער באַפעלקערונג, וואָס די ראַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט ממילא מיט דער צייט אַרויסרופן. אויף וויפל רעליגיע איז, לויט דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג, אַ קראַנקהאַפטיקער פּראָדוקט פונעם יחידס אייגזאַמקייט אין אַ ברוטאַלער און צעפּיצלטער געזעלשאַפט פון שטענדיקער עקאָנאָמישער אומזיכערקייט און הילפלאָזיקייט קעגן כוחות וואָס לאָזן זיך נישט, אַזוי צו זאָגן, קאָנטראָלירן, וועט זי ביסלעכווייז פאַרשווינדן אַדאַנק די גרויסע דערגרייכונגען פון די אַנגעווענדטע וויסנשאַפטן, אַדאַנק דעם וווקס פון די טעכנאָלאָגישע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן און אַדאַנק דעם אַריינוווקס פונעם יחיד אין אַן אָרגאַנישער און קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט, „וואָס איז בכוח צו לייזן אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן, בדרך הטבע, אַלע פּראָבלעמען פונעם מענטשלעכן לעבן”. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָבן דערפאַר אומעטום געקעמפט קעגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַכט פון דער קירך, קעגן איר פּריווילעגירטן צושטאַנד, אָבער נישט קעגן איר עצם רעכט אויף עקזיסטענץ. זיי האָבן נישט געשטעלט זייערע מיטגלידער קיין באַדינג, אַז זיי מוזן זיך אָפּזאָגן פון זייערע אינסטיטוציאָנעל־רעליגיעזע פאַרבינדונגען, און, לויט זייערע סטאַטוטן, איז מיטגלידערשאַפט (אין די מיינסטע לענדער) געווען אָפן אויך פאַר פּראָפעסיאָנעלע גייסטלעכע, פאַר „כלי־קודש”. אין דעם פּרט איז, נאַטירלעך, פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער אַנטי־רעליגיעזער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם מיליטאַנטיש־אַטעִסטישן קאָמוניזם. מען דאַרף אָבער דערביי נישט פאַרגעסן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין קיין שום לאַנד ביז אַהער נישט פאַרמאָגט יענעם היקף פון פּאָליטישער מאַכט וואָס דעם רוסישן קאָמוניזם איז געלונגען אַריינצוקריגן אין זיינע הענט. עס איז נישט לייכט אַרויסצוגעבן אַ היפּאָטעטישן אורטייל. ווי אַזוי וואָלט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געהאַנדלט אין שייכות מיט אָרגאַניזירטער רעליגיע, אין אַ באַשטימטער היסטאָרישער און לאָקאַלער סיטואַציע, ווען זי וואָלט אַליין געשטאַנען אַ לענגערע צייט ביים רודער פון דער רעגירונג?

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז דאָס, וואָס ס'איז פאַרגעקומען די לעצטע טעלעכע צוואַנציק יאָר אין מעקסיקע, נישט קיין באַווייז, אַז אַן קאָמוניסטישער דיקטאַטור איז נישט פאַראַן קיין פּלאַץ פאַר אַן עקסטרעמער אויסראָטונגס־פּאָליטיק קעגן קירך און רעליגיעזע קערפּערשאַפטן...

II

דער גרונט־געזעץ וועגן רעגולירן די באַציִונגען צווישן דער נייער (סאָ־וועטישער) מלוכה און די פאַרשידענע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן אין סאַמע אָנהייב. דער דעקרעט פון 23סטן יאַנואַר 1918 באַשטייט פון דרייצן פּאַראַגראַפן, וואָס דאַרפן נאָך ביז היינט באַטראַכט ווערן ווי דער פונדאַמענטאַלער לעגיסלאַטיווער אַקט וועגן דעם סטאַטוס פון רעלי־גיע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד:

א) די קירך ווערט דערמיט אָפּגעטיילט פונעם שטאַט.

ב) עס איז אומגעזעצלעך אַרויסצוגעבן וועלכן נישט איז לאָקאַלן געזעץ אָדער צו פּראָקלאַמירן וועלכן נישט איז דעקרעט, אויף דער טעריטאָריע פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, וואָס זיין ציל איז צו פאַרמינערן אָדער צו באַגרע־נעצן די פרייהייט פון געוויסן, אָדער צו שאַפן פאַר וועלכן נישט איז בירגער אַ ספּעציעלן נוצן אָדער פּריווילעגיע אויפן יסוד פון זיין רעליגיעזן גלויבן אָדער אומרעליגיעזע איבערצייגונגען.

ג) יעדער בירגער מעג האָבן וועלכע רעליגיע ער וויל אָדער נישט האָבן קיין שום רעליגיע; אַלע געזעצן וואָס נעמען צו רעכט ביי וועלכן נישט איז בירגער מחמת זיין צוגעהעריקייט צו אַ רעליגיע ווערן דערמיט אָפּגעשאַפט.

ד) אַקטן (פּראָצעדורן) פון וועלכער נישט איז אָפיציעלער עפנטלעכער קערפּערשאַפט טאָרן נישט באַגלייט ווערן פון קיין שום רעליגיעזע געברויכן אָדער צערעמאָניעס.

ה) דאָס רעכט דורכצופירן רעליגיעזע צערעמאָניעס ווערט דערמיט גאַ־ראַנטירט, אויף אַזויפיל, אויף וויפל דאָס איז נישט פאַרבונדן מיט שטערן די עפנטלעכע אָרדענונג און פרידן, און מיט דעם באַדינג, אַז די דורכפירונג זאָל נישט אָנרירן קיין שום רעכט פון וועלכן נישט איז בירגער אין די סאָוועטי־שע רעפּובליקן. די לאָקאַלע אויטאָריטעטן האָבן דאָס רעכט, אין אַזעלכע פאַלן, אָנצונעמען אַלע נייטיקע מיטלען כדי אָפּצוהיטן די עפנטלעכע אָרדענונג און זיכערקייט.

ו) קיין שום פּערזאָן טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון דערפילן וועלכע נישט איז בירגער־פליכט אויפן גרונט פון זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען. אויס־נאָמען צו דעם כלל קענען געמאַכט ווערן מיטן תנאי, אַז אַן אַנדער בירגער־פליכט זאָל דערפילט ווערן אָנשטאָט דער, פון וועלכער די פּערזאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָבער אין יעדן איינצלנעם פאַל מוז דאָס געבראַכט ווערן פאַרן פאָלקס־געריכט.

ז) רעליגיעזע שבועות אָדער נדרים זענען אָפּגעשאַפט.

ח) רעגיסטראַציע פון געבורט, חתונה, טויט און אַזוי ווייטער ווערט דורכגעפירט אויסשליסלעך פון די ציווילע אויטאָריטעטן.

ט) די שול ווערט אָפּגעטיילט פון דער קירך. דער לימוד פון רעליגיע איז נישט דערלויבט אין קיין שום מלוכהשער עפנטלעכער אָדער פּריוואַטער דערציִונגס־אינסטיטוציע, אין וועלכער עס ווערן געלערנט אַלגעמיינע לימו־דים. די בירגער האָבן אַ רעכט צו געבן און צו קריגן רעליגיעזן לימוד אויף אַ פּריוואַטן אופן.

י) אַלע קירכלעכע און רעליגיעזע קערפּערשאַפטן זענען אונטערגעוואָרפן צו די אַלגעמיינע באַדינגונגען וואָס זענען חל אויף אַסאָציאַציעס און געזעל־שאַפטן; זיי טאָרן נישט קריגן קיין פּריווילעגיעס אָדער סובסידיעס פון וועל־כער נישט איז מלוכהשער, לאָקאַל־אויטאָנאָמער אָדער אַנדערער קערפּער־שאַפט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

יא) עס זענען נישט דערלויבט קיין צוואַנג־זאַמלונגען פון באַשטייע־רונגען אָדער מיטגליד־צאָלונגען לטובת קירכלעכע אָדער רעליגיעזע אַסאָציאַ־ציעס.

יב) קיין שום קירכלעכע אָדער רעליגיעזע געזעלשאַפט האָט נישט דאָס רעכט צו פאַרמאָגן אייגנטום. זי קען אויך נישט געניסן דעם סטאַטוס פון אַ יורידישער פּערזאָן.

יג) דאָס גאַנצע אייגנטום פון די עקזיסטירנדיקע קירכלעכע און רעלי־גיעזע אַסאָציאַציעס גייט איבער אין רשות פונעם פאָלק. די צענטראַלע און די לאָקאַלע מלוכה־אויטאָריטעטן קענען, דורך ספּעציעלע באַשלוסן, איבער־געבן צו אַ באַשטימטער רעליגיעזער געזעלשאַפט געביידעס און קעגנשטאַנדן וואָס זענען נייטיק פאַר דער דורכפירונג פון קאָלעקטיווע תפילות.

ווי אַ דערגאַנצונג צו דעם דאָזיקן גרונט־דעקרעט דאַרף מען נאָך צורע־כענען אַ געזעץ, וואָס איז שפּעטער פאָרמולירט געוואָרן און איז באַקאַנט ווי דער פּאַראַגראַף 121 פונעם קרימינעלן קאָדעקס: „דער לימוד פון רעליגיעזע אמונות אין מלוכהשע אָדער פּריוואַטע דערציִונגס־אינסטיטוציעס און שולן פאַר קינדער און מינדעריעריקע ווערט באַשטראָפט מיט צוואַנגס־אַרבעט פאַר אַ צייט נישט לענגער ווי איין יאָר".

וואָס ס'איז שייך דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע (פון 1936) האָט זי כמעט גאָרנישט נישט געענדערט אין יענעם סטאַטוס פאַר רעליגיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם אַריינגעבראַכטן דעקרעט פון 23סטן יאַנואַר 1918. דער אַרטיקל 124 פון דער היינט גילטיקער קאָנסטיטוציע זאָגט גאַנץ קלאָר: „כדי צו פאַרזיכערן די בירגער פרייהייט פון געוויסן, איז די קירך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, און די שול איז

אפגעטיילט פון דער קירך. פרייהייט פון רעליגיעזע תפילות און פרייהייט פון אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע ווערט אָנערקענט פאַר אַלע בירגער". אין אַ געוויסן זינען איז די קאָנסטיטוציע פון 1936 ווייניקער „נייטראַל" אין רעליגיעזע פראַגן איידער דער דעקרעט פון באַלד נאָך דער רעוואָלוציע (פון 1918). לויט דעם אַרטיקל 124 האָבן דאָס רעכט אויף פּראָפּאַגאַנדע בלויז אַנטי־רעליגיעזע בירגער, פאַר זייערע אַנטי־רעליגיעזע צוועקן. די קירכן און אַנדערע רעליגיעזע אָסאָציאַציעס האָבן בלויז דאָס רעכט אָנצופירן זייער גאָטעס־דינסט פאַר די וואָס זענען געווען פון פריער זייערע מיטגלידער, זיי איז אָבער נישט גאַראַנטירט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט עפנטלעכער אויפקלערונג, מיט „מיסיאָנערישער" אַרבעט, כדי צו באַקערן אַנדערע צו זייערע איבערצייגונגען אָדער אמונות. דער נישט־גלויביקער ווערט, בכן, קאָנסטיטוציאָנעל געשטעלט אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע אין פאַרגלייך מיטן גלויביקן. אין יעדן פאַל איז אַפילו דער דעקרעט פון 1918 גאַנץ ווייט, ווי מיר וועלן נאָכדעם זען, פון דער קלאַסישער אויפפאַסונג פון נעב פרינציפּ, אַז דער שטאַט דאַרף זיין נייטראַל אין רעליגיעזע ענינים. עס איז אין דער שייכות כדאַי צו דערמאָנען, אַז דער ספּעציעלער קאָמיטעט אויף אויסצואַרבעטן אַ נוסח פאַרן סאָוועטישן קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט, האָט (אין 1918) געהאַט פאַר זיך אַ פאָרשלאָג אַריינצונעמען אין דער קאָנסטיטוציע די באַרימטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאָרמולע פון דער גאָטאַ־פּראָגראַם (פון 1869) לויט וועלכער „רעליגיע איז אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט פונעם בירגער". די ליבעראַלערע מיטגלידער איז אַפילו געלונגען דורכצוזעצן, אַז יענע פאָרמולע זאָל פונעם קאָמיטעט אָנגענומען ווערן מיט אַ מערהייט פון שטימען. אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו יענעם נוסח, פון וועלכן מ'וואָלט לאָגיש געדאַרפט מאַכן גאָר אַנדערע פּראַקטיש־לעגיסלאַטיווע אויספירן, האָט אַרויסגעוויזן ספּעציעל לענין, וואָס האָט נאָך אין די פריערדיקע יאָרן געטענהט, אַז אַ אינדיפערענטע באַציונג פונעם שטאַט צו רעליגיע איז אַ נאַרישקייט, און דערצו נאָך אַ שעדלעכע נאַרישקייט. רעליגיע קאָן נישט, לויט זיין אויפפאַסונג, זיין „אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט פונעם איינצלנעם בירגער" אין דעם זין, אַז די מלוכה זאָל אין איר קיין אינטערעס נישט האָבן. וואָס אַ יחיד גלויבט אָדער גלויבט נישט, האָט צו טאָן נישט בלויז מיט זיין אינדיווידועלן צושטאַנד, נאָר מוז זיך אָפּשפּיגלען אויך אין זיינע האַנדלונגען, אין זיין פּאָליטישער אָריענטאַציע און אין דעם כאַראַקטער פון זיינע סאָציאַלע שייכותן. אחוץ דעם, איז פאַר לענינען געווען קלאָר, אַז רעליגיעז לעבן איז נישט סתם אַ סומע פון פּסיכישע פּראָצעסן וואָס שפּילן זיך אָפּ בלויז אין מוח און אין דער דערפאַרונגס־וועלט פונעם איינצלנעם מענטשן, אין זיין

רשות היחיד. רעליגיעז לעבן איז אַ גרופּן־לעבן, אַ לעבן אין רשות־הרבים, און עס ווערט אונטערגעהאַלטן און געשפּייזט פון קאָלעקטיווע אַקטן איז פון אַ ספּעציפישער קאָלעקטיווער מענטאַליטעט. סאָציאַליזם (און דער סאָציאַליסטישער שטאַט) איז צופיל פאַראינטערעסירט אינעם אַלגעמיינעם קולטור־קלימאַט, אין וועלכן עס לעבט דאָס פאָלק, און רעליגיע איז, היסטאָריש גענומען, אַ צו וויכטיקער עלעמענט אין יעדער פאָלקס־קולטור, מיט אַ נאַטירלעכער טענדענץ צו ווערן אין איר דער דאָמינירנדיקער, אַלץ אַרומנעמענדיקער עלעמענט — אַז דער נייער רעזשים זאָל זיך מעגן דערלויבן דעם לוקסוס אָנצונעמען צו איר אַ פּאָזיציע פון גלייכגילטיקייט. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל אפשר נישט קלינגען, מעג מען זאָגן, אַז ווי אַ מיליטאַנטישער אַטעיִסט האָט לענין אַרויסגעוויזן צו רעליגיע אַ סך אַ גרעסערן (כאָטש זייער אייגנאַרטיקן) דרך־ארץ, איידער זיינע מער „ליבעראַלע" און טאָלעראַנטע קאָלעגן. פאַר זיי איז רעליגיע געווען נישט נאָר אַ „פּריוואַט־זאַך", נאָר אויך אַ מין „נעבן־זאַך", וואָס קאָן צייטווייליק טאָלערירט ווערן ערגעץ־ווו אין דער פּעריפעריע פון לעבן, ביז זי וועט לאַנגזאַם, פון זיך אַליין, אָפּשטאַרבן. אגב מוז זי טאָג־טעגלעך געשעדיקט ווערן, סיי דורך אויפקלערונג און נייער דערציִונג און סיי דורך דעם כאַראַקטער און אַנטוויקלונג פון דער נייער, סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטלעכער ציוויליזאַציע. דער דורך און דורך אַנטי־מעטאַפיזישער אין אַנטי־רעליגיעזער לענין האָט אָבער דעם ענין רעליגיע גענומען אַ סך ערנסטער. נאָך אין די יאָרן פון פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען ער האָט נאָך אַליין געשטיצט די גאָטאַ־פאָרמולע „רעליגיע איז די פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט פונעם איינצלנעם בירגער", פלעגט ער דערביי, מיט יענער „ציניִשער ערלעכקייט" וואָס איז פאַר אים געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש און אונטער וועלכער ער פלעגט אָפט שעמעוודיק באַהאַלטן זיינע צאַרטערע און איידעלערע עמאָציעס, אונטערשטרייכן: מיט דער דאָזיקער פאָרמולע דאַרפן מיר זיך באַנוצן כל־זמן מיר האָבן נאָך צו טאָן מיט דער בורזשואַזער מלוכה; אין אַ סאָציאַליסטישער מלוכה אָדער אין אַ מלוכה, אין וועלכער דעם „אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט" איז געלונגען איבערצונעמען די פּאָליטישע מאַכט, קאָן פאַר אַזאַ פאָרמולע, ווי אַ פירנדיקער פּרינציפּ, קיין פּלאַץ נישט זיין. רעליגיע, זאָל ער זיך האָבן איינמאָל אויסגעדריקט, איז נישט דאָס זעלבע וואָס איינעם גלוסט צו זאַמלען פּאָסט־מאַרקעס, אַ מין אומשעדלעכע באַשעפטיקונג פאַר דער פרייער צייט, וואָס די מלוכה דאַרף צו איר קיין שטעלונג נישט נעמען. די רעוואָלוציע און דער רעוואָלוציאָנערער אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער מלוכה פאָדערן פאַר זיך דעם גאַנצן מענטש, דעם מענטשן אין זיין טאָטאַליטעט; רעליגיע האָט אירע תביעות אויף דעם מענטש וואָס

זענען אַ געפאַר פאַר זיין „גאַנצקייט“, און אין געוויסע סיטואַציעס באַנוגנט זי זיך נישט מיט אַן אויטאָנאָמען ווינקל אין זיין אינטימער וועלט, נאָר זי פאָדערט פ אַ ר ז י ך דעם גאַנצן מענטשן. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר לעניגס אויפפאַסונג פון רעליגיע, אַז ווען „ליבעראַלע“ קאָלעגן (אין געוויסע פאַלן, לונאַטשאַרסקי) פלעגן אים אָנווייזן אויף אונטערשיידן צווישן איין רעליגיעזער קערפּערשאַפט און דער אַנדערער, אַזוי אַז ס'איז אויסגעקו־מען אַז עס זענען פאַראַן „ערגערע“ רעליגיעס און „בעסערע“, האָט לענין קיינמאָל נישט געלייקנט די עקזיסטענץ פון יענע אונטערשיידן. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט געקאָנט אַסימילירן אין זיך דעם געדאַנק, אַז אַ „בע־סערע“ רעליגיע פאָרדינט אַ בעסערע באַהאַנדלונג. פאַרקערט, וואָס „בעסער“ אַ רעליגיע איז, אַלץ ע ר ג ע ר איז זי — וואָס ווייניקער אָבערגלויבנס זי אַנטהאַלט אין זיך, וואָס שוואַכער די ראָלע וואָס עס שפּילט אין איר דער פּראָפעסיאָנעלער קלאַס פון גייסטלעכע, און וואָס ווייניקער גרייט זי איז צו זיין אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די הערשנדיקע קלאַסן, אַלץ געפער־לעכער איז זי, אין לעצטן חשבון, ווייל אַלץ שווערער איז קעגן איר צו קעמפן.

איך האָב זיך אפשר צופיל פאַרקירעוועט אַן אַ זייט און צו לאַנג זיך אָפּגעשטעלט אויף לעניגס פּערזענלעכער שטעלונג צו רעליגיע (נישט אַריינ־גייענדיק דערביי אין אַן אַנאַליז פון זיין אַלגעמיינער פילאָסאָפישער וועלט־אַנשויונג און פון יענע אפשר ספּעציפישע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס האָבן אין אים אַנטוויקלט אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צו רעליגיע). זיין פּערזענלעכע שטעלונג צו רעליגיע האָט אָבער אַ שייכות נישט בלויז מיט זיין גייסטיקער ביאָגראַפיע, נאָר אויך מיט דער געשיכטע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט דער קאָמוניסטישער גערעצעבונג אין דער פּראַקטיק און אין דער באַהאַנד־לונג פון רעליגיע. אויף די יורידישע דאָקומענטן וועגן דעם פלאַץ פון רעליגיע אין דער סאָציאַליסטישער מלוכה, וואָס מיר האָבן אויבן געבראַכט אין זייער פולן טעקסט אָדער ציטירט, האָבן געאַרבעט ספּעציעלע קאָמיסיעס. לענין איז אָבער געווען אין דער לאַגע יענע דאָקומענטן צו „רעדאַגירן“, און די ענדע־רונגען וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגן זענען מייִנסטנס אָנגענומען געוואָרן. אמת, דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון דער סאָוועטישער מלוכה איז נישט געווען קיין ־ קטאַטאָר אין דעם זינען, אין וועלכן מיר באַנוצן זיך היינט מיט דעם דאָזיקן טערמין. ער האָט זיך גערן צוגעהערט צו ערלעכע אויסזעצונגען קעגן זיינע מיינונגען און — נישט בלויז לפנים — דערמוטיקט קריטיק, אויף וויפיל זי איז געקומען נישט פון שונאים פונעם רעזשים, נאָר פון די אייגענע, קאָמוניסטישע רייען. אין די פאַרשידענע קערפּערשאַפטן, אין וועלכע ער האָט זיך צוליב זיין הויכן אַמט געמוזט באַטייליקן, האָט ער זיך, אין געוויסע פאַלן,

אויך געלאָזט „מאָיאָריזירן“. זיין אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער פּרעס־טיזש איז אָבער געווען אַזוי הויך אין די אויגן פון דער פּאַרטיי און פון די וואָס זענען איר נאָכגעגאַנגען, אַז אין אַ סך ערנסטע סיטואַציעס איז זיינע „אָן עצה“ אָפּטמאָל אָנגענומען געוואָרן ווי אַ באַפעל. די פונדאַמענטאַלע גע־זעצגעבונג וועגן רעגולירן דאָס רעליגיעזע לעבן אין לאַנד דאַרף דערפאַר גע־שטעלט ווערן, אין נישט קיין קלענער מאָס, אויף לענינס חשבון.

וואָס־זשע איז דער כאַראַקטער פון יענער געזעצגעבונג, וואָס איז, אין אירע אַלגעמיינע שטריכן, גילטיק אויך היינט?

פון אויבן־אויף מאַכט דער דעקרעט פון 1918, וואָס מיר באַטראַכטן פאַר דעם „אָרגאַנישן“ סאָוועטישן געזעץ וועגן רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, דעם איינדרוק פון אַ סטערעאָטיפּישן געזעץ, וואָס איז אויסן בלויז אַ ראַדי־קאַלע פונאַנדערטיילונג צווישן דער קירך און דעם שטאַט. (אויך לענין האָט געוואָלט אַז די סאָוועטישע געזעצגעבונג זאָל אויסקוקן אין די אויגן פון דער אייסלענדישער עפנטלעכער מיינונג אַזוי „רעספּעקטאַבל“ ווי מעגלעך). ווען מ׳לייענט אָבער פאַרזיכטיק די באַזונדערע פּאַראַגראַפן, ווי אויך שפּעטער, דעם שוין ציטירטן אַרטיקל 124 פון דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, ווערט זייער ציל זייער דורכזיכטיק: שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען פאַר די רע־ליגיעזע אַסאָציאַציעס, אַז זיי און זייערע אַקטיוויטעטן זאָלן מוז אַלץ מער און מער איינגעשרומפּן ווערן.

קעגן דער עקספּראָפּריאַציע פון דער קירכעס אייגנטום איז, בדרך־כלל, שווער עפּעס אויסצוזעצן, אויב מ׳מיינט ערנסט מיט דעם פּרינציפּ פון פול־שטענדיקער סעפּאַראַציע צווישן קירך און שטאַט. אין רוסלאַנד האָט די גרי־כיש־אָרטאָדאָקסישע קירך פאַרמאָגט ריזיקע קאַפּיטאַלן און פאַרמעגנס, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז צו איר געקומען דורך אָדער אַ דאַנק דעם שטאַט — נישט דורך פרייוויליקע נדבות. אירע גרויסע מאַיאָנטקעס האָט זי געקראָגן פון דער מלוכה, און נישט ווייניק פון איר אייגנטום איז אויסגעפּרעסט געוואָרן פון פאָלק דורך צוואַנג־שטייערן. כאָטש פּראָפעסאָר טימאַשעוו, אין זיין דאָ־קומענטן־רייכן, אָבער אויך זייער טענדענציעזן בוך*) סטאַרעט זיך פאַרצו־שטעלן די פּראַוואָסלאַווע קירך ערב דער רעוואָלוציע אַזוי ליבעראַל, פאָלקס־טימלעך און אָ ר ע ם ווי מעגלעך, זענען נאָך ביז היינט ערנסט נישט אָפּ־געפרעגט געוואָרן, אויך פון אַנטי־סאָוועטישע און פּראָ־קלעריקאַלע רוסישע אויטאָריטעטן, די ציפערן, וואָס דזשוליעס העקער האָט אָנגעגעבן אין זיינע „מאָסקאָו דיאַלאָגס“: אין 1917 איז די קירך געווען אַ דעפּאָזיטאָר אין די בענק אויף אַ סומע פון לערך אַכט ביליאָן רובל. איר יערלעכע הכנסה איז

---

* N. S. Timasheff: Religion in Soviet Russia (Sheed and Ward, 1942).

געשאַצט געוואָרן אין 60 מיליאָן רובל, און אין דער זעלביקער צייט האָט זי פאַרמאָגט איר אייגנס אַרום 20 מיליאָן אַקער פּרוכטבאַרן באָדן. די קאָנפיס־קאַציע פון דער קירכעס אומבאַוועגלעכן אייגנטום, וואָס זי האָט פאַרמאָגט ווי דער געוועזענער „שותף פונעם צאַרישן רעזשים", איז געווען אַן אַקט, וואָס איז פאַרשטענדלעך אויך אין די טערמינען פון אַ בלויז בירגערלעכער רעוואָ־לוציע. די סאָוועטישע געזעצגעבונג איז אָבער געגאַנגען אַ סך ווייטער. זי האָט קאָנפיסקירט אויך דאָס פּ אָ ט ע נ צ י ע ל ע פאַרמעגן פון דער קירך און פון אַנדערע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, דאָס פאַרמעגן וואָס זיי וואָלטן אפשר באַוויזן צו קריגן נישט ווי מתנות אָדער סובסידיעס פון דער מלוכה, נאָר ווי אַבסאָלוט פרייוויליקע נדבות מצד די גלויביקע. אַ רעליגיעזע אָרגאַ־ניזאַציע טאָר בכלל, לויטן סאָוועטישן געזעץ קיין אייגנטום נישט פאַרמאָגן, און נאָכמער: זי קאָן נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ יורידישער פּערזאָן. אין אַנדערע ווערטער, אויב אַ סאָוועטישער בירגער זאָל שטאַרבן און מ'זאָל אויס־געפינען אַז אין זיין צוואה האָט ער איבערגעלאָזן פאַר אַ רעליגיעזער אָרגאַ־ניזאַציע אַ געוויסע סומע געלט אָדער חפצים (אין 1918 איז דאָס געווען ווייניקער אפילו פון אַ טעאָרעטישער מעגלעכקייט, אָבער אין משך פון דער צייט זענען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אַזעלכע ענדערונגען אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַציִונגען, אַז מ'אָפּערירט שוין דאָרט נאָכאַמאָל גאַנץ געזעצ־לעך מיט צוואות און ירושות), קאָן די אָרגאַניזאַציע אָדער די קירך נישט אָנערקענט ווערן ווי דער געזעצלעכער יורש און זי טאָר זיך נישט ווענדן צום געריכט מיט אַ פאָדערונג מקיים צו זיין די צוואה: זי איז נישט קיין יורידישע פּערזאָן.

אין אַן אַנדער פּאַראַגראַף רעדט זיך וועגן גאַראַנטירן דאָס רעכט פון די גלויביקע „דורכצופירן רעליגיעזע צערעמאָניעס אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס איז נישט פאַרבונדן מיט שטערן די עפנטלעכע אָרדענונג און פרידן". עס ווערט אָבער נישט געגעבן קיין שום דעפיניציע פון דעם וואָס עס הייסט „שטערן די עפנטלעכע אָרדענונג" דורך תפילה־בציבור אָדער דורך אַ רעלי־גיעזער צערעמאָניע, און עס ווערט אויך נישט אָנגעוויזן, ווער אָדער וואָסער קערפּערשאַפט איז קאָמפּעטענט צו אורטיילן, צי האָבן מיר אין אַ געגעבענעם פאַל צו טאָן מיט אַן אַקט פון פרידנס־שטערונג אָדער נישט. די „גאַראַנטיע" מצד דעם געזעץ בלייבט דערפאַר הענגען אין דער לופטן. ווייל עס ווערט נישט דעפינירט קיין באַשטימטער קריטעריום, בלייבט עס אין רשות פון ריין אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י ו ו ע ר קאָמפּעטענץ — אַן ענין פאַר דער פּאָליציי. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, איז דאָס נישט בלויז אַ טעאָרעטיש־יורידישע פראַגע. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די „ליגע פון די גאָטלאָזע" האָבן נאָכ־

דעם זייער ברייט אויסגענוצט די (בכיוונדיקע?) לעגאַלע לויזקייט פון דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף:

אַלע געביידעס פאַר „גאָטעסדינסט" און זייערע חפצים זענען לויטן דעקרעט פון 1918 קאָנפיסקירט געוואָרן, דערקלערט געוואָרן ווי דאָס אייגנ־טום „פונעם פאָלק" (ד"ה פון דער מלוכה). לויט דעם זעלביקן געזעץ מ ע ג די רעגירונג שטעלן די נאַציאָנאַליזירטע געביידעס און חפצים אין רשות פון די גלויביקע. זי איז אָבער נישט מ ח ו י ב דאָס צו טאָן. דאָ ווערט בכן אויך אין דעם פרט, די גאַנצע זאַך איבערגעלאָזן אין רשות פון אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ־ ט י ו ו ע אָרגאַנען. זיי קאָנען פסקענען אין יעדן איינצלנעם פאַל צי מ'דאַרף לאָזן אַ באַשטימטע אָרגאַניזירטע גרופּע פון גלויביקע זיך צו באַנוצן מיטן „אייגנטום פון פאָלק" אָדער נישט. י ו ר י ד י ש איז לחלוטין נישטאָ קיין קריטעריום, וויפיל פלעצער פאַר תפילה־בציבור עס קענען דערלויבט ווערן אין אַ געגעבענער שטאָט, כאָטש פון שפּעטערדיקע רעגולאַציעס איז קלאָר, אַז אַ גרופּע פון מינימום צוואַנציק פערזאָנען קענען באַטראַכט ווערן פאַר אַ קאָנגרעגאַציע (דאָס הייסט אָבער נישט, אַז אַ פּעטיציע פון צוואַנציק בירגער איז גענוג, אַז די מאַכט זאָל מחויב זיין צו שטעלן אין זייער רשות די געביידע פון אַ קירך אָדער אַ בית־מדרש). אַז אויף דער פּונקט האָט אַ סך מער ווי אַן אַקאַדעמישן ווערט, אין וועלכן בלויז יוריסטן־טעאָרעטיקער קענען זיין פאַר־אינטערעסירט, וועלן מיר זען שפּעטער.

עס איז אַן אָנגענומענער כלל אין אַלע לענדער, וווּ רעליגיע איז אָפּגע־טיילט פון דער מלוכה, אַז אין עפנטלעכע שולן, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן פונעם מלוכה־בודזשעט, טאָר מען קיין רעליגיעזן לימוד נישט געבן. אין די זעלביקע לענדער (פראַנקרייך, די פאַראייניקטע שטאַטן אא"וו) ווערט דאָס אָבער באַטראַכט פאַר אַ טייל פון געוויסן־פרייהייט, פון בירגערלעכער פריי־הייט בכלל, אַז אין פּריוואַטע שולן (פון יחידים, געזעלשאַפטן אָדער קאָנגרע־גאַציעס), וואָס קריגן נישט קיין סובסידיע פון דער מלוכה אָדער פון די מו־ניציפּאַליטעטן, מעג מען לערנען רעליגיע וויפיל און ווי אַזוי מ'וויל. דער סאָוועטישער געזעץ גייט אויך אין דעם פרט נישט אויפן וועג פון בייטראַ־ליטעט. ער פאַרבאָט אויסדריקלעך דעם לימוד פון רעליגיע נישט נאָר אין עפנטלעכע, נאָר אויך אין פּריוואַטע שולן (לויט שפּעטערדיקע פאַראָרדענונ־גען קאָנען בכלל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פּריוואַטע שולן פאַר אַלגעמיינער בילדונג און דערציִונג נישט עקזיסטירן), אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן „קינדער אין צאַרטן עלטער" אָדער „מינדעריעריקע" (ביז 18 יאָר). אין דער זעלביקער צייט האָט די מלוכה זיך גענומען דאָס רעכט — מיט וועלכן זי האָט זיך די גאַנצע צייט באַנוצט זייער ברייט — אין די עפנטלעכע שולן

צו געבן די זעלביקע קינדער און מינדעריעריקע אַן אַטעיִסטישע דערציִונג. די עפנטלעכע שול איז בכן, אויפן חשבון פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, פון אַלע, ווי מיר זאָגן דאָ, „שטייערצאָלער", גלויביקע און אומגלויביקע צוגלייך, אַ ס ע ק ט אַ ר י אַ נ י ש ע, בשעת די גלויביקע בירגער קאָנען אַפילו אויף זייער אייגענעם חשבון נישט געבן קיין רעליגיעזן לימוד זייערע קינדער אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן. לויט די זעלביקע געזעצן האָבן רעליגיעזע קערפּערשאַפטן קיין רעכט נישט אָנצופירן פּראָפּאַגאַנדע אָדער אויפקלערונגס־אַרבעט, בשעת די נישט־גלויביקע מעגן טאָן ז יי ע ר „מיסיאָנערישע" אַרבעט פראַנק און פריי (אַרטיקל 124 פון דער נייער קאָנסטיטוציע) און — כאָטש דאָס איז אָפיציעל אפשר נישט צוגעגעבן געוואָרן — אויפן חשבון פון דער מלוכה.

די אומגייטראַלע שטעלונג צו רעליגיע ווערט נאָך בולטער, ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז קיין שום בירגער וואָס געהערט צו אַ קירך אָדער רעליגיעזן אַסאָציאַציע קאָן נישט זיין קיין מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. יעדער פּאַרטיי אָדער אָרגאַניזאַציע דאַרף נאַטירלעך געגעבן ווערן דאָס רעכט צו מאַכן אירע תקנות ווי זי וויל און אויסצואַרבעטן אירע קוואַליפיקאַציעס פאַר מיטגלידערשאַפט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד איז אָבער נישט איינע פון אַ צאָל פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; זי איז די רעגירונגס־פּאַרטיי און דערצו נאָך די איינציקע וואָס מעג עקזיסטירן. אַ צאָל בירגער ווערן אויף אַזאַ אופן בארויבט פון זייערע רעכט צו באַאיינפלוסן דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד מחמת זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען.- דערצו דאַרף מען נאָך צורעכענען דעם אַרטיקל 65 פון דער 1918־קאָנסטיטוציע, לויט וועלכן פּראָפעסיאָנעלע גייסטלעכע האָבן נישט קיין בירגער־רעכט, טאָרן, הייסט עס, נישט וויילן און נישט געווײלט ווערן פאַר קיין שום עפנטלעכע אַמטן. לויט שפּעטערדיקע ספּעציעלע רעגולאַציעס, האָבן זיי אויך נישט שטענדיק געהאַט דאָס רעכט צו קריגן שפּייז־קאַרטן*), אָדער זיי האָבן באַקומען שפּייז־קאַרטן פון דער נידעריקסטער קאַטעגאָריע („בלויז גענוג אַז די גלחים זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרגעסן דעם ריח פון ברויט", ווי דער שפּעטער ליקווידירטער זינאָוויעוו האָט זיך עטלעכע מאָל סאַדיסטיש אויסגעדריקט אין זיינע אַרטיקלען).

פרייהייט פון רעליגיע — אין דעם זינען אין וועלכן מיר זענען געוווינט

---

*) כדי צו פאַרמיידן מיספאַרשטענדענישן, זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז דער דערמאָנטער אַרטיקל 65 איז אין די לעצטע יאָרן שוין מער נישט גילטיק. פּראָפעסיאָנעלע גייסטלעכע פון אַלע אמונות געניסן שוין אין אַלע רעפּובליקן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פולע בירגער־רעכט (חוץ דעם רעכט אויף מיטגלידערשאַפט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי), און די קאַטעגאָריע פון די אַזוי־גערופענע „לישענצעס" איז אינגאַנצן אָפּגעשאַפט.

אויפצופאַסן דעם דאַזיקן באַגריף אין אַמעריקע, אין פראַנקרייך, בכלל אין מערב־לענדער וואָס האָבן ביי זיך דורכגעפירט די „סעפּאַראַציע״ צווישן קירך און שטאַט — האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד די אַלע יאָרן נישט עקזיסטירט, נישט אין דער פּראַקטיק און נישט אַפילו ק אָ נ ס ט י ט ו צ י אָ נ ע ל.

III

ווי אַזוי האָט דער סאָוועטישער רעזשים ביז אַהער באַהאַנדלט רעליגיע אין דער פּראַקטיק?

די אויפגאַבע פון פירן אַ פאַרניכטונגס־קאַמף קעגן אַלע פאָרמען פון אָרגאַניזירטער רעליגיע, פון איין זייט, און פון האַלב־טאָלערירן די „אינערציע״ פון רעליגיעזן לעבן, פון דער אַנדערער זייט, איז אין אַזאַ לאַנד ווי רוסלאַנד, נאַטירלעך, נישט געווען קיין לייכטע. ווי דער הויפּט־שונא איז זעלבסטפאַרשטענדלעך באַטראַכט געוואָרן די אַמאָל הערשנדיקע, אָפיציעלע גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך, מ׳האָט זיך אָבער געמוזט רעכענען אויך מיט גלויביקע רוסן, וואָס האָבן צו דער אָפיציעלער קירך נישט געהערט און האָבן אין משך פון דורות געמוזט דערפאַר דורכלעבן שרעקלעכע רדיפות און פייניקונגען: מיליאָנען „ראַסקאָלניקעס״ אָדער „סטאַראָאָבריאַדצעס״, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער קאַזיאָנער קירך נאָך אין 1667; ראַציאָנאַליסטישע, מיסטישע, קאָמוניסטישע און שאָקירנדיק אָבערגלויבערישע סעקטעס מיט באַדייטנדיקע צאָלן אָנהענגער, אַזעלכע ווי באַפּטיסטן און שטונדיסטן, „כליסטי״ (בעלי־סיגופים מיט אַ מאַזאָכיסטישן ריטואַל), „ביעגוני״ (לויפערס), „סקאָפּצי״ (סריסים), מענאָניטן און דוכאָבאָרן (וואָס האָבן איינגעפירט אין זייערע דערפער עוואַנגעלישן קאָמוניזם נאָך צוריק מיט עטלעכע דורות), סיבאַטניקעס, „זשידאָווסטווישטשיע״ (וואָס האָבן אָנגענומען און פּראַקטיצירט ייִדישקייט) און אַנדערע. צווישן די ווייסרוסן און אוקראַינער זענען אויך געווען (און פאַראַן ביז היינט) אָנגעזעענע צאָלן אוניאַטן, רוימישע קאַטאָליקן מיט אַ געוויסן סלאַוויש־מזרחדיקן ריטואַל. אַ באַזונדער פּראָבלעם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאַטוילישע קירך מיט אירע עטלעכע מיליאָנען נאָכפאָלגער, מיטגלידער פון אַ מעכטיקן און פאַרצווייגטן „אינטערנאַציאָנאַל״, מיט זיינע שטרענגע תביעות אויף אַן אייגענער לאָיאַליטעט און דיסציפּלין. די לוטעראַנישע קירך איז אין רוסלאַנד געווען שוואַכער פון דער קאַטוילישער. אָבער די מיינסטע דייטשן, שוועדן און פינער וואָס האָבן דאָרט געלעבט, האָבן צו איר געהערט און דורך איר געקראָגן אָדער געווען עלול צו קריגן השפּעות פון אויסלאַנד. אויף דער וואָלגאַ, אין קרים, און נאָך מער אין קאַווקאַז און טורקעסטאַן — מיליאָנען מאַכמעדאַנער, פון וועלכע אַ סך האָבן געהאַט פאַר־

בינדונגען מיט טערקיי, מיט פערסיע און מיט די מעכטיקע מוסולמענישע אָר־גאַניזאַציעס אין כינע און אינדיע; צווישן די פאַרשידענע מאָנגאָלישע שבטים (קאַלמיקן, קירגיזן, באַשקירן און אַנדערע) — אַ פּאָר מיליאָן בודיסטן; עטלעכע מיליאָן ייִדן, וואָס נאָך אַלע משכילישע און סעקולאַרע באַוועגונגען, איז נאָך זייער רוב מנין און בנין, אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציע, אין פאַרשידענע גראַדן, געווען פאַרבונדן מיט טראַדיציע און מיט רעליגיעזער פּראַקטיק. אַן אייגנאַרטיקע פּראָבלעם איז געווען די אַרמעניש־גרעגאָריאַנישע קירך, איינע פון די עלטסטע אין דער געשיכטע פון קריסטנטום, מיט אַ רעקאָרד פון גרויסן מאַרטירערטום און מיט איר „אוניווערסאַלן צענטער" אין עטשמיאַדזין (סאָ־וועטישע אַרמעניע), וואָס זיין ק אַ ט אָ ל י ק אָ ס אויטאָריטעט ווערט אָנער־קענט פון קריסטלעכע אַרמענער איבער גאָר דער וועלט.

אין פּרינציפּ, יורידיש, האָט די סאָוועטישע מאַכט קיינמאָל נישט גע־מאַכט קיין אונטערשיד צווישן איין קירך אָדער רעליגיעזער אַסאָציאַציע און דער אַנדערער. אין דער פּראַקטיק אָבער קאָן מען אָנווייזן אויף אַ געוויסער עלאַסטישקייט אין דער באַהאַנדלונג פון די פאַרשידענע אמונות. ווי־פיל, למשל, די ייִדסעקציע האָט נישט געזוכט צו באַווייזן אַז דאָס ייִדישע רעלי־גיעזע לעבן איז דורך און דורך אָנגעלאָדן מיט קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן די־נאַמיט, איז די ייִדישע אמונה קיינמאָל אונטערן סאָוועטישן רעזשים נישט גערודפט געוואָרן מיט אַזאַ שאַרפקייט ווי פּראַוואָסלאַוויע אָדער דער רוימי־שער קאַטאָליציזם. ייִדישע קאָמוניסטן האָבן געקאָנט אין זייערע פּלאַקאַטן טוי־זנטער מאָל אָוועקשטעלן אַן אָנגעפּרעסענעם, פּיזיש אָפּשטויסנדיקן, וווּלגאַרן רב אינאיינעם מיט אַ בייכיקן גלח מיט עקלהאַפט־סענסועלע ליפּן, און זיי לאָזן ביידע קושן דעם צאַרס טריפהנע האַנט אָדער בענטשן די מאַשין־ביקסן וואָס זענען אָנגעשטעלט אויפן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קלאַס, אין רוס־לאַנד האָט מען אָבער געוווּסט און געדענקט אַז די ייִדישע אמונה איז געווען ביז דער רעוואָלוציע אַ גערודפטע, די גערודפטסטע פון אַלע, בשעת די הערשנ־דיקע קירך האָט אויב נישט ממש געהערשט, איז זי, לכל הדעות, געווען, אין די מיינסטע פאַלן, אַ ווילליקער אינסטרומענט אין די הענט פונעם צאַריזם און פונעם פעאָדאַלן קלאַס און האָט מאָראַליש און אָרגאַניזאַציאָנעל געהאָלפן דער דעספּאָטישער הערשאַפט איבערן פאָלק. עס איז נישט קיין צופאַל וואָס אין דעם באַרימטן מאָסקווער פּראָצעס פון די צוואַנציקער יאָרן ,אינעם פּראָ־צעס פון „די פיר און פופציק", האָבן פיגורירט צוואַנציק פון די העכסטע גלחים פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך (אינאיינעם מיטן פּעטערבור־גער מיטראָפּאָליט וועניאַמין) און אַ באַדייטנדיקע גרופּע פון רוימיש־קאַ־טוילישע שררות, מיטן בישאָף צעפּליאַק און מאָנסיניאָר בודקעוויטש בראש,

אָבער קיין רב האָט זיך צווישן זיי נישט געפונען (פינף און צוואַנציק פון די אָנגעקלאָגטע זענען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און אַ טייל פון די טויט־אורטיילן זענען טאַקע אויסגעפירט געוואָרן). אין די גאָר סענסאַציאָנעלע פּראָצעסן קעגן „קלעריקאַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן" האָבן מיר אויך נישט געזען קיין באַפּטיסטן, אָדער בודיסטן, אָדער מאַכמעדאַנער, אָדער אַרמענאָ־גרעגאָריאַנער. זיי, אינאיינעם מיט יידן, זענען באַטראַכט געוואָרן פאַר ווייניקער אינטערעסירט אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען און ווייניקער געפערלעך פאַרן אויפבוי פון „אַ נייַ לעבן" איידער די קלאַסישע רוסישע קירך אָדער די קאַטוילישע קירך מיטן וואַטיקאַן אין הינטערגרונט. אַ טייל „נאָן־קאָנפאָרמיסטישע" קריסטלעכע סעקטעס האָבן דערפאַר אַ צייט אפילו גענאָסן געוויסע פּריווילעגיעס: באַפּטיסטן, למשל, האָט מען אין אַ סך ערטער, אין משך פון עטלעכע יאָר, דערלויבט דורכצופירן זייער „גאָטעסדינסט" אונטערן פרייען הימל, אין מיטן שטאָט אָדער אין פּאַרקן, בשעת קיין שום פּראַוואָסלאַוונע אָדער קאַטוילישע געמיינדע האָט דאָס נישט געטאָרט טאָן. אין דער פּראַקטיק האָט זיך אָפּמאָל בולט געמאַכט אַ נישט־אָפיציעלע טענדענץ אַרויסצווייזן מער דרך־ארץ אָדער טאָלעראַנץ צו קולטן, וואָס זענען פאַר דער רעוואָלוציע געווען גערודפט אָדער באַגרענעצט אין זייערע רעכט. לויט דער דאָזיקער לאָגיק פון „עליונים למטה ותחתונים למעלה" איז אויסגעקומען, אַז אייב דאָס וועט פירן דערצו (ווי עס האָט טאַקע אין געוויסע געגנטן געפירט) אַז צאָלן פּראַוואָסלאַוונע רוסן זאָלן איבערגיין צו די באַפּטיסטן אָדער שטונדיסטן, וועט דאָס אויך זיין אַ רעלאַטיווער געווינס — נישט ווייל די לעצטע זאָלן אין תוך זיין בעסער פון דער אַמאָליקער אָפיציעלער קירך, נאָר ווייל זיי קאָנען נישט האָבן יענע אַספּיראַציעס, פון וועלכע אַ היסטאָריש איינגעפונדעוועטע קירך, מיט גרויסע פּריווילעגיעס אין דער אַזוי נאָענטער פאַרגאַנגענהייט וויל זיך לייכט נישט אָפּזאָגן. מיט באַזונדערער פאָרזיכטיקייט האָט מען אַ ריי יאָרן באַהאַנדלט די קרוב צו צוואַנציק מיליאָנען מאַכמעדאַנער פון סאָוועט־רוסלאַנד, נישט נאָר ווייל די אָנהענגער פון איסלאַם זענען עקשנותדיקער און פאַנאַטישער אין זייערע רעליגיעזע לאָיאַליטעטן און עס איז געווען באַזונדערס געפערלעך אַרויסצורופן זייער אַנטאַגאָניזם, נאָר אויך צוליב זייערע פאַרבינדונגען מיט צענדליקער מיליאָנען גלויבנס־ברידער אין אַ ריי לענדער אין אַזיע און אַפריקע, אין וועלכע די דעמאָלטדיקע קאָמוניסטישע פּאָליטיק האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט אין די צוואַנציקער יאָרן נאָך אָנגעפירט אַ פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע אין פּערסיע און אַפגאַניסטאַן, אין די אַראַביש רעדנדיקע לענדער, אין אינדיע און אין כינע, מיט זייערע אומגעהייער גרויסע צאָלן מאַכמעדאַנער און אויך

אין די קאָלאָניאַלע לענדער פון צפון־אַפריקע. אין אַ טייל פון די דאָזיקע לענדער האָט דער קאָמינטערן נישט זעלטן געניצט אין זיין אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטישער פּראָפּאַגאַנדע מאָטיוון, וואָס האָבן געזאָלט אַפּעלירן צו די גע־קריוודעטע נאַציאָנאַליסטישע און רעליגיעזע געפילן. צו־שאַרפע רדיפות פּו־נעם איסלאַם וואָלטן אין יענע טיילן פון דער וועלט געמאַכט די קאָמוניס־טישע פּראָפּאַגאַנדע אומגעהייער שווער, אויב נישט אוממעגלעך. די מוסול־מענישע קירך האָט דערפאַר, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע, לפי ערך ווייניק געליטן פון רעפּרעסיעס. אין קאַווקאַז און טורקעסטאַן האָבן יאָרנלאַנג עק־זיסטירט „מעדרעסעס" (מוסולמענישע חדרים) כמעט פראַנק און פריי, און „קינדער פון צאַרטן עלטער און מינדעריעריקע" האָבן דאָרט געקראָגן זייער טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע דערציִונג — כאָטש, ווי עס פאַרשטייט זיך אַליין, קיין אָפיציעלע דערלויבעניש אויף אַזעלכע אינסטיטוציעס, וואָס וואָלט גע־ווען אומגעזעצלעך, איז קיינמאָל נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן. אין 1923, איז אין אופאַ, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, אַפילו פאַרגעקומען אַן אַלפאַרבאַנדישער מוסולמענישער קאָנגרעס, אויף וועלכן עס זענען, אגב, גע־זאָגט געוואָרן תפילות פאַר לענינס געזונט, און דער קאָמוניסטיש־אינספּי־רירטער „קאָנגרעס פון די מזרח־פעלקער" מיט דער באַטייליקונג פון אויס־לענדישע דעלעגאַטן, וואָס איז פאַרגעקומען עפּעס פריִער אין באַקו, האָט זיך פייערלעך געעפנט מיט דער גאַנצער פּאָמפּע און צערעמאָניאַל פון אַ פייער־לעכן מוסולמענישן „גאָטעסדינסט".

די הויפּט־אַטאַקע איז אין משך פון אַ צאָל יאָרן געווען געצילט, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, קעגן דער גרעסטער און, פון אַ רוסיש־באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט, געפערלעכסטער קירך — די גריכיש־אָרטאָדאָקסישער. עס איז איצטער נישט די צייט זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע, צי די דאָזיקע קירך האָט טאַקע „כשר פאַרדינט" אין אַזאַ מאָס גערודפט צו ווערן. אין די לעצטע יאָרן האָבן, ספּעציעל אין דער רוסישער עמיגראַציע, זיך באַוויזן אַ סך אַפּאָ־לאָגעטן פון דער רוסישער קירך און פון איר היסטאָרישער ראָלע אין לעבן פון פאָלק (פּיטרים סאָראָקין פון האַרוואַרד, פּראָפעסאָר טימאַשעוו פון פאָרדהעם־אוניווערזיטעט, די אַריסטאָקראַטישע העלענאַ איזוואָלסקאַיאַ און אַנדערע). זיי גיבן מערסטנטייל אַ ראָמאַנטיש, אידעאַליזירט בילד פון דער קירך ווי אַ פאָלקסטימלעכע און פאָלקס־ליבנדיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט מערסטנטייל געהאַט איין עבודה: אַרויסהעלפן און באַשיצן דעם פּראָסטן מענטשן און פאַרשפּרייטן פּשוטע, טרייסטנדיקע פרומקייט. אָבער אַלץ איינס, וואָס די קירך איז נישט געווען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט און ווי גרויס איר ציוויליזאַטאָרישע און סאָציאַלע ראָלע איז נישט געווען ביז פּעטער דער גרוי־

סער האָט אונטערגעהאַקט איר מער אָדער ווייניקער זעלבסטשטענדיקע עק־זיסטענץ — האָט אָבער דאָס וואָס דער רעוואָלוציאָנערער דור פון 1917 האָט וועגן איר קאָנקרעט געוווּסט און געדענקט נישט געקאָנט אַרויסרופן צו איר קיין ליבע און נישט קיין רעספּעקט.

דער פּראַ־קאָמוניסטישער דין פון קעגנטערבערי האָט אין זיין פּאָפּולערן בוך „סאָוויעט פּאַואוער" זיך דערלויבט די באַהויפּטונג, אַז אין רוסלאַנד האָט אַ לחלוטין אומגעבילדעטער מענטש געקאָנט ווערן אַ בישאָף. ווו ער האָט אַזאַ אינפאָרמאַציע געקראָגן, וועט מוזן בלייבן זיינער אַ סוד. אין די לעצטע דורות, יעדנפאַלס, זענען קיין עם־האַרצישע בישאָפן אין רוסלאַנד נישט געווען און אַפילו דער דורכשניטלעכער שטאָטישער גייסטלעכער האָט זיך אין אונ־דזערע יאָרן געקאָנט פאַרמעסטן אין לומדות מיט אַ דורכשניטלעכן גלח אין אַמעריקע. נישט דער מאַנגל אין בילדונג איז געווען דער חסרון פון דער קירך, וואָס די רעוואָלוציע האָט איר געקאָנט אויפוואַרפן. די וואָס האָבן זיך באַפרייט פון איר היפנאָז האָבן אין איר, מיט נישט ווייניק גרונט, געזען אַ רייך־אויסגעפּוצטן משרת ביים צאַרישן רעזשים און ביי דעם פעאָדאַלן קלאַס. די גאַלעריע פון באמת גרויסע און הויך־מאָראַלישע כאַראַקטערן וואָס די קירך האָט פאַרמאָגט צו איר קרעדיט אין דער פאַרגאַנגענהייט, און יענע איינצלנע טיף־רעליגיעזע און וויזיאָנערישע מאַנאַכן פון די לעצטע דורות, וואָס האָבן אינספּירירט אַ דאָסטאָיעווסקי צו שילדערן מיט אַזוי פיל יראת הכבוד דעם זקן זאָסימאַ (אין די „ברידער קאַראַמאַזאָוו") קאָנען נישט מכפּר זיין אויף דער פאָלקס־פיינטלעכער האַלטונג מצד דעם קירכן־באַאַמטנטום אין די צייטן פון פאַר דער רעוואָלוציע. אין זיין בוך „רוסלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַ־טן", באַרימט זיך פּיטרים סאָראָקין מיטן פאַקט, וואָס די רוסישע קירך האָט קיינמאָל נישט געשאַפן קיין אינקוויזיציע און זי איז, אַזוי אַרום, נישט באַ־לאָדן מיט יענע חטאים, פון וועלכע דער קאַטוילישער קירך איז נאָך ביז היינט אַזוי שווער זיך ריינצוּוואַשן. איז טאַקע אמת, אַז זי האָט קיינמאָל קיין ענ־לעכן אַפּאַראַט נישט פאַרמאָגט. אָבער אָן אַזאַ אַפּאַראַט זענען אירע האַנד־לונגען צו אָפט געווען אינקוויזיטאָריש. אויב מ'האָט געשיקט שטראָף־עקס־פּעדיציעס קעגן ראַסקאָלניקעס און מאָלאָקאַנער, אויב מ'האָט געשמיסן דו־כאָבאָרן און צוגענומען ביי זיי די קינדער, אויב מ'האָט אַריינגעוואָרפן מענטשן אין טורמע אָדער פאַרמוטשעט זיי צום טויט אין ווייטע פאַרשיקונגען פאַר זיך וועלן מגייר זיין אָדער „אַריינפאַלן אין דער קאַטוילישער כפירה", איז דאָס געטאָן געוואָרן אין נאָמען פון דער קירך. די רעכטלאָזיקייט פון יידן איז מאָטיווירט געוואָרן רעליגיעז און האָט געטראָגן אויף זיך די קירכעס ברכה. און האָט מען געשמיסן פּויערים איבער די נאַקעטע לייבער פאַר „אַגראַרישע

אימאָרדענונגען״, האָט די קירך נישט נאָר געשוויגן, נאָר אויך אין די מיינסטע פאַלן, גערופן דיזעלביקע פויערים תשובה צו טאָן פאַר ז יי ע ר ע זינד. אי־ליאָדאָר איז געקומען פון דער קירך; קעגן ראַספּוטינס מעשי־תעתועים, קעגן זיין פאַטאַלער ראָלע אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד, האָט די קירך קיינמאָל איר שטים מוטיק נישט אויפגעהויבן, און עס איז געווען אַן אָפענער סוד, אַז פאַר אַ סך פון די נידערטרעכטיקסטע האַנדלונגען פון דער צאַרישער רע־גירונג איז אינטעלעקטועל געווען פאַראַנטוואָרטלעך פּאָביעדאָנאָסצעוו, דער אויבער־פּראָקוראָר פונעם „הייליקן סינאָד״ *). עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס טאָלסטאָי, וואָס האָט נאָך זיין קריזיס געזוכט פאַר זיך אַ פּלאַץ אין דער היימישער קירך, האָט זיך באַלד געמוזט אָפּקערן פון איר מיט צאָרן און עקל. בערדיאַעוון, דעם גרויסן מליץ־יושר פון פּראַוואָסלאַוויע אין אונדזער דור, איז גאָר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו מאַכן זיין דערקלערונג, אַז די רע־וואָלוציע און די עינויים וואָס זי האָט, לויט זיין מיינונג, געבראַכט דעם רו־סישן פאָלק, איז אַן „עונש מן השמים״, אַ פאַרדינטע שטראָף פאַר די גרויסע זינד, וואָס די קירך איז באַגאַנגען.

די פאַרביטערונג פון דער רעוואָלוציע קעגן דער אָפיציעלער קירך איז, בכן געווען אי אַ פאַרשטענדלעכע, אי אַ באַרעכטיקטע. דער פעלער וואָס דער קאָמוניזם איז באַגאַנגען ליגט נישט אַזוי פיל אין דער אָפּשאַצונג פון דער ראָל וואָס די קירך האָט געשפּילט אין די לעצטע עטלעכע דורות, ווי אין דעם צו פשטנישן פּראָגנאָז, וואָס זי האָט געמאַכט בנוגע דער צוקונפט. עס איז לכתחילה געווען אַ געוויסער גרונט אָנצונעמען (אָדער, לכל הפחות, צו האָפן), אַז אַ מאַטעריעל אָרעמע קירך אָן אַן אָפיציעלן סטאַטוס, אָן דער קאָרופּטירנ־דיקער שטיצע פון אַ רעזשים וואָס דאַרף זי האָבן ווי איינעם פון זיינע אינס־טרומענטן פאַר דער אונטערדריקונג פון פאָלק, קאָן זיין בכוח אַרויסצובריינ־גען די פּאָזיטיווערע סאָציאַל־רעליגיעזע כוחות, וואָס האָבן געדרימלט אין די הערצער פון מיליאָנען גלויביקע. דאָס אָפּטיילן רעליגיע פונעם שטאַט האָט געשאַפן פאַר דער קירך די געלעגנהייט דורכצומאַכן אַ פּראָצעס פון זעלבסט־ריניקונג. לויט אָפיציעלער סאָוועטישן ליטעראַטור קומט אויס, אַז די קירך איז אויך נאָך דער רעוואָלוציע נישט גרייט געווען אויף אַן ערנסטן חשבון־הנפש, און זי האָט באַשלאָסן אויך אויף ווייטער צו בלייבן דאָס, וואָס זי איז געווען — אַ רעאַקציאָנערער כוח, וואָס איז וויליק צו דינען די אינטערעסן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס לעכצט נאָך דער רעסטאַווראַציע פון אַ

*) אמת, נישט די קירך גופא האָט פּאָביעדאָנאָסצעוון אַוועקגעזעצט אין דער שפּיץ פון דער דאַזיקער אינסטיטוציע. זינט פּעטער דעם גרויסנס רעפאָרמען האָט די קירך נישט פאַר־מאָגט יענע אויטאָנאָמיע וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער וואַל פון פּאַטריאַרך.

קלאַסן־געזעלשאַפט. אין וועלכער מאָס קירכן־קרייזן האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנספּיראַטיווע אַנטי־סאָוועטישע טעטיקייטן, איז נישט לייכט אויסצוגעפינען. עס וועלן מסתמא קומען יאָרן ווען עס וועט מעגלעך זיין אָביעקטיוו אויסצופאָרשן די אָפיציעלע און די פּריוואַטע מאַטעריאַלן וואָס האָבן דערמיט צו טאָן. עס וואָלט געווען אומנאַטירלעך, ווען אין די יאָרן פון בירגער־קריג זאָלן זיך אין דער קירך (באַזונדערס אין אירע העכערע שיכטן), נישט האָבן געפונען עלעמענטן, וואָס האָבן געמאַכט שותפות מיט אַנטי־באָלשעוויסטישע גרופּירונגען. בדרך־כלל אָבער האָט די פאַנאַנדערטיילונג צווישן רעליגיע און שטאַט אָנגעהויבן אויסצואיבן אַ מאָראַליש־היגיענישע השפעה אויפן קירכן־לעבן. קיין קאַריעריסטן האָט אַ פאַראָרעמטע קירך, וואָס איז מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּריוואַטער אָרגאַניזאַציע, נישט געקאָנט צו זיך צוציִען, און נישט ווייניק קאַריעריסטישע עלעמענטן האָבן זי ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן. אין די יאָרן פון רדיפות האָבן אין דער קירך געקאָנט בלייבן מערסטנטיילס אַזעלכע אַמטן־טרעגער (באַזונדערס פון ייִנגערן דור), וואָס זענען געווען גרייט אויף גרויסע קרבנות פאַר זייערע איבערצייגונגען: קריגן אָנשטאָט געהאַלט מאָגערע נדבות פון איינצלנע מענטשן צווישן די גלייביקע; זיין געשטעמפּלט פאַר אַ „לישענע” (רעכטלאָזער); אָפט נישט קאָנען שיקן זיין קינד אין שולע; נישט האָבן קיין ווייִנרעכט אין די גרעסערע אינדוסטריעלע שטעט ווי אַ „פּאַראַזיטישער עלעמענט”; באַרויבט ווערן פון זיין שפּייז־קאַרטע אָדער נוצן אַ שפּייז־קאַרטע פון דער גאָר לעצטער קאַטעגאָריע; שטענדיק שטיין אונטער פאַרדאַכט און פּאָליציי־השגחה; זיין אויסגעזעצט צו דער געפאַר אַרעסטירט און פאַרשיקט צו ווערן. נאָר אַבסאָלוטע טויגעניכצן פונעם עלטערן דור אָדער יונגע, רעליגיעז־העראָישע נאַטורן האָבן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען געקאָנט בלייבן אין דער קירך אויף זייערע פּאָסטנס. ווען מיר געפינען איצט אויס, אַז אין רוסלאַנד זענען פאַראַן דרייסיקיעריקע גלחים (וואָס אַ סך פון זיי דינען אין דער רויטער אַרמיי), איז דאָס אַליין אַ באַשטעטיקונג פון אַ מעכטיקן אידעאַליסטישן שטראָם וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן, אין די ערגסטע יאָרן פון מיליטאַנטישן אַטעיִזם, אין רוסישן רעליגיעזן לעבן. דאָס הייסט, אַז טראָץ די רדיפות (אָדער אפשר גאָר אַ דאַנק זיי), איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ אַטמאָספערע, אַז יונגע קינדער, „קינדער פון דער רעוואָלוציע” — אַזעלכע, וואָס געדענקען גאָר נישט קיין אַנדער רעזשים — האָבן זיך געגעבן אַ נדר צו גיין אויף „קידוש השם” און זיך צוגרייטן צו אַ פּראָפעסיע, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר הייליק. ווו האָבן זיי אייגנטלעך געקראָגן זייער „סמיכה”? קיין טעאָלאָגישע סעמינאַרן זענען ביז איצט אין סאָוועט־רוסלאַנד נישט געווען, קיין אויסלאַנד פאָרן האָבן זיי אויך

נישט געקאַנט. אַ סך פֿון זיי האָבן געקראָגן זייער אויסבילדונג דורך מימעאָ־גראַפֿירטע קאָרעספּאָנדענץ־קורסן; אַנדערע, אין קליינע גרופּן, אונטער דער שטילער פֿירערשאַפֿט פֿון אַ בישאָף; נאָך אַנדערע „איש מפּי איש", דורך פּריוואַטן לימוד. אַזאַ וויטאַליטעט האָבן די פֿירנדיקע קאָמוניסטן זיכער נישט פֿאָרויסגעזען, און דאָס הייסט, אַז זיי האָבן פֿאַלש אָפּגעשאַצט די גייסטיקע פּאָטענצן אין אַ קאָרופּטער קירך, וואָס האָט דאָך געהאַט אין זיך געוווּנטע קערנדלעך און אַ פֿעיִקייט זיך אַליין צו היילן.

די דאָזיקע פֿאַלשע אָפּשאַצונג איז — באַזונדערס „אויף די ערטער" — געווען איינער פֿון די הויפּט־מאָטיוון אין דער דורכפֿירונג פֿון שאַרפֿע רעפּרעסיעס קעגן די גלויביקע. עס וואָלט פֿאַרנומען צופֿיל פּלאַץ (און עס איז איצטער פֿאַר דעם נישט די ריכטיקע צייט) אויסצורעכענען די דעטאַלן פֿון דער מיליטאַנטישער אַנטי־קירכן־פּאָליטיק וואָס איז אין רוסלאַנד געפֿירט געוואָרן ביז צוריק מיט עטלעכע יאָר. פּראָפֿעסאָר טימאַשעווס לעצטע אַרבעט, אויף וועלכער איך האָב זיך שוין פֿריִער פֿאַררופֿן, פֿאַרמאָגט, טראָץ איר טענדענציעזן כאַראַקטער, אַ רייכן און בדרך־כּלל אַ געוויסנהאַפֿט דאָקומענטירטן מאַטעריאַל וועגן די פֿאַרשידענע פֿאָרמען, וואָס די רדיפֿות אויף דער קירך האָבן אָנגענומען אין יעדן פּעריאָד באַזונדער. עס איז דאָ גענוג צו דערמאָנען, אַז לאָקאַלע סאָוועטן האָבן אַרביטראַריש אַליין באַשטימט, וויפֿיל געביידעס די גלויביקע אין אַ געגעבענער שטאָט דאַרפֿן האָבן פֿאַר זייער גאָטעסדינסט, כאָטש פֿאָרמעל האָט עס אין די מיינסטע פֿאַלן געטראָגן אַן אַנדערן כאַראַקטער: גרויסע מיטינגען פֿון דער „אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג" האָבן (מערסטנטיילס „איינשטימיק"...) באַשלאָסן, אַז קיין גלויביקע אין שטאָט אָדער אין דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן זענען שוין נישטאָ, אָדער אַז זייער צאָל איז אַזוי קליין, אַז די מיינסטע רעליגיעזע געביידעס קאָנען שוין פֿאַרווענדט ווערן פֿאַר אַנדערע צוועקן. אין אַנדערע ערטער האָט מען נישט דערלויבט די קירכן אָדער געבעט־הייזער צו נוצן עלעקטרישע באַלייכטונג. אַלע יאָרן האָט מען פּאַקטיש נישט געקאָנט דרוקן נישט די ביבל, נישט קיין געבעט־ביכער און נישט אַפֿילו קיין לוח פֿאַר רעליגיעזע צוועקן, כאָטש קיין בפֿירושער פֿאַרבאָט האָט קעגן דעם קיינמאָל נישט עקזיסטירט. די פֿאַרבאָרגנקייט און די „עלאַסטישקייט" פֿון די געזעצן, וועלכע מיר האָבן פֿריִער אַנאַליזירט, האָבן געגעבן אַ מעגלעכקייט די לאָקאַלע אויטאָריטעטן צו טאָן כמעט אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך (נישט זעלטן אויך אין דערפֿער) פֿלעגן זיך באַנדעס אַנטי־רעליגיעזע פֿאַנאַטיקער אַריינרייסן אין געבעט־הייזער מיט דער אָפֿענער כּוונה צו שטערן מיט געשרייען און ביליקע זילזולים די תּפֿילה און צו פּראָוואָצירן אַ געשלעג מיט

די גלויביקע. און האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַ געשלעג אָדער אַ סקאַנדאַל, האָט די מיליציע נאַטירלעך געהאַט דאָס רעכט דעם גאַנצן עולם פונאַנ־דערצוטרייבן און זיך דערביי צו שטיצן אויפן געזעץ, וואָס זאָגט בפירוש אַז „עפנטלעכע תפילה איז גאַראַנטירט מיט דעם באַדינג, אַז זי זאָל נישט ברענ־גען צו קיין שטערונג פון דער עפנטלעכער רו און אָרדענונג". קיין אויספּאַר־שונגען, ווער אָדער וועלכער צד עס האָט גורם געווען די אָרדענונגס־שטערונג, זענען מערסטנטיילס נישט געמאַכט געוואָרן, און נישט איין מאָל זענען גאָר פאַרפירט געוואָרן פּראָצעסן קעגן די מתפּללים פאַר בייזוויליקע אָנפאַלן אויף די נישט־גלויביקע. אין זייער אלף־בית פון קאָמוניזם האָבן בוכאַרין און פּרעאָבראַזשענסקי, אמת, געוואָרנט קעגן אַ כוליגאַנישער באַ־האַנדלונג פון די גלויביקע: „די רעליגיעזע מענטשן זענען אין דער העכסטער מאָס סענסיטיוו, און סתם חוזק מאַכן פון רעליגיע וועט שטערן דער פּראָ־פּאַגאַנדע". אַזעלכע וואָרענונגען זענען נישט איינמאָל געמאַכט געוואָרן אויך פון יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי (דער הויפּט־אָנפירער פון דעם „סאַיוז בעז־באָזשניקאָוו", אָדער, ווי אַנדערע האָבן אים סאַרקאַסטיש גערופן, „דער פּויפּסט פון די אַטעיִסטן"). ביי אַ געוויסער געלעגנהייט — ווען אַ מיידל, אַ סטאַכאַנאָווקע אין סיביר, וואָס איז פּערזענלעך געקריוודעט געוואָרן מחמת איר צוגעהעריקייט צו דער קירך, און איר איז געלונגען צו ברענגען איר אָנ־קלאָגע צו די העכסטע אויטאָריטעטן אין מאָסקווע — האָט אַפילו סטאַלין עפנטלעך געטאַדלט אַזעלכע אומגעזעצלעכקייטן. דאָס האָט אָבער זייער ווייניק געהאָלפן, ווייל קיין דיסציפּלינאַרע שטראָפן פאַר הונדערטערליי שטע־רונגען, ווילקירלעכקייטן און ווילדקייטן זענען נישט געגעבן געוואָרן, און די יוגנט פון דעם „פאַרבאַנד פון די גאָטלאָזע" האָט ביי זיך געוווּסט, אַז כאָטש אָפיציעל און לפנים דאַרף מען פון צייט צו צייט אַרויסווייזן אַ געוויסן מי־נימום פון טאָלעראַנץ, אָבער אין גרונט איז „באָטשאַלסטוואָ" פון זייערע מעשים נישט זייער אומצופרידן און זי האָט בילכערע זאַכן צו באַזאָרגן ווי צו פאַרטיידיקן רעליגיעזע פאַנאַטיקער...

IV

די רדיפות האָבן נישט געהאָלפן, און עס האָט אויך נישט געהאָלפן די פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע אויף אַלע שפּראַכן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז יאָרנלאַנג אָנגעפירט געוואָרן פון דעם „סאַיוז בעזבאָזשניקאָוו". עס האָבן נישט געהאָלפן די עפנטלעכע דעבאַטן, אויף וועלכע מ'האָט אין די ערשטע יאָרן אַרויסגערופן פאַרטרעטער פון די קירכן און סעקטן, און אויך נישט די רייך־אויסגעשטאַטע אַנטי־רעליגיעזע מוזייען.

וואָס שייך די רוסישע טראַדיציאָנעלע קירך, וואָס איז געווען, ווי שוין אָנגעוויזן, דאָס הויפּט־צילברעט פון די רעפּרעסיעס און פון דער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, האָט מען אַ צייט געזוכט זי אונטערצוגראָבן פון אינעווייניק. די געשיכטע פון דער אַזויגערופענער „זשיוואַיאַ צערקאָוו" (די לעבעדיקע קירך), וואָס איז אין משך פון עטלעכע יאָר אומאָפיציעל געשטיצט געוואָרן פון דער רעגירונג, איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, וואָס פאָדערט אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג. אַ געוויסער טייל פון די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע גלחים האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער אַלטער קירך און האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אַ מין רעליגיעזע רעפאָרמאַציע. צווישן יענע גלחים זענען נישט געווען נישט קיין טעאָלאָגן פון וועלכער נישט איז באַדייטונג, נישט קיין פּערזענלעכקייטן פון וועלכן נישט איז מאָראַלישן שיעור־קומה. זיי האָבן איינגעפירט אומבאַדייטנדיקע ענדערונגען אין ריטואַל און האָבן דערלויבט אויך דער העכערער גלחשאַפט (בישאָפן, מיטראָפּאָליטן) חתונה צו האָבן. דער ראש־המדברים פון דער גרופּע, דער פּראָטאָיערעי וועדענסקי, האָט אין 1922 אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַר רעפאָרמאַציע, וואָס אין פאַרגלייך מיט איר איז לוטערס רעפאָרמאַציע געווען אַ קינדער־שפּיל. טעאָלאָגיש איז אָבער איז אין זיינע קאָלעגן נישט געווען קלאָר וואָס אַזוינס זיי קלייבן זיך צו רעפאָרמירן. די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דער „לעבעדיקער קירך" איז געווען איר קאַטעגאָרישער פּראָ־סאָוועטיזם און די גרייטקייט צו דינען דעם נייעם רעזשים אַן ערך אויף דעמזעלביקן אופן, אויף וועלכן די אַלטע קירך האָט פריער קאָאָפּערירט מיטן צאַרישן רעזשים *). קיין איין קאָמוניסט איז נאַטירלעך נישט געווען באַגייסטערט פאַר דער אידייע פון אַ „סאָוועטישער טעאָקראַטיע" און קיינער פון זיי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין איבערצייגונג, אַז „טוב שבּרעליגיעס הרוג". אָבער כדי אַריינצוברענגען אין די רייען פון די גלויביקע וואָס מער צעטומלעניש, און כדי אויסצונוצן אין אַ שווערן איבערגאַנגס־פּעריאָד אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז גרייט אין נאָמען פון רעליגיע צו געבן אַ הכשר און אַפילו אַ פּרומע ברכה אויף אַלץ, וואָס דער רעזשים טוט, האָבן סיי די צענטראַלע און סיי די לאָקאַלע אויטאָריטעטן גענומען אונטער זייער ספּעציעלן שוץ די „לעבעדיקע קירך".

די רעגירונג איז, בכן, אַ געוויסע צייט געווען אַ צד אין אַן אינעווייניקסטער רעליגיעזער מחלוקת, טראָץ לענינס אַלגעמיינער איבערצייגונג, אַז

*) אַן ענלעכער, זייער נישט ערנסטער און אין פילע פּרטים אַמוזירנדיקער, פּרווו איז געמאַכט געוואָרן, נאָך אין 1920, צווישן יידן: אַ קליינשטעטלדיקער רב האָט דעמאָלט אין קיעוו געפּרווט צו שאַפן, מיט דער פינאַנציעלער מיטהילף פונעם גובערניאַלן סאָוועט, אַ מין „לעבעדיקע סינאַגאָגע".

א „בעסערע" קירך איז ערגער פון א „שלעכטער". א דעקרעט פונעם יוסטיץ־קאמיסאריאט און פונעם קאמיסאריאט פאר אינעווייניקסטע אנגעלעגנהייטן (פונעם 27סטן אפריל, 1923) האט דערלויבט אלע רעליגיעזע ארגאניזאציעס אפצוהאלטן צענטראלע און פראווינציעלע צוזאמענפארן כדי צו ווייזן עקזע־קוטיווע ראטן, אבער אין יעדן איינצלנעם פאל האט זיך געפאדערט א ספע־ציעלע דערלויבעניש. אזעלכע דערלויבענישן זענען אבער ארויסגעגעבן גע־וארן בלויז צו די „נאן־קאנפארמיסטישע" סעקטעס, וואס זענען געווען גע־רודפט פונעם צארישן רעזשים (מ'איז געווען גרייט דאס צו דערלויבן אויך יידן און ארמענא־גרעגאריאנער) און צו דער „לעבעדיקער קירך". ווי א רע־זולטאט פון די דאזיקע צוזאמענפארן איז, מיט דער קאאפעראציע פון דער רע־גירונג, א גרויסע צאל קירך־געביידעס (קעגן דעם ווילן פון די מיטגלידער) איבערגעגאנגען אין רשות פון דער „לעבעדיקער קירך", און, לויט פראפע־סאר טימאשעווס דאקומענטן, זענען 84 בישאפן און העכער טויזנט גלחים באזייטיקט געווארן פון זייערע אמטן, כדי צו מאכן פלאץ פאר פרא־קאמו־ניסטישע גייסטלעכע פון דער נייער קירך. אזעלכע האנדלונגען האבן אבער ארויסגערופן אין גרויסן טיילן פון דער באפעלקערונג אזוי פיל אנטאגאניזם, אז די קירך־געביידעס, וואס זענען איבערגעגעבן געווארן צו דער „לעבעדיקער קירך" זענען געווען אזוי דעמאנסטראטיוו־ליידיק פון מתפללים, און די רע־גירונג האט געמוזט חרטה קריגן, הלמאי זי האט זיך אריינגעמישט „נישט אין איר זאך". א גרויסן, כמעט טויטלעכן קלאפ האט די „לעבעדיקע קירך" געקראגן דעם 19טן יוני 1923, ווען די רעגירונג האט ארויסגעגעבן א ספע־ציען דעקרעט, לויט וועלכן עס איז פארבאטן די לאקאלע אויטאריטעטן צו שטיצן איין רעליגיעזע גרופע קעגן דער אנדערער. דער סאוועטישער עקס־פערימענט מיט דער „לעבעדיקער קירך" האט געליטן א פיאסקא נישט דער־פאר, וואס צווישן דעם גלויביקן רוסישן עולם איז נישט רייף געווארן קיין באדערפעניש צו געוויסע רעפארמען, נאר ווייל די נייע קירך איז געווען צו־פיל קרוב למלכות, און, לויט איר עצם געבורט־שיין, אן אפארטוניסטישע. א „קאזיאנע" קירך, אנדערש געשלייערט, האט נישט געקאנט אפעלירן צו יענע עלעמענטן פונעם פאלק, וואס האט איבערגעלעבט גרויסע אנטוישונגען און אויפטרייסלונגען און זענען דאך געבליבן געטריי די יסודות פון זייער אלטער אמונה.

עס וואלט פארנומען צופיל פלאץ זיך אפצושטעלן אויף די דעטאלן פונעם שטילן, אבער עקשנותדיקן קאמף וואס מיליאנען גלויביקע פון פארשידענע אמונות האבן אין משך פון יארן געפירט פאר זייער רעכט אויף א פריי רע־ליגיעז לעבן. מחמת פארשטענדלעכע טעמים זענען נישט אלע פאזן פון דעם

דאָזיקן קאַמף דאָקומענטירט, און ס׳איז אפשר בכלל בעסער, אַז די גאַנצע געשיכטע זאָל דערציילט ווערן — מער עפּיש, ווי היסטאָריש־פּובליציסטיש — אין בעסערע און רויִקערע צייטן.

וויכטיק איז אָבער צו באַמערקן, אַז דער הויפּט־ממונה אויף אויסראָטן רעליגיע „מיט פרידלעכע מיטלען״, דער באַרימטער „סאָיוז בעזבאָזשניקאָוו״, האָט נאָך אַ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה געמוזט קומען צו גאַנץ מעלאַנכאָלישע פּועל־יוצאס. די אַטעיִסטיש־מיסיאָנערישע טעטיקייט האָט נישט געבראַכט יענע פּרוכט, וואָס מ׳האָט אַזוי אָפּטימיסטיש דערוואַרט. אַ פּאָר יאָר נאָך דער סענסאַציאָנעלער אָרגיע פון עפנטלעך פאַרברענען אי־קאָנעס און אַנדערע „קעגנשטאַנדן פון קולט״, האָבן זיך באַוויזן נייע, פרישע איקאָנעס (אומלעגאַל פּראָדוצירטע און פון אַ גאַנץ פּרימיטיווער קינסטלע־רישער קוואַליטעט) אין פילע הייזער פון דיזעלביקע אַרבעטער און, דער עיקר, פּויערים, וואָס האָבן זיך פריִער באַטייליקט אין דעם „אויטאָ־דאַ־פע״. קאָלכאָזן האָבן אָנגעהויבן רעמאָנטירן די קירך־געביידעס פון זייער געגנט און צו באַזאָרגן זיי אויף זייער חשבון מיט הייצונג און באַלייכטונג. אין הונדערטער דערפער האָבן זיך באַוויזן וואַנדערנדיקע גלחים מיטן מינימום פון די נייטיקע מכשירים, כדי דורכצופירן שמד־צערעמאָניעס פאַר קינדער, חתונה־צערעמאָניעס פאַר פּאָרלעך וואָס לעבן שוין יאָרן צוזאַמען ווי מאַן און ווייב, און צו הייליקן קברים פון די, וואָס זענען בשעתם געשטאָרבן „נישט־באַזונגען״, און אומעטום האָבן זיך געפונען גרויסע צאָלן מענער און פרויען וואָס האָבן די נאָמאַדישע כלי־קודש אויפגענומען ברייטהאַרציק און מיט ענטוזיאַזם *). אין אַנדערע דערפער נוצט מען קאָלכאָזישע פערד פאַר די גלויביקע, וואָס ווילן פאָרן זונטיק אין אַ ווייטערן פלאַץ, וווּ עס איז פאַראַן אַן אָפענע קירך. אין אייניקע געגנטן פון צענטראַל־רוסלאַנד האָט דער כמעט אומלעגאַלער „כריסטאָמאָל״ (דער פאַרבאַנד פון דער קריסטלעכער יוגנט) אָנגעהויבן ערנסט צו קאָנקורירן מיטן אָפיציעל „קאָמסאָמאָל״ (פאַרבאַנד פון קאָמוניסטישער יוגנט), און אין אַזאַ פּראָווינץ ווי טולאַ האָבן שוין אַרום פופציק פּראָצענט פון די יוגנטלעכע געהערט צו דער קלעריקאַלער אָרגאַני־זאַציע. אין 1937 האָט דער נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענער יעמעליאַן יאַראָס־לאַווסקי געמוזט עפנטלעך מודה זיין, אַז די לאַנגיאָריקע אַנטי־רעליגיעזע

*) אין 1933 האָט מען זיך אויך אין דער ייִדיש־קאָמוניסטישער פּרעסע געקלאָגט, אַז ייִדישקייט שטייט אויף „תחית המתים״: אין די ייִדישע קאָלכאָזן וויל מען נישט אַרבעטן ראש־השנה און יום־כּיפּור, מען איז דאָרט מל די קינדער און אַזוי ווייטער. „אין געוויסע ערטער״, קלאָגט זיך דער „אפּיקורס״, „פאַדערט מען דערלויבענישן אויף מקוהס, און די קלעריקאַלן לאָזן אונדז נישט בויען דעם סאָציאַליזם״.

פראפאגאנדע האט נישט געהאט דעם געהאפטן דערפאלג: די אנטי־רעליגיעזע מוזייען ווערן באזוכט דער עיקר פון אויסלענדישע טוריסטן. געבילדעטע קאמוניסטן האבן נישט קיין חשק צו העלפן דעם „סאיוז בעזבאזשניקאוו" מיט לעקציעס אדער ארטיקלען, און אנשטאט 15 מיליאן מיטגלידער, וואס דער „סאיוז" האט געזאלט האבן לויט דעם „אטעיסטישן פינפיאר־פלאן", פארמאגט ער איצטער ווייניקער פון צוויי מיליאן — גאנצע דריי און א האלבן מיליאן ווייניקער ווי צוריק מיט פיר יאר. לויט יאראסלאווסקיס סטאטיסטיק פון 1937 זענען נאך פון 42 ביז 47 פראצענט פון דער באפעלקערונג, גערעכנט שטאט און דארף אינאיינעם, פארבונדן מיט דער קירך אדער מיט אנדערע רעליגיעזע קערפערשאפטן.

מיר וויסן נישט, וואס פאר א מעטאדע יאראסלאווסקי האט אנגעווענדט אין קריגן זיינע ציפערן, אבער ווי דער הויפט־ממונה איבער דער אנטי־רעליגיעזער פראפאגאנדע האט ער זיכער נישט געהאט קיין גרונט צו איבערטרייבן די נומערישע קראפט פון די „נאך"־גלויביקע...

V

אין 1938 האט דער היסטארישער אינסטיטוט פון דער סאוועטישער אקאדעמיע פון וויסנשאפטן גענומען אויף זיך (אדער געקראגן פון דער רעגירונג) א ספעציעלע אויפגאבע: אויספארשן פונדאסניי די ראל פון קריסטנטום אין דער געשיכטע בכלל און אין דער געשיכטע פון רוסלאנד ספעציעל. אין אקאדעמישע קרייזן האט מען אנגעהויבן גאנץ פריי צו דיסקוטירן די פראגע, צי האט מען נישט אין משך פון א צאל יארן, סיי אין דער פאלקס־אויפקלערונג און סיי אין די טעקסט־ביכער פאר די שולן, געגעבן א פאלש אדער איינזייטיק בילד פון רעליגיע בכלל און פון קריסטנטום בפרט — צי איז נישט געקומען די צייט די זאך צו רעווידירן.

אין משך פון חדשים זענען פארגעקומען אין היסטארישן אינסטיטוט הייסע דעבאטן צווישן צוויי הויפט־גרופן פון געלערנטע. איין גרופע האט געוואלט בלייבן אויפן „קלאסישן" סאוועטישן שטאנדפונקט און זיך ווייטער האלטן ביי פראפעסאר וויפערס טעאריע, וואס לויט איר איז אויסגעקומען ווי צוויי מאל צוויי איז פיר, אז קריסטנטום איז געווען דער עיקר א „דערפינדונג", א מין שפיצל וואס די עקספלואטירנדיקע קלאסן האבן אפגעטאן דעם ארבעטנדיקן און ארעמען פאלק, כדי צו פאראליזירן זיין ענערגיע, אייבצושלעפערן די ארבעטער מיט אן עולם שכולו טוב אין גן־עדן, היפנאטיזירן זיי מיט פאלשער קדושה — מיט איין ווארט, „אפיום", ספעציעל פראדוצירט פאר יענעם. אחוץ די שוין לאנג־באקאנטע (און לאנג־באנקראטירטע)

מאַטיוון פאַר דער באַגרינדונג פון דער דאָזיקער פסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכער טעאָריע וועגן „פריסטער שווינדל", האָבן זיך וויפערס אָנהענגער באַנוצט מיט אַ ביישפּיל פון אונדזער צייט, וואָס איז אַליין פאַר זיך זייער אינטערע־סאַנט, אָבער עס מוז כּלל נישט פירן צו די פּועל־יוצאס אָדער גענעראַליזאַ־ציעס, וואָס זיי האָבן פון אים געמאַכט. אין קאָרעאַ זענען, כּידוע, פאַראַן קרוב צו צוויי מיליאָן קריסטן. איז אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזוי זיי ווערן באַ־האַנדלט אונטער דער יאַפּאַנישער אָקופּאַציע: מען דערלויבט זיי צו דרוקן און צו לייענען דעם נייעם טעסטאַמענט, און אין דערזעלביקער צייט סטאַ־רעט זיך דער אָקופּאַנט מיט אַלע מיטלען, אַז דער אַלטער טעסטאַמענט זאָל וואָס ווייניקער געלייענט ווערן. דאָס איז זיכער, האָבן די „וויפּעריסטן" גע־טענהט, נישט קיין באַווייז, אַז דער עוואַנגעליום גופא איז די יאַפּאַנישע מי־ליטאַריסטן נענטער צום האַרץ און ליבער פונעם תנ"ך. זיי ווייסן אָבער אַז זיי וועט זיין לייכטער צו אונטערדריקן דאָס באַזיגטע פאָלק, אויב עס וועט דערצויגן ווערן אָדער אויף פעסימיסטיש־פּאַסיפיסטישן בודיזם, אָדער, לכל הפּחות, אויפן עוואַנגעליום מיט זיין „אידעאַליזאַציע פון הכנעה". דער תנ"ך, מיט זיינע בונטאַרן און העלדן, מיט זיין סטימולירנדיקן עפּאָס פון יציאת מצרים און דעראָבערונג פון כּנען, איז, פון שטאַנדפּונקט פון יאַפּאַנישן קאַפּי־טאַליזם און פון דער יאַפּאַניש־מיליטערישער קאַסטע, אַ געפערלעך בוך אין אין די הענט פון אַ פאַרשקלאַפט פאָלק. די צווייטע גרופּע האָט רעוואָלטירט קעגן פּראָפעסאָר וויפּערס אויפפאַסונג און האָט אויפגעלעבט די (אין רוס־לאַנד) שוין לאַנג פאַרגעסענע אינטערפּרעטאַציע פון קאַרל קאַוטסקי — אַז קריסטנטום איז, פּונקט פאַרקערט, אַנטשטאַנען אין די טיפענישן פונעם אַרע־מען פאָלק און ספּעציעל צווישן שקלאַפן, ווי אַ מעטאַפיזיש־מאָראַלישע סוב־לימאַציע פון זייערע ליידן און אויך ווי אַן אויסדרוק פון האַס צו די סאָציאַלע באַציִונגען אין דער גריכיש־רוימישער וועלט. אין גרונט האָט דאָ, פאַרשטייט זיך, קאַוטסקי גאָרנישט מחדש געווען, אָבער אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן האָט ער אין זיין צייט אַרויסגעפירט די דיסקוסיע וועגן דער אַנט־שטייונג פון רעליגיע און ספּעציעל פון קריסטנטום אויף אַן עפּעס העכערן אינטעלעקטועלן שטח. כּדי זיך סומך צו זיין אויף קאַוטסקין, אַפילו אין אַ נישט שטרענג־פּאָליטישן ענין, האָט זיך אין רוסלאַנד געפאָדערט נישט ווייניק קוראַזש (קיין אַנדער טיטל ווי „רענעגאַט" אָדער „משרת פון דער בור־זשואַזיע" האָט דאָך קאַוטסקי ביי קאָמוניסטן קיינמאָל נישט געקראָגן). די אַקאַדעמיקער האָבן אָבער משמעות געפילט אַז זיי קאָנען זיך איצטער דאָס דערלויבן, ווייל „אין די הויכע פענצטער" איז מען פאַראינטערעסירט אַז קריסטנטום זאָל אין אַ באַשטימטער מאָס „רעהאַביליטירט ווערן". ווי משונה־

דיק דאָס זאָל נישט קלינגען, אָבער סוף־כל־סוף האָט „קאַוטסקי געזיגט" אין דער פּלוגתא צווישן די צוויי אַקאַדעמישע גרופּן. דער אינסטיטוט האָט אינס־טרויִרט פּראָפעסאָר ראַנאָוויטשן, אַז ער זאָל פאָרמולירן אין אַ ספּעציעלן אַר־טיקל „די נייע ליניע" אין דער אויסטייטשונג פון קריסטנטום, און עס איז אינטערעסאַנט צו ברענגען אייניקע אויסצוגן פון דער דאָזיקער סאָוועטישער אַפּאָלאָגיע פון רעליגיע:

„קריסטנטום דאַרף נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט קאַפּיטאַליזם. די אורקריסטן זענען נישט געווען רייך און האָבן נישט געשאַנקען קיין סך אויפמערקזאַמקייט צו פאַרמעגן. קריסטנ־טום דאַרף נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט אַנדערע רעליגיעס, ווייל איז אים איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ קולט פונעם „אַבסטראַקטן מענטשן" און די אונטערשטרייכונג פון זיינע אידעאַלע אייגנשאַפטן. די פּאָזיטיווע ראָל וואָס קריסטנטום האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון פאַמיליע־באַציִונגען דאַרף נישט געלייקנט ווערן, ווייל אַ דאַנק אים איז איינגעפירט געוואָרן מאָ־נאָגאַמיע. קריסטנטום האָט בייגעטראָגן צו דער אויסבעסערונג פונעם פאָלקס לעבנס־שטייגער און פון זיינע זיטן; עס האָט אויך עלימינירט בלוטיקע און אָרגיאַסטישע ריטואַלן".

דער „גייסטיקער קלימאַט" האָט זיך גענומען ענדערן, און אַזאַ פּובלי־קאַציע ווי „בעזבאָזשניק" האָט זיך שוין געקענט דערלויבן עדיטאָריעל צו שרייבן (אין 1939) דאָס פאָלגנדיקע:

„טראָץ דעם פאַקט וואָס אַלעקסאַנדער נעווסקי *) איז קאַנאָניזירט גע־וואָרן און אויף זיין נאָמען זענען אויפגעבויט געוואָרן אַ סך קירכן און מאָ־נאַסטירן, דאַרפן אַטעיִסטן אויסמיידן צו פאַרשוועכן זיין אָנדענק. זיי דאַרפן האָבן אין זינען, אַז ער איז אַ באַליבטער העלד ביים פאָלק און אַז ער האָט פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט פון שפּעטערדיקע דורות מיט זיין פּאַטריאָטיזם און מיליטערישער געוואַגטקייט. די קירך האָט אים קאַנאָניזירט אין זכות פון זיין ליבע צום פאָלק; דער פאַרבאַנד פון מיליטאַנטישע אַטעיִסטן איז צום באַדויערן נישט נאָכגעגאַנגען אַט דער קלוגער פּאָליטיק".

דער זעלביקער „בעזבאָזשניק" איז געגאַנגען ווייטער און האָט שוין גע־כשרט אויך אַן אַנדער קיסר און דורך אים קריסטנטום בכלל:

„עס וואָלט געווען פאַלש צו טראַכטן אַז אַלצדינג וואָס איז פאַרבונדן מיט רעליגיע מוז זיין רעאַקציאָנער. עס איז ספּעציעל פאַלש צו טראַכטן אַז

*) דער פירשט פון נאָוואָגראָד און, שפּעטער, דער גרויספירשט פון וולאַדימיר. אין 1420 האָט ער באַזיגט די שוועדן ביים טייך נעוואַ און נאָכדעם באַזיגט אין מלחמה אויך די „שווערדן־טרעגער" און די ליטווינער. די קירך האָט אים דערקלערט פאַר אַ הייליקן.

די איינפירונג פון קריסטנטום אין רוסלאַנד איז געווען אַ רעאַקציאָנערער שריט, ווי עס איז, צום באַדויערן געזאָגט געוואָרן אין אונדזער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. ווען פירשט וולאַדימיר האָט געמאַכט רוסלאַנד פאַר אַ קריסטלעך לאַנד, איז דאָס זיכער געווען אַ פּראָגרעסיווער אַקט. קריסטנטום האָט געקעמפט קעגן שקלאַפערײַ און בלוט־קריגערייען; עס האָט פאַראורטיילט דעם מקח־וממכר מיט שקלאַפן און האָט מיטגעהאָלפן, אַז שקלאַפערײַ זאָל פאַרבאָטן ווערן אויף דער מילדערער אינסטיטוציע פון לייב־אייגנטום („קריעפּאָסטניטשעסטוואָ״). קריסטנטום איז געווען גינציק צו דער אַנטוויקלונג פון קולטור און האָט געלייגט דעם יסוד פאַר רוסישער קונסט און ליטעראַטור״.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ענדערונג פון טאָן און צוגאַנג אין דער אינטערפּרעטאַציע פון רעליגיע און ספּעציעל פון קריסטנטום, אויף וויפל דאָס שפּיגלט זיך די לעצטע יאָרן אָפּ אין סאָוועטישע אינטעלעקטועלע קרייזן, ווייל די דאָזיקע ענדערונג געפינט זיך אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט געוויסע נייע פּ אָ ל י ט י ש ע טענדענצן. די אַזוי גערופענע הומאַניסטישע וויסנשאַפטן ווערן אויפגעפאַסט און באַהאַנדלט אין סאָוועט־רוסלאַנד זייער און זייער „פּראַגמאַטיש״, און דעם עצם פאַקט וואָס צוריק מיט זעקס יאָר האָט אין דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן געקענט פאָרקומען אַזאַ שקלאַ וטריא ווי די, אויף וועלכער איך האָב אָנגעוויזן, איז שוין געווען אַן אָנזאָג פון נייע מעטאָדן אָדער, לכל הפּחות, פון אַ נייעם טאָן און נוסח אין דער באַהאַנדלונג פון רעליגיע און רעליגיעזע קערפּערשאַפטן. פאַר דער נייער פּאָליטיק אין שייכות צו רעליגיע האָט זיך געפאָדערט אַן אַקאַדעמישער הכשר, און דער הכשר איז געגעבן געוואָרן, נישט בלויז דערפאַר וואָס אין די אַנטשיידנדיקע קרייזן האָט מען אויף אים געוואַרט (נישט על־פּי סאָוועטישן זשאַרגאָן, ווייל ד אָ ס איז געווען דער „סאָציאַלני זאַקאַז״, די סאָציאַלע באַשטעלונג אויף אַ געוויסן גייסטיקן פּראָדוקט), נאָר אויך, לויט פילע סימנים, דערפאַר וואָס אַ צאָל סאָוועטישע געלערנטע זענען געווען זייער צופרידן, וואָס עס איז זיי סוף־כל־סוף געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג וועגן דעם ענין לויט זייער „וויסנשאַפטלעכן געוויסן״, לויט דעם וואָס, לכל הפּחות, זיי אַליין האָבן געהאַלטן פאַר אָביעקטיוו ריכטיק.

די נייע פּאָליטיק גופא איז אָבער נאַטירלעך דיקטירט געוואָרן נישט פון וועלכער נישט איז וויסנשאַפטלעכער „אַנטדעקונג״, וואָס דער היסטאָרישער אינסטיטוט פון דער אַקאַדעמיע זאָל האָבן געמאַכט. זי איז אַרויסגערופן געוואָרן, פאַר אַלעמען, דורכן באַנקראָט פון דער פריערדיקער אַנטי־רעליגיעזער פּאָליטיק, וואָס איז געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, צו בולט. צו דעם

איז נאָך צוגעקומען אַן אַנדערער, נישט ווייניקער וויכטיקער, פֿאַקטאָר פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

עס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער פֿאַרן באַוווּסטזיין פֿון דער סאָוועטישער פֿירערשאַפֿט, אַז אַ נײַע מלחמה קען אויסברעכן יעדן טאָג, אַז די מיליטעריש־אַגרעסיווע כּוחות אין דײַטשלאַנד וואַקסן אַלץ מער און מער, אַז די אַנטי־פֿאַשיסטישע וועלט איז, מילד גערעדט, נישט גענוג אָרגאַניזירט פּסיכיש, פּאָליטיש און מיליטעריש די מלחמה צו פֿאַרמײַדן. אין די עטלעכע פֿאַר־מלחמה יאָרן האָט די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע נישט גערוט. זי האָט געטאָן כּמעט אַלץ וואָס ס׳איז געווען אין איר רשות כּדי צו שאַפֿן באַדינגונגען, אין וועלכע אַ נײַע וועלט־שׂריפֿה זאָל נישט קענען אויסברעכן. די דאָזיקע אַלע באַמיִונגען זענען אָבער די גאַנצע צײַט באַגלייט געוואָרן מיט נישט ווייניק, לײַדער, באַרעכטיקטן סקעפּטיציזם. קעמפֿנדיק פֿאַר שלום, האָט רוסלאַנד אין דער זעלביקער צײַט געמוזט זיך גרייטן צו אַ מעגלעכער מלחמה. און פֿאַר אַ מלחמה, אין וועלכער רוסלאַנד וועט פֿריִער אָדער שפּעטער מוזן אַרײַנגעשלעפּט ווערן, פֿאָדערט זיך וואָס מער פֿאָלקס־אייניקייט, וואָס שטאַרקער צעמענטירטער קאָלעקטיווער ווילן. די כּוחות וואָס דאָס פֿאָלק (אָדער דער „קאָנצערט״ פֿון סאָוועטישע פֿעלקער) האָט אין משך פֿון יאָרן אַנטפּלעקט אין קאַמף פֿאַרן רעכט אויף רעליגיעזן לעבן זענען געווען אַן אָנזאָג, אַז אויב די אָפֿיציעלע אַנטי־רעליגיעזע פּאָליטיק וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן, וועט דאָס זײַן אַ גרויסע שטערונג צו דער אָרגאַניזירונג פֿון יענער ענערגיע, וואָס פֿאָדערט זיך אין אַ שווערער, און ווער ווייסט ווי לאַנגער, מאָדערנער מלחמה. כּדי צו קאָנצענטרירן די פֿאָלקס־ענערגיע אויף ווידערשטאַנד קעגן שונא, מוז זײַן אין לאַנד וואָס מער האַרמאָניע, און מען מוז זיך מערער רעכענען מיטן פֿאָלקס סענטימענטן. עס וואָלט אונדז צו ווײַט פֿאַרפֿירט פֿון אונדזער אויפֿגאַבע, ווען מיר וואָלטן זיך איצט אָפּגעשטעלט אויף דער פֿראַגע, פֿאַרוואָס קאָמוניזם אָדער יענע סיסטעם פֿון ספּעציפֿישע ווערטן, וואָס די סאָוועטישע ציוויליזאַציע האָט געשאַפֿן אין משך פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, האָט נישט געקענט ווערן פֿאַרן פֿאָלק יענער צעמענט פֿון ווילן אָדער צענטראַלער מאָטיוו פֿון קרבנות־גרייטקייט, וואָס האָט זיך געפֿאָדערט אין ליכט פֿון די מלחמה־נסיונות פֿאַר וועלכע מען איז געשטאַנען. עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אין די לעצטע עטלעכע יאָרן פֿון פֿאַר דער מלחמה האָט מען „פֿון אויבן״ אויפֿסניי אָנגעהויבן קולטיווירן צווישן דער באַפֿעלקערונג קאַטעגאָריש נאַציאָנאַליסטישע סענטימענטן, אַ ריין פּאַטריאָטישע לעבנס־אויפֿפֿאַסונג. דער טראָפּ האָט אָנגעהויבן געשטעלט צו ווערן נישט אַזוי אויף דעם קלאַסן־מאָמענט, אָדער אויף לאָזונגען פֿון סאָציאַליסטישן אויפֿבוי, ווי־

אויף נאַציאָנאַלן „נאַרציסיזם״. אין דער פּרעסע, אין ליטעראַטור און טעאַטער, אין שול־קוריקולום, האָט מען אָנגעהויבן אַפּעלירן צו נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק, צו די טיפערע און טראַדיציאָנעלערע וואָרצלען פון רוסישן באַוווסטזיין און אינטימען זכרון. רעליגיע איז היסטאָריש אַן אָרגאַנישער טייל פון יענעם באַוווסטזיין און זכרון, באַזונדערס אין אַ לאַנד ווי רוסלאַנד וואָס האָט זיך נישט צופעליק אַליין אַרויסגעגעבן אַ סמיכה פון „סוויאַטאַיאַ רוס״ („הייליקע רוסלאַנד״). פון יענער אינטימיטעט־ספערע וואָס טראָגט אין זיך ז׳עם אוצר פון פּאַטריאָטישע געפילן, דערינערונגען און „אידענטיפיקאַציעס״, קען מען זי (דערווייל, יעדנפאַלס) נישט אויסשניידן. פון די אויבן־געבראַכטע ציטאַטן קען מען זען, ווי סאָוועטישע שרייבער האָבן אַליין אונטערגעשטראָכן די היסטאָריש־פּסיכאָלאָגישע פאַרבינדונג צווישן דעם רוסיש־פּאַטריאָטישן און רעליגיעז־קירכלעכן: אַלעקסאַנדער נעווסקי איז אי אַ בראַווער מלך וואָס ראַטעוועט רוסלאַנד פון אויסערלעכע שונאים, אי אַ קאַנאָניזירטער הייליקער. דורך אַ מילדער פּאָליטיק אין שייכות צו רעליגיע, דורך מאַכן זי (און ספּעציעל פּראַוואָסלאַוויע) פאַר אַ מער אָדער ווייניקער לעגיטימער דערשיינונג אין סאָוועטישן לעבן, האָבן די סאָוועטישע פירער געוווסט, ווען אין לאַנד הערשן אַ שטאַרקערע „מאָראַל״, ווען אָדער אויב אַ מלחמה וועט קומען.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט אַן אַנדער מאָמענט: אַלץ איינס וואָס נאַצישע פּאָליטיקער און פּראָפּאַגאַנדיסטן גופא זאָלן נישט האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געזאָגט וועגן רעליגיע און ספּעציעל וועגן קריסטנטום, איז נאַציזם לויט זיין עצם נאַטור אַן אַנטירעליגיעזע, אַטעיִסטישע באַוועגונג. אַלפרעד ראָזענבערג האָט זיבעציק מאָל געמעגט דערקלערן, אַז אין דער נייער דייטשלאַנד איז פאַראַן פּלאַץ פאַר „פּאָזיטיוו קריסטנטום״ אָדער פאַר אַן „אַן אַריש קריסטנטום״, איז אָבער אין תוך דער נאַציזם געווען פיינטלעך פונעם אָנהייב אָן צו יעדער רעליגיאָזיטעט. מ׳האָט די נאַציס געמאַכט דעם אומפאַרדינטן קאָמפּלימענט, אַז אין דער ספערע פון רעליגיע זוכן זיי צו רעסטאַווירן די אַלטע גערמאַנישע געצנדינערייַ. איך האָב דאָ בכיוון גענוצט דאָס וואָרט „קאָמפּלימענט״, ווייל אין פאַרגלייך מיט דער פּרינציפּיעלער הפקרות און זאָלאָגישקייט פון נאַציזם וואָלט אַן עכטע געצנדינערישע אמונה לויט דעם נוסח פון אַמאָליקן גערמאַנישן פּאַגאַניזם געווען אַ הויכע מדרגה. אויך די עבודה זרה האָט געהאַט אירע סטאַנדאַרדן, איר מעטאַפיזיק און עטיק, איר סיסטעם פון ווערטן. דאָס ביסל שפּילערייַ וואָס איז פאַר דער מלחמה פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד מיט אויפלעבן דעם „אַלטן קולט״, האָט פאַר געניטע אויגן נישט געקענט פאַרמאַסקירן די אין תוך אַנטי־רעליגיעזע נאַטור פון נאַציזם (אין פּעריאָד פון סטאַלין־היטלער פּאַקט, וואָס זיין אָב־

יעקטיווע און מער דאָקומענטירטע געשיכטע דאַרף ערשט געשריבן ווערן, האָט מען אין דער נאַצישער פּרעסע פראַנק־און־פריי געשריבן, אַז די פּריינט־שאַפט צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד ווערט, אַחוץ אַנדערע זאַכן, נאָך ספּעציעל צעמענטירט דורך זייער בשותפותדיקער פיינטשאַפט צום קריסטנ־טום. און יעמעליאַן יאַראָסלאַווסקי איז, דאַכט זיך, געווען דער איינציקער ייִד וואָס זיינע שריפטן זענען דעמאָלט אין דייטשלאַנד נישט געווען פאַר־באָטן). אין רוסלאַנד האָט מען אויף דעם נישט רעאַגירט, נאָר ביי זיך האָט מען געוווסט און פאַרשטאַנען, אַז אויב דייטשלאַנד ווערט אַלץ מער אַנטי־קריסטלעך און אַנטי־קירכלעך, מוז מען אין רוסלאַנד, פּונקט פאַרקערט, אין אַ געוויסער מאָס אויפהייבן דעם סטאַטוס פון קריסטנטום און אויסנוצן די קירך פאַר דער ווידער־איינפלאַנצונג אָדער ווידער־באַלעבונג פון פּאַטריאָ־טישע מאָטיוון. נאַטירלעך, דאָס האָט די נאַציס נישט געשטערט, אין די ער־שטע חדשים פון דער אינוואַזיע אין סאָוועט־רוסלאַנד, צו אַפּעלירן צום פאָלק, עס זאָל נישט שטיצן זיין „גאָטלאָזע קאָמוניסטישע רעגירונג“ וואָס זוכט צו פאַרניכטן „די קריסטלעכע ציוויליזאַציע“. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָבער דעמאָלט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין דער באַפעלקערונג ריכטיקע אינפאָרמאַציע וועגן דער נאַצישער באַהאַנדלונג פון די רעליגיעזע אינסטי־טוציעס, סיי ביי זיך אין דער היים און סיי, באַזונדערס, אין די אָקופּירטע לענדער, און זי האָט אין דער זעלביקער צייט אָנגעהויבן ווייזן אין דער פּראַק־טיק אַלץ מער רעליגיעזע טאָלעראַנץ.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. עס איז נאָך צו פרי צו שרייבן אַן אָביעקטיווע געשיכטע פון סאָוועטישער אָריענטאַציע אין אינטערנאַציאָנאַלע באַציִונגען אין דעם פּעריאָד ווען די נייע מלחמה־סכנה האָט געהאַנגען איבערן קאָפּ און אין דער צייט פון דער מלחמה גופא. אָבער וואָס פאַראַ פּלענער מאָסקווע האָט נישט געהאַט און האָט נישט איצטער אין פאַרבינדונג מיט דער אויסנ־וועלט, זענען זיי, אַזוי צו זאָגן, „פּאַראַלעלע“ פּלענער — איין פּלאַן פאַר איין סיטואַציע, אַן אַנדער פּלאַן פאַר אַן אַנדערער — און אַפילו אין דעם פּעריאָד פונעם ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־אָפּמאַך האָט די סאָוועטישע פירערשאַפט נישט אויסגעשלאָסן פון אירע קאַלקולאַציעס, אין אַ באַשטימטן מאָמענט, די קאָאָ־פּעראַציע מיט די דעמאָקראַטישע לענדער און אַ געוויסע אויסברייטערונג פון כּאַוועטישער הערשאַפט אָדער השפּעה מיט דער הסכּמה פון די לעצטע. כדי זיך צו פאַרלייכטערן די קאָאָפּעראַציע מיט אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד אָדער די פאַראייניטע שטאַטן, כדי צו דעראָבערן פאַר זיך די סימפּאַטיע פון גע־וויסע שיכטן אין יענע לענדער אָדער צו פאַראַליזירן זייער קעגנערשאַפט צו די סאָוועטן, איז אַ נייער, ליבעראַלער קורס אין שייכות צו רעליגיע געווען

זייער וויכטיק. אַזאַ קורס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אינסטרומענטאַל אויך אין שייכות צו דער באַפעלקערונג אין אַזעלכע געגנטן פון מזרח און דרום־אייראָפּע, וואָס רוסלאַנד האָט געזוכט נישט פון נעכטן ווידער איינצוגלידערן אין איר מלוכה־סיסטעם (די באַלטישע לענדער, באַזונדערס די קאַטוילישע און רעליגיעז קאָנסערוואַטיווע ליטע, טיילן פון פוילן און אַזוי ווייטער). סיי די היימישע פּאָליטיק, סיי די נויטווענדיקייט אָפּצושוואַכן אַנטי־סאָוועטישע שטימונגען אין אויסלאַנד האָבן בכן דיקטירט, לכל הפחות, אַ וואָפנשטיל־שטאַנד מיט אָרגאַניזירטער רעליגיע. די מלחמה מיט דייטשלאַנד האָט די ליי־בעראַלע טענדענץ נאָך מער פאַרשטאַרקט, פאַר אַלעמען, ווייל די אומגעהייע־רע ליידן און נסיונות וואָס זי האָט פונעם ערשטן טאָג אָן געבראַכט דער באַ־פעלקערונג האָבן אין איר שטאַרקער און „רעדעוודיקער" געמאַכט די באַדער־פעניש צו זוכן טרייסט און מוט פון נישט־פּאָליטישע קוואַלן, און אויך נישט ווייניק דערפאַר וואָס די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס (און ספּעציעל די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך) האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע און פאַר אַ סך קאָמוניסטן אפשר אומדערוואַרטע מאָס פון לאָיאַליטעט און פּאַטריאָטיזם. אמת, אַ צאָל גייסטלעכע פון העכערן ראַנג האָבן אונטער דער נאַציִשער אָקופּאַציע זיך אָפּ־געטיילט פון דער אָפיציעלער קירך אין רוסלאַנד און האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דעם קאַרלאָוועצער ראָט אין סערביע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע דורך רעכט־געשטימטע פּאָליטישע עמיגראַנטן, ווי אַ קאָטעגאָרישע אַנטי־סאָוועטישע אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע באַוועגונג איז אָנגעפירט געוואָרן פונעם אַרכיירעי פון מיטאַאו, פונעם מע־טראָפּאָליט פאַר ליטע און פון דעם קאָוונער בישאָף. דער בישאָף פון וואָלין, סיקאָרסקי, האָט אין דער זעלביקער צייט צופרידנגעשטעלט די נאַציִשע אָקו־פּאַנטן מיט דער גרינדונג פון אַן „אומאָפּהענגיקער" אוקראַיִנישער קירך, וואָס זאָל גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט די רוסיש־קריסטלעכע אויטאָריטעטן. צי דאָס איז געווען טאַקע אינגאַנצן פּרייוויליקע קאָאָפּעראַציע מיט די נאַציס, אָדער דער איינציקער אויסוועג פאַר דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך בכלל צו עקזיסטירן אונטער היטלערס ממשלה, איז נאָך שווער היינט צו אורטיילן. דער רוב מנין און רוב בנין פון דער קירך, אויך אין די אָקופּירטע געגנטן, איז אָבער געווען נישט נאָר לאָיאַל, נאָר אויך אַ גרויסער פאַקטאָר אין דער שאַ־פונג פון אַ שטאַרקער מלחמה־„מאָראַל", און דאָס איז נאַטירלעך ווי געהע־ריק אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער רעגירונג און פון דער אַרמיי. די דאָזיקע פּאַטריאָטישע האַלטונג איז, לויט סאָוועטישע אָפיציעלע באַהויפּטונגען, גע־ווען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַנדערע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן אין רוס־לאַנד, קריסטלעכע ווי נישט־קריסטלעכע.

VI

לעגיסלאַטיוו איז ביז אַהער אין דעם סטאַטוס פון אָרגאַניזיר־טער רעליגיע נאָך קיין שום ענדערונג נישט פאָרגעקומען. אין גרונט זענען נאָך גילטיק אַלע פריערדיקע געזעצן און דעקרעטן (אַחוץ, נאַטירלעך, דעם פאַקט וואָס די בירגער־רעכט זענען צוריקגעגעבן געוואָרן צו די פּראָפעסיאָנעלע גייסטלעכע). די אָנווענדונג פון די גילטיקע געזעצן איז אָבער געוואָרן אַ סך ליבעראַלער, די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק — באַדייטנדיק ווייכער.

די גלויביקע אין רוסלאַנד האָבן, פאַר אַלעמען, אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט דעם פאַקט, וואָס דער רעזשים האָט אויפגעהערט צו זיין אַ צו ב־קט פאַראינטערעסירטער צד אין רעליגיעזער פּאָלעמיק. עס זענען מיט דער צייט פּאַקטיש ליקווידירט געוואָרן אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַנטי־רעלי־גיעזע פּובליקאַציעס (דער „בעזבאָזשניק״, דער „אַנטיצערקאָווניק״, דער ייִדישער „אַפּיקורס״ אאַז״וו), וואָס אין גאַנצן לאַנד איז דאָס געווען אַן אָפענער סוד אַז זיי ווערן אַרויסגעגעבן אויף קאַזיאָנע געלטער. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען מלחמה־נויט, מאַנגל אין פּאַפּיר און אין דרוק־מעגלעכקייטן, אָבער אַלע האָבן דערין געזען דעם אָנהייב פון אַ נייער עפּאָכע, ווייל אינאיינעם מיט דעם איז דע פאַקטאָ ליקווידירט געוואָרן אויך דער פאַרבאַנד פון מיליטאַנ־טישע אַטעיִסטן. אין סעפּטעמבער 1943 האָט מען געלאָזן אין מאָסקווע קרוי־נען דעם (פריִער פאַרשיקטן) סערגעי פאַרן „פּאַטריאַרך פון גאַנץ רוסלאַנד״, און אָנגעזעענע פאַרטרעטער פון דער אַנגליקאַנישער קירך — וואָס זענען דע־מאָלט נישט גאַנץ צופעליק געקומען צו־גאַסט קיין רוסלאַנד — זענען בייגע־ווען ביי דער פייערלעכער צערעמאָניע. עס איז דערלויבט געוואָרן ווידער אויפצושטעלן דעם „הייליקן סינאָד״ ווי אַ דעמאָקראַטישע הויפּט־עקזעקוטי־ווע פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך. עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציע־לער רעגירונגס־אָרגאַן („דער ראַט פאַר די אָנגעלעגנהייטן פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך״) מיט דער אויפגאַבע צו שטיין אין שטענדיקן קאָנ־טאַקט מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די גלויביקע און זייערע פאַרטרעטער, און זאָרגן אַז, אין דער ראַם פון געזעץ, זאָלן דער קירך געגעבן ווערן אַלע מעג־לעכקייטן פאַר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. ווי געאָרגי קאַרפּאָוו, דער הויפּט פון יענעם רעגירונגס־אָרגאַן, האָט דערקלערט, האָט ער שוין איצטער העכער הונדערט באַפולמעכטיקטע פאַרטרעטער אין אַלע רעפּובליקן און פּראָווינצן פינעם סאָוועט־פאַרבאַנד, און יענע קריגן קלאָרע אינסטרוקציעס ווי אַזוי אָכ־טונג צו געבן אַז די לאָקאַלע סאָוועטן זאָלן נישט עובר זיין אויף די לעגיטי־מע רעכט פון די גלויביקע. אין אַ צאָל שטעט און דערפער האָבן זיך אַדאַנק

דעם ווידער געעפנט קירכן, וואָס זענען לאַנגע יאָרן געווען געשלאָסן אָדער זענען גענוצט געוואָרן פאַר אַנדערע צוועקן („ווייל קיינער האָט זיי פאַר הפילה נישט גענדאַרפט האָבן"). ווי קאַרפּאָוו גיט צו פאַרשטיין, וואָלטן זיך ווידערגעעפנט נאָך מער קירכן, ווען עס וואָלט נישט געווען, מחמת די מלחמה־חורבנות אַזאַ גרויסער דוחק אין בוי־מאַטעריאַלן און אין אַרבעטער־הענט אויף צו רעמאָנטירן די נייטיקע געביידעס. עס איז סוף־כל־סוף דערלויבט געוואָרן אויך צו עפענען אַ טעאָלאָגישע אַקאַדעמיע אויף אויסצובילדן גלחים — אַן אינסטיטוציע וואָס האָט אַ גאַנצן פערטל יאָרהונדערט אין רוסלאַנד נישט געקענט עקזיסטירן. אַחוץ דער דאָזיקער אַקאַדעמיע, וואָס האָט זיך שוין געעפנט אין מאָסקווע, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַן ענלעכן אינסטיטוט אויך אין סאַראַטאָוו, נאָר דער סינאָד האָט דערווייל מיט דער געלעגנהייט זיך נישט געקענט באַנוצן מחמת טעכנישע שוועריקייטן. אין אייניקע יעפּאַרכיעס זענען שוין געעפנט געוואָרן ספּעציעלע קורסן אויף אויסצובילדן קירכן־אָנגעשטעלטע פון פאַרשידענע מדרגות. אַ סך גלחים וואָס זענען שוין געווען לערער אין וועלטלעכע שולן, אַרבעטער, באַאַמטע, בוכהאַלטערס, האָבן זיך לעצטנס אומגעקערט אויף זייערע פּאָסטנס. ווי דער דערמאָנטער קאַרפּאָוו האָט נישט לאַנג צוריק דערקלערט, זענען שוין אַפילו געווען פאַלן ווען יונגע גלחים וואָס האָבן געדינט אין דער אַרמיי זענען *ספּעציעל באַפרייט געוואָרן* פון מיליטער־דינסט און צוריקגעשיקט געוואָרן אַהיים, אויב זייערע קאָנגרעגאַציעס האָבן באַוויזן אַז זיי זענען געבליבן אָן רעליגיעזער פירערשאַפט.

צי דאָס אַלץ אינאיינעם איז גענוג, אַז מ'זאָל שוין קענען היינט רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון רעליגיעזער פרייהייט אין רוסלאַנד, איז אַן אַנדער פראַגע. פאַר אמתער געוויסנס־פרייהייט וועט זיך פאָדערן מיט דער צייט אַ ספּעציעלע געזעצגעבונג. אַזוי לאַנג ווי רעליגיעזע קערפּערשאַפטן און גלויביקע יחידים האָבן נישט *קאָנסטיטוציאָנעל* דאָס רעכט צו פירן עפנטלעכע אויפקלערונגס־אַרבעט, אין זייער גייסט, צווישן דער באַפעלקערונג, זענען זיי נאָך פאָליטיש אַלץ אונטערדריקט. אַזוי לאַנג ווי דער סאָוועטישער בירגער וועט נישט קריגן דאָס רעכט, אויב ער איז אין דעם פאַראינטערעסירט, צו געבן זיינע מינדעריעריקע קינדער, אויף זיין אייגענעם חשבון, אַ רעליגיעזע דערציִונג אין אַ ספּעציעלער פּריוואַטער אַנשטאַלט, איז אוממעגלעך ערנסט צו רעדן וועגן אַ נאָרמאַלן סטאַטוס פאַר אָרגאַניזירטער רעליגיע. דאָס אַלץ איז נאָך ביז היינט יורידיש פאַרבאָטן, כאָטש דער הויפּט פונעם ראַט פאַר די אָנגעלעגנהייטן פון דער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער קירך איז פערזענלעך גענויגט צו געבן אַ פרייערע (לויט אונדזער מיינונג, אַ גאַנץ

פאַלשע) אינטערפּרעטאַציע פון די געזעצן, און לויט זיינע רייד קומט אויס אַז אויך היינט מעג יורידיש די קירך אָנפירן „מיסיאָנערישע" אַרבעט און געבן קינדער רעליגיעזן לימוד.

עס זענען נאַטירלעך פאַראַן גענוג סקעפּטיקער, וואָס שטעלן די פראַגע, אויף וויפל דער נייער ליבעראַלער קורס איז אַ מער אָדער ווייניקער פּערמאַנענטער — צי וועט מען זיך אין רוסלאַנד נאָך דער מלחמה מיט דער צייט נישט אומקערן צו דער פריערדיקער מיליטאַנטישער אַנטי־רעליגיעזער פּאָליטיק. אין סאָוועטישע באַדינגונגען איז נאַטירלעך ריזיקאַליש יעדער קאַטעגאָרישער ענטפער אויף אַזאַ פראַגע. עס לייגט זיך אָבער אויפן שכל, אַז קיין ענדערונגען לרעה וועלן אויך נאָך דער מלחמה אין שייכות צו רעליגיע נישט געמאַכט ווערן. די מלחמה־יאָרן האָבן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אויסקורירט די סאָוועטישע פירערשאַפט פון איר אַמאָליקער „פאַראַנאָיאַ" — פון דער שטענדיקער מורא, אַז די קירך האָט נישט קיין אַנדער עובדה ווי נאָר צו קאָנספּירירן קעגן דעם רעזשים. עס איז אויך נישטאָ קיין ספק, אַז אויב מ'וועט זיך פונעם נייעם קורס נישט אָפּקערן, וועט די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע קירך נישט זיין די איינציקע וואָס וועט פון אים געניסן. דערווייל קוקט עס אויס פון אויבן־אויף, גלייך די פּראַוואָסלאַוונע קירך געפינט זיך איצטער אין אַ ספּעציעל־פּריווילעגירטן צושטאַנד. עס זענען איר אין די לעצטע צוויי יאָר געגעבן געוואָרן אַזעלכע געלעגנהייטן, וואָס אַנדערע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן האָבן נאָך נישט געקראָגן. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו טראַכטן, אַז די סאָוועט־מאַכט האָט בדעה ווידער מזכה צו זיין רוסלאַנד מיט אַן עטאַבלירטער קירך. דער „זכות" פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך, וואָס האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו געניסן פונעם נייעם קורס, איז אַ צווייפאַכער: ערשטנס, איז זי אין די פאַרגאַנגענע סאָוועטישע יאָרן געראָדפט געוואָרן מער ווי די אַסאָציאַציעס פון אַנדערע אמונות, און ריין פּסיכאָלאָגיש איז פאַרשטענדלעך די גרייטקייט פאַר אַלעמען זי צו „פאַרגיטיקן"; צווייטנס, נעמט זי נאָך אַלץ אַרום דעם גרעסטן טייל פון די גלויביקע און רעליגיעז־אָרגאַניזירטע. עס האָבן דאָ נאַטירלעך געקענט שפּילן אַ ראָל אויך אַנדערע אויסרעכענונגען פון אַן אויסן־פּאָליטישן כאַראַקטער. פאַר סאָוועטישער השפעה אויף די באַלקאַנישע לענדער מיט זייער איבערוויגנדיקער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער באַפעלקערונג איז דער סטאַטוס ספּעציעל פון דער קירך פון אַ באַזונדערער באַדייטונג. מ'דאַרף אָננעמען, אַז אין דער גאָר נאָענטער צוקונפט וועלן די זעלביקע הנחות געמאַכט ווערן אויך צו אַנדערע רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, קריסטלעכע און נישט־קריסטלעכע. דער וואַקסנדיקער פּרעסטיזש פון דער יידישער קהילה אין מאָסקווע (אָפיציעל, אַ ריין רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע) איז אין דעם פּרט סימפּטאָמאַטיש...

VII

אויב אין רוסלאַנד זאָל זיך איצט אָנפאַנגען די אַנטוויקלונג פון אַן אינ־טענסיוון און שעפעריש־רעליגיעזן לעבן, וועט עס זיך אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן און סכנות פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. אויף וויפל דער סאָ־וועטישער רעזשים האָט אין די לעצטע יאָרן שלום געמאַכט מיט רעליגיע, האָט ער זי אויפגעפאַסט דער עיקר אין טערמינען פון אַבסטראַקטער, מעטאַ־פיזישער אמונה, פון איין זייט, און פון ריטואַל, פון דער אַנדערער זייט. אָבער עכטע און לעבעדיקע רעליגיאָזיטעט ווערט נישט געדעקט אָדער אויס־געשעפּט פון די דאָזיקע צוויי עלעמענטן. אַחוץ גאַנץ קוויעטיסטישע אמונות (ווי, למשל, ביי געוויסע בודיסטישע סעקטן), האָט רעליגיע אַ טענ־דענץ זיך אויסצווירקן נישט נאָר אין גלויבן און מעדיטאַציע, און נישט נאָר אין תפילה און צערעמאָניאַל, נאָר אויך גאַנץ באַשטימט אין סאָציאַלע אָס־פּיראַציעס. אין קריסטנטום, ווי אין ייִדנטום — כאָטש מיט פאַרשידענע אַק־צענטן — שפּילט דער „בין אדם לחברו" נישט קיין קלענערע ראָלע ווי דער „בין אדם למקום", און „בין אדם לחברו" הייסט נישט דווקא בלויז די באַ־ציִונגען צווישן איין יחיד און דעם אַנדערן יחיד, נאָר אויך די אַקטיווע שטע־לונג פונעם רעליגיעזן יחיד און פון דער רעליגיעזער געמיינשאַפט צו דער געזעלשאַפט בכלל — צו איר פּאָליטישן געבוי, עקאָנאָמישער סטרוקטור און געזעצגעבונג. אַנדערש גערעדט, רעליגיע קען וועלן און האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן באַציִונגען פון פּראָדוקציע און קאָנסום, וועגן דער שטראָף־רעכט פונעם לאַנד, וועגן דעם כאַראַקטער פון סאָציאַלער הילף פאַר שוואַכע און עקאָנאָ־מיש הינטערשטעליקע. רעליגיע קען ווערן אַ כוח (ווי זי איז עס אין געוויסע מעריאָדן ביי פאַרשידענע פעלקער געווען), וואָס זאָל האָבן אַ דראַנג זיך צו מישן אין ענינים וואָס געהערן נישט נאָר צו דער קירך־געמיינדע אין ענגען זינען פון וואָרט. די באַציִונגען צווישן רעליגיע און שטאַט קענען דעמאָלט ווערן, אין באַשטימטע סיטואַציעס, אומגעוויינלעך קאָמפּליצירט.

די פּראָבלעם איז, ווי באַקאַנט, נישט קיין נייע, און די שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיט איר לייזונג זענען אַנטשטאַנען אַ סך, אַ סך פריִער איי־דער מ׳האָט אַפילו אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויפבוי פון אַ סאָוועטיש מלוכה־וועזן. האַרמאָנישע באַציִונגען צווישן רעליגיע און שטאַט זענען גאָרנישט, אַפילו ריין טעאָרעטיש, קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אַ רעליגיעזע גרופּע קען זיין, לויט די יסודות פון איר אמונה, עקסטרעם פּאַסיפיסטיש; דער שטאַט קען זיך נישט דערלויבן צו זיין פּאַסיפיסטיש אין דאָגמאַטישן זינען פון וואָרט, און צווישן אים און יענער סעקטע קען אַנטשטיין אַן ערנסטער קאָנפליקט.

איך פון דעם ליבעראַלסטן שטאַנדפּונקט קען קיין שום שטאַט נישט געבן
זיינע בירגער קיין אַבסאָלוטע פרייהייט פון רעליגיע. אויב אין
ציון, אילינאָי, זאָל זיין אַ סעקטע, וואָס פאַרבאָט אירע מיטגלידער צו רופן אַ
דאָקטאָר צו אַ חולה, קען דער שטאַט מיט אַזאַ פּראַקטיק נישט שלום מאַכן.
דורך לאָזן אַן עפּידעמיע זיך פאַרשפּרייטן קען דער דאָזיקער דאָקטוירים־באָי־
קאָט לייכט שעדיקן די אינטערעסן פון אַנדערע בירגער, פון דער געזעלשאַפט
בכלל. נישט די צאַרישע און נישט די סאָוועטישע רעגירונג האָט געקענט
דערלויבן די פרייע עקזיסטענץ פון אַ סעקטע, וואָס איר ערשטע מצווה איז
געווען מסרס צו זיין אירע מענלעכע מיטגלידער (די „סקאָפּצי״). אָבער עס
האָט נישט קיין זינען צופיל זיך צו זאָרגן וועגן אַזעלכע רעליגיעזע פאַרזעע־
נישן און יוצא־דופנדיקע דערשיינונגען. פּאָליטיש וויכטיק איז די פראַגע וועגן
די באַציִונגען צווישן דעם שטאַט (אין אונדזער פאַל, די סאָוועטישע מלוכה)
און רעליגיעזע געמיינדעס אָדער קירכעס, וואָס זייער אמונה הייסט זיי נישט
עובר זיין אויף די יסודות פונעם אַלגעמיין אָנגענומענעם קרימינעלן קאָדעקס,
וואָס האָבן אָבער, אין דער זעלביקער צייט, אַ נאַטירלעכע טענדענץ צו נע־
מען שטעלונג צו געוויסע סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן — פון זייער רע־
ליגיעזן שטאַנדפּונקט. מיט אַנדערע ווערטער, אַ לעבעדיקע און דינאַמישע רע־
ליגיעזע געמיינדע קען פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט צו באַאיינפלוסן די ביר־
גער, אויף וויפל זי איז דאָס מאָראַליש בכוח צו טאָן, אין זייערע באַציִונגען
צו אַ ריי אַלגעמיינע פּראָבלעמען, וואָס ווערן, גוט אָדער שלעכט, פאַרענט־
פערט דורכן שטאַט.

אמת, אַ רעליגיעזע געמיינדע קען נישט און דאַרף זיך נישט מישן אין
ענינים פון אַ ריין טעכנישן כאַראַקטער. ווי וויכטיק יענע ענינים זאָלן נישט
זיין פאַרן אַלגעמיינעם וווילזיין פונעם פאָלק, קען רעליגיע נישט האָבן איר
אייגענע מיינונג וועגן דעם, ווו מ׳זאָל אויפבויען אַזאַ טעכנאָלאָגיש־ווירט־
שאַפטלעכע אונטערנעמונג ווי „דניעפּראָסטראָי״, און דער אורטייל פון אַ כהן
גדול וועגן דעם וואָס פאַר אַ מאָדעל אויטאָמאָבילן מ׳דאַרף אין אַ געגעבענעם
פּעריאָד פּראָדוצירן, איז נישט וויכטיקער פונעם אורטייל פונעם לעצטן הדיוט.
אַ רעליגיעזע קהילה קען אָבער האָבן אירע אַן אָרגאַנישע שטעלונג צו דער
פראַגע, ווי אַזוי עס זאָל פונאַנדערגעטיילט ווערן די נאַציאָנאַלע הכנסה. אויב
אין רוסלאַנד זאָלן עקזיסטירן זיבעצן־ערליי טאַריפן פאַר אַרבעטס־לוין און די
נידעריקערע קאַטעגאָריעס אַרבעטער זאָלן באַקומען ווייניקער ווי עס פאָדערט
זיך פאַרן מינימום פון אַ ווערדיקער מענטשלעכער עקזיסטענץ, איז דאָס נישט
קיין טעכניש־אַדמיניסטראַטיווע פראַגע, וועגן וועלכער אַ רעליגיעזע געמיינ־
דע אַלס אַזעלכע האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן, נאָר אַן עטיש־רעליגיעזער ענין.

אין וועלכן אַ קירך קען זיך פילן מאָראַליש מחויב „זיך אַריינצומישן" (זיך אַריינצומישן, נאַטירלעך, נישט אין זינען פון „דיקטירן" עפּעס דעם שטאַט, נאָר אין זינען פון באַאיינפלוסן אירע מיטגלידער און די עפנטלעכע מיינונג בכלל). דער קרימינעלער קאָדעקס פונעם לאַנד אָנערקענט טויט־שטראָף פאַר געוויסע פאַרברעכנס. אַ רעליגיעזע געמיינדע קען זיך פילן פאַרפליכטעט צו טאָן מיט אירע מיטלען (מאָראַליש־פּעדאַגאָגישע) אַלץ וואָס זי איז בכוח, אַז אַזעלכע געזעצן, מיט וועלכע זי טאָר רעליגיעז נישט שלום מאַכן, זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן. מיר האָבן געבראַכט בלויז אַ פּאָר ביישפּילן (פון אַ גרויסער צאָל אַנדערע), און די דאָזיקע ביישפּילן זענען כלל וכלל נישט קיין ריין היפּאָטעטישע. רעליגיעז לעבן קען פאַרשטיינערט ווערן אין זיין ריטואַל און עס קען אויך ווערן אַנגעפילט סיי מיט מעטאַפיזישן און סיי מיט סאָציאַל־מאָראַלישן פּאַטאָס, און אָנהייבן זיך „אַריינמישן" אין ריין־מלוכהשע ענינים — מיט אירע ספּעציפישע אַקצענטן און מיט אירע אייגנטימלעכע מיטלען. מלוכה און רעליגיע ווי אַבסאָלוט סעפּאַראַטע „שתי רשויות" — איז גאָרנישט אַזאַ פּשוטער און זעלבסטפאַרשטענדלעכער באַגריף.

די פראַגע וועגן אַזאַ ברייטערער פרייהייט פון רעליגיעזן לעבן איז נאַטירלעך חל נישט בלויז אויף סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר אויך אויף מלוכה־סטרוקטורן פון אַנדערע טיפּן. אין אַ געוויסן זינען איז דאָס אַן אוניווערסאַלע פּראָבלעם, און זי ווערט איצט ערנסט שטודירט אין אַמעריקע אין אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פונעם פעדעראַלן ראַט פון די קריסטוס־קירכן. אין דער שייכות איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיטן טעקסט פון „אַ טשאַרטער פון רעליגיעזער פרייהייט", וואָס אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנער טעאָלאָג (לוטער ווייגלע, פון יעיל אוניווערזיטעט) האָט נישט לאַנג צוריק צוגעשטעלט ווי מאַטעריאַל צו דעם אויבנדערמאָנטן קאָמיטעט.

„די רעליגיעזע רעכט קענען גרופּירט ווערן אין דריי קלאַסן: 1) די רעליגיעזע פרייהייט פונעם יחיד; 2) די רעליגיעזע פרייהייט פון דער קירך אָדער קאָנגרעגאַציע; 3) די רעליגיעזע פרייהייט פון די בירגער (בכלל).

„1. די רעליגיעזע פרייהייט פונעם יחיד נעמט אַרום די פאָלגנדיקע רעכט:

„א) צו גלייבן לויט דעם ווי שכל און געוויסן דיקטירן. די טערמינען „שכל" און „געוויסן" ווערן דאָ גענוצט נישט אין קעגנזאַץ צו „אַנטפּלעקונג" (רעוועלאַציע), נאָר ווי באַצייכענונגען פון מענטשלעכן אָפּרוף אויף געטלעכער אַנטפּלעקונג;

„ב) צו דינען גאָט אויף דעם אופן, ווי שכל און געוויסן אָנערקענען פאַר פּאַסיק;

„ג) צו לעבן און צו האַנדלען אין הסכם מיט אַזאַ גלויבן און גאָטעס־דינסט;

„ד) אויסצודריקן רעליגיעזן גלויבן דורך וואָרט; דאָס נעמט אַריין אַלע פאָרמען פון אויסדרוק — קונסט, זשורנאַליזם, ביכער, ראַדיאָ, און אַזוי ווייטער;

„ה) אויסצודריקן רעליגיעזן גלויבן מיט ציל צו איבערצייגן און צו באַקערן אַנדערע;

„ו) צו דערציִען זײַנע קינדער אין זײַן רעליגיעזן גלויבן (דאָס איז חל סיי אויף אמונה און סיי אויף האַנדלונג);

„ז) זיך צו פאַראייניקן מיט אַנדערע אין שטײַגער און אַקטיוויטעטן פון אַ קירך, קאָנגרעגאַציע אָדער אַן אַנדערער רעליגיעזער גרופּירונג;

„ח) זיך צוריקצוציִען פון אַזאַ פאַרבינדונג מיט אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע אָדער געמיינדע; און אויב זײַן שכל און געוויסן זאָלן אים דערצו באַוועגן, צו ענדערן זײַן אמונה, מיט די פּאַסיקע ענדערונגען אין גאָטעס־דינסט, האַנדלונג, דערציִונג און צוגעהעריקייט;

„ט) נישט צו גלייבן אין גאָט, נישט צו אָנערקענען קיין שום רעליגיע, און האַנדלען, רעדן, זוכן צו איבערצייגן אַנדערע, דערציִען יחידים און זיך מיט זיי פאַראייניקן, אויף אַזאַ אופן וואָס זײַן אומגלויבן און אַטעיִזם וועלן געפינען פאַר פּאַסיק.

„II. די רעליגיעזע פרייהייט פון דער קירך אָדער קאָנגרעגאַציע איז כולל די פאָלגנדיקע רעכט:

„א) זיך צו פאַרזאַמלען פאַר אומגעשטערטער קאָלעקטיווער תפילה;

„ב) זיך צו אָרגאַניזירן פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון רעליגיעזן גלויבן, גאָטעסדינסט און האַנדלונג;

„ג) צו באַשטימען אירע אייגענע תקנות און איר אייגענע ריכטונג, ווי אויך באַדינגונגען פאַר מיטגלידערשאַפט;

„ד) צו באַשטימען איר אייגענעם „אני מאמין" — פריי פון וועלכן נישט איז צוואַנג מצד דעם שטאַט.

„ה) צו דערמוטיקן אירע אייגענע פאָרמען פון גאָטעסדינסט;

„ו) צו דערמוטיקן אירע מיטגלידער צו האַנדלען אין הסכם מיט איר „אני מאמין";

„ז) צו פּרעדיקן, לערנען, איבערצייגן און זוכן צו באַקערן אַנדערע צו איר אמונה;

„ח) צו באַשטימען די קוואַליפיקאַציעס פון אירע גייסטלעכע, אויך

זיי געבן די נייטיקע גייסטיקע צוגרייטונג, צו געבן זיי סמיכה און זיי אויס־צוהאַלטן;

„ט) צו דערציִען סיי דערוואַקסענע און סיי קינדער אין גייסט פון אמונה;

„י) צו באַזיצן פאַרמעגן און קריגן (פּריוואַטע) שטיצע פאַר איר אַרבעט;

„יא) צו קאָאָפּערירן אָדער זיך צו פאַראייניקן מיט אַנדערע קירכן אָדער קאָנגרעגאַציעס;

„יב) דער פּרינציפּ פון רעליגיעזער פרייהייט פאָדערט, אַז די דאָזיקע רעכט פון קירך און קאָנגרעגאַציע זאָלן אויך, אין אַ גלייכער מאָס, געניסן אָרגאַניזירטע גרופּן פון אומגלייביקע און אַטעִיסטן.

„III די רעליגיעזע פרייהייט פון בירגער (בכלל) נעמט אַריין:

„א) דאָס רעכט פון די בירגער צו האַלטן דעם שטאַט גופא פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר מאָראַלישן געזעץ און פאַר גאָט, און דאָס רעכט צו אַרבעטן לטובת דעם דאָזיקן ציל דורך פּאַסיקע אורטיילן און רעפּרעזענטאַציעס, ווי אויך דורך קאָנסטרוקטיווער באַטייליקונג אין עפנטלעכע אַקטיוויטעטן;

„ב) דאָס רעכט פון בירגער נישט צו אָנערקענען, אין נאָמען פון רעלי־גיעזן גלויבן (שכל און געוויסן), אַ האַנדלונג אָדער אַ פאָדערונג פונעם שטאַט, און אויסצודריקן די נישט אָנערקענונג דורך וואָרט, ווי אויך דורך מעשים אָדער דורך אָפּזאָגן זיך פון געוויסע מעשים. דאָס איז דאָס רעכט פונעם אַזוי־גערופענעם געוויסנס־פּראָטעסט („קאָנשיענשאַס אָבדזשעקשאָן”). דער שטאַט, פון דער אַנדערער זייט, האָט דאָס רעכט צו פאָדערן אַ שטראָף פאַר אַזאַ נישט־אָנערקענונג, אָבער ביים באַשטראָפן פאַר אַזאַ אויפפירונג, וואָס איז דיקטירט פון געוויסנס־מאָטיוון, דאַרפן די דאָזיקע מאָטיוון גענומען ווערן אין אַכט”.

מען מוז נישט מסכים זיין מיט יעדן פּרט פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט פאַר אַ „טשאַרטער פון רעליגיעזער פרייהייט”, און מ׳קען אים אפשר בעסער פאָרמולירן ווי זיינע מחברים האָבן עס געטאָן. דער דאָזיקער דאָקומענט, ווייזט מיר אויס, צו האָבן אין זיך יורידישע סתירות (מ׳קען מסתמא נישט זאָגן, אַז אַ בירגער, זאָל פון איין זייט, האָבן אַ „רעכט אויף געוויסע האַנדלונגען און נישט־האַנדלונגען, און פון דער אַנדערער זייט, זאָל דער שטאַט האָבן אַ „רעכט” פאַר דעם אים צו באַשטראָפן). דאָס זענען אָבער אַלץ קלייניקייטן, וואָס פאַרמינערן נישט דעם אַלגעמיינעם ווערט פון אַזאַ פּראָיעקט, וואָס איז כולל אין זיך אַ צאָל פּרינציפּן, וואָס דאַרפן אוניווערסאַל רעקאָמענדירט ווערן — פאַר יעדן ציוויליזירטן שטאַט.

צי קאָן אַזאַ אָדער אַן ענלעכער טשאַרטער אָנגעווענדט ווערן אין דער היינטיקער רוסלאַנד ווי אַ „הלכה למעשה”?

אונטער דער איצטיקער קאָנסטיטוציע און אין די איצטיקע באַדינגונגען פון אַדמיניסטראַטיווער און געריכטלעכער פּראַקטיק קען דאָרט רעליגיע אַזאַ פולע מאָס פון פרייהייט זיכער נישט געניסן. רעליגיעזע בירגער און זייערע אַסאָציאַציעס וואָלטן דערמיט געשטעלט געוואָרן אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע — זיי וואָלטן געהאַט דאָס רעכט צו טאָן זאַכן, וואָס קיין שום אַנדערע גרופּע בירגער איז נישט באַרעכטיקט צו טאָן. פאַר אַזאַ היקף פון געוויסנס־פרייהייט פאָדערט זיך ציווילע פרייהייט בכלל, אַ דעמאָקראַטישער רעזשים און אַ ברייטע מאָס גאַראַנטיעס פאַר דער „אויטאָנאָמיע" פונעם אינדיווידועלן בירגער.

די אויסברייטערונג פון דער באַזע פאַר פולערער רעליגיעזער פרייהייט אין רוסלאַנד הענגט, בכן, אָפּ פון דער ריכטונג, אין וועלכער דאָס לאַנד וועט זיך נאָך דער מלחמה אַנטוויקלען. ספּעקולאַציעס וועגן כאַראַקטער פון דער ווייטערדיקער פּאָליטישער עוואָלוציע פון סאָוועט־רוסלאַנד, זענען נאַטירלעך, נישט קיין טייל פון מיין איצטיקער אויפגאַבע.

1944

זיבן טעזיסן וועגן שטאַט און רעליגיע

א. דער יחיד איז נישט אַ טייל פון אַ מאַשין, אויך נישט (בלויז) אַ צעל אין דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם. אין זיינע אייגענע דימענסיעס איז דער יחיד אַ גאַנצקייט, אַ וועזן פאַר זיך גופא, אָדער, ווי אונדזערע קדמונים האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַן אוניווערסום פאַר זיך אַליין — אַן „עולם קטן". דעם יחידס שייכותן צו באַשטימטע גרופּן־אָרגאַניזמען אָדער קערפּערשאַפטן, ווי גרויס עס זאָל נישט זיין זייער צאָל און ווי טיף זיי זאָלן נישט זיין אין אים פאַרוואָרצלט, שעפּן נישט אויס זיין וועזן, אויך נישט זיין גייסטיק און עמאָציאָנעל לעבן. דער יחיד קען פאַרלאָזן זיין געמיינדע אָדער רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע; ער קען זיך אָפּזאָגן פון בירגערשאַפט אין זיין שטאַט און פון ווילנס־מעסיקער צוגעהעריקייט צו זיין פאָלק; ער קען זיך „נאַטוראַליזירן" אין אַ ניי לאַנד און אין אַ פרעמדן שטאַט; ער קען אַפילו פאַרלאָזן זיין שבט, מיט וועלכן ער האָט אַ סך אַ טיפערע אָרגאַנישע פאַרבינדונג ווי מיט אַנדערע סאָציאַלע פאָרמאַציעס, אויב אַן אַנדער שבט זאָל מסכים זיין אים צו אַדאָפּטירן — און טראָץ דעם בלייבן אַ יחיד, אַ „בעסערער" אָדער אַן „ערגערער", אַ נאָרמאַלער אָדער אַ ווייניקער נאָרמאַלער, אַן אויסגעלייזטער אָדער, פאַרקערט, אַ צעדרייטער און פאַרקריפּלטער, אָבער דאָך מיטן פולן באַוווסטזיין פון זיין יחידישקייט אָדער איכקייט. זיין אויסוואָרצלונג פון אַן אָרגאַניזאַציע, זיין אַרויסגעריסן ווערן פון אַ קאָלעקטיוון אָרגאַניזם מוז נישט פירן צו זיין טויט אָדער צו פולשטענדיקער „דעפּערסאָנאַליזאַציע". אַזעלכע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין זיינע שייכותן קענען אים מאַכן פרייער אָדער געבונדענער; זיי מאַכן אים אָבער נישט אויס „עולם קטן". זיי נעמען ביי אים נישט צו נישט זיין זיכרון פון דער פאַרגאַנגענהייט, נישט זיינע געשפּאַנטקייטן אויף דער צוקונפט, נישט דעם פאָטאַל־אומקלאָרן און דאָך זייער רעאַלן באַוווסטזיין פון זיינעם אַן אייגענעם און איינציקאַרטיקן שיקזאַל.

דער אינדיווידוום (ווי עס ווערט שוין באַצייכנט דורך דער עטימאָלאָגיע פונעם דאָזיקן וואָרט) קאָן נישט צעטיילט ווערן, בשעת די געזעלשאַפט איז — אין פּרינציפּ און אויך נישט ווייניק אין דער היסטאָרישערווירקלעכקייט — יאָ מעגלעך צו צעטיילן; אַ פאָלק, אַ שטאַם, אַ רעליגיעזער פאַרבאַנד, אַפילו אַ שבט, קאָן, אונטער געוויסע באַדינגונגען, צעשפּאָלטן ווערן אויף גרעסערע אָדער קלענערע חלקים, צעפּיצלט ווערן, אַפילו פאַרשווינדן ווי אַן איינהייט מיט אַ באַשטימטן פּרצוף און ווילנס־ריכטונג. ב י אָ ג ר אַ פ י ע

איז, פון שטאַנדפּונקט, רעאַלער פון ה י ס ט אָ ר י ע, און דער יחיד טראַגט אין זיך מער וועזנס־ווירקלעכקייט, מער ס ו ב ס ט אַ נ ץ, ווי דער כלל, און נאַטירלעך אויך ווי דעם כללס יורידיש־אַדמיניסטראַטיווע פּאַרקערפּערונג. דער שטאַט, דער גרעסטער און דער שטאַרקסטער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם איז נישט אימשטאַנד צו „פּראָדוצירן" קיין איין־און־איינציקן יחיד, קיין נייעם לעבעדיקן נפש (פּריה־ורביה איז די עקסקלוסיווע באַגאַבונג פון יחידים), בשעת יעדע עטלעכע יחידים קענען — און אין געוויסע אומשטענדן מ ו ז ן זיי — „פּראָדוצירן" אַ געזעלשאַפט.

דאָס וועזן פונעם שטאַט איז פון אַ צייטלעכן און סעקולערן כאַראַקטער, אַפילו ווען ער פּוצט זיך אויס, צוליב באַשטימטע צוועקן (אַמאָל ביודעים און אַמאָל אויך בלא־יודעים) אין רעליגיעזע אָדער מעטאַפיזישע בגדים; דאָס וועזן פונעם יחיד, פון דער אַנדערער זייט, איז פון אַ איבערצייטלעכן און טראַנסצענדענטאַלן כאַראַקטער. דאָס באַוווסטזיין פון אייביקייט (אָדער ווער עס וויל, מעג זאָגן „די אילוזיע פון אייביקייט"), דער באַגער נאָך אומשטערבלעכקייט און די אמונה אין אויסער־קערפּערלעכער עקזיסטענץ — אַלץ איינס, אין וואָס פאַראַ מאָס זי דריקט אויס אַן אמת אָדער פיקציע — שעפּט איר יניקה דער עיקר, אויב נישט אויסשליסלעך, פון יחידישע מקורות. דער גלויביקער איז דערפאַר געצוויגט אַנצונעמען, אַז אויף י ע נ ע ר וועלט (אין דער אומענדלעכקייט פון ע ו ל ם ה ב א) זענען פאַראַן בלויז פּערזאָנען, און נישט קיין קאָלעקטיוון, אָדער, רעדנדיק אין לשון פונעם נייעם טעסטאַמענט — זענען דאָרט פאַראַן בלויז אינדיווידיומס, וואָס זענען „נישט קיין גריכן און נישט קיין יידן".

ב. פון דעם קומען מיר צום צווייטן טעזיס — אַז דער שטאַט, אַלץ איינס ווי „פּערפעקט" אָדער „האַרמאָניש" ער זאָל נישט זיין אויפגעבויט — קאָן נישט, לויט זיין עצם־נאַטור, האָבן אין זיך דעם סכום וועזנס און עקזיסטענצן פון די יחידים, פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט. דער שטאַט איז אַ סומע נישט פון יחידים גופא, נאָר בלויז פון געוויסע אַספּעקטן פון זייערע לעבנס, אינטערעסן, באַציונגען און ווילנס־ריכטונגען. די טיפערע און טונקעלערע שיכטן פון אינדיווידועלן לעבן, די וויניקער ראַציאָנאַלע, ווערן נישט קיין טיילן פונעם שטאַטס קאָלעקטיווער „נשמה". אין פאַטענץ בלייבן יענע שיכטן פריי אָדער זעלבסטשטענדיק, אַפילו ווען דעם שטאַט געלינגט זיי צייטווייליק, אויף אַן אויבנאויפיקן אופן, צו באַהערשן אָדער צו רעגימענטירן. פון דעם שטאַנדפּונקט מעג דער אַ נ אַ ר כ י ז ם — אין גרונט אַן אור־מאָפישע אויסברייטערונג פונעם ליבעראַליזם — באַטראַכט ווערן ווי די מעטאַפיזישע אָדער רעליגיעזסטע פון אַלע סאָציאַלע שיטות. איינצלנע (אָדער

אַפּילו די מיינסטע) אַנאַרכיסטן מעגן זאָגן אויף זיך אַז זיי זענען אַטעיִסטן אָדער פילאָסאָפישע מאַטעריאַליסטן; דער אַנאַרכיזם ווי אַן אידייע, דורכ־געטראַכט ביז זיין מקור און אויסגאַנגס־פּונקט, און אין זיין מהות אַן אידעאַ־ליסטישע, מ׳מעג אַפּילו זאָגן, אַ רעליגיעזע לערע. עס איז נישט שווער צו באַווייזן, אַז עכטער אַנאַרכיזם איז אַ לאָגישע אַבסטראַקציע, וואָס קאָן אפשר קיינמאָל נישט געפינען קיין אמתע פאַרקערפּערונג אין דער היסטאָ־רישער ווירקלעכקייט. אָבער דער פּאָזיטיווער עלעמענט פון אַנאַרכיזם איז זיין אַקצענטירונג פונעם יחידס אומפּאַרגלייכלעכן באַדייט אַן און פאַר זיך, פון זיין קאָסמישער ר ע אַ ל י ט ע ט און אויך פונעם רעלאַטיוון ווערט פון אַלע מעגלעכע פאָרמען פון שטאַטלעכער אָדער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע.

ג. די אויטאָריטעט אָדער די מאַכט פונעם שטאַט — און דאָס זאָל זיין דער דריטער טעזיס — איז אין אַ זייער גרויסער מאָס אַ ד ע ל ע ג י ר ט ע. דירעקט צי אומדירעקט, קריגט דער שטאַט זיין מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די יחידים פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט, אַרויפצווינגען אויף זיי באַ־שטימטע האַנדלונגען, צו בייגן אָדער אַפּילו ברעכן זייערע ווילנס, צונויפצו־שמידן זייערע ווילנס צו קאָלעקטיווע אַנטשיידונגען, צו דערלויבן און צו פאַר־באָטן, צו דיסציפּלינירן די לויזע און די נישט־געהאָרכזאַמע, צו באַשטראָפן און צו באַלוינען — טאַקע די אינדיווידועלע בירגער גופא. אין פּרינציפּ אָדער אין זיין אורוועזן איז דער שטאַט אַ פּועל־יוצא פון אַ „סאָציאַלן קאָנטראַקט״, אָדער פון אַ „מאַנדאַט״, וואָס ער קריגט פון זיינע איינצלנע בירגער. די יניקה פאַר זיין כוח און צו עקזיסטענץ־מעגלעכקייט באַקומט דער שטאַט פון די קלאָר אָדער אומקלאָר פאָרמולירטע, אויך פון די גאָר „שטומע״ שטעלונגען, וואָס עס נעמען אָן אָדער ווייזן אַרויס די איינצלנע יחידים (און די גרופּן וואָס באַשטייען פון זיי) אין אַ געגעבענעם היסטאָרישן פּעריאָד. די באַזע, אויף וועלכער דער שטאַט שטיצט זיך, איז דער ווילן פון זיינע בירגער אָדער „אונ־כערטאַנען״. ביי אַ טייל איז דאָס אַ באַוווסטזיניקער ווילן, אָדער אַן ענטו־זיאַסטישע איבערגעגעבנקייט צו דער אידייע אָדער געשטאַלט פונעם באַ־טרעפנדן שטאַט, ביי אַנדערע — אַ הסכמה מיט אַ האַלבן מויל און מיט אַ האַלב האַרץ, אַ מין באַין־בריהדיק יאָ־זאָגן (וואָס איז אויך, כאָטש אין אַ שוואַכער מאָס, אַ הסכמה), אַן אָפענע אָדער אַ פאַרמאַסקירטע קאַפּיטולאַציע; גאָר ביי אַנדערע איז דאָס אַ הסכמה וואָס נעמט זיך גאָר פון אַ פּ אַ ט י ע , וואָס איז אייך, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אַן אַספּעקט פון (אפשר נעג־גאַטיוון) ו י ל ן און פון טיילווייזער הסכמה.

ד. אויפן יסוד פון די אויבן־געבראַכטע דריי טעזיסן לאָזט זיך בקיצור פאָרמולירן אַ פערטער טעזיס. אין דער היעראַרכיע פון ווערטן מוז — פאַרן

גלויביקן מענטשן — רעליגיע פאַרנעמען אַ סך אַ העכער פּלאַץ, ווי דער שטאַט: רעליגיע עקזיסטירט און אַנטפּלעקט זיך אין דער ספערע פונעם אַבּסאָלוטן; דער שטאַט אַנטשטייט, געדייעט און גייט אונטער אין דער ספערע פונעם רעלאַטיוון.

ה. — אַ דירעקטער לאַגישער פועל־יוצא פונעם פריערדיקן (פערטן) טעזיס איז — דער פינפטער: ווען געזעצן אָדער פאַראָרדענונגען פונעם שטאַט זענען אין סתירה צו פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן אָדער מצוות פון רעליגיע, מוז דער גלויביקער בירגער נאַטירלעך זיין לאָיאַל צו דער פאָדערונג פון אמונה (צום אַבסאָלוטן אָבער טראַנסצענדענטאַלן) און אומגעהאָרכזאַם צום שטאַט. באַשליסט זיך דער בירגער צו זיין לאָיאַל צום שטאַט און אומגעהאָרכזאַם צו זיין אמונה, שטעלט ער דערמיט אַוועק רעליגיע אין דער קאַטעגאָריע פון רעלאַטיווע ווערטן (און פאַרפעלשט דערמיט איר עצם כאַראַקטער) און אין דערזעלביקער צייט שרייבט ער צו דעם שטאַט אַן אַבסאָלוטן ווערט, מאַכט פון אים אַ פעטיש — אַן אָביעקט פון עבודה־זרה. די שייכות צווישן „גאָט און קיסר" קאָן נישט שטענדיק פאַרענטפערט ווערן אויף יענעם לייכטן און כמעט אידילישן אופן, אויף וועלכן ישו הנוצרי זאָל זי האָבן פאַרענטפערט, לויט דעם ווי עס ווערט דערציילט אין עוואַנגעליום („גיב דעם קיסר וואָס ס'קומט דעם קיסר און גאָט וואָס ס'קומט גאָט"). אַזעלכע לייזונגען וואָלטן געווען מעגלעך ווען „גאָט" און „קיסר" וואָלטן אויף אַ פריינטלעכן אופן פונאַנדערגעטיילט צווישן זיך די ממשלה איבערן מענטשן — „גאָט" ווי דער מושל איבער איין, שטרענג אָפּגעגרענעצטן, טייל פון מענטשלעך לעבן, און „קיסר" איבער אַן אַנדערן, אויך שטרענג אָפּגעגרענעצטן טייל. דער „קיסר" מאָנט אָבער נישט זעלטן פאַר זיך דאָס, וואָס געהערט גאָר, לויט זיין עצם־וועזן, צו גאָט. דער קאָנפליקט צווישן רעליגיע און שטאַט איז דערפאַר אַ סך בולטער און אמתער אַרויסגעבראַכט אין דער גריכישער דראַמע ווי אין עוואַנגעליום. סאָפאָקלעס' אַנטיגאָנע ווייסט, אַז דערמיט וואָס זי האָט מקבר געווען לויטן אָנגענומענעם ריטואַל איר ברודער, וואָס איז באַגאַנגען שטאַטס־פאַרראַט (קעגן דער גזירה פונעם קיסר, אַז דער טויטער קערפּער פונעם פאַררעטער זאָל בלייבן ליגן אין פעלד הפקר), איז זי באַגאַנגען אַ הייליק פאַרברעכן. „אַ הייליק פאַרברעכן" איז אָבער נישט קיין פאַרברעכן. מיט איר פּאַראַדאָקסאַלן אויסדרוק שטרייכט אונטער סאָפאָקלעס' העלדין, אַז אַ פאַרברעכן איז דאָס נאָר פונעם (זייער באַגרענעצטן און אין גרונט פאַלשן) שטאַנדפּונקט פונעם „קיסר", פונעם שטאַט, אָבער דיזעלביקע טאַט פאַר וועלכער זי קלייבט זיך צו באַצאָלן מיטן לעבן איז פאַררעכנט אין די אויגן פון גאָט ווי די דערפילונג פון זיין הייליקן ווילן. גאָט וויל, אַז אַפילו דער זינ־

דיקסטער צווישן די זינדיקע זאָל געבראַכט ווערן צו קבורה מיט דער נייטיקער ווערדע און ריטואַל. „דינא דמלכותא דינא" איז דערפאַר אַ פּרינציפּ וואָס איז חל בלויז אויף אַ באַשטימטן שטח פון פליכטן; די אָנווענדונג פונעם דאָזיקן פּרינציפּ מוז האָבן אירע שטרענג באַשטימטע גרענעצן. ריין סעמאַנטיש איז, אגב, נישט קיין צופאַל וואָס אויף העברעיש ווערט גאָט אַזוי אָפט באַצייכנט ווי דער „מלך מלכי המלכים" (דער קעניג איבער די וואָס קעניגן איבער די קעניגן). דערמיט ווערט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ קעניגלעכע אינסטאַנץ אָדער אויטאָריטעט, וואָס מעג אָדער קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דער אויטאָריטעט פון גאָט (רעדנדיק אויף דזשאָן מיטלטאָנט שפּראַך: ווען איך שטיי פאַר אַ קאָנפליקט צווישן די פאָדערונגען פון דער קעניגן אמת און די פאָדערונגען פונעם קעניג טשאַרלס, דאַרף איך פאָלגן די קעניגן אמת).

ו. דער שטאַט האָט דערפאַר נישט קיין רעכט אַרויפצוצווינגען אויף זיינע בירגער וועלכע נישט איז געזעצן אָדער פאַראָרדענונגען, וואָס געפינען זיך אין סתירה צו זייער רעליגיעזן געוויסן. אמת, איינע פון די צומיינסט כאַראַקטעריסטישע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע אייגנשאַפטן פונעם שטאַט איז גראַד זיין כוח און זיין רעכט צו צווינגען. אָן צוואַנג, אָן דעם רעכט אויסצואיבן צוואַנג איז אוממעגלעך אַפילו זיך פאָרצושטעלן די עקזיסטענץ פון אַ שטאַט. אויב אָבער, ווי עס איז אָנגעמערקט געוואָרן אין די פריערדיקע טעזיסן, דעם שטאַטס וועזן און ווערט איז אַ רעלאַטיווער און די ספערע, אין וועלכער ער פונקציאָנירט, איז אַ סעקולער־עמפּירישע, דאַרף אויך זיין אויטאָריטעט אויסצואיבן צוואַנג זיין באַגרענעצט אויף יענע שטחים פון לעבן, אויף וועלכע עס ווערן נישט געשאַפן קיין קאָנפליקטן מיטן רעליגיעזן באַוווסטזיין אָדער געוויסן (אין אַלגעמיינע שטריכן קאָנען יענע שטחים כאַראַקטעריזירט ווערן ווי פאָליצייַ־שוץ, די אויסטיילונג פון גערעכטיקייט אין ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן, עפנטלעכע סאַניטאַציע און היגיענע, סאָציאַלע זיכערקייט, בילדונג און דערציִונג, אויף וויפיל זיי זענען נישט פאַרבונדן מיט אַרויפצווינגען באַשטימטע רעליגיעזע אָדער אַנטי־רעליגיעזע שטעלונגען, צוגרייטונג פון דער יוגנט צו פּראָדוקטיווער באַטייליקונג אין עקאָנאָמישן לעבן אאַז"וו).

דער מאָדערנער דעמאָקראַטישער שטאַט ווייזט אַרויס אַ טענדענץ אויסצומיידן אין אַ געוויסער מאָס האַנדלונגען, וואָס זענען עלול ערנסט צו פאַרלעצן דאָס רעליגיעזע געוויסן פון באַשטימטע בירגער־גרופּן. קוועיקערס, למשל, אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען בדרך כלל באַפרייט פון מיליטער־דינסט, ווייל דאָס באַנוצן זיך מיט געווער איז קעגן זייער

רעליגיעזער אמונה. נאַטירלעך, נעמט זיך דער שטאַט דאָס רעכט אויך קוועקערס צו מאָביליזירן פֿאַר דער דורכפֿירונג פֿון געוויסע אַרבעטן. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו רעגיסטרירן, אַז מ׳היט זיך אַלץ מער און מער (יעדנפֿאַלס אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט) צו מאָביליזירן געוויסנס־קעגנער פֿון מלחמה פֿאַר אַרבעטן אין דער וואָפֿן־אינדוסטריע. די טענדענץ איז זיי אָנזועקצושיקן אויף אַזעלכע אַרבעטן, וואָס וואָלטן געווען נייטיק און וויכטיק אויך אין אַ וועלט אָן מלחמות: אַגריקולטור, סאַניטאַרע און מעדיצינישע טעטיקייטן, אַנשטאַלטן פֿאַר סאָציאַלן ווילזיין אאַ״וו. אויף אַזאַ אופֿן ווערט אויסגעמיטן אַ קאָנפֿליקט מיט זייער רעליגיעזן געוויסן.

ז. רעליגיע (אין דעם פֿאַל — אָרגאַניזירטע רעליגיע), פֿון דער אַנדערער זייט — און דאָ קומען מיר צום זיבעטן און לעצטן טעזיס — אויב זי וויל בלייבן געטריי צו איר־וועזן און צו איר ספּעציפֿישער אויפֿגאַבע, טאָר נישט נוצן אָדער זוכן צו נוצן דעם שטאַט און זיינע אינסטרומענטן פֿאַר אירע צוועקן. פּונקט ווי דער סימן בולט פֿונעם שטאַט איז מאַכט און די מעגלעכקייט אויסצוניבן די מאַכט אַלס צוואַנג, אַזוי איז די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפֿט פֿון רעליגיע איר אָריענטאַציע אויף פֿרייהייט פֿונעם יחיד. מ׳קאָן נישט פֿאָדערן פֿון וועמען עס זאָל נישט זיין אַ באַשטימטע איבערצייגונג, אויב יענעמס שכל (זאָל דאָס זיין שכל־הישר אָדער זיין פֿאַרקרומטער שכל) רעוואָלווירט קעגן אַזאַ איבערצייגונג; מ׳קאָן פֿון קיינעם נישט פֿאָדערן קיין באַשטימטן גלויבן, אויב אין דער טאָטאַליטעט פֿון זיין פּערזענלעכקייט „גלייבט זיך עס אים נישט״, און די געצוווּנגענע דורכפֿירונג פֿון אַ רעליגיעזער צערעמאָניע, אָן כּוונה און אָן דער איבערלעבעניש פֿון דער סימבאָליק וואָס דריקט זיך אויס אין דער צערעמאָניע, האָט נישט קיין רעליגיעזן ווערט — איז אין גרונט אַנטירעליגיעז. דאָס וואָס עס ווערט אין אונדזער פּאָליטישן זשאַרגאָן באַצייכנט ווי דער טעאָקראַטישער שטאַט איז, אין אַ טיפֿערן חשבון, אַן אַנטי־רעליגיעזער, גאָטלאָזער שטאַט. אַרמיי און פּאָליציי ווי די אַרויסהעלפֿערס פֿאַרשמעלערן גאָטס ממשלה, נישט זיי פֿאַרברייטערן זי. אין גרונט איז זייער „הילף״ אַ באַליידיקונג פֿאַרן עצם באַגריף פֿון געטלעכער הערשאַפֿט איבערן שיקזאַל פֿון וועלט און מענטש. יענע מאַכט, וואָס אויף איר פּרעטענדירט די רעליגיע, גייט האַנט־אין־האַנט מיט פּאָליטישער מאַכטלאָזיקייט. די אָפּטיילונג פֿון קירך, פֿון יעדער אָרגאַניזירטער רעליגיע, פֿונעם שטאַט, איז דערפֿאַר אין גרונט אַ רעליגיעזע אידייע.

1952

אינהאַלט:

גליידך און אומגלייך — 7
מענטש און — וואָס ווייטער? — 30
אַ רוף צו וויסנשאַפטלער — 39
וויליאַם דזשעימס — 45
גאָטס נעמען — 55
איינשטיינס רעליגיע — 62
אַ „הסכמה" אויף דער וועלט — 78
וויליאַם שטעקעל — 87
מיתת נשיקה — 97
תפילה — 110
וויליאַם פען — 123
קאַגאַוואַ — 131
דער כוח פון אַ תענית — 139
גאַנדי אַ בן שבעים — 144
גאַנדיס טויט — 164
דער מקור פון מאָראַלישע געפילן — 170
גישט־מאַרקסיסטישע געדאַנקען וועגן קאַרל מאַרקס — 183
לעניןן — 190
די צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — 216
קאָמוניזם און רעליגיע — 228
זיבן טעזיסן וועגן שטאַט און רעליגיע — 271

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף (אויספאַרקויפט)
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען (אויספאַרקויפט)
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים (אויספאַרקויפט)
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט (אויספאַרקויפט)
18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — מיט יידישע שרייבער אין רוסלאַנד
19. פּנחס שטיינוואַקס — ציוניסטן

20-21. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (צוויי בענד)

22. שלמה ביקל — אַ שטאָט מיט יידן
23. חיים גרינבערג — ייִד און וועלט.
24. חיים גרינבערג — מענטשן און ווערטן

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa (Agotado)
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel
Iehuda Burla: Las Hazañas de Acavia

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

Copyright by
LEA GRINBERG
New York

•

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones "**KIUM**"

Este libro se terminó de imprimir en Diciembre de 1960, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L. - Av. Corrientes 1976 - Buenos Aires

JAIM GRINBERG

HOMBRES Y VALORES

BUENOS AIRES
1961